STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10331

IN FAYER UN FLAMEN

R. Kahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. שושנה קאַהאַן

אין פייער און פלאַמען

ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

51 נא

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס־לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינע ביכער צום סוף פונעם בוך.

ר. שושנה קאהאן

אין פייער און פלאמען

טאגבוך פון א יידישער שוישפילערן

מיט א פארוואָרט פון

פ. בימקא

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

בוענאס-איירעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

R. SHOSHANO KAHAN

"IN FAIER UN FLAMEN"

(EN FRAGOR DE LLAMAS)

Hecho el depósito que marca la Ley.

Buenos Aires, 1949

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון פּ. בימקאָ — — — — — — — — — — — 7
1. מלחמה! — — — — — — — — — — — — — 13
2. וואַרשע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — — 97
3. מיר שוואַרצן גרעניצן — — — — — — — — — 152
4. קאַפּיטל ביאַליסטאָק — — — — — — — — — 193
5. ווילנע, ירושלים ד׳ליטע — — — — — — — — 243
6. דורך דער סאָוועטישער טעריטאָריע — — — — 259
7. אויף דער יאַפּאַנישער „שיף“ — — — — — — — 263
8. קאָבע — — — — — — — — — — — — — — 268
9. שאַנכיי — — — — — — — — — — — — — — 282
10. אין פּליטים־שפּיטאָל — — — — — — — — 381

פאָרוואָרט

מיט אַ ציטער אין האַרץ שרייב איך די עטלעכע ווערטער צו דעם בוך פון רוזשע, שושנה קאַהאַן.

גלייך קומט מיר פאַר די אויגן איר שיינע ליכטיקע היים מיט דרייסיק יאָר צוריק, אין לאָדזש, מיט איר ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם פּיאָנער פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, לאַזאַר קאַהאַן: דאָס בלאָנדע בחורל, און די בילד-שיינע, יונגע רוזשע; ס'איז געווען אין יענע בלי-יאָרן פון אונדזער מאַמע-לשון יידיש, פון דעם יידישן ליד, פון דער דערציילונג, און ווען יידישע שרייבער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איינער נאָכן אַנדערן פון די קלענערע שטעט און געזוכט אַ מענטש, אַן אָרט, וווּ און צו וועמען זיך צוצוטוליען מיט זיין געשריבן וואָרט, און צווישן וועלכע איך אַליין האָב מיך אויך געפונען, — איז דאָס געווען ביי דער יונגער רוזשע קאַהאַן אין הויז.

ביי דער יונגער רוזשע קאַהאַן (דעם נאָמען שושנה האָט זי זיך דערנאָך ערשט צוגעקליבן מיט איר אָנהייבן שפּילן אויף דער בינע — ווי אַ בינע נאָמען) איז דעמאָלט געווען די היים פון די גאַנצע יונגע חברה שרייבער, אין לאָדזש, פון צווישן וועלכע אַ סך זענען דערנאָך אַזוי באַרימט געוואָרן; דאָרט האָב איך מיך באַקענט מיט דעם יונגן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, מיט משהלע בראָדערזאָן און כמעט מיט אַלע יידישע שרייבער און מאַלער פון דער גרופּע „יונג יידיש".

ביי איר אין הויז האָט תמיד געשווירבלט און געגריבלט מיט שרייבער און אַקטיאָרן, וואָס פלעגן קומען פון וואַרשע; און ווער איז אין יענע יאָרן נישט געקומען פון וואַרשע קיין לאָדזש? פאַר אַלע איז ביי איר געווען דער טיש געגרייט פון כל־טוב, און מ׳האָט זיך געפרייט מיט יעדער גוטער דערציילונג וואָס עמיצער האָט אָפּגעדרוקט, מיט יעדער אויפפירונג פון אַ נייער יידישער דראַמע אין טעאַטער.

מיטן אויסברוך פון לעצטן קריג, ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער דריטער חורבן, האָט שושנה פאַרלאָזט וואַרשע מיט איר מאַן לאזאַר קאַהאַן; זיי זענען געלאָפן קיין ווילנע, פון דאָרטן — איבער סאָוויעט רוסלאַנד, סיביר, — קיין יאַפּאַן, שאַנכיי, פון וואָס זי שרייבט אין דעם בוך אירע איבערלעבונגען; נאָענט פאַרן פאַרלאָזן שאַנכיי, נאָך פינף יאָר פון שווערע ליידן, איידער די ישועה האָט באַדאַרפט קומען, — איז אַוועק פון איר אויף אייביק דער מענטש מיטן גאָלדענעם האַרץ, איר מאַן, לאַזאַר קאַהאַן; און איינע אַליין פון איר גאַנץ הויז, וואָס איז חרוב ומחרב, פון צוויי יונגע ליכטיקע זין, — איז זי אָנגעקומען אין דער גרויסער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק, און מיט אַזוי פיל ענערגיע זיך גענומען אויפבויען איר צע־שטערט און חרובדיק לעבן.

אין די ערשטע יאָרן פון קריג, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקו־מען די פינצטערע בשורות, און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַ־פּויער פון זיי, — איז מען נישט איינמאָל געבליבן שטיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ: צי וועט עמעצער כאָטש דאָרט איבערבלייבן, וואָס וועט וויסן צו דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות, — ווי אַזוי יידן, יידישע קהילות זענען געגאַנגען אויף קידוש השם אין די קאַלך־אויוונס? וועט דאָס אַלץ, — די יידישע גבורה, זייער מסירת נפש בלייבן פאַרהוילן פאַר דער וועלט, און ס׳וועט אַלץ האָבן אַוועק מיט זיי אין אוויר העולם?

נאָר אַז די מלחמה האָט איינגענומען אַ וויסטן סוף, כמעט דער־מאָלט ווען ס׳זענען שוין באַלד מער קיין יידן נישט געבליבן, — און ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איינער נאָכן אַנדערן פון די וועל־דער, אַרויסקריכן פון די גריבער, פון די באַהעלטענישן, — יענע

וואָס זענען געזעסן און האָבן געשריבן פון חורבן, איז אויך צוזאַ־
מען מיט זיי מיטגעקומען שושנה קאַהאַן און גענומען דערציילן
פון איר לויפן צווישן די פייערן, פון פאַלן, אויפשטיין און ווייטער
לויפן; און אין איינעם מיט יענע אַלע מאָלן דאָס טראַגישע לעבן
אירס, וואָס איז אייגנטלעך דאָס לעבן פון טויזנטער, פון הונדער־
טער טויזנטער.

אין איינעם מיט אַלע, וואָס זענען אַרום מיטן לעבן פון שרעק־
לעכן חורבן, האָט זי אויך, אַ צעבראָכענע, זיך גענומען אַראָפּרעדן
פון איר ביטער האַרץ, פון וואָס ס'איז אַרויסגעקומען דאָס בוך, —
אַ וויינגעשריי פון אַ מאַמען, און איז צוגלייך אַ כראָניק פון יידישן
חורבן, לדורות.

פ. בימקאָ

ניו־יאָרק, 1948.

* *
*

איך האָב נישט אָנגעהויבן פירן מיין טאָג־בוך פון דעם ערשטן מלחמה־טאָג, ווייל פרייטיק פאַרטאָגס, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, ווען עס זענען שוין געפאַלן די ערשטע באָמבעס אויף ווארשע, האָט זיך אונדז נאָך אַלץ נישט גע־גלויבט, אַז די מלחמה איז שוין אויסגעבראָכן. מיר האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז דאָס זענען נייע פּראָבע־אַלאַרמען.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין דעם 5־טן מלחמה־טאָג, האָב איך שוין אָנגעהויבן פאַרצייכענען דאָס, וואָס מיר האָט זיך אויסגעוויזן פאַר דעם אינטערעסאַנטסטן אין דעם געגע־בענעם טאָג און וואָס האָט אויפגערודערט מיין אייגענעם איך.

מיין טאָגבוך איז אַ רעזולטאַט פון מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין די שרעקלעכסטע טעג פון אונדזער גע־שיכטע.

איך ווידמע דאָס דאָזיקע בוך דעם הייליקן אָנדענק פון

מיין מאַן **לאַזאַר קאַהאַן**,

וואָס איז אַזוי איינזאַם געשטאָרבן אין שאַנכיי, דעם 26טן מאַי 1946,

און מיינע צוויי פאַרשוווּנדענע קינדער

אפרים־אליהו און **סאַמועל קאַהאַן**,

וועמענס גורל איז מיר עד־היום נישט באַקאַנט.

ר. שושנה קאַהאַן.

I

מלחמה!

דינסטיק, 5. סעפּטעמבער 1939.

א זוניקער נאָכמיטאָג. א שיינער, גאָלדענער, פּוילישער האַרבסט־טאָג. מיין מאַן, לאַזאַר קאַהאַן, קומט אַריין אין שטוב עפּעס אַביסל אַ צעטומלטער, זיין פּנים איז בלאַס, ער דרייט זיך אַרום אין שטוב נערוועז, גייט אַהין און צוריק איבער די צימערן.

פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ נעבן מיר. מיין האַרץ הויבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן, ווייל זיין פּנים זאָגט מיר, אַז עס איז עפּעס געשען זייער שרעקלעכס.

ענדלעך זאָגט ער אַרויס דעם סוד. שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווענט זאָלן נישט דערהערן.

— „כ׳מוז אַוועקפאָרן... די דייטשן זענען שוין נישט ווייט פון וואַרשע... די פּוילישע רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן וואַרשע אָן איין שאָס. מ׳וויל נישט חרוב מאַכן די הויפּטשטאָט...

ער פּאַקט אין איילעניש אַ קליין האַנט־וואַליזקעלע.

איך שטיי אַ פאַרגאַפטע און שוויג. מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז דאָס איזווירקלעכקייט. איז טאַקע מלחמה? איז דאָס אַלץ אמת? די שיסעריי, די לופט־אַליאַרמען, אַלץ אמת?

מיין מאן שטייט און פּאַקט. ער ווייסט נישט, וואָס פריער אַריינצולייגן אין אַזאַ קליינטשיק האַנט־רענצל.

— דאָס איז אַ גרויסער סוד, — זאָגט ער צו מיר, — קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן.

ער קוקט זיך אַרום אין שטוב און גייט אַ שווייגנדיקער צו דער טיר.

איך גיי מיט.

ער גייט נאָך אַרויף אויף אַ ווײַלע אין ליטעראַטן־פאַראיין.

דאַן גייען מיר ווייטער.

מיר קומען צו צום טויער פון „קוריער וואַרשאַווסקי", אויף קראַקאווער פּאָרשטאָט. דאָ איז דער זאַמלפּונקט פון די זשורנאַליסטן, וואָס וועלן עוואַקואירט צוזאַמען מיט דער רעגירונג.

עס איז 12 בײַנאַכט. דער הויז־וועכטער עפנט דאָס טויער. ער פרעגט גאָרנישט.

עס איז זייער טונקל; דאָס קליינע לעמפּעלע, וואָס הענגט אין טויער, איז באַדעקט מיט שוואַרץ פּאַפּיר, און די טונקלקייט פון טויער וואַרפט נאָך אָן מער חושבדיקייט אויף די פּנימער פון די מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָרט אַרום ווי שאָטנס.

עס שטייען אייניקע יידישע און פּוילישע זשורנאַליסטן, מ׳קוקט אויף מיר פאַרוווּנדערט, איך בין די איינציקע פרוי, וואָס איז געקומען באַגלייטן איר מאַן. עס דאַרף דאָך זיין אַ סוד... אַפילו פאַר דער אייגענער פרוי...

אַלע זענען עפּעס איבערגעשראָקן, זיי שפּרייזן אַרום אין דעם טונקעלן טויער, אייניקע בייסן זיך די נעגל פון די פינגער, אייניקע שעפּטשען עפּעס צווישן זיך שטילערהייט, אַלץ זעט אויס אַזוי געהיימנישפול.

עס עפנט זיך דאָס קליינע טירל פון גרויסן טויער. אויך אַזוי געהיימנישפול און שווייגנדיק שליכט זיך ווידער אַריין עפּעס אַ שאָטן פון אַ מענטש, מיט אַ קליין וואַליזקעלע, אַזוי ווי מ׳וואָלט געפאָרן בלויז אויף איין טאָג, אויף אַן אויספלוג.

— כ'בין געקומען אזוי ווי כ'שטיי און גיי — זאָגט איינער פון די פּוילישע זשורנאַליסטן.

בעסער, וואָס ווייניקער זאָכן — באַמערקט אַ צווייטער, — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וועג עס דערוואַרט אונדז.

עס קומען צולויפן אייניקע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן נישט דאָס גליק מיטצופאָרן מיט דער גרופּע, זיי בעטן זיך מיט טרערן אין די אויגן, אַז מ'זאָל זיי מיטנעמען.

עס דרייען זיך אַרום: י. מ. ניימאַן, ש. סטופּניצקי, נח פּרילוצקי, ז. סעגאַלאָוויטש. עס קומט אָן ש. וואָלקאָוויטש, נ. שוואַלבע, ש. וואַגמאַן און אייניקע אַנדערע זשורנאַליסטן, וואָס זענען נישט אויפן צעטל מיטצופאָרן, אָבער זיי ווילן פּרובירן גליק. בערנאַרד זינגער לויפט אַהער און אַהין איבערן טויער, יעדן שושקעט ער עפּעס אַריין אין אויער. אַלע זענען איצט עפּעס איין געמיינזאַמע פאַמיליע: יידן, קריסטן, אַלע צוזאַמען.

סטופּניצקי רעדט עפּעס שטיל צו מיין מאַן. אַלץ איז באַדעקט מיט אַ שלייער, אַלץ איז סודותפול. איך רוק זיך אַביסעלע אָפּ, כדי זיי נישט צו שטערן, ווער ווייסט, וואָס פאַראַ סודות זיי האָבן דאָס.

אָט קומט צו לויפן שמואל הירשהאָרן.

ער געזעגנט זיך מיט די קאָלעגן שרייבער, די טרערן שטיקן אים.

ער האָט אויך געזאָלט פאָרן מיט דער גרופּע, נאָר זיין ווייב איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און ער וויל זי נישט לאָזן אַליין.

אויך אייניקע פּוילישע שרייבער קומען זיך געזעגענען מיט זייערע קאָלעגן, איינער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן טויער. אַלע אַרום אים, אַזוי ווי אַמאָל אויף אַ געהיימער „סכאָדקע" ערגעץ אין אַ קאָנספּיראַטיווער וווינונג אין די צאַרישע צייטן. ער האַלט אַ האַרציקע רירנדע געזעגענונגסרעדע און ווינטשט די שרייבער אַ גליקלעכע רייזע.

— ליידער, — זאָגט ער, — קאָן איך נישט זיין פון די גליקלעכע־אומגליקלעכע, וואָס קאָנען אַנטלויפן. מיין ווייב האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע. איך מוז בלייבן.

מען ווישט זיך די אויגן, מען אָטעמט הויך, כדי איינצוהאַלטן דאָס געוויין און מ'הויבט אָן אַרויסגיין פון טויער.

— מ'מוז גיין צו פוס צום באַן, — זאָגט בערנאַרד זינגער.

ווער ווייסט וויפיל מיר וועלן מוזן גיין צו פוס — זאָגט לאַזאַר קאהאן.

— גריסט מיין ווייב — שרייט מען צו מיר.

— און מיינע.

— און מיינע אויך, — וואַרפט מען מיר צו פון אַלע זייטן.

— האַלט זיך אַלע צוזאַמען! געדענקט!

עפּעס אַזאַ ערנסטקייט ליגט אין די רייד. איך הויב אָן פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

אָבער וואָס עס קומט פאָר, האָבן מיר ערשט קלאָר געמאַכט די רייד פון מיין מאַן, ווען ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט.

— האַלט זיך, זיי שטאַרק!

איך רעד שוין גאָרנישט, שווייגנדיק באַגלייט איך אים. עס קומט צו לויפן פנחס שוואַרץ. ער האָט פאַרשפּעטיקט, ער איז דער לעצטער, וועמען איך וואַרף נאָך צו אַ פאָרט-געזונט. איך באַגלייט זיי ביזן האָטעל „בריסטאָל" און קער זיך אום.

עס איז 1 ביינאַכט. לעצטנס פלעגט מען אין דער צייט נישט זען קיין מענטש אויף דער גאַס, צוליב דער פינצטערניש, און וועלכער די שטאָט איז איינגעהילט.

אָבער איצט איז עפּעס אַ מאָדנע געהיימ־ישפולע באַוועגונג. ביי פיל טויערן שטייען אויסאָס. איך האָב געמיינט, אַז נאָר זיי, די זשורנאַליסטן, האָבן געוווסט דעם סוד פון אַנטלויפן. איך זע אָבער, אַז מען פּאַקט זיך...

וואָס טוט זיך דאָ? איז טאַקע די לאַגע אַזוי ערנסט?

ערשט פינף טעג מלחמה און דאָ טראָגט מען שוין אַלץ אַרויס פון די רעגירונגס-הייזער.

מען האָט ביינאַכט געטראָגן קאַסטנס פון די מלוכה־אַנשטאַלטן, פון באַנק-פּאָלסקי, פון פּריוואַטע הייזער... עס האָט זיך עפּעס געטאָן... וואָס, — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. איך האָב אָבער געזען, אַז דעם סוד פון אַנטלויפן האָבן אַנדערע אויך געוווסט.

און אלץ ווערט געטאָן אזוי גיך און סודותדיק. מ׳זעט נישט קיין מענטשן, נאָר ווי נאַכט-שאָטנס וואַלטן זיך באַוועגט.

דאָס אלץ וואַרפט אָן אויף מיר א גרויסן פחד. עס ווערט שרעקלעך שווער אויפן געמיט. מיך פארדריסט גלייך, פארוואָס האָב איך דערלויבט, אַז מיין מאַן זאָל אַוועקפאָרן אָן די זין מיינע.

עס איז אָבער שוין פארפאַלן. איך גיי און פיל, ווי איך וואָלט צוריק-געגאַנגען פון א לויה. עפּעס אזא שווערע משא פרעסט מיין האַרץ, אַזעל-כע שרעקלעכע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אריין.

מיטוואָך, 6. סעפּטעמבער.

א שלאָפלאָזע נאַכט. קוים דערלעבט, עס זאָל טאָג ווערן. איך גיי אראָפּ אין גאַס און זע, ווי עס לויפן דראָזשקעס, אויטאָס, לאַסט־אויטאָס פאָרן מיט מענטשן מיט פעקלעך. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי גאַנץ וואַר-שע וואָלט זיך געקליבן אין וועג אריין.

— וואָס וועט ווערן מיט מיינע זין?

עס קומט צוגיין מאַרים לאַמפּע. מ׳האָט אָנגעגרייט אביסל צוקער אויף זאַפּאַס. ער לאָזט מיר איבער זיין „זאַפּאַס", און אביסל ביכער, ער לויפט. וווּהין? ער ווייסט נישט... וווּ די אויגן וועלן טראָגן, און ווו די ביין גייט. מען מוז לויפן...

מיך באַפאַלט א שרעק. הייסט עס, מ׳מוז טאַקע אַנטלויפן? מוז איך דאָך ראַטעווען מיינע קינדער.

וווּהין שיקט מען זיי? קיין פּינסק? לאַזאר האָט דאָך געזאָגט, אַז די זשורנאַליסטן פאָרן קיין פּינסק... הייסט עס, אַז דאָרט איז אמזיכערסטן...

ווידער קומען צוויי חברים זיך געזעגענען. מען לויפט. אָבער שוין צופוס, קיין באַנען גייען שוין נישט. אויך איך ווער באַהערשט פון דעם לויפעניש.

איך הויב אָן גרייטן מיינע קינדער אין וועג. עפּעס מאָדנע. איך אייל זיך, די הענט אָבער רירן זיך נישט. שרעקלעך שווער אויפן האַרצן.

איך פּאַק איין פאַר יעדן א העמד. די טרערן גיסן זיך. איך מאַך יעדן א פּראָוויזאָרישע גאַז־מאַסקע. גיב מיט א שטיקל וואַטע, אביסל יאָד און וואַלעריאַן טראָפּנס. אביסל וואַזעלין און טאַלק צו די פיס.

זיי וועלן דאָך זיכער אָפּרייבן די פיס פון גיין.

הונדערטער קילאָמעטער צופוס. גאָט מיינער, ווי וועלן זיי דאָס אויסהאלטן?

איך פּאַק. די טרערן גיסן זיך און באַנעצן די גאַז־מאַסקע. איך וויל נישט, אז די קינדער זאָלן דאָס באַמערקן... איך דריי זיך אויס, זינג אַ לידל און פייף, אז אַט ברעך איך צוזאַמען.

אין די אויערן קלינגען מיר די לעצטע ווערטער פון מיין מאַן: „האלט זיך, זיי שטאַרק".

גיי האלט זיך, אז אַלץ, וואָס איז ליב און טייער, גייט אַוועק אונטער אַ האָגל פון קוילן... און באָמבעס... עס קומען זייערע קאָלעגן פון פּאָלי־טעכניקום, אַלע דערשלאָגן. אין די אויגן ליגט נאָך דער ווייטיק פון זייע־רע מאַמעס, וועלכע זיי האָבן איצט פאַרלאָזט. אוי, ווי דאָס האַרץ טוט וויי!

איך כאַפּ בגנבה אַ שלוק פון זייערע וואַלעריאַן־טראָפּנס.

איך פּאַק איין אַ שטיקל ברויט, דאָס איז אַלץ, וואָס מ'קאָן זיי מיט־געבן אין וועג...

און איך בלייב איצט איבער איינע אַליין... אַזוי איינזאַם... אָבער דאָס איז מיין פליכט. איך מוז אָפּהיטן מיינע קינדערס היים.

דאָנערשטיק, 7. סעפּטעמבער.

5 פאַרטאָג. היינט גייען די קינדער אַוועק. אַ שרעקלעך וואָרט.

איך געזעגן זיך מיט די קינדער און באַמי זיך צו שמייכלען...

מיין עלטערער זון אַפּנים דערקענט דעם שמייכל און זאָגט:

— מאַמע, ווו וועסטו בלייבן איינע אַליין? קום מיט אונדז! עס איז מאָקע אַ שווערער וועג, אָבער בעסער ווי צו בלייבן איינע אַליין.

— גיי, מיין זון, גיי! איך קאָן זיך נישט אונטערנעמען צו גיין הונ־דערטער קילאָמעטער צופוס, אונטער אַ האָגל פון קוילן... איך וועל אייך נאָר זיין אַ שטערונג אין וועג. איר זענט יונג און וועט בעסער גיין פון מיר.

זיי האָבן זיך צעלאַכט.

— מאַמע, דו ביסט אַלט?

איך האב דערפילט טרערן אין דעם געלעכטער... דאס וויצלען זיי זיך, מיר צו מאכן מוט.

— גייט, קינדער, גאט זאל אייך שיצן! אויף אונדז, פרויען, איז אויסגעפאלן א שווערע מיסיע: צו בלייבןביים דייטש און צו באשיצן אייער היים. איך בין א מאמע. ווי ווייט איך וועל קאנען, וועל איך אייער היים באשיצן... גייט, קינדער! איך בלייב און וועל אפהיטן אייער האב און גוטס.

זיי האבן אויסגעמיטן טרערן. דערפאר האבן זיך זייערע פנימער פארקרומט אין מאדנע גרימאסן. נאך אמאל מיך שטארק געדריקט צו זיך.

— מאמע, האלט זיך!

פונקט ווי לאזאר. שוין צום צווייטן מאל הער איך די ווערטער „האלט זיך, זיי שטארק".

איך וויל, אז זיי זאלן גיכער ארויסגיין פון שטוב, ווייל איך וועל באלד אויסברעכן אין אזא געוויין, אז דאס הויז וועט פלאצן.

שוין פון טיר קערט דער יינגערער זיך צוריק.

— מאמע, איך האב איבעריקע 20 זלאטעס. מיר גייען מיט קאלעגן, וואס האבן געלט, דיר וועלן זיי צונוץ קומען. דו וועסט דאך נישט האבן קיין שום איינקונפטן.

— איך פראטעסטיר נישט, ווייל איך וויל נישט רעדן און וויל, אז זיי זאלן גיכער אוועק. אין האלדז איז אזוי ענג, עס שטיקט...

א קלאפ מיט דער הויז־טיר, מיר שווינדלט פאר די אויגן.

כ'קאן נישט מער. כ'קאן נישט. ס'ווילט זיך שרייען, וויינען... פאר־וואס? גאט אין הימל, פארוואס?!

ווי לאנג עס האט אזוי געדויערט, איך בין אזוי געלעגן און געוויינט, ווייס איך נישט.

איך קוק זיך ארום. אזא שרעקלעכע פוסטקייט. וווּ בין איך געבליבן? נאך וואס? מיט וועמען?

ניין... ניין... כ'וויל נישט בלייבן, כ'וויל נישט! כ'שרעק זיך פאר דער איינזאמקייט!

איך לויף אראפ אין גאס. איך מוז דעריאגן די קינדער. איך וועל גיין מיט זיי!

עס איז אבער אוממעגלעך די גאס דורכצוגיין.

עס גייען טויזנטער מענטשן.

אפשר צו 50 אין א ריי. דאס בילד איז שווידערלעך.

עס גייען ווייבער מיט קינדער ביי די הענט. קלענערע טראגט מען אויף די הענט. די פנימער פון די קינדער דערשראקענע, איבערגעוועקטע פון שלאף.

עס גייען מענער מיט „רוק-זעק" אויף די פלייצעס. מען גייט מיט וואליזקעס, מיט פעקלעך בעטגעוואנט, אנדערע מיט א קליין פעקעלע עסן. אלץ גייט גיך, מען לויפט כמעט. אלץ איז אויסגעמישט: מענטשן, פערד־וואגן, סאלדאטן, אויטאס, ראווערס, פאליציאנטן... אלץ ציט אין איין ריכטונג — צו דער וויסל־בריק. זעלנער פארוונדעטע, מידע, אויסגע־הונגערטע, אפגעריסענע. עלעגאנטע רייכע מענער — אלץ צוזאמען. אלע אין איין קייט. איינער וויל איבעריאגן דעם צווייטן. עס איז אבער שווער זיך אדורכצושטופן. איך לויף צווישן דער מענטשן־מאסע, דעריאגן די קינדער. עלעק!! מולעק!! עלעק!! מולעק!!

עס הערן זיך סיגנאלן: „אן אליארם". א סך מענטשן לויפן אריין אין די טויערן, אנדערע קוקן נישט און גייען ווייטער. די הויז־קאמענדאנטן שרייען שוין נישט אויף זיי... ווער וועט זיי איצט הערן? די מענטשן־מא־סע לויפט און איך צווישן זיי שטופ זיך אדורך. איך זוך מיינע קינדער, אבער אומזיסט... ווי קאן מען אין אזא מאסע געפינען עמיצן?

די שיסעריי איז א שרעקלעכע. איך לויף צוריק אהיים. איבערן קאפ פליען די עראפלאנען. מיך אינטערעסירט דאס אבער שוין נישט. יעדע סעקונדע הערט זיך א נייער אויפרייס און מיינע קינדער זענען איצט אויפן גאס און יעדער שויע...

איך לויף אריין אין שטוב, זעץ זיך ביים ראדיא און ווארט מיט אומגעדולד, אז דער ראדיא זאל שוין אנזאגן, אז דער לופט־אנגריף איז פארביי... איך בין מיד און צעבראכן.

מיין דינסט־מיידל שטייט נעבן מיר און שעפטשעט ווי צו זיך אליין:

— מלחמה, ווער דאַרף עס? ווען וועט זי זיך ענדיקן? ווען?

— זי הויבט זיך ערשט אָן, אירקע! — ענטפער איך איר שעפּטשענ־דיק, זי הויבט זיך ערשט אָן...

פּלוצלינג אַ שטאַרקער קלאַפּ אין וואַרשעווער ראַדיאָ־סטאַציע און די וואַרשעווער ראַדיאָ־סטאַציע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מיר איז געוואָרן ענג. כ'האָב געמיינט, אַז די וועלט ענדיקט זיך.

פּלוצלינג עס קלינגט דער טעלעפאָן, עס קלינגט מיין זון פון וואַרשע. ער איז דעם לופט־אַטאַק בשלום איבערגעקומען. איך האָב באַקומען נייעם מוט. מיר איז עפּעס גרינגער געוואָרן, אַ סך גרינגער.

צו מיר טוליעט זיך מיין דינסט. זי צלמט זיך און בעט, אַז די קינ־דער זאָלן בשלום איבערקומען. נישט דרייסט נעמט זי מיך אַרום און צע־וויינט זיך שטאַרק. שטייען מיר ביידע אַרומגענומענע אין איין וויינענ־דיקער מאַסע. עפּעס ווערט מיר דאָס דינסט־מיידל אַזוי נאָענט און טייער. זי וויינט דאָך צוליב מיינע קינדער...

איך וויל זיך אָבער נישט אונטערגעבן דער שטימונג.

איך מאַך מיר מוט. איך באַהערש זיך, הויב אָן אוועקצורוימען די זאַכן, וואָס מיינע קינדער האָבן אָנגעוואָרפן.

יעדער קעגנשטאַנד איז מיר אַזוי טייער. דאָס איז זייערס. דאָס האָבן זיי געהיטן אַזוי פיל יאָר. איך דריק יעדע זאַך צום האַרץ, אַזוי ווי איך וואָלט זיי געטוליעט... איך באַוויין יעדע קלייניקייט. אָט זענען זייערע דייכע פּאָסט־מאַרקעס קאָלעקציעס, די גרעסטע אַנטיקן אין דער וועלט. מיט אַ מאָדנער הייליקייט באַהאַלט די דינסט יעדן קריש און זאָגט:

— דאָס איז דאָך אונדזערע קינדערס זאַכן...

איך באַהערש זיך און הער אויף צו וויינען.

עס קומען די מאַמעס פון די זינס קאָלעגן, די כלות און חברטעס.

און אַלע ווילן געוויר ווערן, וואָס ס'וועט זיין מיט זייערע נאָענטע.

איך בין דאָך פון פרעסע... איך דאַרף דאָס אַלץ וויסן.

און די מאַמעס און כלות האָבן רויטע פאַרוויינטע אויגן.

פון אַלעמענס מיילער הערט זיך אַ פּראָטעסט:

— צוליב וואס? פאר וועמען? וועלן מיר נאך אמאל זען אונדזערע קינדער?

דאס דינסט-מיידל קומט צולויפן א דערשראקענע... די דייטשן זע-נען שוין דא אין וואליע. באלד קומט צוגיין צו מיר די פרוי פון שרייבער אלחנן צייטלין. זי האט געהערט, אז איך בין געבליבן אליין, אז די קינדער זענען אויך אוועק. זי וויל, איך זאל גיין צו זיי, זי וועט מיך נישט לאזן, זאגט זי, איינע אליין אין אזא צייט. ביי איר איז א פאמיליע, וועט מיר זיין היימלעכער. איך באשליס אבער צו בלייבן אין מיין היים, עפעס קאן איך נישט שיידן זיך, און דאן וועל איך דאך קאנען אומגעשטערט זיך אויסוויינען. און ווי לאזט מען דאס דינסט מיידל אליין? ניין, ניין, איך וועל בלייבן.

איך הויב אן גיך נאכצוקוקן מיין מאנס ארטיקלען און זיי פארברע-נען. עס איז אזוי פיל, אז מיר מוזן זיך צואיילן.

פלוצלינג הויבט אן פונקציאנירן דער ראדיא. פרעזידענט סטא-זשינסקי רעדט, אז די הילף איז נאענט.

איך שפרינג אויף פאר פרייד. דער ראדיא רעדט צו אונדז ווידער, ווארשע איז נאך נישט פארנומען דורך די דייטשן. עס איז נאך דא א האפענונג... די הילף איז נאענט... ענגלאנד און פראנקרייך וועלן שיקן הילף...

עס האט ווידער אלץ אויפגעלעבט אין מיר. ווידער א שטראל פון האפענונג... אפשר... אפשר...

עס ווערט ווידער א לופט-אטאק, ער דויערט שרעקלעך לאנג, יעדע מינוט אן אייביקייט. איך טרייסט זיך אליין: די קינדער זענען שוין גע-ווים ווייט... שוין 6 שעה ווי זיי וואנדערן. אפשר וועט דער עראפלאן דארט נישט דערגיין.

איך מאך זיך פארווורפן, פארוואס איך בין נישט אויך מיט זיי צו-זאמען אוועק.

ווען איך וואלט מיט זיי געגאנגען, וואלטן זיי אפשר לייכטער אי-בערגעקומען דעם וועג... יעדעס שטעטעלע קען דאך מיך. מ'וואלט גע-האט הילף... עס איז אזא הייסער טאג, און זיי גייען צופוס.

4 אזייגער, מען קלינגט ביי דער טיר, עס איז געקומען מיין שוואגער, מיין מאנס ברודער ישראל קאהאן פון לאדזש. ער קומט אריין צעבראכן און מיד. ער קאן זיך קוים אויף די פיס האלטן, געקומען צופוס פון לאדזש. ווען איך דערקלער אים, אז פון ווארשע מוז מען אויך לויפן, ווערט ער בלאס. ער קאן דאך אבער נישט גיין ווייטער... ער איז שרעקלעך מיד.

מיר באשליסן, אז ער וועט אויסרוען און דערנאך וועלן מיר צוזא-מען זוכן אן אויטא אוועקצופארן. ער רוט אפ א פאר שעה און מיר גייען אוועק צו אונדזער פריינד אלחנן צייטלין.

ווען מיר קומען ארויס אויף דער גאס, זע איך ווידער דאס זעלבע בילד, וואס פון אינדערפרי. עס ציען זיך לאנגע שורות מיט מענטשן. מען פירט קינדער-וועגעלעך, מען טראגט פעקלעך און וואס עס לאזט זיך. דאס מיליטער לויפט מיט די פערד אויף די טראטוארן. די זעלנער ווייסן נישט דעם וועג און קאנען נישט געפינען זייערע עלטסטע, דערצו איז נאך די גאס פארטונקלט.

דאס פינצטערניש איז גרויס. מען שלאגט זיך אן איינער אויפן אנ-דערן. מ'טאר דאך נישט אנצינדן קיין ליכט.

מיר שטופן זיך ווי עס איז אדורך. די ליבע צייטלינס האבן זיך מיט אונדז זייער געפרייט. מיר רעדן וועגן לאזן זיך צוזאמען מיט זיי אין וועג אריין, דאס הייסט אנטלויפן. מיר קאנען באקומען אן אויטא, אבער עס זענען דא עטלעכע מניעות אין אונדזער פלאן. ערשטנס זענען די שא-סייען אזוי געדיכט מיט וואנדערער, אז קיין אויטא קען נישט פארן. צווייטנס באקומט מען נישט קיין בענזין. דריטנס, קאן יעדער מיליטער-מאן אויפן וועג אונדז צונעמען דעם אויטא און דעם בענזין.

אלחנן זאגט: מיר זענען דאך שרייבער, וועלן מיר זיך מארגן בא-מיען צו קריגן א באשייניקונג, אז מען זאל אונדז דעם אויטא נישט צו-נעמען.

פרייטיק, 8. סעפטעמבער.

מיר באמיען זיך צו קריגן אן אויטא. א גאנצן טאג געלאפן מיט אל-חנן צייטלין און מיין שוואגער ישראל קאהאן, געמאכט באמיאונגען. פלוצלינג מעלדעט דער ראדיא: דער שטאט-פרעזידענט סטאזשינסקי רעדט.

ער זאָגט, אַז קיינער וועט פון װאַרשע נישט אַרויסגעלאָזט ווערן. װאַרשע וועט זיך פאַרטיידיקן ביזן לעצטן מאַן.

וואָס איז דאָס? עס איז דאָך געווען אַן אַנדער פּלאַן. דאָס איז גע־ווים עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. און אפשר זאָגט דער ראַדיאָ בכיוון אַזוי, אַז דער שונא זאָל זיך דערשרעקן?

איך הער ווייטער: „די וואָס זענען אַנטלאָפן, זענען פּחדנים. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער פייפעריי פון די קוילן".

וואָס טוט זיך דאָ? מ'האָט דאָך אַליין דורכן ראַדיאָ מיט צוויי טעג פריער געהייסן, אַז אַלע מענער זאָלן גיין מיטן מיליטער... װאַרשע וועט זיך אונטערגעבן, כדי זי זאָל נישט רואינירט ווערן. איך גיי אַרויס אין גאַס. מען זעט צוריק מיליטער אין שטאָט. די זעלנער אַנטלויפן נישט.

ביי יעדן הויז איז צוגעגרייט שפּייז און טיי פאַר די זעלנער און פאַר די פּליטים. עס שטייען פרויען און גיבן די זעלנער צו טרינקען.

איך קום אַהיים. ביי מיר אין שטוב געפינען זיך נאָך צוויי פּליטים: מאַרק פעדער און באַרנשטיין, פון לאָדזש. צוזאַמען שוין דריי.

איך טרעף אין גאַס אַ סך באַקאַנטע, וואָס זענען צוריקגעקומען, מען האָט זיי נישט געלאָזט ווייטער גיין.

פרייטיק אין אָוונט קומט דער הויז־קאָמענדאַנט און נעמט די מענער און פרויען אויפצושטעלן באַריקאַדן. מען גראָבט טיף אין דער ערד. יידישע יונגעלייט און פרויען אַרבעטן ענערגיש. עס ווערן באַלד אויפגע־שטעלט הויכע, איינשטאַקיקע באַריקאַדן.

די גאַס קריגט אַ שרעקלעך אויסזען. כמעט דער גאַנצער טראָטואַר איז געווען צענומען. פון די שטיינער האָט מען געהאַט געמאַכט באַרי־קאַדן.

באַריקאַדן זענען געווען אויפגעשטעלט ביי יעדן דריטן הויז, אָבער קיינער שרעקט זיך נישט. מען פאַרטיידיקט דאָס לאַנד פון שרעקלעכן שונא.

מיר פילן אַלע, וואָס אונדז דערוואַרט, אָבער מיר זענען רואיק. דאָס זענען דאָך באַריקאַדן קעגן היטלערן!

יידישע פרויען און מענער האָבן מיט גרויס חשק געמאַכט די באַ־

ריקאַדן, מיר זענען אַלע רואיקער און צופרידענער ווי מיט אַ טאָג פריער. געכטן האָבן מיר געמיינט, אַז אונדזער האָפענונג איז אויפגעגעבן, אַז מיר דאַרפן נאָר רואיק וואַרטן אויף היטלערס מיליטער. אָבער היינט? היינט האָט צו אונדז צוריקגעקערט דער בטחון. געכטן זענען מיר, פרויען, גע־ווען פאַרצווייפלט. אַמערגסטן האָט זיך געפילט די יידישע פרוי. זי האָט געדאַרפט זיין די, וואָס בלייבט אָפּהיטן די היים און וואַרטן אויף די היט־לעריסטן.

היינט אָבער האָט די יידישע פרוי דערפילט, אַז זי איז נוציק, אַז זי קאָן העלפן, אַז זי קאָן עפּעס טון פאַר איר לאַנד און פאָלק.

אַלע האָבן מיר געבויט באַריקאַדן. אַלע האָבן מיר געגעבן הילף דעם זעלנער. דעם לעצטן ביסן פון מויל גענומען און געשטאַנען אויף דער גאַס און אָט דעם ביסן אַוועקגעגעבן אַן אַדורכמאַרשירנדיקן זעלנער, וועלכער איז אונדז געוואָרן אַזוי נאָענט, טייער און ליב. ער איז געקומען און וועט אונדז פאַרטיידיקן קעגן היטלערן. אין יעדן זעלנער האָבן מיר געזען דעם גורל פון אונדזערע זין און מענער. אפשר איצט אין דער זעלבער מינוט האָט אויסגעשטרעקט אַ ציטערדיקע מאַמע איר האַנט און דערלאַנגט הילף מיין זון און דערביי האָט זי אויך געחלומט וועגן אירע קינדער, וואָס זענען אויפן שלאַכטפעלד...

וואַרשעווער יידישע פרויען האָבן היינט געהאָלפן מיט אַ ברייטער האַנט, אַ סך מער ווי מ'האָט געקאָנט.

ווער האָט דען היינט געטראַכט וועגן זיך?

מען האָט דורך דער הילף אפשר געוואָלט באַרואיקן דאָס בענקעניש נאָך די נאָענטע.

די שראַפּנעלן פליען איבער די קעפּ, אָבער מיר מאַכן באַריקאַדן. איינער פאַלט טויט, אַ צווייטער פאַרוואונדעט; עס ווערט אַ פּאָר מינוט אַן איבעררייס אין דער אַרבעט. דער טויט האָט זיך אַריינגעכאַפּט. דער ערשטער טויטער אויף דער גאַס. עס מאַכט אַן איינדרוק, אָבער מען לויפט גלייך צוריק צו פאַרענדיקן די באַריקאַדן. די נאַכט מוזן זיי פאַרטיק ווערן.

דער אַרטיסט אַברהם וואָלפשטאַט קומט אַריין צו מיר. ער איז מיד

פון ארבעטן. יעדער ארבעט. מען פאַלט פון די פיס, אָבער די ארבעט איז ליב און ווערט געטון מיט פרייד.

אַט שלעפּט אַן אַלטיטשקע פרוי אַ באַרדאַ פּלושענעם שטול. דאָס איז איר צושטייער צו דער באַריקאַדע. מען וויל איר העלפן, איך נעם ארויס דעם שטול פון איר האַנט, אָבער זי לאָזט נישט.

ניין... איך אַליין... איך אַליין... אפשר וועט מיין איינציקער איי-ניקל דורך דעם אַפּגעראַטעוועט ווערן... די באַבעשי שלעפּט דעם שווערן פאַטעל מיט ליבע און שטאָלץ.

עס איז שטאַרק פינצטער. מען באַלייכט אונדזער ארבעט מיט אַ פּאָר טאַשן-באַטערייען.

אָבער די אַלטיטשקע קריכט איבער שטיינער אין דער פינצטער און שטעלט אַליין אַוועק דעם שטול אויף דער באַריקאַדע.

אירע ליפּן שעפּטשען עפּעס, וואָס איך הער נישט. די שראַפּנעלן שטערן אונדז.

עס טוט ווידער אַ שטאַרקער קנאַל.

איך זע ווי מען טראָגט אַ שווער פאַרוואונדעטן אריין אין אונדזער טויער. די סאַניטאַרקע לויפט אַהין און צוריק.

אָבער די גיכע הילף קאָן נישט צופאָרן. מען מוז דעם פאַרוואונדעטן אויף אַ טראָג-בעטל אַוועקפירן צו דער נאָענטסטער רעטונגס-שטעלע. ביי יעדע פּאָר גאַסן איז דאָ אַ רעטונגס-פּונקט.

ביי יעדן דריטן הויז שטייט אַ באַריקאַדע. אַ הויכע, פון אומגעליי-גטע טראַמוויען, איבערגעקערטע אויטאָבוסן... די טייערסטע אויטאָס, וואָס זענען געבליבן שטיין אָן בענזין אין מיטן וועג, זענען איצט צונויף געקומען פאַר די באַריקאַדן. מ׳האָט געשלעפּט פון די בוידעמער אַלטע בעטן, מאַטראַצן, שענק, נייע בופעטן פון די געוועלבער, אַלטע עמערס און אפילו אַ נאַכט-מעבל האָט באַשיינט אונדזער באַריקאַדע...

אָבער אפנים, אַז די דייטשע אעראָפּלאַנען האָבן געוווסט פון די באַ-ריקאַדן און אין מיטן דער נאַכט אפילו זענען זיי געפלויגן איבער וואַר-שע און געוואָרפן ציגנד-באָמבעס. זיי האָבן, אפנים, געוואָלט אונדז באַ-ווייזן, ווי אַזוי מען וועט זיך דאָס ראַטעווען פון פייער ביי די באַריקאַדן.

פלוצלינג איז דער הימל געוואָרן אינגאַנצן רויט, ווי גאַנץ וואַרשע וואָלט געוואָרן באַלויכטן פון רויטע רעפלעקטאָרן...

באַלד דערהערט זיך פּרעזידענט סטאַזשינסקיס קול פון ראַדיאָ. די שטים זיינע ציטערט, ער בעט הילף ביי דער באַפעלקערונג:

— עס ברענט די סאַסנאָווע און זלאָטע גאַס.

ער בעט מ'זאָל קומען ראַטעווען די מענטשן.

— „אַלע פון דער געגנט מוזן קומען ראַטעווען".

ער דאַרף דעם רוף נישט איבערחזרן, נישט בלויז מענטשן פון יע־נער געגנט, נאָר אַלע לויפן. אין גרויס ענגשאַפט שטופן מיר זיך אַדורך די באַריקאַדן. מען פאַלט אום, אייגער איבערן צווייטן. איך לויף מיט מיין שוואָגער.

מיין שוואָגער ישראל קאַהאַן איז ענערגיש און אויסערגעוועגלעך מוטיק.

דער ראַדיאָ רופט: „אין הויז נר. 5 געפינט זיך אַ קראַנקע פרוי מיט אירע קליינע קינדער".

עס פליען די שראַפּנעלן איבער די קעפּ. עס פליען באָמבעס, אָבער מ'לויפט העלפן ראַטעווען...

די עראָפּלאַנען האָבן איצט באַקוועם, זיי זעען ווו צו פליען. די ברע־נענדיקע הייזער באַלויכטן די גאַנצע שטאָט. אויף די מענטשן, וואָס זע־נען געקומען ראַטעווען ביי די ברענענדיקע הייזער, וואַרפן די דייטשע מחבלים אַראָפּ באָמבעס...

אַט לויפט אַ סטודענט און טראָגט 2 קינדער. די קליידער ביי אים האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט פון פייער.

אַ פרוי לויפט אים נאָך און שרייט היסטעריש:

— זאָגט מיר, צי זיי לעבן נאָך?!

אַט טראָגט מען אַראָפּ אויף אַ שטול אַן אַלטן פּאַראַליזירטן מאַן, די אויגן זיינע קוקן ווילד און זיינע ליפּן באַוועגן זיך.

מען שטעלט אים אַוועק אַן אַ זייט און מען לויפט ווידער אין ברע־נענדיקן הויז, פון וואַנען עס הערן זיך שרעקלעכע געשרייען.

אַנדערע העלפן אַרויסראַטעווען אַ ביסל בעטגעוואַנט. אַביסל קליי־

דער, מעבל. פלוצלינג א געשריי. דער וואָס טראָגט יענעמס קינד פאַלט אליין אום. דאָס האָט אים א שראַפּנעל פאַרוואונדעט. און די פייער־צונגען ווערן גרעסער און גרעסער. מען הערט געשרייען:

— ווו זענען מיינע קינדער?

— ווו איז מיין מאַן?

— ראַטעוועט! מיינע עלטערן זענען נאָך פאַרבליבן!

א יונג מיידל פון א יאָר 16 וויל זיך וואַרפן אין פייער זוכן איר מו־טער. פון א ברענענדיקן פענצטער שפּרינגט אַרויס א הונט און האַלט אין מויל דעם רוקן פון א קליין הינטעלע.

עס דערהערט זיך א שטאַרקער קוויטש פון א קליין מיידעלע:

— ווו זענען די איבעריקע הינטעלעך?

זי וועט נישט אוועקגיין, זי וויל זיך וואַרפן אין פייער ראַטעווען די הינטעלעך.

און מאַמע-הונט שטייט דערביי און וואַיעט אזוי שרעקלעך, אז דאָס וואַרפט אָן אויף אַלעמען א שוידער...

און די באָמבאַרדירונג ווערט שטאַרקער, עס פאַלן יעדע פּאָר מינוטן אַנדערע קרבנות. אָבער דאָס איז דאָס ערשטע פייער, מענטשן זענען נאָך פול מיט מוט און ענערגיע און גרייט צו העלפן איינער דעם אַנדערן. דאָס ראַטעווען די ברענענדיקע ווערט פאַרשוועכט.

די סאַניטאַרן רוען נישט קיין רגע. זיי שטעלן איין דאָס אייגענע לעבן, אבי צו ראַטעווען די ברענענדיקע. עס פאַלן קרבנות.

א סך מענטשן האָבן אָט דעם פּרייטיק צו נאַכטס געפונען דעם טויט, ראַטעווענדיק אַנדערע פון דער שריפה אויף זלאָטע און סאַסנאָווא.

עס איז געווען א שרעקלעכער פּרייטיק צו נאַכטס.

און אין דער שרעקלעכער נאַכט איז מיין שטוב פול געוואָרן מיט פּליטים פון לאָדזש. שוין 16 מאַן. אַלע אויסגעמאַטערט, מיד און צע־בראָכן, מיט פאַרטרוקנטע ליפּן פאַר הונגער און דורשט.

אָבער קיינער פון זיי וויל נישט עסן. וואַסער די פּיס אויסצוּוואַשן

— אָט וואָס זיי בעטן. די פּיס זענען איינגעפאַק באַדעקט מיט וווּנדן, פון גיין צו פוס.

איך ווייס יעדן אוים די פּים, שמיר איין מיט וואזעלין און לייג זיי אויסרועז.

קיינער וויל נישט רוען. זיי רעדן, רעדן א סך פון דער שרעק און פון טויט, פון וואס זיי זענען נצול געווארן, ליגנדיק א פּאר טעג אין די פעלדער אונטער באמבארדירונגען. איינער זוכט זיין ברודער, וועלכן ער האט פארלוירן, א צווייטער ווייסט נישט, וו עס איז אהינגעקומען זיין פאטער.

מיר ווערט קאלט אין די ביינער. מיינע צוויי זין וואנדערן איצט אויך אונטער באמבעס. ווער ווייס, וואס עס איז געשען מיט זיי און מיט מיין מאן וואס איז געשען?

פלוצלינג קלינגט שטארק די טיר. עס פאלט אריין א האלב אפגעריסענער חבר. ער קאן נישט רעדן. ער איז מיד.

ער איז צוריקגעקומען צופוס פון מינסק־מאזאוויעצק. מען האט אים נישט אריינגעלאזן. דאס גאנצע שטעטל איז באשאסן געווארן.

ער קאן נישט מער גיין. ער איז קוים דערגאנגען ביז מיין הויז. ער פאלט פון די פיס.

ער שילט און שרייט:

— צו וואס זענען מיר אוועק? צו וואס?

עס ליגן אויסגעלייגט די פּליטים מידע און צעבראכענע. כאטש די שיסעריי איז א שרעקלעכע, איז יעדער פון זיי צופרידן, וואס ער געפינט זיך כאטש אין שטוב.

די נאכט האבן מיר צום ערשטן מאל זיך געלייגט אין די קליידער.

מיר באשליסן, אז אין שטוב ביים ראדיא מוז די גאנצע 24 שעה זיצן א „דיזשורנער". יעדע צוויי שעה אן אנדערער. איך בין די ערשטע אויף דיזשור. אלע ליגן מידע.

אין שטוב איז פינצטער. איך פארדעק דאס ליכט פון ראדיא און עפן דעם באלקאן. גאנץ ווארשע איז באלויכטן. דער הימל איז בלוט־רויט.

אויפן הויף דרייען זיך ארום די הויז־קאמענדאנטן און זייערע געהילפן.

אין אלע שטובן איז מען די נאכט געווען וואך. דאס איז געווען די ערשטע וואך־נאכט אין ווארשע.

מיינע צוויי שעה דיזשור זענען געווען זייער טרויעריקע.

מיר האָבן טאָקע געהאַט באַשלאָסן, אַז אַלע איבעריקע, אַחוץ דעם „דיזשורנע" מוזן שלאָפן, דאָך האָב איך אַלע פּאָר מינוט געהערט אַ קול פון אַן אַנדער אָרט:

— נו, וואָס הערט זיך?

אַלע זענען געלעגן וואַך. אַלע האָבן געהערט די הילף־רופן און דעם שרעקלעכן באַריכט וועגן דעם פייער.

יענע נאַכט איז געווען אַ שוידערלעכע. שלאָפן האָט מען נישט געקאָנט. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט דעם ערשטן אָנזאָג, וואָס די מלחמה גרייט פאַר אונדז.

און דאָס קען געשען מאָרגן און איבערמאָרגן...

שרעקלעך... בעסער שוין דער טויט...

שבת, 9. סעפּטעמבער.

אין שטאָט באַווייזט זיך אַ סך מיליטער מיט קוילנוואַרפערס. די זעלנער גייען קוים. זיי זענען מיד און אויסגעהונגערט. מען גייט איבער די שטובן צוזאַמענעמען פּראָוויאַנט פאַר די הונגעריקע זעלנער.

באַלד מעלדעט פּרעזידענט סטאַזשינסקי, אַז עס זענען שוין צוגעגרייט באַשפּייזונגס־פּונקטן פאַרן מיליטער. יעדע פרוי מאַכט ביי זיך אין שטוב אַ טיי־האַלע, אָדער אַ באַשפּייזונגס־פּונקט פאַר די זעלנער. מיר זעען דאָך אין זיי די ישועה.

דורכן ראַדיאָ ווערט געמאָלדן די נעמען פון די דאַמען, וואָס גיבן אַרויס טיי פאַר די זעלנער. אַזעלכע טיי־האַלעס און באַשפּייזונגס־פּונקטן זענען דאָ כמעט אין יעדן צווייטן הויף.

איך שטיי ביי אונדזער טיי־האַלע און גיס אָן טיי פאַר אַ זעלנער, פּלוצלינג זע איך, ווי מען פירט אַריין דעם אַרטיסט מאָריס לאַמפּע, ער פאַלט אין חלשות, ער זעט אויס ווי אַ ווילדער. שמוציק, באַוואַקסן. דאָס פּנים אַש־גרוי. מען ראַטעוועט אים אָפּ. ער קאָן אָבער קוים רעדן. שוין דריי טעג נישט געגעסן. ער איז געגאַנגען צופוס ביז גאַרוואָלין. דאָרט האָט ער באַקומען אַן אָדערן־אָנטצינדונג. ווען ער איז געקומען צו גאַר־

וואלין, האט דאס שטעטל געברענט פון אלע זייטן. מען האט אים אין גאר־וואלין נישט אריינגעלאזן. די פאליציי איז געשטאנען ביים שאסיי און די פליטים געהייסן צוריקגיין קיין ווארשע. זיי האבן אבער געוואלט ווײ־טער גיין. ס'האט זיך אנגעהויבן א שטארקע באמבארדירונג. איינער פון זיין גרופע איז געפאלן טויט. א צווייטער איז געווארן שטארק פארוווּנ־דעט. ווען ער האט געזען, אז מ'לאזט אויך איבער דעם פארוווּנדעטן, ווייל מ'האט אים נישט געקאנט מיטנעמען, האט מאריס לאמפע אנגעהויבן לויפן צוריק קיין ווארשע...

— „וואס האסטו געטון? — שריי איך — דא דערוואַרט אונדז אלע־מען דער טויט, צו וואס ביסטו צוריקגעקומען?

ער האט אנגעהויבן יאמערלעך וויינען: דער גרויסער שטארק־גע־בוימטער מאן האט געוויינט ווי א קליין קינד.

— אט דא וויל איך שטארבן... אין א שטוב... נישט ווי א הונט אין מיטן וועג, אז קיינער זאל זיך נישט אומקוקן... אט דא וויל איך שטארבן, האט מאריס לאמפע געשריגן.

זיין אויסזען האט אבער נאך מער צעדרודערט מיינע סיי ווי סיי שוין אויסגעמאטערטע נערוון. אויך איך האב זיך יאמערלעך צעוויינט. אזוי זעען איצט אויס מיין מאן און מיינע קינדער? צו וואס האב איך זיי גע־לאזט גיין? צו וואס — האב איך ביטער געטראכט — גאט אין הימל!

אין גאס ווערט אביסל רואיקער, די שיסעריי א שוואכערע. מען מוז זוכן א ביסל פראוויאנט. אזוי פיל מענטשן ביי מיר אין שטוב. די גע־וועלבער זענען פוסט און פארמאכט.

איך לויף אין ווייטערע גאסן. עס איז שווער אדורכצוגיין די באריי־קאדן. מען מוז אבער זוכן עפעס צו עסן. באלד וועט מיין זאפאס פראַ־וויאנט אויסגיין און מיר וועלן הונגערן...

עס ווערט ווידער א שטארקער אטאק פון עראפלאנען. מען בא־האלט זיך אין א טויער. צוויי שעה געדויערט דער לופט־אנגריף. ווען איך בין ארויס פון טויער, הער איך ווידער רופן אויף הילף. עס ברענט די גאזאווניע. מען בעט קומען העלפן. די מענגאפאנען אין גאס רופן, בעטן.

און ווידער לויפט מען העלפן. דער וועג איז א שווערער. באמבעס, שראפנעלן און דאס ערגסטע — די באריקאדן.

דאס לעבן אין ווארשע האט זיך אין גאנצן אפגעשטעלט. די געוועל־בער זענען פארמאכט, מען קאן נישט צופירן קיין פראדוקטן צוליב די באריקאדן.

עס האט זיך אנגעהויבן א הונגער.

זונטיק, 10. סעפטעמבער.

כ'בין געווארן געווארן, אז אויף פאוויא 32, אין בעקעריי וועט מען פארקויפן ברויט. פארפאלן, מען מוז זיך שטעלן אין א ריי נאך ברויט. מיין פרעסע־קארטע ווירקט, מען לאזט מיך אדורך, דאס הייסט: מען לאזט מיך אריין אין הויף... אבער וואס קומט ארויס דערפון? קיין ברויט איז נישטא. דער בעקער וועט ערשט באקן 6 פארטאג, און דא איז ערשט דער זייגער צוויי ביינאכט. עס שטייען שוין הונדערטער מענטשן ארום דער בעקעריי פון פאוויא 32, די ריי דערגרייכט ביז עק זאמענהאף.

און די אלע מענטשן, ווילן דאס באקומען ברויט פון דעם איינעם בעקער?

עס קומען אויך קאליקעס, בלינדע, לאמע. זיי האבן פארצוג, זיי לאזט מען אדורך אויסער דער ריי. מען שטעלט זיי אוועק די ערשטע.

פלוצלינג דערהערט זיך א געשריי פון עולם:

—וואס מיר קאליקע? איך בין נאך ערגער ווי א קאליקע? צו וואס טויגן מיר מיינע אויגן, איך זאל קענען צוקוקן די צרות? בעסער וואלט איך בלינד געווען...

— וואלט איר געשטאנען דער ערשטער אין דער ריי — ענטפערט דער בלינדער, ווענען מען וויל נישט דורכלאזן און ער טאפט מיט זיין שטעקן איבער די מענטשלעכע פנים.

פלוצלינג דערהערט זיך א סיגנאל אויף אן „אליארם"; אלע צעלויפן זיך, מען באהאלט זיך אין דערבייאיקע טויערן...

דער בלינדער קלאפט מיט זיין שטעקן איבער דעם ברוק און אריענ־טירט זיך נישט ווו צו לויפן.

— העלפט מיר, איך בין א בלינדער — שרייט ער פארצווייפלט.

איך לויף צו, אבער עס האלט אים שוין ביי דער האנט א קאמענ־דאנט פון א הויז, וועלכער פירט אים אריין אין טויער.

דאכט זיך, אז אין דער מינוט האט קיינער דעם בלינדן נישט מקנא געווען...

ווען דער „אליארם" האט אויפגעהערט, זענען די מענטשן צוריק געלאפן צו זייער ריי, אבער דערביי זענען פארגעקומען גרויסע געשלעגן. יעדער האט געוואלט זיך אריינקריגן אין דער ריי וואס פריער, האט מען זיך געקריגט און געשלאגן.

אזוי איז מען אפגעשטאנען ביז 6 פרי.

די „גליקלעכע" קאליקעס און נאך א פאר גליקלעכע האבן באקומען ברויט און צופרידענע אוועק פון דער ריי.

די אנדערע האבן געמוזט בלייבן שטיין אין דער ריי. אויף דער צווייטער פארציע, וואס דער בעקער וועט באקן 4 פארנאכט.

און שפעטער פלעגן ווידער זייער א סך אומגליקלעכע אהיימגיין 5 פארנאכט אן ברויט, כאטש זיי זענען געשטאנען פון צוויי אזייגער ביי־נאכט...

איך גיי צוריק און איך דערזע א שרעקלעך בילד: דאס הויז אויף פאוויא 22 איז צעשטערט. דער גאנצער ערשטער שטאק איז איינגעפאלן. די אויבערשטע און אונטערשטע שטאקן זענען געבליבן גאנץ.

מאנטיק, 11. סעפטעמבער.

די ערשטע טעג פון דער מלחמה האבן אויפגעהערט ארויסצוגיין די צייטונגען אין ווארשע. אלץ איז געווארן פאראליזירט. ערשט אין א פאר טעג ארום האבן די דרייסטערע און מוטיקערע גענומען זיך פאר דער אר־בעט צו פירן ווייטער די צייטונגען. די מערסטע רעדאקטארן און זשור־נאליסטן זענען דאך אנטלאפן, נישט געווען ווער עס זאל ארבעטן.

מיין מאנס ברודער, ישראל קאהאן, וועלכער איז געקומען פון לאדזש, האט גלייך גענומען פארטרעטן זיין ברודער לאזארס פלאץ און אנגעהויבן ארויסגעבן צוריק דעם „אונדזער עקספרעס".

דאס צו טון איז געווען פארבונדן מיט גרויס געפאר, מען האט זיך דאך געריכט, אז א ליאדע מינוט קומען אריין די דייטשן און וואס עס בא־

דיים פאר די היטלעראוועצעס א יידישער זשורנאליסט האבן דאך אלע גוט געוווסט.

ישראל קאהאן האט אבער געזאגט: א זשורנאליסט מוז גיין אין אלע געפארן. אין אזא מאמענט נויטיקן זיך די יידן אין א געדרוקט ווארט, דאס וועט זיי פארגרינגערן זייער פארצווייפלונג און ער האט מוטיק געטון זיין ארבעט.

דינסטיק, 12. סעפטעמבער.

עס איז שפעט ביינאכט. וואס קאן עס זיין וואס מיין שוואגער איז נאך אלץ נישטא צוריק פון רעדאקציע. איך קלינג אין טעלעפאן, אבער מען ענטפערט נישט.

די שיסעריי פון די הארמאטן איז שרעקלעך. יעדע מינוט הערט מען דעם אויפרייס פון די שראפנעלן. נאך א גליק, וואס די עראפלאנען פליען כאטש נישט.

דער „דיזשורנע" פון שטוב איז גראד מארק פעדער, ער בעט מיך, איך זאל גיין שלאפן, ווייל שפעטער איז דאך מיין דיזשור. איך בין אבער אומרואיק. דאס איז דאך דער איינציקער פון מיין משפחה וואס איז מיט מיר. משה פעדער בארואיקט מיך, אז דאס קריכן איבער באריקאדן אין אזא פינצטערניש מוז דויערן. און כאטש די רעדאקציע געפינט זיך אויף נאוואליפיע 13, מוז דויערן א צייט, ביז ער וועט אהיימקומען.

ער איז טאקע געקומען, אבער מיט א פארבונדענעם קאפ. א שטיק מויער איז אים געפאלן אין קאפ אריין און ער איז אוועק אין דער גיכער הילף פארבינדן די וווּנד.

מיטוואך, 13. סעפטעמבער.

— וויסט, — זאגט צו מיר לאמפע, היינט האבן מיר דאך ערב ראש השנה. דער טאג איז אזא שיינער און די שיסעריי איז אויך א שוואכע, אפשר וועט שוין צום נייעם יאר נעמען א סוף צו די צרות?

— שוין? ערב ראש השנה? כ'האב גארנישט געוווסט.

איך בין מיד און צעבראכן, א שאטן און נישט קיין מענטש.

אזויפיל טעג נישט געשלאפן, זיך נישט אויסגעטון. ווען איך לייג זיך צו אויפן בעט, ווען עס איז אביסל שטילער, קאן איך אויך נישט שלאפן. ערשטנס, ליגט מען אנגעטון אין אייניקע קליידער (דאס איז מען צוגעגרייט). צווייטנס, טראגן די געדאנקען אוועק ווייט צו די קינדער, וואס וואנדערן איצט ארום אונטער באמבעס און קוילן, צום מאן, וואס ווער ווייסט ווו ער הונגערט איצט.

ביים בעט שטייט גרייט א וואליזקע מיט דאקומענטן און קאסט־בארקייטן, א קליינער נעסעסער, מ'זאל קאנען מיט אים גיך לויפן. אין קארידאר שטייען אנגעגרייט אייניקע וואליזעס. איין וואליזע מיט מיינע בעסערע זאכן. א צווייטע מיט מיין מאנס זאכן און צוויי מיט די קינדערס זאכן. איין וואליזע ווידער מיט א ביסל בעטגעוואנט.

יעדן טאג פאק איך איבער די וואליזעס און ווארף ארויס א ביסל זאכן, ס'זאל זיין ווייניקער, נישט אזוי שווער... ווער וועט דען קאנען נעמען אזוי פיל וואליזעס? מ'קאן דאך אפילו נישט דורכגיין די גאס צוליב די באריקאדן מיט א קליינער וואליזע.

די וואליזעס ווערן ווייניקער און מאגערער... צוזאמען מיט מיין גע־זונט.

דאס לעבן ווערט מיט יעדן טאג טייערער און דאס האב און גוטס בסדר ביליקער.

מען הערט שוין אויף אפילו צו טראכטן וועגן דעם.

מען איז אזוי שוואך, קוים וואס מ'האלט זיך אויף די פיס. אזוי פיל טעג נישט געגעסן צו דער זאט. קיין ברויט איז נישטא, קיין קארטאפל אויך נישט. קיין פלייש געווים נישט. פון וואנען זאל מען האבן כח? פון די בסדרדיקע באמבארדירונגען, פון די שלאפלאזע נעכט?

איך זע שרעקלעך אויס. אט איז געקומען צו לויפן מיין שוואגער און פעדער (מיינע פליטים). זיי הויבן מיך אן צוצורעדן, אז איך זאל מיט זיי גיין אין גאס. אויפן טעאטער־פלאץ גיט מען ארויס יעדן איינעם א האלבע שווארצע קאווע און א ווייס זעמעלע.

א ווייס זעמעלע? עס גלויבט זיך קוים. א ווייס זעמעלע... איך קאן

גישט ביישטיין דעם נסיון... זענען ווירקלעך נאָך פאַראַן אויף דער וועלט וויסע זעמעלעך?!

מיר גייען אַרויס פון שטוב. עס טראָגט מיך איינפאַך אַראָפּ פון די טרעפּ... באַלד וועל איך עסן אַ ווייס זעמעלע... און איך פרעג נאָך אַמאָל איבער מיין שוואָגער, צי זיי מאַכן נישט מיט מיר קיין קאַטאָוועס, צי עס איז טאַקע אמת? מיך פאַרדריסט, וואָס מאַרים לאַמפּע ליגט קראַנק און קאָן נישט מיטגיין. עס איז ערב ראש השנה. איך באַשליס, אַז איך וועל צוריק קומען נאָכן אָפּגעגעסענעם ווייסן זעמעלע, וועל איך פאַר מיינע פּליטים מאַכן אַ גוטן מאָלצייט. איך וועל אַנשטאָט דער בלויזער זופּ מאַכן קליסקעלעך מיט קאָנפיטור (איך האָב דאָך שטיין אַ סך קאָנפיטור). היינט איז דאָך יום־טוב...

מיר זענען זייער שפּאַרזאַם מיטן עסן. געהאַט שטענדיק אין זינען, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג. אָבער היינט װעלן אַלע באַקומען פולע טע־לער.

אָט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג גיי איך אַוועק עסן דאָס זעמעלע.

דער טאָג איז געווען אַ רואיקער. דערצו אַ שיינער זומער־טאָג. עפּעס איז די שטימונג ביי מיר אַן אַנדערע. שוין אַ גאַנצן טאָג נישט געהערט קיין שיסערייען. און דער ראַדיאָ פאַרזיכערט, אַז מען האָט דעם שונא אָפּ־געשטויסן. מיט איין וואָרט, עס איז נאָך ווידער דאָ האָפענונג.

עס איז 4 נאָכמיטאָג. מיר קומען אַרויס אויף דער גאַס. פּלוצלינג דערהערט זיך אַן אַלאַרם. די דייטשע מחבלים האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל...

מיר לויפן אַריין אין טויער אויף נאַוואָליפּיע 19. דער לופט־אַנגריף ווערט שטאַרקער. די שיסעריי איז זייער נאָענט. מיר דוכט זיך, אַז אַלץ קומט פאַר דאָ, נעבן הויז. דאָס שיסט פּויליש מיליטער אַרויף צו די עראָפּלאַנען.

עס גיט אַ קנאַל אין הויז. עס שיטן זיך שטיקער געזימסן פון די מויערן. עס פאַלט אַריין אַ שטיקל שראַפּנעל. עס ווערט פאַרוואונדעט אַ פרוי. עס ווערט אַ מהומה.

מיר לויפן ארויס פון טויער. אין דער פאניק פארליר איך מיינע באגלייטער און לויף צוריק ארויף אין שטוב.

די באמבארדירונג ווערט שטארקער. אין שטוב איז נאר פארבליבן דער קראנקער לאמפע מיט די באנדאזשירטע פיס און דאס דינסטמיידל. אלע מיינע פליטים זענען אוועק פון שטוב.

א קלאפעריי פון אן עראפלאן איבערן הויף. עס גיט א גלאנץ פאר די אויגן. עס פליט א צינד־באמבע. זי פאלט ארײַן גלייך אויף אונדזער דאך, עס זעצט ארויס א רויך פון א ווינקל אויפן דריטן שטאק. עס דערהערן זיך געשרייען: — עס ברענט?!

מען לויפט צו די באלקאנען, צו די פענצטער, מען הויבט אן ווארפן בעטגעוואנט. די משוגענע טאכטער שבן אונדזער פון אונדזער שפרינגט ארויף אויפן פענצטער, זי וויל זיך אראפווארפן. איר פאטער מיט א גרויען קאפ, אבער מיט א זייער יונג פנים, שלעפט זי פארצווייפלט אראפ פון פענצטער.

זי בייסט און שרייט און לאזט זיך נישט אוועקשלעפן פון פענצטער.

פון אלע זייטן הערן זיך שטימען: — ראטעוועט!

די קולות זענען אבער אומזיסטע...

ווער ראטעווען קאן קיין רייד נישט זיין. ווי אזוי וועלן אהער די פייערלעשער צוקומען? עס שטייען דאך באריקאדן... באלד וועלן מיר אלע אוועק מיטן רויך. קיינער קאן אונדז נישט העלפן, עס איז א שרעקלעכע באמבארדירונג. מען מוז לויפן. אבער וווהין? עס פליען דאך עראפלאנען און ווארפן באמבעס... ראטעווען זיך פון פייער און פאלן פון א שראפנעל אדער באמבע...

קודם באשלים איך אראפפירן לאמפען. די געפאר האט אבער געווירקט אויף זיינע קראנקע פיס, ווען איך קום ארײַן אין שטוב, שטייט ער שוין מיט די וואליזעס אין האנט... איך כאפ א פאר וואליזעס און די דינסט א וואליזע און מיר גייען אראפ, וווהין? קודם אויפן הויף. עס איז א שמאלער הויף. מען מוז ווייטער גיין, מיר גייען ארויס אויף דער גאס. עס איז א שרעקלעכע בהלה. מען לויפט און מען שטופט זיך אויף די טרעפן, יעדער מיטן ביסל האב און גוטס, וואס ער וויל ראטעווען.

וווהין גייט מען? וואָס איז בעסער?

מ׳לויפט פון אַלע זייטן. אין אַלע הייזער איז דאָס זעלבע.

מ׳לויפט, ווער מיט אַ קינד אויף די הענט, ווער מיט אַ ביסל אָרים־קייט... מען שטופּט זיך, מען וויל זיך ראַטעווען, אָבער קיינער ווייסט נישט וווהין צו לויפן... איינער לויפט אַהין, פון וואַנען אַ צווייטער איז אַנטלאָפן...

מ׳לויפט אַהין און צוריק, אַזוי ווי די פאַרסמטע מייז. דאָס געדראַנג איז גרויס. מען שאַרט זיך ביי די מויערן.

יעדע מינוט פאַלט אַראָפּ אַ שטיק באַלקאָן, אָדער אַ שטיקל מויער. עס זענען דאָ פרישע פאַרוואונדעטע. מ׳קען זיך נישט אַדורכשטופּן.

ביי די באַריקאַדן איז אַ שמאָלער דורכגאַנג, אין גאַנצן אַ פערטל מעטער די ברייט. איך בלייב שטיין מיט די וואַליזקעס אין האַנט. וווהין וועלן מיר גיין? צו וועמען?

— יאָ, צו וועמען גייען מיר! — פרעגט מיין דינסטמיידל.

— האַ, צו וועמען? כ׳ווייס אַליין נישט...

— וואַרט, שטייט דאָ. איך וועל אַרויפלויפן אין שטוב נעמען אַ ביסל בעטגעוואַנט, וועלן מיר נעכטיקן ערגעץ אין אַ טויער.

די דינסט קלאַמערט זיך איין אין מיר און לאַמפּע האַלט מיך צו, גיין, זיי ווילן מיך נישט לאָזן גיין.

ווען איך רייס מיך אַרויס פון זייערע הענט, באַגעגנט מיך דער הויז־קאָמענדאַנט און הייסט מיר צוריקגיין אין שטוב. די צינדר־באָמבע האָט מען איינגעלאָשן. זי איז אַריינגעפאַלן אין קוימען און די סאַזשעס האָבן זי פאַרלאָשן...

— גאָט מיינער! האָב איך ווידער אַ דאַך איבערן קאָפּ? איי ווי גוט דאָס צו פילן.

מיר שלעפּן צוריק די וואַליזעס און וויינען פאַר פרייד...

די באָמבאַרדירונג איז אָבער שרעקלעך. דאָס הויז שאָקלט זיך. די גאַנצע באָמבאַרדירונג קומט איצט פאַר אָט דאָ, אין די גאַסן. אפשר אַוועקלויפן אין אַן אַנדער גאַס? אָבער וווהין?

דאָס שכנישע הויז אויף נאָוואָליפּקי 24 איז איינגעפאַלן. דאָרט

וווינט דאָך דער שווישפּילערינס דיאַנאַ בלומענפעלדס משפחה. די שוועס־טער. מ׳מוז דאָך זיי העלפן. איך לויף אַראָפּ מיט מיין דינסט. אָבער מ׳לאָזט נישט צו.

עס קומט צולויפן מיין שוואָגער אַ האַלב טויטער. וואַרשע שיט זיך, דער הימל איז רויט, אַזוי ווי גאַנץ וואַרשע וואָלט ברענען... וואָס טוט מען? ווו זאָלן מיר לויפן?

עס קומט צולויפן צו מיר דער אַרטיסט אַל. שטיין מיט זיין פרוי און מיט אַ קראַנק קינד וואָס מאָזלט אויף די הענט. דאָס קינד מיט צעשראָקענע אויגן. אַל. שטיין איז פאַרוווּנדעט. זיי האָבן אַלץ איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן פון ברענענדיקן הויז אויף מוראַנאָווסקע. עס קלינגט דער אַרטיסט שעפּטל, צי ער דאַרף קומען העלפן. מ׳זאָגט אים, אַז אונדזער הויז ברענט. גאַנץ סטאַווקע ברענט. עס ברענען אויך נאַלעווקעס און גענשע. מענטשן לויפן פון די הייזער ווי משוגע. אַ סך ווערן אויפן וועג דערהרגעט פון די שראַפּנעלן.

דאָס האָט מען דער יידישער געגנט געגעבן אַ ראש־השנה מתנה...

מיר לויפן אַראָפּ אין שוץ־קעלער. דער גרויסער קעלער איז געדיכט פון מענטשן, מען קאָן קוים זיך אַדורכשטופּן. יעדער איינער האָט זיך מיטגע־בראַכט אַ קליין פּעקל מיט זאַכן, די סאַמע נויטיקסטע. אַ ביסל עסנוואַרג, דאָקומענטן און קאָסטבאַרקייטן... זיצט יעדער אויף זיין פּעקל אָדער אויף אַ באַנק, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעקלאַפּט ביי די ווענט. דער מיטן מוז בלייבן ליידיק, מ׳זאָל קאָנען לויפן, ווען נויטיק. אַזוי ווי עס זענען געווען זייער אַ סך מענטשן, איז מען געשטאַנען. ווער עס האָט געהאַט אַ פּלאַץ צו זיצן, איז שוין געווען גליקלעך. מ׳האָט אַרויסגענומען שטולן פון די שטובן, כדי די אויסגעמאַטערטע זאָלן קאָנען זיצן. אָבער די שטולן האָבן פאַרנומען צופיל פּלאַץ. זיצן צוויי אויף איין שטול. אַ קליין ליכטל וואַרפט אַ געלן שיין אויף די מאַטע פּנימער. מען זיצט איינגעהויקערט, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. אָנגעטון אין איינציקע מלבושים, מ׳זאָל קאָנען כאָטש דאָס מלבוש ראַטעווען צוזאַמען מיטן לעבן.

אין דרויסן איז געווען אַ שיינער וואַרעמער טאָג. אין קעלער איז

אָבער נאַס און קאַלט. פון די ווענט רינט וואַסער. די לופט איז אַזוי געדיכט, אַז קוים, וואָס מ'זעט עמיצן. די קליינע קעלער-פענצטערלעך זענען פאַרהאַקט מיט ברעטער און באַלייגט מיט זעק זאַמד.

זיצן די מענטשן מיט די מאַטע בליקן געווענדט צום אַרויסגאַנג. מ'טראַכט ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

אונדזער אַריינקומען אין קעלער מאַכט די געמיטער פון די קעלער-זיצער נאָך שווערער. איך ווין אויפן ערשטן שטאָק און פלעג זעלטן אַראָפּגיין אין קעלער... איך קום דעמאָלט, ווען עס איז שוין אוממעגלעך צו זיין אין שטוב. אין קעלער הערט מען נישט אַזוי שטאַרק די באָמבאַרדירונג. ווען מען דערזעט מיך, ווערט אַ בהלה. די אויגן פון די קעלער-זיצערס ווערן אויסגעשטאַרצט און גרויס, מען הויבט אָן ברעכן די הענט. די געלע פּנימער ווערן אַש-גרוי. כאָטש איך ווין שוין אין הויז 15 יאָר, קאָן איך קיינעם נישט פון מיינע שכנים.

איך באַמי זיך צו שמייכלען און זאָג: — איך בין געקומען אַ קוק טון, וואָס איר מאַכט? און טאַקע אייך ווינטשן אַ גוט יאָר.

— אַ גוט יאָר! ענטפערן אַלע מיט וויינענדיקע שטימען.

באַלד דערזעען די קעלער-זיצערס, ווי מען פירט אויך אַריין אין קעלער דעם קראַנקן לאַמפּע. דאָ ווערט די פאַרצווייפלונג שטאַרקער און מען הויבט זיך אָן צו רירן פון די ערטער. אַ שרעקלעכער צער איז געווען אָנצוקוקן אָט די אַלע פאַרצווייפלטע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו לויפן נאָך זייערע נאָענטסטע. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער אויפרעגונג פון די מאַמעס און אָנגעהויבן וויינען.

איך וויל באַרואיקן די פאַרצווייפלטע מענטשן, מאַך איך מיר מוט און גיי אַרויס פון קעלער, אָבער אַ שטאַרקער זעץ נעבן מיינע פיס יאָגט מיך צוריק אַריין אין קעלער. דאָס האָט אין שכנותדיקן הויז אויפגעריסן אַ באָמבע. דער קלאַפּ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ביי אונדז האָט דאָס גאַנצע הויז זיך געשאָקלט און עס זענען געפאַלן בילדער פון די ווענט.

פון קעלער טראָגט זיך אַ געשריי:

— סאַניטאַרן! וואָלאָנטאַרן! — יעדער איינער כאַפּט זיך צו זיין אַפּטייקל... יעדע פאָר מינוט חלשט אָן אַנדער פרוי...

די מענער פון קעלער זיצן אָנגעשפּאַרט די קעפּ אָן די נאַסע ווענט.
איינער אַ וויצלער וויל אַפּנים באַרויִקן די צעשראָקענע, זאָגט ער:

רבותי: אָט איצט האָבן מיר שוין דאָס טעאַטער, מ'קאָן מאַכן אַ פאָרשטעלונג... נו, אַקטיאָרן, עס איז דאָך אויספאַרקויפט... אַ פולער „זבאָר", פאַרוואָס הויבט מען נישט אויף דעם פאָרהאַנג?

דער הויז־קאָמענדאַנט, אַ רירעוודיקער, הויכער ייד, מיט אַ ליבלעך, גוט פּנים לויפט אַרום אַהין און צוריק און מאַכט זיך וויציק:

— נו, אַקטיאָרן, וואָס שטייט איר? „אַלבאָ גראַיטאַ אַלבאָ פּאַרסי אַדאַוואַיטאַ" (אָדער איר שפּילט, אָדער איר גיט צוריק דאָס געלט).

— קיינער אָבער לאַכט נישט... אפילו אַ שמייכל טוט מען נישט. ס'קאָן זיין, אַז קיינער האָט אפילו דעם וויץ נישט געהערט. יעדער איי־נער טראַכט, ווו לויפט איצט די באָמבע? צי וועט זי אונדזער הויז מיידן? צי וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן?

— נו, וואָס לאָזט איר זיך בעטן — שרייט דער קאָמענדאַנט — מיר האָבן דאָך היינט ניי־יאָר!

— יאָ, ניי־יאָר. אַן ערב־ראש השנה האָבן זיי אונדז דערלאַנגט, — זאָגט אַן עלטערער ייד — שוין איינמאָל אַ ניי־יאָר... רבונו של עולם! און אַ גרויס געוויין דערהערט זיך פון אַלע זייטן.

עס לאָזט זיך אַריין אין קעלער אַ גאַנצע גרופּע מענטשן, געפירט פון די סאַניטאַרן און פון די הויף־קאָמענדאַנטן. עס גייט אַ פרוי; די האָר צעפּאַלאָשעט. טראָגט אַן עופּהלע צוגעטוליעט צו דער ברוסט. זי שרייט היסטעריש:

— ווו איז מיין מאַן? ווו זענען מיינע קינדער? לאָזט מיך! — רייסט זי זיך אַרויס — לאָזט מיך! איך וויל זיין צוזאַמען מיט זיי...

די סאַניטאַרקע, אַ מידע, אַ בלאַסע, באַרויקט די פרוי און שווערט איר, אַז איר מאַן מיט אירע קינדער זענען אויך געראַטעוועט, נאָר דער דורכגאַנג איז אַ שמאָלער, לאָזט מען די פרויען פריער דורך. מען פירט טאַקע אַ פרוי מיט אַ צעבלוטיקטן פּנים. מען טרעט איר באַלד אָפּ אַ פּלאַץ. די סאַניטאַרקע בינדט איר צו די וווּנד. מען פירט באַלד אויך אַריין דעם מאַן פון דער ערשטער פרוי מיט צוויי קינדער. זיין קאָפּ איז פאַרוווּנדעט.

די סאניטארן קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן. דאָ מוז מען שוין האָבן א דאָקטאָר. אָבער ברענגען א דאָקטאָר איז אַן אוממעגלעכע זאַך. די מע־לעפאָנען זענען שוין נישט טעטיק. עס איז צעשטערט געוואָרן די טעלע־פאָן-סטאַציע. דער רעטונגס־פונקט איז נישט ווייט. אָבער עס איז אומ־מעגלעך ארויסצוגיין אויף דער גאַס.

מען מוז אָבער דעם קראַנקן געבן הילף. איך לייג פאָר, אַז מען זאָל מיט דעם פארוואונדעטן אריבערגיין אין הויז אַנטקעגן. דאָרט שטייט מי־ליטער, איז ווארשיינלעך דאָרט פאַראַן א מיליטער-דאָקטאָר. דאָס מילי־טער געפינט זיך אין קאַלעצקאַס שולע.

די פרוי מיטן עופהלע הויבט אָן היסטעריש צו שרייען. זי האָט מורא, אַז ער זאָל איצט ארויסגיין אויף דער גאַס. אָבער מ'גייט. עס זענען פאראַן אייניקע מוטיקע יונגעלייט, וועלכע גייען מיטן קראַנקן אריבער אי־בערן וועג צום מיליטער. עס דויערט טאַקע נישט לאַנג און ער קומט צו־ריק, אָבער שוין מיט צוויי באַנדאַזשן, איינעם אויפן קאָפּ און א צווייטן אויפן פוס (דאָס האָט ער געכאַפּט, אריבערגייענדיק צום דאָקטאָר, א שפּליטער פון א שראַפּנעל).

עס קומען כסדר צו לויפן נייע מענטשן, צו פריינט און פאַמיליע, מ'וויל זיין אין אַזא צייט אין איינעם. אין קעלער ווערט ענגער. דאָס זע־נען זיי אַנטלאָפן פון סטאַווקי, מוראַנאָווסקע, נאַלעווקעס און גענשע. עס ברענען א גאַנצע ריי הייזער אויף גענשע, אויף נאַלעווקעס. עס לויפן אויך מענטשן פון די דערבייאיקע צעשעדיקטע הייזער. יעדן נעמט מען אויף אין קעלער.

זיצן מיר אזוי א גאַנצע נאַכט און האָבן מורא די קעפּ ארויסצו־שטעקן. ווען עס באַווייזט זיך עמיצער פון די הויף-קאָמענדאַנטן, באַשיט מען אים מיט פראַגן: איז שוין שטיל אין דרויסן. נו, וואָס הערט זיך? ס'איז שוין אביסל רואיקער?

שבת, 16. סעפּטעמבער.

אזוי איז אדורך דער ראש השנה. צומאָרגנס איז אביסל רואיקער גע־וואָרן. יעדער פון אונדז לויפט אין גאַס אריין עפּעס שאַפן צום עסן. מען

זעט ערשט, וואס עס איז פארגעקומען אין די פאר טעג. אזויפיל צע־שטערטע הייזער. פארברענטע גאסן.

ווען איך גיי ארויף אין שטוב עפעס אפקאכן, הער איך ווי עס רעדט פרעזידענט סטאזשינסקי דורכן ראדיא. ער רעדט צו דער יידישער ארי־מער באפעלקערונג, וועלכע האט שטארק געליטן פון דער לעצטער באמ־באררדירונג. ער דריקט אויס די יידן מיטגעפיל און טרייסט זיי, אז מ'וועט אויסבויען שענערע הייזער. דערביי מאכט ער פארוווּרף די יידן, וואס זענען אנטלאפן פון די ברענענדיקע הייזער נאקעט און באָרוועס און זיך נישט באמיט צו ראטעווען די הייזער.

זיין רעדע רופט ארויס דעם גרעסטן ווייטיק און פארדרוס ביי יידן, דאס ערשטע מאל דערפילט מען א בייזקייט צו סטאזשינסקין. ווי אזוי האט מען געקאנט ראטעווען? עס איז דאך קיין דורכגאנג אפילו נישט געווען. אט שטייען דאך באריקאדן אויף די גאסן... מ'קאן דאך אפילו אביסל וואסער נישט צוטראגן צו א ברענענדיק הויז... און פארוואס האט סטאזשינסקי נישט גערופן דורכן ראדיא ערב ראש־השנה, אז מען זאל ראטעווען די ארימע מענטשן? פארוואס האט ער נישט געשיקט קיין הילף? די מענטשן זענען דאך אנטלאפן און אפילו דאס נויטיקסטע און טייערסטע נישט געקאנט ראטעווען...

מאנטיק, 18. סעפטעמבער.

עס זענען וואנדערבארע שיינע טעג, אזוי ווי גאט וואלט אליין גע־האלפן די דייטשע ארעאפלאנען. מיר בעטן אויף א רעגן. אפשר וואלט דעמאלט נישט פארגעקומען קיין באמבארדירונג. דער רעגן קומט נישט. די אויסגעהונגערטע מענטשן באלאגערן ווידער די ברויט־רייען. מ'שטייט אפ א גאנצן טאג און מען באקומט נישט קיין ברויט. שוין נישטא קיין מעל. פלוצלינג ווידער א שטארקע שיסעריי איבער די קעפ. עס פליען גאנצע מחנות ארעאפלאנען. דורכן ראדיא הערט זיך ווידער דאס פארצווייפלטע קול פון סטאזשינסקין. די שטימע וויינט איצט. ער איז הייזעריק ווי די וואנט און קאן קוים רעדן. ער וויינט... שווידערלעך. דער שלאס ברענט... ער רופט, מ'זאל קומען ראטעווען... אויך „זאכענטא" די בארימטע בילדער־גאלעריי איז צעשטערט געווארן פון א באמבע...

מען שוינט גאָרנישט. דאָס פאָלק, זאָגט סטאַזשינסקי, וועט נקמה נעמען פאַר אַזאַ באָמבאַרדירונג.

— אָבער ווען? — הער איך אַ שטימע אין שטוב. איך דערהער אויך אַ שטאַרק שלוכצן... דאָס וויינט מיין דינסטמיידל. — גאָט — רעדט זי אַרויס האַלב צו זיך און האַלב צו גאָט — און דו שווייגסט דאָס? ווייניק נאָך מענטשן אומגעבראַכט?

איך גיי אין גאַס. די גאַס זעט אויס שרעקלעך. דורך די פּאָר טעג איז וואַרשע געוואָרן אומגעהויער באַשעדיקט. ווען איך קום צו צו עק מאַזאָוויעצקאַ און קרולעווסקאַ און זע, ווי עס זעט אויס „זאַכענטאַ" און דער טעאַטער־פּלאַץ, קאָן איך זיך נישט באַהערשן און ברעך אויס אין אַ שטאַרק געוויין... אָבער נישט איך אַליין וויין; עס גייען אַ סך מענטשן און וויינען.

איך לויף גיך אַהיים. ס'קאָן נאָך ווידער ווערן אַן אַליאַרם. די לעצטע טעג האָט מען אונדז געגעבן ביסלעכווייז די פּאָרציעס באָמבאַרדירונגען, מ'האָט זיך נאָך געקאָנט טיילמאָל אַרויסכאַפּן אין גאַס צו זען, צי פריינט זענען געבליבן לעבן... די גריסן זענען שרעקלעכע: די פרוי פון רעד. שלום גאָטליב איז דערהרגעט געוואָרן. די אַרטיסטין מאַניעלאַ קומט צולויפן אַ פאַרצווייפלטע. איר זון איז פאַרשאָטן געוואָרן. מען האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די חורבות און ער איז שווער פאַרוואונדעט... איך טרעף פרוי עווא גראַפמאַן. איר יונגער זון איז געבליבן אונטער די חורבות; דער צווייטער שטאַרק פאַרוואונדעט און ליגט אין שפּיטאָל. זי איז קוים צו דערקענען. אַזוי שלעכט זעט זי אויס. מיר וויינען זיך גוט אויס, אָבער באַלד זענען דאָ נייע באַריכטן פון געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אַממערסטן האָבן געליטן די מענטשן אין די שוץ-קעלערס. אויף גענשאַ גאַס זענען אין איין הויז אומגעקומען 150 מאַן... 50 טויטע האָט מען איצט ערשט אויסגעגראָבן.

דער ראַדיאָ בעט רחמים, אַז מ'זאָל קומען געבן בלוט אויף טראַנספוזיעס. באַלד דערויף הערט זיך ווידער דאָס געבעט אין ראַדיאָ: מענטשן, וואָס ווילן געבן בלוט, זענען פאַראַן גענוג. מען איז געקומען, אָבער עס

זענען נישטא קיין שפריצן צו די טראנספוזיעס... מען בעט, אז ווער עס האט אזא שפריץ, זאל עס ברענגען. באלד הערט זיך ווידער דאס געבעט פון ראדיא: דער דאקטאר היינריך פון לאדזש, וועלכער וווינט איצט ביי א צווייטן דאקטאר אויף נאוואליפקי 19, דארף גיך האבן „טלען" (זויער-שטאף), כדי אפצוראטעווען א מענטש. אזוי כסדר, מ'דארף בעטן און מאטראצן, אלטע העמדער אויף באנדאזשן, קאלדרעס און וועש.

אט דאס אלץ דריקט דאס געמיט, הייסט עס, אז מ'האט גארנישט צוגעגרייט. און יעדער איינער בעט, אז אנשטאט צו ווערן שטארק פאר-וואונדעט און זיך מאטערן, איז שוין בעסער באלד דער טויט.

מיטוואך, 20. סעפטעמבער.

איך ליג אויפן בעט מיט אפענע אויגן און צייל די קנאלן פון די שראפנעלן.

אט האט געשאסן אונדזער ארטילעריע, אט דער גאס איז פון שונאס ארטילעריע. איך דערקען שוין יעדן שאס. אט הערט זיך א קלייגער קלאפ; דאס שיסט מען אוים פון הארמאט. אט איז דער פייף פון דעם שראפנעל, איך דערקען שוין, אין וועלכער ריכטונג ער פליט.

ליגט מען מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם, כדי צו הערן דעם אויפ-רייס. ענדלעך א קנאל.

אזוי ליגט מען כסדר אין א שרעקלעכער שפאנונג און מ'ווארט אויפן אויפרייס פון שראפנעל. און יעדער קנאל גיט א ריס א שטיק פון הארץ. עס האט דאך עמיצן געטראפן.

דאס איז שרעקלעך. מ'קאן שוין נישט אויסהאלטן. אזוי צו ליגן און ווארטן אויפן טויט.

מ'טיילט מיר מיט, אז אין שפיטאל ליגט א שטארק פארוואונדעטער מיינער א פריינט פון א פראווינץ־שטאט. ער האט געשיקט א זעלנער מיר אנזאגן, אז איך זאל אים מיט עפעס העלפן. איך נעם אוים א שעה, ווען עס ווערט אביסל רואיקער, נעם א פעקעלע מיט אביסל פראוויאנט און גיי צו אים אין שפיטאל.

פון דער ווייטנס הערט זיך א שטארקע באמבארדירונג. איך לויף גיך, איך שאר זיך ביי די טויערן, כדי וואס גיכער צו קומען אין שפיטאל. און דא האב איך דערזען א בילד, פון וועלכן דאס בלוט ווערט געגלי־ווערט אין די אדערן.

דאס שפיטאל איז האלב צעשטערט. פון אונטער די חורבות הערן זיך שרעקלעכע קולות, ווילדע יללות. דאס אנדערע האלבע שפיטאל ברענט. פון די ברענענדיקע פלאמען שפרינגען דורך די פענצטער פארוווּנדעטע זעלנער אן פיס און הענט. פון אלע איבערגעבליבענע שטאקן הערן זיך הילף־געשרייען פון די פארוווּנדעטע, וואס קאנען זיך נישט רירן.

איבער די חורבות קריכן פארוווּנדעטע זעלנער, וואס ווילן זיך ארויס־באקומען. א זעלנער מיט איין פוס שלעפט מיט זיך נאך א פאר־ווּנדעטן זעלנער. אויף דער גאס איז נישטא ווער עס זאל זיי העלפן, אלע זענען דאך אנטלאפן. רייסן פון זיך די פארוווּנדעטע די באנדאזשן פון די ווּנדן, אזוי ווי דאס וואלט זיי געשטערט זיך צו ראטעווען.

און די פייער־צונגען ווערן גרעסער און מוראדיקער, עס לויפן ארויס א פאר דרייסטע מענטשן פון די דערבייאיקע הייזער, מען הייבט אן העלפן די פארוווּנדעטע. אבער מ'קאן נישט ארייננקומען אין דעם ברע־נענדיקן שפיטאל.

פון אינעווייניק, פון די ברענענדיקע הייזער און פון אונטער די חור־בות הערט מען שרעקלעכע פארצווייפלטע הילף־רופן. איך פיל, אז איך וועל משוגע ווערן. עס ווילט זיך שפרינגען אין פייער און אומקומען מיט די קראנקע צוזאמען, אבי א סוף, אבי דאס מער נישט צוזען און נישט הערן . . .

מען האט אויפגעקליבן די פארוווּנדעטע, וואס זענען געלעגן אויף דער גאס.

מענטשן אן הענט, אן פיס, מיט אפענע שארבנס, אפענע בייכער, דורכגעשאסענע לעבערס האבן זיך געוואלגערט אין מיטן גאס...

שבת, יום־כפור, 23. סעפטעמבער.

יעדע שעה, ווען עס ווערט אביסל רואיקער, ברענגט אריין פרישע האפענונגען, מען הייבט אן זיך צו דערמאנען, אז מ'איז הונגעריק. זענען

צו מיר ערב יום־כפור נעקומען איינציקע אקטיארן, מיט מיכאל קליין בראש, אויסגעמאטערטע, אויסגעהונגערטע און געזאגט:

— דו מוזט עפעס טון, עס איז גרויס די נויט צווישן אונדזערע חברים. דו געהערסט צו דער פרעסע. דו וועסט אפשר האבן א צוטריט צום אפראוויזאציע־קאמיטעט... באזונדערס לײדן שטארק די פליטים־אקטיארן פון לאדזש... מען מוז עפעס טון...

מיר באשליסן צו גיין אין סיים. דארט געפינט זיך די אפראוויזאציע־קאמיסיע. צום סיים איז ווייט. פארן קאן מען נישט. די באריקאדן שטערן. באשליסן מיר צו גיין מיט ח׳ ליפמאן. עס איז יום־כפור אין דער פרי. איך הייב אן צו גיין. עס איז אבער אוממעגלעך. די באמבארדירונג הערט נישט אויף. איך לויף אריין אין א הויז. עס דויערט צוויי שעה. ווען עס ווערט א מאמענט רואיקער, גיי איך ווייטער, אבער עס איז אוממעגלעך צו גיין. און מיר מוזן רעזיגנירן. מיר גייען צוריק אהיים. דא ווערט דאס אמתע גיהנום. איך לויף שוין איבער מתים. עס פאלן שטיקער ווענט פון די הייזער. אבער איך מוז דאך זיך דערשלאגן אהיים. מען וועט דאך זיין שרעקלעך אומרואיק וועגן מיר. האב איך זיך געשארט ביי די ווענט א פאר שעה. ענדלעך בין איך צוריק אין דערהיים. די באמבארדירונג האט אויפגעהערט אביסל. די מענטשן אטעמען אפ א מאמענט. מען גלויבט, אז עס וועט שוין איצט זיין א פויזע.

שטיל געווארן אביסל. כאפן יידן זיך צום דאוונען. שטייען יידן אויפן הויף, אנגעטון אין די טליתים און זענען מתפלל צו גאט. כאפן זיך אויך די ווייבער צו. דאס געוויין איז אזוי הויך און יאמערלעך, אז עס פלאצט דאס הארץ... אלע ארום, קינד און קייט, וועלכע דאווענען נישט, פאראייניקן זיך אין איין גרויסן יאמער און אין א תפילה צו גאט, אז ער זאל אונדז באשיצן. ס׳זאל שוין אויפהערן די באמבארדירונג.

אבער אט איז ווידער אן אטאק, זייער שרעקלעך, זייער אכזריותדיק און אן אויפהער. מ׳האט זיך שוין אפילו נישט געקאנט אריענטירן פון וואנען די הארמאטן שיסן...

און מיר זיצן אין קארידאר פון קעלער. פיר אזייגער דארף רעדן גענעראל רומעל דורכן ראדיא. מ׳וויל הערן. ראדיא מעלדעט: „האלא, הא־

לא. פוילישע ראדיא, ווארשע. עס וועט רעדן גענעראל רומעל". פלוצלינג א שטארקער קנאל אין ראדיא, עס ווערט פינצטער. און דער ראדיא ווערט שטיל.

מיר זיצן און ווארטן, עס זאל ווידער ליכטיק ווערן, דער ראדיא זאל ווידער פונקציאנירן. דאס איז דאך די איינציקע פארבינדונג, וואס מיר האבן . אן ראדיא זענען מיר דאך אינגאנצן אפגעשניטן פון אלעם ארום. אבער אומזיסט: דער ראדיא שווייגט. נישטא קיין ליכט, נישטא קיין ראדיא און נישטא קיין וואסער...

דא קומט אריין צו אונדז דער זון פון שרייבער אבעזשאנעק, א פליט פון לאדזש. ער איז הונגעריק. איך גיב אים עפעס צו עסן. ווידער א שטארקער זעץ. דאס טעפל פאלט אים ארויס פון מויל. ער פאלט אליין אויך אום. ער הייבט אן ווילד צו לויפן און איידער מיר קוקן זיך ארום — איז ער נישטא, ער איז אנטלאפן.

פלוצלינג עפנט זיך פון אנטקעגן די באלקאן-טיר און עס באווייזט זיך א בלאס פנים... מ'זעט נישט מער ווי א פאר אמעריקאנערברילן פון א קליין קינדעריש פנים. עס הערט זיך א געשריי:

— ראטעוועט! לויפט נאך דער אקושערקע... מיין פרוי...

ער ענדיקט נישט, ווייל פון שטוב רייסן זיך פארצווייפלטע יאמער-געשרייען פון דער קימפעטארין. אלעמען באפאלט א שווידער. ווי קאן מען איצט לויפן בעת אזא באמבארדירונג?

עס לויפט ארויס די סאניטארקע, א בלאנד בלאס פריילין, אויסגע-מאטערט פון שלאפלאזע נעכט. זי שרייט ארויף צום באלקאן:

— בארואיקט זיך. איך לויף!

און זי לויפט ארויס אין גאס.

די געשרייען ווערן שטארקער. דער מאן ווייזט זיך ווידער אויפן באלקאן. ער שרייט:

— פרויען, גיכער, קומט ארויף! העלפט!

מ'האט אבער מורא צו גיין אויף דעם צווייטן שטאק בעת אזא באמ-בארדירונג. מען דארף דאך פארט ראטעווען. אונדזערע פרויען וועלן נישט לאזן אויסגיין א פרוי, אט זענען שוין אייניקע פרויען אין שטוב. די

פרויען פארען זיך ארום דער קימפעטארין. יעדער הארבאטן-שאס גיט אונדז א שליידער. מיר באהאלטן זיך אין קארידאר ביי דער טאפלטער וואנט. דער ארימער מאן פון דער קימפעטארין איז אין איין טויט־שרעק. ער בעט זיך:

— ראטעוועט מיר כאטש מיין פרוי!... אויב עס איז באשערט א קרבן...

ער איז בלאס און דערשראקן. ער קאן נישט ווייטער רעדן.

די קימפעטארין שרייט שוין נישט. זי בעט נאר...

— אבראם, בארואיק זיך — זי פארבייסט די ליפן אין יסורים...

אוי, ווי שטארק עס איז א פרוי. אין אזא מינוט פארגעסט זי אויך נישט צו טרייסטן איר מאן. דעם צער אויף איר פנים האב איך נישט געקאנט צוקוקן. אזא יונגיטשקע, אזא דערשראקענע, אזא צעווייטיקטע...

און די פרויען פארען זיך. מיר ווארפן אומרואיקע בליקן אויף דער טיר, אפשר גייט שוין די אקושערקע... די קימפעטארין ווערט שטיל. די ווייען האבן אויפגעהערט. די פרוי רעדט:

— איך האב זיך דאך נאך נישט געריכט...

ענדלעך קומט צולויפן די סאניטארקע מיט אן אקושערקע.

די קימפעטארין שיינט אויף, אבער יעדער שאס דערשרעקט אלע אנוועזנדע.

— עס איז נאך צו פרי פאר א געבורט — זאגט די אקושערקע און גייט אוועק.

מיר בעטן זי, אז זי זאל בלייבן. אבער זי האט מורא... איר פאמיליע... אירע קינדער... זי קאן נישט. מען מוז איצט זיין צוזאמען.

עס שאקלט זיך דאס הויז. מיר קאנען נישט זיין אין שטוב. עס איז שרעקלעך. ווידער מוזן מיר לויפן אין קעלער. אבער איך האב רחמנות אויף די קעלער-זיצער. ווען מיר קומען, איז א סימן, אז עס איז שטארק אומרואיק. מיר גייען אראפ צו דער גרינצייג־הענדלערין, וועלכע וווינט ביים קעלער. זיי ווינצלען זיך: מיר זענען געקומען זיך פארפאסטן.

דאס קליינע שטיבעלע ביי דער הענדלערקע איז פול מיט מענטשן. די גוטע פרוי צעשא, א פשיטיקערין (שטאמט פון שטעטל פשי-

טיק, וואָס איז באַרימט געוואָרן פון פּאָגראָם), אַ שטענדיקע טעאַ־טער־גייערין, נעמט מיר אַרויס דעם געסעסער פון האַנט (מיין שטענדי־קער באַגלייטער) און זינגט הויך:

— „טראָג דאָס פּעקעלע, יידעלע טראָג"... — זי יאָגט אַראָפּ איר קינד פון בעט, מאַכט אַ פּלאַץ פאַר מיר צום זיצן. דערביי גיט זי די קינ־דער נאַכט־עסן. זי ווייצלט זיך:

— אָט דאָס, קינדערלעך, איז פיש צום פאַרפאַסטן... — זי דער־לאַנגט זיי אַ שטיקל ברויט.

— און דאָס, קינדערלעך, איז לעקעך — און זי גיט זיי אַ פּאָר קאַר־טאָפל. נישט אַלע האָבן דאָס מזל. זעלטן ווער ס'האָט נאָך ברויט.

— און איצט מיינע ליבע געסט — ווענדט זי זיך צו אונדז — צום פאַרפאַסטן. מאַכט אַ גוטן שנאַפּס. — זי נעמט אַראָפּ דעם פּסחדיקן גאַנ־שער מיט קאַרשן פון שאַנק און דערלאַנגט אונדז אַלעמען „ווישניאַק". די פרוי האָט געוואָלט מיט איר גוטסקייט פאַרטומלען אונדזער ביטערע שטימונג.

עס ווערט אַביסל רואיקער אין דרויסן. די ענגשאַפט ביי דער גרינ־צייג־הענדלערין איז שרעקלעך. די קינדער ווילן גיין שלאָפן און זיי וויינען.

עס ווערט נמאס דאָס לעבן. זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין. איך גיי צוריק אַרויף אין שטוב. אַלצאיינס ווו דער טויט וועט קומען, נאָר זאָל עס געשען וואָס גיכער...

איך לייג זיך אַוועק אויפן בעט. אַלע מיינע פּליטים באַשליסן צו בלייבן אין שטוב. אין קעלער איז שרעקלעך. לויטן שכל דאַרף די נאַכט זיין אַ רואיקע. דער טאָג איז דאָך געווען זייער אַ שווערער.

ליגן מיר זיך אין דער פינצטער. קיין עלעקטריע איז נישטאָ. אַ ליכטל צו ברענען איז אַ שאָד. מען קאָן נישט באַקומען צו קויפן. עפּעס ווער איך אַזוי אַפּאַטיש און גלייכגילטיק, אַז איך באַשליס אפילו אויסטון די שיך, ליגן אויפן בעט אָן שיך — דאָס איז אַ גרויס לוקסוס. איך האָב די שיך נישט אויסגעטון זייט דעם ערשטן טאָג פון די באַריקאַדן.

מיינע אויגן קלעפּן זיך צו. מאָדנע, ווען איך פלעג אַמאָל וועלן איינ־שלאָפן, האָב איך נישט געקאָנט. שוין זיך אָפּגעוווינט פון שלאָפן. און דאָס

מאָל שליסן זיך די אויגן, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס גענומען אַ שטאַרק שלאָף-מיטל. אַזוי ווי אונטער אַ נאַרקאָטיק פיל איך זיך... איך הער אין שלאָף יעדן שאָס. איך פיל אין שלאָף, אַז עמיצער דרייט זיך איבער דער שטוב. איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט... דער קראַנקער מאָרים לאַמפּע דרייט זיך אַרום אין שטוב מיט אַ ליכט.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך.

— גאָרנישט, נאָר איך מיין, אַז מ'דאַרף אַראָפּגיין אין קעלער...

די פּליטים לאַכן אים אויס:

— איר לאַכט דאָך שטענדיק פון די, וואָס לויפן אין קעלער און צום סוף ווילט איר גאָר אַליין איצט לויפן אין קעלער...

— איך ווער משוגע... איך קאָן נישט הערן די באָמבאַרדירונג... יע-דער שאָס שפּאַלט דעם מח — ענטפערט ער.

פּלוצלינג טוט אַ קנאַק. אַ בליץ פאַר די אויגן. עס הערט זיך אַ שרעק-לעך געשריי פון אַ סך מענטשן, אַ בראַזג פון גלאָז ווי אַ גאַנצע גלאָז-הוטע וואָלט געפּלאַצט. און איבער די קעפּ שיט זיך עפּעס... די פענצטער פאַלן אַרויס.

עס ווערט אַ רויך אין שטוב.

מ'לויפט... איך בין באָרוועס. איך לויף אין שלאָף-צימער נאָך די שיך.

— זי איז משוגע — שרייט ל. — וואָס לויפסטו? דאָ איז דאָך דער אויסגאַנג... איך לויף צוריק. איך וויל לויפן צו דער טיר. ווידער אַ קנאַל און נאָך אַ שטאַרקערער. איך פאַל אום. עס פאַלט פון די ווענט... נעבן דער טיר שיט זיך עפּעס... מיר לויפן אַלע צוריק. איך באַהאַלט זיך אין שלאָף-צימער... ביי די אויסגעהאַקטע פענצטער שיט זיך ציגל.

איך הער אַ שטים פון לאָדזשער פּליט באָרנשטיין:

— דער אויסגאַנג איז פאַרשאָטן. מיר מוזן שפּרינגען דורכן באַלקאָן. גיכער, ראַטעוועט זיך!

אייניקע לויפן צו דער באַלקאָן-טיר שפּרינגען פון ערשטן שטאָק... פון דרויסן טראָגט זיך אַ מאָדנער ריח. אַלע לויפן צוריק פון באַלקאָן. גאַז! גאַז! טוט אָן די גאַז-מאַסקעס!

— ווו איז שושנה?! — שרייען מיינע פליטים. אלע לויפן מיך זוכן אין דער פינצטער איבער די שטובן.

— שושנה, רוף זיך אן! ווו ביסטו?

— איך זוך די שיך — ענטפער איך...

— זי איז משוגע געווארן, נעמט זי גיכער!... דאס הויז פאלט... און זי זוכט שיך...

און אזוי ווי אויף צולהכעיס קאן איך נישט געפינען די שיך. מיין שוואגער דערלאנגט מיר די שיך און נעמט מיך מיט געוואלד שלעפן צו דער טיר.

מארים לאמפע כאפט מיך אויף די הענט. און לויפט מיט מיר אי־בער די טרעפ.

— גאז! גאז! — דערהערט מען א שטים. פאר די אויגן איז עפעס ווי א ווייסער נעפל און א מאדנער ריח.

— בארואיקט זיך! — שרייט דער קאמענדאנט — דאס איז נישט קיין גאז. דאס איז דער ריח פון פולווער.

מען הערט געשרייען און שטימען. מ'ווייסט אבער נישט, ווער עס רעדט. עס איז פינצטער. איך הער גארנישט, נאר בלויז א בראזג פון גלאז און דאס שיטן זיך פון ציגל. איך בין ווי פארטויבט.

אויף די טרעפ דערהער איך שוין שרעקלעכע יללות, א קוויטשען פון א סך מענטשן און א יאמערלעך געשריי:

— ראטעוועט די קימפעטארין!

מ'הערט גארנישט גענוי. אלץ איז אויסגעמישט. מען ווייס נישט, אין וועלכער זייט צו לויפן. איין זאך ווייסן מיר, אז מ'מוז גיכער אראפ פון די טרעפ, אויף וועלכע עס שיטן זיך שטיקער טינק פון דעם מויער... איינער פאלט איבערן אנדערן... וואס גיכער צום אויסגאנג.

און אט זענען מיר שוין אראפ פון די טרעפ. א שטימע רופט: „פאר־מעלעך, דאס גלאז וועט אייך דערהרגענען...

ווער האט אבער דעמאלט מורא געהאט פאר גלאז? מיר שטופן זיך צום אויסגאנג. ווידער א שרעקלעכער קנאל! ווי משוגע לויפן מיר צוריק פון אויסגאנג.

— ראטעוועט זיך! — דערהערט זיך א שטים. — גיכער!... דאס הויז פאלט...

אלע פון די קעלערן לויפן ארויף, מיר לויפן אראפ... עס ווערט א שרעקלעכע פאניק. קיינער קען נישט אדורך דעם געדראנג. עס הערן זיך שרעקלעכע קולות.

— וווּ איז מיין מאן? וווּ איז מיין קינד?

ביים אויסגאנג פון דער טרעפ זעט מען גארנישט. דער שטויב פון די פאלנדע ציגל פארשטעלט אונדז אזוי ווי א וואנט. אלע האלטן די מאשן-לעמפלעך (דאס איז דאס טייערסטע, וואס מיר האבן אפגעהיט ווי דאס אייגענע לעבן). אבער דא העלפט נישט. מ'זעט גארנישט. מען הערט נאר ווי עס פאלט גלאז... מיר אריענטירן זיך אבער באלד, אז דאס הויז פאלט נישט איין. מיר קענען שוין גוט דאס גערויש פון א פאלנדיק הויז... מיר פארשטייען, אז עס איז אראפגעפאלן א באמבע צו אונדז אין הויז, די הויז-קאמענדאנטן לויפן ווי צעמישט. מען קאן נישט איינהאלטן דעם עולם, וואס לויפט אין פאנישער שרעק.

ווידער דערהערט זיך דאס פארצווייפלטע געשריי פון דער קימפעטארינס מאן:

— ראטעוועט! מענטשן, העלפט מיר אראפטראגן מיין פרוי!

מען טראגט זי. זי שרייט יאמערלעך. פלוצלינג דערהערט זיך א קוויטש פון אקינד. אויף די טרעפ איז געבוירן געווארן א נייער ייד, אן אן אקושערקע...

די מענער, וועלכע האבן געטראגן די קימפעטארין, האבן זיך שטארק דערשראקן. זיי האבן צוגעדעקט דאס קליינע עופהלע מיט א מאנטל. אלע האבן אפגעטרעטן דעם וועג דער קימפעטארין. מען האט זי מיטן קינד אריינגעפירט אין קעלער-שטוב פון דער גרינצייג-הענדלערין. ווייבער האבן פארגעסן אן דער באמבארדירונג. מיר האבן געראטעוועט די קימפעטארין מיטן קינד.

אלע וויינען... אפשר איז ער געבוירן געווארן אין א מינוט פון אונדזער דערלייזונג, דער נייער ייד?

— עס איז שוין נישטא קיין כח אויסצוהאלטן, — וויינט אן על-

טערע פרוי. — אין זכות פון נייעם געבוירענעם באשעפעניש דערלייז אונדז, ליבער פאטער אין הימל, פון די צרות און פיין...

און די יונגע מאמע איז בלאס ווי דער טויט.

— כ'האב געמיינט, — וויינט זי, — אז מ'האט אן מיר פארגעסן... מ'האט מיך איבערגעלאזט אליין... אבער ניין, עס איז דא א גאט. מ'האט מיך געראטעוועט...

— אלע מוזן צוריק אריין אין קעלער. — באפעלט דער הויז־קאמענ־דאנט. — מ'מוז זען, ווער עס פעלט...

— א דאקטאר! — דערהערט מען א פארצווייפלט געשריי פון א יונג מיידל. — א דאקטאר, גיכער א דאקטאר פאר מיין פאטער!

— עס זענען דא א סך פארוואונדעטע — מעלדעט דער הויז־קאמענ־דאנט. מען מוז לויפן און קאנטראלירן די וווינונגען... דריי שראפנעלן זענען אריינגעפאלן אין הויז.

מ'טראגט אריין אין קעלער אויף א טראג־בעטל דעם שכן פון דער פארטער־וווינונג, מ. ראבעלזאן.

— אלע מוזן העלפן די פארוואונדעטע! דערהערט זיך א באפעל פון דער בלאסער אויסגעמאטערטער סאניטארין. — מענער, קומט אראפ־טראגן די פארוואונדעטע. און כאטש מיר ווייסן קיינער נישט, וואס עס איז געשען, גייט יעדער איינשטעלן זיין לעבן, אבי העלפן די פארוואונ־דעטע. מען טראגט אריין דעם שכן איטעלסאן. זיין לאנגע באָרד איז באַ־גאסן מיט בלוט... זיין ווייב א בלאסע, דארע פרוי, ברעכט די הענט. די קינדער שטייען ארום דעם פארוואונדעטן און בעטן זיך ביי אונדז: מענ־טשן, ראטעוועט אים...

עס איז אבער אוממעגלעך צו גיין נאך א דאקטאר... און ווו איז דען איבערהויפט פאראן א דאקטאר. עס זענען דאך אומגעקומען א העלפט פון די פארוואונדעטע, ווייל עס איז נישט געווען קיין מעדיצינישע הילף.

אט טראגט מען ווידער א טראג־בעטל מיט א יונג־מיידל. א שטיק פוס אפגעריסן. די וואונד בלוטיקט שרעקלעך. זי וועט אפגיין אין בלוט... די סאניטארין קאן נישט איינהאלטן דאס בלוט... א פלאטערדיקע מאמע שטייט און ציטערט:

— האָט מיטלייד, ראַטעוועט זי! דאָס איז מיין איין און איינציק קינד, מיין אויג אין קאָפּ...

— איך וועל לויפן נאָך א דאָקטאָר — רופט זיך אָן א יונגער סאָל־דאַט, וואָס איז געקומען זען, צי זיינע עלטערן זענען געזונט... אין דער העלדישער בחור הויבט אָן לויפן.

— ניין... ווּעסט נישט גיין! — שרייט זיין אומגליקלעכע מאַמע, וועלכע איז באַזאָרגט וועגן זיין גורל — ווּעסט נישט גיין. איך האָב מער נישט ווי אים איינעם... און די שיסעריי איז איצט א שרעקלעכע...

— מאַמע — רייסט איר איבער דער זעלנער — דאָס זעלבע האָט דאָך געקאָנט מיט מיר פּאַסירן אויפן פראָנט... איך זאָל זיך נויטיקן אין הילף... איך בין דאָך א זעלנער.

דעם זעלנערס מאַמעס אויגן באַגעגענען זיך מיט די בעטנדע אויגן פון דעם פאַרוואונדעטן מיידלס מוטער, זי לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט איר בליק.

די אומגליקלעכע מאַמע איז שטיל געבליבן. בלויז אירע ליפּן האָבן זיך עפּעס אַזוי שטיל באַוועגט און די אויגן האָבן אַזוי שאַרף אָנגעקוקט איר זון, ווי זי וואָלט וועלן אויסקריצן אין איר זכרון זיין איצטיקן אויס־זען.

מען טראָגט כסדר פאַרוואונדעטע. פינף שווער פאַרוואונדעטע און איי־ניקע לייכטע, מיר אַלע העלפן מיט וואָס מ׳קאָן, מ׳גיט א פּאָר שטולן, ווו אַוועקצולייגן א פאַרוואונדעטן. א צווייטן לייגט מען אויף א טראָג־בעטל. א דריטן אין דער קעלער־שטוב פון שוסטער. מען באַנדאַזשירט אַלעמען דערווייל די וווּנדן, ביז עס וועט קומען הילף. אָבער ווי לאַנג עס דויערט! אַן אייביקייט!

דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע נאַכט אין מיין לעבן. די קראַנקע קרעכצן נישט. אַלע זענען גליקלעך, וואָס מען האָט אַזוי אָפּגעשניטן. גם זו לטובה.

אַט דעם טאָג פון יום כפור 1939 וועל איך אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן, און מיט שטאָלץ דערמאָנען, ווי אַזוי אונדזערע יידן האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן מסירת נפש, איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר אַנ־

דערע. קיין איינער האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן ראַטעווען זיך, נאָר העלפן דעם צווייטן. איך האָב דעמאָלט ליב באַקומען מיינע ברידער.

זונטיק, 24. סעפּטעמבער.

5 פאַרטאָג. עס איז שוין ליכטיק. איך שטעק אַרויס פון קעלער דעם קאָפּ און דערזע פאַר זיך אַ שרעקלעך בילד: דער גאַנצער הויף איז באַשאָטן מיט גלאָז. אַלע פענצטער פון דעם געדיכט־באַוווינטן הויז זענען אויסגעהאַקט. דאָס גאַנצע הויז מאַכט דעם איינדרוק ווי אַ דורכזיכטיקער לאַמטערן. די ווענט זענען דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ. הונדערטער לעכלעך אין די מויערן. אין דער לינקער אָפיצינע, אויפן פערטן שטאָק, איז אָפּגעריסן אַ האַלבער שטאָק. אויף דער רעכטער אָפיצינע, איבער מיין וווינונג הענגט אַראָפּ אויפן דאַך דער איינגעוואָרפענער קוימען און די אָפּגעריסענע שטיקער פון דאַך... די רינע, וואָס גייט פון אויבן ביז אַראָפּ, הענגט אין דער העלפט, איבערגעבויגן. פון אַ סך וווינונגען הענגען אַרויס די טאָפּל־פענצטער, וואָס האַלטן ביים אַראָפּפאַלן. דער גאַנצער הויף איז באַשאָטן מיט שטיקער טינק און ציגל...

די באָמבאַרדירונג איז קלענער געוואָרן. איך לויף אַרויף אין שטוב. (איך וווין דאָך אויפן ערשטן שטאָק). איך מוז מאַכן טיי פאַר די פאַרוווּנדעטע. עס איז אָבער נישטאָ מיט וואָס צו קאָכן. קיין גאַז איז נישטאָ, קיין קוילן און האָלץ נישטאָ... דאָ דערזע איך איבער דעם אויסגעהאַקטן פענצטער די הילצערנע ראַם פון די פאָרהאַנגען. מען נעמט זיי אַראָפּ און מען צעהאַקט עס, כדי פייער צו מאַכן. אַלע מינוט ווערט אָבער די אַרבעט איבערגעריסן; מיר באַהאַלטן זיך כסדר הינטער דער דיקער וואַנט פון קאָרידאָר, וועלכע דאַרף אונדז באַשיצן פון דער באָמבאַרדירונג. פון די אויסגעהאַקטע שויבן יאָגט אַ קעלט און פון דער קיך זעצט אַרויס אַ געדיכטער רויך.

— פייער! עס ברענט! — דערהערט זיך ווידער אַ שטים פון עמיצן. מען לויפט שוין ווידער...

— ניין! עס ברענט נישט! — באַרואיק איך דעם עולם. — עס רויכערט אַזוי שטאַרק די קיך... דער קוימען איז דאָך איינגעפאַלן...

— מען מוז אויסלעשן דאָס פייער אין קיך! — שרייט דער הויז־

קאָמענדאַנט. און איך טראָג אַראָפּ די פּאַרוווּנדעטע אַביסל לוי-וואַרעם וואַסער אָנשטאָט טיי.

— מען דאַרף אָפּרוימען דאָס גלאָז! — באַפעלט דער הויז-קאָמענ־דאַנט — אַלע מענער צו דער אַרבעט אויפן הויף און די פרויען אין די וווינונגען.

די, וואָס וווינען אויף די הויכע שטאָקן, גייען נים אַרויף אין זייערע וווינונגען. עס איז געפערלעך. מיר אַלע נעמען מיט בארשטן אַראָפּקערן דאָס גלאָז פון די פענצטער און פון די באַלקאָנען. די אַרבעט ווערט גע־טון אַזוי, ווי עס וואָלט שוין געוואָרן רואיקער אויף דער וועלט. דער בראָזג פון גלאָז איז אַזוי שרעקלעך... שטייען אַלע ביי די פענצטער מיט די בארשטן אין די הענט, מידע, נישט געגעסענע, נישט געשלאָפענע... און דער קלאַנג פון גלאָז הילכט פון אַלע זייטן, אַזוי שרעקלעך.

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שטאַרק זשומען. כמעט איבער אונדזערע קעפּ דערזעען מיר אַ גאַנצע מחנה שוואַרצע אַעראָפּלאַנען ווי רויב־פייגל, וועלכע פליען אַזוי נידעריק... מיר וואַרפן אַוועק די בארשטן און לויפן אַראָפּ אין קעלער. פאַר אונדזערע אויגן גלאַנצן עפּעס אַזעלכע גאָלדענע שטיקער, אַזוי ווי אַ גאָלדרעגן וואָלט געפאַלן... און עס הערן זיך נישט קיין אויפרייסן.

— דאָס זענען פלוג-בלעטלעך — שרייען אייניקע שכנים פון הויף.

באַלד דערזעט מען, ווי עס זעצט אַ רויך פון פאַרשידענע זייטן... דער הימל ווערט עפּעס מאָדנע גרוי-רויט... מיר פאַרשטייען, וואָס די דייטשע לופט מחבלים האָבן געוואָרפן: צינד-באָמבעס...

— רואיק! — שרייט דער הויז-קאָמענדאַנט. — קאַלט בלוט! צו ערשט ראַטעווען די פרויען און די קינדער, דערנאָך די מענער.

ווידער שטופּט מען זיך צום אויסגאַנג.

— סאַלאָמאָן! דערהערט זיך אַ פאַרצווייפלטע שטים פון אַ בלאַסער מידער פרוי מיט אַ פּנים שוואַרץ ווי די ערד. — סאַלאָמאָן! מיין מאַן, וווּ איז מיין מאַן? כ'וועל אָן אים נישט גיין!

— צוערשט גייט איר — הייסט דער הויז-קאָמענדאַנט.

— איך גיי נישט אָן מיין מאַן. — שרייט די יונגע פרוי — אויב אומקומען זאָלן מיר צוזאַמען!..

מען שלעפּט זי מיט גוואַלד... זי לאָזט זיך נישט...

— יאָסעלע! ווו איז מיין קינד?.. יאָסעלע! — שרייט אַ צווייטע פרוי. מ'לויפט אַהין און צוריק, מ'זוכט די קינדער, מ'זוכט זיך איינער דעם אַנדערן.

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שטאַרקער קוויטש:

— דער אויסגאַנג ברענט!

אַלע שטופּן זיך צוריק... מען מוז דורכקלאַפּן אַן אויסגאַנג אין אַן אַנדער הויז אַריין...

— מענער גיכער — באַפעלט דער הויז-קאָמענדאַנט.

און אָט שטייען אַלע מענער ביי דער לעצטער וואַנט פון קעלער און מען קלאַפּט מיט גראָבע אייזנס. דער שלאָסער-וואַרשטאַט, וואָס געפינט זיך אין אונדזער הויז, ווערט באַלד צענומען. יעדעס שטיק אייזן דינט פאַר אַ געווער צו העלפן האַקן אַן אויסגאַנג... מיר, פרויען, העלפן מיט לאָפּעטעס... שווער גייט די אַרבעט, כאָטש מ'אַרבעט גיך, האַסטיק. דאָס יאָגט אונדזער אימפּעט, דער פּחד פאַרן טויט... עס פאַלן שטיקלעך ציגל...

— אפשר טאָר מען גאָרנישט האַקן? — פרעגט ביי זיך אַליין דער קאָמענדאַנט — אפשר מוז מען דערצו האָבן אַן אינזשעניער?

— בעט דעם שראַפּנעל וועט ער עס אויסהאַקן... ער איז דער בעסטער אינזשעניער. — ענטפערט אַ יונגער בחור און ווישט דעם שווייס פון פּנים...

די אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע מענטשן האַקן די וואַנט מיט אַזאַ כח, ווי זיי וואָלטן געווען אַטלעטן, גבורים... די שרעקנדיקע אויגן בויגן זיך אויס יעדע סעקונדע צום אויסגאַנג פון קעלער... אפשר זעט מען שוין אינעווייניק די פלאַמען...

— גיכער! גיכער! — שרייען אַנדערע, — מ'מוז באַווייזן אויסהאַקן, איידער עס ווערט שפּעט.

און מען האַקט מיט מורא, מען מוז זיך דאָך ראַטעווען...

— וואסער! וואסער! העלפט בעסער לעשן — שרייען מענטשן, וועלכע געפינען זיך פון דרויסן.

— ווו איז דען פאראן וואסער? שוין דער צווייטער טאג נישטא קיין לעק וואסער.

— לעשט מיט זאמד! — שרייט ארויס מיין שוואגער.

גיך ווארפן אלע אוועק די אייזנס, מען כאפט די לאפעטעס און מען גראבט דאס זאמד פון דער ערד. עס ווערט א געלויף צום אויסגאנג. מען לויפט מיט פולע לאפעטעס זאמד, אנדערע טראגן אפילו גאנצע עמערס זאמד... מען טראגט זאמד און ערד און מען שיט אויפן ארויסגאנג. און אויך אין דרויסן שטייען מענטשן נישט ליידיק... מען שיט זאמד.

— איר זענט געראטעוועט! — הערט זיך פלוצלינג עמיצנס שטים פון דרויסן... — איר זענט געראטעוועט...

כאטש מיר קענען נאך נישט גיין צום ארויסגאנג, ברעכט אויס א פרייד־געוויין. אין אלעמענס הערצער איז דא א פונק פון האפענונג. מא־מעס טוליען זייערע קינדער צו זיך, כדי צו בארואיקן די יונגע צעשרא־קענע הערצעלעך.

פלוצלינג שפרינגט אריין אין קעלער דער שכן שערמאן, א יונגער, מוטיקער בחור. ער האט געוואלט אונדז בארואיקן, ווייזן, אז מיר האבן נאך האפענונג, אז מען קאן זיך נאך אדורכרייסן... ער איז באהאנגען מיט העק און לאפעטעס. מיר באגעגענען אים מיט א פרייד־געשריי. ער איז פארריסט און שווארץ פון סאזשע. א שטיק מארינארקע איז פארברענט, אבער זיינע אויגן לאכן. ער נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט. אט זענען שוין אפגעריסן די הילצערנע טרעפ פון ארויסגאנג. דאס פייער ווערט קלענער. עס וואלגערן זיך ברענענדיקע שטיקער האלץ באזונדער אין זאמד. ער רייסט אפ די הילצערנע שטיקער טירן.... אבער מען דארף שוין נישט אזוי ארבעטן. דאס פייער איז איינגעלאשן.

עס לויפן די ווייבער. פון דרויסן רייסן זיך אריין די מענער נאך זייערע פרויען און קינדער. מען וויינט און מען קושט זיך. מיר האבן א גוטן גאט. ווידער מציל געווען פון טויט.

— ווער האָט בראָנפן? — שרייט אויס אַ דיקער ייד. — מען מוז אויסטרינקען צוליב אַזאַ נס.

— איר וועט זיך מוזן מטריח זיין אויפן צווייטן שטאָק צום הויז־קאָמענדאַנט — ענטפערט מען דעם דיקן ייד.

— מוחל... מוחל — זאָגט דער ייד — דער צווייטער שטאָק שרעקט מיך...

עס קומט אַריין דער הויפּט־קאָמענדאַנט און מעלדעט:

— דער דורכגאַנג צו דעם צווייטן הויז מוז זיין ווי סיי ווערן אַדורכגעהאַקט. ווער ווייס, וואָס ס'קאָן שפּעטער זיין...

דערווייל הערט זיך די באָמבאַרדירונג פון אַן אַנדער זייט. דערנאָך איז אַ ביסל רואיקער געוואָרן.

אַלע זענען הונגעריק.

— ווער עס האָט זאַפּאַסן וואַסער, זאָל עס אַראָפּברענגען, וועט מען עס איינטיילן — הערט זיך די שטים פון קאָמענדאַנט, זיינע רייד ווערן אָבער איבערגעריסן דורך אַ גאַנצער גרופּע היימלאָזע און דאַכלאָזע, וואָס זענען געקומען זיך באַהאַלטן ביי אונדז אין קעלער פון דערבייאיקן צעשטערטן הויז.

זיי זענען דערשראָקענע און רעזיגנירטע. מיר נעמען זיי אויף פריינדלעך. מיר טרעטן זיי אָפּ דעם בעסטן פּלאַץ... זיי זענען קוים אַרויס מיטן לעבן. איין פרוי גייט אין בלויזן נאַכט העמד.

— איך האָב געוווינט אויפן פּאַרטער — זאָגט זי מיט אַ וויינענדיקער שטים — געמיינט, אַז אַ פּאַרטער־וווינונג איז זיכערער. בין איך געלעגן אין בעט און געשלאָפן...

— מאַמע, עסן! — בעט זיך דאָס קינד פון דער אַרטיסטין פּלוים. עס איז קראַנק אויף מאַזלען און זיצט אַנגעשפּאַרט אויף אַ קישן.

— אפשר האָט עמיצ אַ ביסעלע טיי? — בעט זיך זיין מאַמע.

אָבער ווער האָט געהאַט טיי? ווער האָט געדענקט וועגן עסן? ביי אונדז אין קעלער ליגט דאָך די קימפּעטאָרין... אפשר איז דאָרט פאַראַן טיי. איך גיי אַריין צו דער גרינצווייג־הענדלערין און ברענג דעם קינד אַ ביסל טיי... די אַנדערע קינדער קוקן אויף דעם קראַנקן קינד, וואָס טרינקט

טיי, מיט גרויס קנאה... זיי דרייען אויס די קעפלעך צו די מאמעס. זיי בעטן נישט... די אויגן רעדן....

— מ׳וואלט געדארפט מאכן עפעס עסן פאר די קינדער — רופט זיך אן איינע פון די מאמעס.

— מ׳דארף עפעס אפקאכן אויך פאר די פארוואונדעטע — רופט זיך אן א יונגער בחור, וואס זיצט די גאנצע צייט צוגעטוליעט צו זיין פאר־וואונדעטער כלה, ווי ער וואלט געוואלט מיט זיין אנוועזנהייט פארגרינ־גערן איר די ליידן.

און ביי אלעמען קומט די סלינע אין מויל, כאטש ביז איצט האבן מיר אפילו נישט געפילט, אז מ׳האט נאך נישט געגעסן פון נעכטן אן. מען באשליסט צו טרינקען טיי.

— בלויז האלבע גלעזער טיי — הערט זיך א שטים — מען מוז זיין שפארזאם מיטן זאפאס וואסער.

אייניקע ברענגען וואסער. אנדערע טיי און צוקער. איינער ברענגט א וואנט פון א הילצערנע בעט. דאס איז האלץ פאר צעשאן דער גריבצייג־הענדלערין, מ׳זאל קאנען מאכן טיי...

האבן מיר שוין אויסגעטרונקען דאס האלבע גלאז טיי. וועגן מאכן עפעס צו עסן קאן גאר קיין רייד נישט זיין. די באמבארדירונג הערט נישט אויף.

זיצן מיר אזוי אפ דעם גאנצן טאג אין קעלער אנגעשפארט ביי דער נאסער וואנט, ביי דעם טונקעלן ליכטל, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן... אבער ביינאכט איז עס שרעקלעך. מ׳קאן שוין נישט זיצן. דער מידער קאפ זוכט אן אנלען. דער הונגער דערקוטשעט... די באמבעס שפאלטן דעם מוח און צום טאג איז נאך אזוי לאנג.

***

איך גיי ארויס אויף דער גאס פארן טויער.

דער הימל איז אינגאנצן רויט. פון דערוווייטנס זעט מען, ווי עס ברענט א גאנצע ריי הייזער. און דאס פייער לויפט איבער דער הילצער־

נער באריקאדע אריבער אויף דער אנדערער זייט טראָטואר. עס בושעוועט דאָס פייער פון אַלע זייטן. באַזונדערס זעט מען ווי עס ברענט די באריקאדע, וואָס ציט זיך צום „נאָש פשעגלאָנד". דאָס פייער איז זייער גרויס.

די באָמבאַרדירונג ווערט אַ ביסל רואיקער. איך קוק אַרויס פון טויער און זע ווי עס לויפן מענטשן און טראָגן פעקלעך מיט אונטערקעס. זיי לויפן און פרייען זיך, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ גרויסן אוצר. די פעקלעך זענען אַ ביסל צעקוועטשט און פאַרריסט.

ווו קריגט מען דאָס צו קויפן? — פרעגן מיר.

און יעדער איז גרייט צו לויפן וואָס גיכער. זאָל כאָטש זיין אונטערקעס, אַבי עפּעס צו עסן.

— דאָס ברענט די פירמע „אָריגינאַל" — ענטפערט אַ בחור און לויפט גיך ווייטער.

סטאַווקע גאַס ברענט... די קאָנסערוון-פאַבריק פון דער פירמע „אָריגינאַל" ברענט... דער אייגנטימער ה' בערקאָוויטש, מיינער אַ שכן, וווינט אַ טיר נעבן אַ טיר, הערט דאָס אויס גלייכגילטיק. ער קוקט בלויז צו זיין פרוי, אפשר הערט זי דאָס נישט.

די פרוי פאַרברעכט די הענט און זאָגט גאָרנישט. איך זע אָבער ווי אירע הענט גלעטן איר מאַנס פּלייצעס, ווי זי וואָלט מיט איר באַרירונג אים ווען באַרואיקן:

— סאַלאָמאָן! נעם זיך נישט צום האַרצן... — מער קאָן זי נישט רעדן. אפנים, ס'האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ...

ער גיט אַ גלעט זיין ייִנגעלע, וואָס שטייט ביי דער מוטער און זאָגט:

— אַבי איך האָב אייך, מיינע ליבע. — אויך ער קאָן נישט מער רעדן. איך פיל ווי זיין שטים ציטערט, ברעכט זיך.

די באָמבאַרדירונג איז איצט אין אונדזער זייט אַ שוואַכערע, אָבער ערגעץ אַנדערשווו קומט עפּעס פאָר. מיר נוצן אויס די שטילקייט, כדי אריבערצולויפן צו פריינד אויף סטאַווקי גאַס, אפשר קאָן מען זיי מיט עפּעס העלפן, אפשר ראַטעווען.

ווען מיר קומען צו נאָענט פון סטאַווקע, קאָן מען זיך שוין נישט

דערשטופן. עס לויפן טויזנטער מענטשן און שטופן זיך צו דער ברענענדיקער פאבריק. איינער קריכט אויפן אנדערן... יעדער כאפט א פאר שאכטלען שפראטן, סקומבריעס, פאמידארן, אוגערקעס... יעדער כאפט, וואס ער קאן... די פלאמען בושעווען און די מענטשן קריכן איבער די ברענענדיקע טרעפ, איבער איינגעפאלענע ווענט... מען שטופט זיך אין די קעלערן, אין די סקלאדעס... יעדע סעקונדע קאן דאך איינפאלן א ברענענדיקע וואנט. מען טראכט אבער איצט נישט דערפון, מען וויל כאפן א פאר שאכטלען קאנסערוון, פאר די אויסגעהונגערטע קינדערלעך.

און מען כאפט וויפל מ'קאן. איינער רייסט ארויס ביים צווייטן. מ'שלאגט זיך וועגן א שאכטל... די זעלנער ווארענען, אז מ'וועט שיסן, אויב מען וועט נישט אויפהערן כאפן. עס העלפט אבער נישט... מ'שיסט אויס אין דער מאסע מענטשן, אבער וועמען גייט עס איצטער אן א קויל פון א ביקס? די מענטשן זענען שוין געוווינט צו באמבעס און שראפנעלן... און מיין באגלייטער וויצלט זיך: וואס הייסט געהרגעט צו ווערן פון א ביקס... ס'איז פונקט ווי איבערגעפארן צו ווערן פון א וועלאסיפעד... פו, ווי נישט מאדערן... א שאס פון א ביקס זעט איצט אויס אזוי ווי א שפילצייג פאר א קינד... קיין זאך איז נישט אימשטאנד אפצושטעלן אט די צעווילדעוועטע מאסע מענטשן, מען קריכט איבער די ברענענדיקע בעלקעס, איבער מענטשלעכע קערפערס, כדי צו כאפן א שאכטל שפראטן.

פלוצלינג גיט א שטארקער קנאל. עס איז איינגעפאלן א וואנט פון דער ברענענדיקער פאבריק און צוגעדעקט מיט זיך 50 מענטשן.

עס ווערט אן אליארם, א געשריי, א געלויף, א מהומה... מען קאן אבער גארנישט העלפן. די מענטשן אונטער דער איינגעפאלענער וואנט מוזן אומקומען.

אבער דאס געלויף נאך די קאנסערוון האט אלץ נישט אויפגעהערט. און פארנאכט, ווען די הארמאטן שיסעריי איז ווידער געווארן א שרעקלעכע און ווידער זענען געפלויגן די אעראפלאנען איבער אונדזערע קעפ, זענען אלץ געלאפן אויף דער גאס מענטשן מיט אוגערקעס פון סטאווקע

גאס... אַ פּאָר טעג האָט די פאַבריק געברענט און מענטשן האָבן געטראָגן אוגערקעס.

אַ דאַנק דעם פייער האָבן מענטשן בלעכענע פּושקעס, וואָס האָבן געדינט אַלס כּלים צו טראָגן וואַסער און אוגערקעס צום עסן.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון סטאַוועקע גאַס קוים מיטן לעבן, האָבן מיר געטראָפן שטיין ביים טויער אַ פורמאַן, ער האָט געבראַכט אַ פּאַס קאָנסערווירטע פּאָמידאָרן פאַר דעם אייגנטימער פון דער פאַרבערגע־טער פאַבריק ה׳ בערקאָוויטש. דאָס האָט אים דער וועכטער פון פאַבריק געשיקט, אַז דער באַלעבאָס זאָל כאָטש אויך האָבן עפּעס צו עסן.

ה׳ בערקאָוויטש, וועלכער איז געווען זייער אויפגערעגט און דער־שלאָגן, האָט זיך נאָך אָנגעבייזערט, וואָס דער פורמאַן דרייט אים אַ קאָפּ מיט פּאָמידאָרן און געהייסן אים ווייטער גיין.

דער הויז־קאָמענדאַנט האָט אָבער דערקלערט דעם ה׳ בערקאָוויטש, אַז די פּאָמידאָרן וועלן צונוץ קומען פאַר די שכנים אויפן הויף, וועלכע האָבן נישט וואָס צו עסן. וועלן זיי האָבן אָפּצוקאָכן אַ פּאָמידאָרן־זופּ...

— גוט!... טוט וואָס איר ווילט, נעמט אייך די פּאָמידאָרן, נאָר מיך לאָזט אָפּ — האָט ה׳ בערקאָוויטש געענטפערט ווי איינער, וואָס אים אינטערעסירט גאָרנישט.

ווען דער הויז־קאָמענדאַנט איז גיך אַרויסגעלאָפן צום פורמאַן, כדי צוצונעמען דאָס פעסל פּאָמידאָרן, איז שוין דער פורמאַן געלעגן אויס־געצויגן אויפן גאַס טויט, מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ...

ווענן די פּאָמידאָרן האָט שוין קיינער מער נישט געטראַכט...

מאָנטיק, 25. סעפּטעמבער.

ווידער דורכגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט. אויף קיין איין מינוט האָט די באָמבאַרדירונג נישט אויפגעהערט. אינדערפרי האָט מען אין קעלער אויפגעעפנט די טיר און עס האָט זיך אַריינגעריסן דאָס גרויע ליכט פון דעם פרימאָרגן. די מידע, פאַרוועלקטע פּנימער האָבן זיך אָנגעקוקט, צי מיר זענען אַלע דאָ, צי מיר לעבן נאָך — אַזוי שרעקלעך איז געווען די נאַכט... די שלאָפלאָזע נעכט, די הונגעריקע טעג, די גרויסע שטענדיקע שרעק האָט אַלע מענטשן פאַרוואַנדלט אין שאָטנס. קוקן אַלע מיט מאַטע,

פארלאשענע אויגן. יעדער איינער טראכט: זאל שוין געשען, וואס עס מוז געשען... נאר גיכער, גיכער... שוין נישטא קיין כוח!..

עס רייסט זיך ארויין צו אונדז אין קעלער א רייכער ייד און בעט זיך מיט טרערן:

— מענטשן, האט מיטלייד! מיין גאנץ פארמעגן וועל איך אייך אוועקגעבן, אבי ראטעוועט מיין טאכטער... זי איז איין איינציקע ביי מיר... 16 יאר אלט... די בליענדע יארן. אפשר איז דא צווישן אייך א דאקטאר? מ'האט מיר געזאגט, אז דא אין קעלער זיצן די שכנים פון הויז 25... דארט וווינט דאך א דאקטאר...

— ניין... ניין... נישטא ביי אונדז קיין דאקטאר — ענטפערט מען אים.

ער ברעכט אויס אין א געוויין. און דורך טרערן רעדט ער ווייטער:

— א שראפנעל האט איר אפגעריסן ביידע פיס... זי וועט אויס־גיין... מען מוז איר העלפן.

מ'פארשטייט זיין ווייטיק, מ'הערט זיין יאמער, נאר קיינער קאן אים נישט העלפן. די באמבארדירונג הערט נישט אויף. ער לויפט ארויס, דער אומגליקלעכער טאטע, פון אונדזער קעלער און לויפט פון הויז צו הויז זוכן א דאקטאר, ער געפינט אבער נישט קיין הילף און קומט ווי־דער צו אונדז אין קעלער.

שטייען אויף צוויי יונגעלייט, נעמען א טראג-בעטל און זאגן דעם אומגליקלעכן פאטער:

— מיר ווילן זי אהין טראגן אין שפיטאל אויף טשיסטע. דארט וועט מען זי אפערירן...

— אזוי ווייט?! דערשרעקט זיך דער טאטע. אלע קאנען דאך אומ־קומען — באלד אבער כאפט ער זיך, אז די יונגעלייט קאנען חרטה האבן און נעמט קושן די יונגעלייט, שעפטשענדיק:

— איך וועל אייך באצאלן, וויפל איר וועט נאר פארלאנגען...

— גייט אליין! — באליידיקט זיך איינער פון די בחורים — פאר געלט שטעלן מיר נישט איין דאס לעבן...

דער אומגליקלעכער פּאַטער פּאַרענטפערט זיך, אַז ער איז פאַר עגמת־נפש און פאַרצווייפלונג צעמישט... די יונגעלייט גייען.

— גייט מיט גאָט — ווינטשט זיי נאָך אַן אַלטיטשקער, וואָס זיצט מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ.

איך גיי אַרויס מיט זיי צוזאַמען, באַגלייטן זיי ביז צום טויער. פּלוצ־לינג דערזע איך, ווי עס לויפט דער אַקטיאָר גאַרבאַזש. ער שאַרט זיך ביי דער וואַנט. ביי יעדן שטאַרקן שאָס טוליעט ער זיך שטאַרקער צו דער וואַנט. די האָר זענען צעשויבערט. דאָס פּנים צעשראָקן. זיינע ברילן האָט ער פאַרלוירן און זעט נישט ווו ער גייט.

— ח' גאַרבאַזש, וואָס איז געשען? — שלעפּ איך אים אַריין אין טויער. — וואָס טוט זיך מיט אייך? וואָס גייט איר עפּעס איצט אויף דער גאַס?

— אין אונדזער וווינונג איז אַריינגעפאַלן אַ באָמבע — ענטפערט ער האַסטיק און אָטעמט קוים. — זענען מיר אַריבער אויף דער גאַס צו פריינד. דאָרט ביי זיי אָבער איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער... האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין מיין וווינונג איז געבליבן אַ פלעשל מיט וואַסער... בין איך עס געלאָפן ברענגען...

און ער ווייזט מיר אַ פלעשל מיט אַ האַלבן ליטער וואַסער, וואָס ער טראָגט אין האַנט און צוליב וואָס ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן... ער דריקט דעם אוצר צום האַרץ...

אַלע האָבן אים מקנא געווען... וואַסער... ער האָט אַ פלעשל טרונק־וואַסער... מיר האָבן דאָס אויך נישט געהאַט...

ווידער אַ געוואַלד: עס ברענט דאָס הויז פון דזשעלנע 19; דאָס הויז אויף דזשעלנע גרעניצט זיך מיט אונדזער אָפּיצינע. דער הויז־קאָמענדאַנט באַפעלט, אַז מ'זאָל גיין אויפן דאַך באַשיצן אונדזער הויז.

— מיט וואָס? — צעבייזערט זיך אַ יונגער בחור פון די געהילף־קאָמענדאַנטן. — מיט וואָס, מיט שפּייעכץ?

— דאָס פאַרמאָגן מיר אויך נישט. — רופט זיך אָן אַן אַנדערער — אויך די סלינע אין מויל איז אויסגעטרוקנט... שוין אַ פּאָר טעג נישט גע־

האט קיין טראָפּן וואַסער אין מויל... און אַלע זענען מיד, אויסגעמאַטערט, רעזיגנירט. זאָל ברענען... זאָל זיין וואָס עס וויל!

— וואַלעריאַן!... גיט מיר אַ פּאָר טראָפּן וואַלעריאַן — בעט זיך אַן עלטערע פרוי — עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן.

דורך דער דורכגעהאַקטער וואַנט קוועטשן זיך אַדורך איינציקווייז די איינוווינער פון הויז, וואָס ברענט. זיי ווילן אויך דורכשלעפּן די פּעקלעך. אָבער די עפענונג איז צו קליין... ביי אונדז אין קעלער איז אַזוי ענג, אַז עס איז אַפילו גישטאָ קיין פּלאַץ צו שטיין. עס ווערט ענגער און דושנער, דאָס קליינע לעמפּעלע קאָפּטשעט און וואַרפט אַן נאָך אַ גרעסערן אומעט. און יעדעס מאָל, ווען עס רייסט אויף אַ באָמבע, כאַפּן מיר זיך איינער אָן צווייטן און די ליפּן שעפּטשען עפּעס שטיל...

— כ'וויל נישט מער דאָ זיצן! — דערהערט זיך אַ ווילדער קוויטש פון אַ פרוי און זי רייסט זיך ווילד פון אָרט.

דאָס האָט דאָס יונגע משוגענע מיידל זיך אַרויסגעריסן פון איר פּאַטערס הענט און שטופּט אַלעמען אָפּ פון זיך.

מען פּרוּווט זי באַרויקן, אָבער זי רייסט זיך אַרויס. די משוגענע איז אַ יונג שלאַנק מיידל מיט אַ פּאָר גרויסע שיינע אויגן. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, נישט געוואָלט זיצן. זי איז אַזוי געשטאַנען טאָג און נאַכט און געקוקט אויף אונדז אַלעמען מיט אירע ברייט־געעפנטע אויגן. זי האָט אויסגעמיטן מענטשן. זי האָט כסדר געשוויגן... די ערשטע צייט פלעגט זי נישט וועלן זיצן אין שוץ־קעלער, נאָר פלעגט אין די קאַלטע נעכט זיצן אויף די טרעפּ. זי האָט אויך נישט געוואָלט אָנטון עפּעס וואַרעמעס, נאָר אַזוי האַלב נאַקעט פלעגט זי זיצן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט און שווייגן...

היינט האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דער גאָר שטאַרקער באָמבאַרדירונג און איז אַראָפּגעלאָפן אין קעלער. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער נאַסער וואַנט און געקוקט אויף אַלעמען אַ שווייגנדיקע. פּלוצלינג איז זי ווילד געוואָרן און מ'האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— רוטעלע, — האָט זיך דער פּאָטער ביי איר געבעטן. — אין דרויסן איז איצט אַזוי שרעקלעך... גיי נישט, טעכטערל מיינס... עס איז אַ

לעבנסגעפאר... ער האט געגלעט אירע האר און אנגעוויזן אויף אונדז אלעמען:

— אט זיצן דאך אלע מענטשן דא. אין דרויסן באמבארדירט מען...

זי האט א רגע אויסגעהערט דעם פאטער און געשטאנען שטיל. ווען ס'האט זיך ווידער דערהערט א שטארקער שאס, האט זי זיך ארומגעקוקט און האסטיק גענומען רעדן:

— אט דא שיסט מען... אט די מענטשן שיסן... איך וויל נישט זיין מיט זיי... איך וויל נישט — און האט זיך ארויסגעריסן און איז אנטלאפן.

דער פאטער, נעבעך, איז איר נאכגעלאפן.

***

ווידער שרייט מען פון א ווינקל:

— וואלעריאן! גיט מיר וואלעריאן! — דאס שרייט א יונג מיידל, נאר איידער מען באוויזט צו דערלאנגען איר דעם וואלעריאן, ליגט זי שוין אן אויסגעצווינגענע און חלשט...

— דאס איז פון הונגער — זאגט איינער.

— מען מוז עפעס אפקאכן, — הערן זיך שטימען, און מען באשליסט, אז יעדער וואס האט אביסל פראדוקטן, מוז זיך איינשטעלן ארויפגיין אין שטוב און אראפברענגען, וועט מען אפקאכן ביי דער גרינג-צייג-הענדלערין א זופ פאר אלעמען.

איך לויף ארויף אין שטוב. יעדער זעץ פון א באמבע רייסט אפ שטיקער פון הארצן. גיך גיי איך צוריק אין שוץ-קעלער א שטראלנדע. איך טראג רייז מיט א ציבעלע. מ'וועט אפקאכן א זופ...

און אט גייען אויך אנדערע פרויען, איינע טראגט גרויפן, א צווייטע אן אלטן שטול אויף האלץ צום פייער... אנדערע מעל... די, וואס האבן גארנישט, ברענגען טעלער מיט לעפל. און מען קאכט א זופ. א געמיש פון אלעמען, אן פעטס. דאס נעקעכטס פארשמעקט איבערן גאנצן קעלער.

די קינדער האבן גיך דערשפירט דעם ריח פון קאכעדיקן מיטאג,

האָבן זיי פּלוצלינג דערפילט, אַז זיי זענען הונגעריק. פריער האָבן אָט די אָרימע קינדערלעך, נעבעך, אפילו נישט געוואָגט צו בעטן עסן, אָבער איצט, עס שמעקט מיט ציבעלעס, האָבן אַלע אָנגעהויבן צופּן די מאַמעס ביי די הענט:

— מאַמע, כ'וויל עסן...

און באַלד האָט זיך איבערן קעלער באַוויזן אַ פּאָרע פון די הייסע טעלער זופּ, וואָס מען האָט געטראָגן.

— צוערשט מוזן עסן די קינדער און די אַלטע לייט — קאָמאַנדע-וועט אַ פרוי. ביי די איבעריקע זענען די אויגן גרויס געוואָרן און ביי אַלע, וועלכע האָבן אפילו נישט געטראַכט וועגן עסן, האָט אויך אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרץ און מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט, אַז מ'זאָל שוין גיך באַקומען דעם טעלער הייסע וואַסער, אין וועלכן עס זענען אַרומגעשווומען אַ פּאָר רייז מיט גרויפּן און אַ שטיקל מייער מיט ציבעלע.

אָבער מערקווירדיק, מען האָט נישט געהערט די שרעקלעכע באָמ-באַרדירונג. מען האָט נישט געזען די פאַרווונדעטע, וואָס מ'האָט כסדר אַריינגעפירט אין קעלער... אין דער מינוט האָט מען נאָר געזען די פּאָרע פון אַ הייסן טעלער זופּ...

און געשמעקט האָט אונדז די זופּ בעסער ווי אַ געבראָטנס. יעדער איז געוואָרן מונטערער, כאָטש דער טאָג איז געווען דער שרעקלעכסטער.

נאָכן „זאַטן" מאָלצייט האָט מען זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, ווי איינער וואָלט וועלן וואַרעמען דעם אַנדערן. מענטשן, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן אָפּגעוווינט אין איין הויז און זיך צומאָל נישט געקענט, זענען איצט געוואָרן איין נאָענטע משפּחה.

אָט פיל איך, ווי עפּעס אַ מאַן זיצט נעבן מיר און טוליעט זיך צו מיין האַלדז. נאָך יעדן האַרמאַטן-שאָס טוליעט ער זיך שטאַרקער און קושט מיין האַלדז... ער ציטערט אינגאַנצן, ווי ער וואָלט אין אָט דער באַרירונג געפונען רו, פאַרגעסונג. איך זאָג אים גאָרנישט, איך האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער פאַרשימלטער וואַנט. און לאָז אים לינדערן זיין ווייטיק...

יעדע מינוט א ניי געשריי, א נייע גרופע פארוואונדעטע פירט מען אריין. אט ברעכט אוים א שרעקלעך געוויין. פון דערבייאיקן הויז, וואס איז איינגעפאלן, האט מען א שטארק פארוואונדעטן אוועקגעפירט אין שפיטאל; איז ער אויפן וועג אין שפיטאל דערהרגעט געווארן. די פאמי־ליע געפינט זיך איצט ביי אונדז אין שוץ־קעלער...

אט טראגט מען שוין צוריק דעם דערהרגעטן. ווו אים אוועקלייגן? ווו אים באגראבן? מיט די אייגענע הענט האט דער טאטע אויסגעגראבן א קבר אויפן הויף פאר זיין זון... ער אליין האט אים מקבר געווען. און ער איז נישט אוועקגעגאנגען, דער פאטער, פון זיין זונס קבר ביי דער שרעקלעכער באמבארדירונג אפילו אט אין דער גרויזאמסטער נאכט פון אלע שרעקלעכע נעכט.

יעדע סעקונדע, דאכט זיך, אז אט־אט... אונדזער הויז פאלט איין. עס איז געווען מוראדיק! מיר האבן אלע געפילט, אז מיר וועלן אט די נאכט משוגע ווערן!.. אט רוימט מען מיר איין אין אויער, אז מיט אונ־דזערם א פריינד, לעאן פון פאנסקא, האט אויך פאסירט דאס זעלבע: דער טאטע האט דעם אייגענעם זון מקבר געווען ביי זיך אויפן הויף.

דינסטיק, 26 סעפטעמבער.

עס איז געווען די שרעקלעכסטע פון אלע שרעקלעכע נעכט. א גאנ־צע נאכט געוואלדן, א גאנצע נאכט האט מען געפירט פארוואונדעטע. קיי־נער האט שוין נישט געוואלט זיצן אין שוץ־קעלער. סיי ווי סיי וועט מען שוין פון דאנען נישט ארוים קיין לעבעדיקער.

עס איז פארטאג. איך זיץ און קראץ זיך. עס בייסט שרעקלעך... שוין אזויפיל טעג זיך נישט אויסגעטון. שוין אזויפיל טעג נישט אפגע־וואשן זיך... דער זאפאס וואסער, וואס כ'האב געהאט אין וואנע פון באד־צימער, איז געווארן פארשיט מיט טינק פון סופיט און מיט סאזשע פון קוימען. קיין וואסער אפצווואשן איז נישטא. אבער עס בייסט, מען קאן נישט איינזיצן. איך גיי ארוים פון שוץ־קעלער. עפעס איז רואיקער. די שיסעריי איז א שוואכערע.

עס פליט ווידער א גאנצע מחנה עראפלאנען איבער די קעפ... איצט וועט עס געשען... מיר ווארטן אויפן אויפרייס. מ'הערט אבער גארנישט...

די עראָפּלאַנען פליען זיך רואיק אַדורך און אַט זענען זיי הינטער אונ־דזער הויף... מיר זענען הייסט עס פון זיי געשיצט... מיר וואַרטן צו הערן, ווו עס וועט זיין דער אויפרייס פון די באָמבעס, וואָס זיי וועלן אַראָפּ־וואַרפן: צי גאָר נאָענט, אָדער אַביסל ווייטער. מיר וואַרטן און מיר וואַרטן א פּאָר מינוט און מיר הערן נישט קיין אויפרייס.

— זיי האָבן שוין נישט ווו צו וואַרפן די באָמבעס — ווינצלט זיך דער דיקער שכן — זיי האָבן מכבד געווען אַביסל יענע זייט, די הויכע פענצטער און דערפאַר הערן מיר דאָ נישט.

— אָבער מיר הערן אויך נישט די שטאַרקע אַרטילעריע שאָסן — וואונדערט זיך אַן אַנדערער.

ווידער באַווייזט זיך אַ מחנה עראָפּלאַנען. זיי פליען אַזוי נידעריק, כמעט אויף די דעכער. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז מיט די פליגל וועלן זיי מיטשלעפּן דאָס הויז. דער רעש איז אַ שרעקלעכער. עס ווערט אַזוי אומהיימלעך. מיר ווייסן, וואָס אַט אַזאַ מחנה מחבלים קאָן אויפטון!..

— אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן — טראַכט איך.

די זון שיינט. מיר האָבן אפילו מורא אויפצוהויבן די קעפּ און אָנ־קוקן אַט די טויט־ און פאַרניכטונג־ברענגער... און עס ווילט זיך אַזוי שטיין אַביסל אויף דער פרישער לופט און וואַרימען זיך אין דער וואַרימער זון... די גלידער זענען דאָך אַזוי אויסגעפרוירן און פאַרגליווערט פון דעם שויץ־קעלער... אָבער עס פליט דאָך דער טויט... מיר האָבן מורא צו שטיין אויף דער זון... מיר באַהאַלטן זיך גיך און וואַרטן... אָבער ווידער הערט מען נישט קיין אויפרייס.

— וואָס איז דאָס? — זאָגט איינער — זיי שוויַיגן גאָר? אפשר זענען דאָס גאָר „אונדזערע" עראָפּלאַנען... אָבער פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

די עראָפּלאַנען פליען אַזוי ווי מחנות רויב־פייגל...

— וואָס איז געשען? — קיינער ווייס נישט. — פאַרוואָס שיסן זיי נישט? מיר קאָנען שוין נישט לעבן אָן דעם שאָס... מאַנכע גייען אַרויס פאַרן טויער א קוק טון. ביי אַלע טויערן שטעקן אַרויס מענטשלעכע

קעפ, צוערשט מיט מורא, דאן דרייסטער, זיי ווילן עפעס געוואויר ווערן... נאר קיינער ווייסט גארנישט...

— דאס זענען ענגלישע עראפלאנען, — ווערט א געשושקעריי. — מען איז געקומען אונדז צו הילף.

— יא, זיכער ענגלישע... האלט אונטער א צווייטער די מיינונג און ער שווערט, אז ער האט דערקענט דעם ענגלישן צייכן אויף די עראפלא-נען...

זיי פליען דאך אזוי נידעריק, אבער מיר קאנען נישט קוקן אין דער ליכט... די אויגן זענען אפגעווייגט פון דער זון, און מיר מוזן גלויבן דעם, וואס האט „אליין" געזען.

אנטקעגן אונדזער הויז שטייט דאך מיליטער..? אפשר ווייסן די זעלנער עפעס? מיר קוקן אריבער און מיר זעען, ווי זיי אליין שטעקן ארויס די קעפ פון טויער און קוקן פארוואונדערט אויף די עראפלאנען, וואס פליען אזוי נידעריק און ווארפן נישט קיין באמבעס...

איינער א דרייסטער לויפט אריבער צום מיליטער... ער קאן אבער נישט געוואויר ווערן. די זעלנער ווייסן בלויז, אז זיי האבן שוין נישט מיט וואס צו שיסן.

די שטילקייט געפעלט אונדז אלעמען נישט, אבער פון צייט צו צייט באווייזן זיך מענטשן אין גאס. פריער איינצלנע, דערנאך מערערע... קיי-נער ווייס נישט, פארוואס אט די עראפלאנען פליען אזוי נידעריק און באמבארדירן נישט... און אזויפיל זענען זיי און זשומען און זשומען...

פלוצלינג קומט איינער צולויפן און זאגט, אז דאס זענען גאר סא-וויעטישע עראפלאנען; די סאוויעטן זענען אונדז געקומען צו הילף. בא-פרייען אונדז. ווערט א פרייד, מען לויפט ארויס. די באוועגונג אין גאס ווערט א שטארקערע. אט באווייזט זיך א זעלנער. אלע רינגלען אים ארום. אמת די רויטע ארמיי? יא, יא.

— וואס איז געשען? פרעגט אן עלטערער ייד. ס'גלויבט זיך גאר-נישט, אז דאס זאל ריכטיק זיין.

— וואפנשטילשטאנד? — פרעגט ער.

— די רויטע ארמיי, — ענטפערט דער זעלנער א שטראלנדער.

מיר מיינען, אז ער מאכט שפאס פון אונדז. זאגן מיר אים:

— מ׳טאר נישט שפאסן מיט אזעלכע צעוויטיקטע מענטשן...

— דאכט זיך, אז ס׳איז וואפנשטילשטאנד, זאגט שוין דער זעלנער אביסל פארזיכטיקער — גענוי ווייס איך נישט... נאר מיר האבן באקומען אן אנזאג דערוועגן, ווייל נישט צו שיסן... ווייל די סאוועטן זענען געקומען.

די נאס ווערט וואס אמאל גרעסער. א זעלנער, וואס קאן זיך נישט אדורכשטופן, שפרינגט איבער דער באריקאדע. זיין פנים שטראלט. דער מאנטל אויפגעעפנט, די האר צעווארפן... ער פאכעט מיט א טיכל צו זיינע עלטערן, וועלכע ער זעט פון דער ווייטנס.

— וואפנשטילשטאנד! — שרייט ער אויס. די רויטע ארמיי איז געקומען.

אלע כאפן אים ארום. מען הויבט זיך אן קושן. אלע שכנים כאפן זיך ארום איינער מיטן אנדערן און מען קושט זיך. אט דאס איז דאך אונדזער איינציקע האפענונג.

— אוי, ס׳זאל נאר זיין אמת!..

— גאט, אנטויש אונדז נישט... דאס וואלט דאך געווען פאר אונדז שרעקלעך...

מיר פרעגן גארנישט! ווער? וואס?.. ווער האט געזאגט? אבי מ׳וועט שוין נישט הערן די באמבארדירונג. מיר ווילן לויפן אנטקעגן דער ארמיי.

איך לויף ארויס אויפן גאס געוויר ווערן, וואס מאכן גוטע פריינד? ווער איז געבליבן לעבן? ווייט לויף איך נישט... מ׳האט דאך פארט מורא צו דערווייטערן זיך פון הויז... אפשר... אפשר... וועט זיך ווידער אנהויבן דאס טרויעריקע שפיל?

די ערשטע, וואס איך באגעגן, זענען די ארטיסטן לערנער און זיידערמאן. זיי פאלן ארויף אויף מיין האלדז, קושן מיך און וויינען.

— שושנה... מיר לעבן! שושנה איז דאס אמת, אז מיר לעבן? —

מיר שטייען ארומגענומען אין גאס, מיר קושן זיך און וויינען...

אויך פרומע מענטשן, פון וועלכע עס איז געבליבן בלויז אויסגעדארטע, איינגעשרומפענע סקעלעטן, כאפן זיך ארום איינער מיטן אנדערן און קושן זיך. און אלע וויינען פאר פרייד. און יעדער איינער ציטערט,

אז די פרייד זאָל, חלילה, נישט זיין קיין אומזיסטע... זאָל עס גאָר זיין אמת. די סאָוועטן זענען געקומען! מ׳וועט שוין מער נישט באָמבארדירן. די סאָוועטן!! די סאָוועטן!!

אויף אַלעמענס פּנימער ליגט דער שטעמפּל פון איבערגעלעבטער טויט־שרעק.

איך לויף צוריק. מ׳דאַרף אריינגיין אין שטוב. אפשר אריינכאַפּן א ביסל עסן, ווי לאַנג מ׳קאָן, ווער ווייס, וואָס שפּעטער וועט זיין... מען נוצט דאָך אויס יעדע רואיקע מינוט.

יעדע פּאָר מינוט לויפט אריין א גליקלעכער גוטער פריינד:

— הורא, איך לעב!

צווישן די גליקלעכע־אומגליקלעכע פּנימער קומט אריין צו מיר ה׳ מאיר ווינדער, דער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ און זאָגט:

— מען מוז אויסזוכן דעם ארטיסט ברינס פרוי... זי איז פּארשיט געוואָרן... מ׳האָט זי גענומען אין א שפּיטאָל אריין. דאָס קינד זייערס איז שווער פאַרוואונדעט. קיינער ווייסט נישט, אין וועלכן שפּיטאָל זי געפינט זיך... אין דער שטאַרקער באָמבאַרדירונג האָט מען זי נישט געקאָנט אויסזוכן... אָבער איצט מוזן מיר עפּעס טון, כדי זי אויסצוזוכן... איר זענט פון דער פּרעסע... איר וועט גיכער קאָנען עפּעס געוווירוערן...

איך האָב נישט לאַנג געקלערט און בין ארויס צוזאמען מיט ה׳ ווינדער אין גאַס עפּעס געוווירוערן וועגן דער פרוי פון ארטיסט ברין. אויף דער גאַס האָב איך דערזען א שרעקלעך בילד: מען קאָן נישט גיין. אויף די גאַסן ליגן שטיקער מויערן, ארויסגעריסענע פענצטער. אומגעלייגטע שטיקער הייזער, אָן א שיעור גלאָז, גאַנצע קופּעס ציגל, אומגעלייגטע קוימענס, אייזערנע זשאַלוזיעס — אַלץ וואַלגערט זיך פאַר די פיס, אין מיטן וועג.

און פון ביידע זייטן גאַסן ברענען נאָך די הייזער. עס איז א שרעק, מען האָט מורא צו גיין אויף די טראָטואַרן. די הייזער האַלטן זיך קוים. זיי קאָנען נאָך איינפאַלן... פּלוצלינג הערט מען א שאָס. מיר לויפן זיך באַהאַלטן. מיר מיינען, אז דאָס איז שוין ווידער א באָמבע, אָבער איינגעבאַרויקט דעם צווייטן: דאָס איז געווים איינגעפאַלן א הויז...

איך הייב אָן וויינען אויפן קול. דאָס איז וואַרשע? איך דערקען נישט די גאַסן... איך ווייס נישט, ווו עס הויבט זיך אָן איין גאַס און ווו עס ענדיקט זיך די צווייטע גאַס. אַ שרעקלעכער ריח הערט זיך אין גאַס פון פייער. אין פיל ערטער זעצט נאָך אַ רויך און רויטע פייער־צונגען שפּרינגען פון די הייזער... און ביי די פּיס וואַלגערן זיך טויטע מענטשן... אָפּגעריסענע הענט... אָפּגעריסענע פּיס... ווי שרעקלעך! עס ליגן אויף די גאַסן טויטע פערד אויסגעמישט מיט די טויטע מענטשן... אויף ראַג לעשנאָ ליגט אַ טויט פערד אויפן פוס פון אַ טויטן מענטש.

ביי אַ טויט פערד זע איך, ווי עס שלאָגן זיך איי־ניקע מענטשן... מען רייסט אַראָפּ די הויט פון פערד און מען שניידט שטיקער פלייש פון דער נבלה...

אָרימע, כ'האָב זיי פאַרשטאַנען... אַזוי פיל טעג געהונגערט...

די פערד שטינקען. דער שלעכטער ריח פון די דערהרגעטע פערד איז אַזוי שרעקלעך, אַז עס רייסט די נאָז...

אָט בין איך אויף ביעלאַנסקאַ. דאָ איז געווען אַמאָל דאָס יידישע טעאַטער „נאָוואָשצי". אַ גאַנצע ריי הייזער זיינען אָפּגעברענט. איך וויל דערקענען, ווו עס איז געשטאַנען דאָס הויז מיטן טעאַטער „נאָוואָשצי" און ווו איז דאָס הויז מיטן האָטעל „קראַקאָווסקי"... איך ווייס נישט...

פלוצלינג גיט מיין באַגלייטער אַ געשריי פאַר פרייד:

— איך ווייס... ווו עס איז דאָס טעאַטער... אָט דאָס הויז. איר זעט, דאָרט הענגט אַ שטיקל וואַנט מיט אַ קאַמין, דאָס האָט זיך דער האָטעל באַזיצער פון „קראַקאָווסקי" געלאָזט מאַכן אַ נייעם רעמאָנט און אויפ־געבויט אַ קאַמין...

איך זע ווירקלעך ווי צווישן אַ גאַנצע ריי חורבות איז געבליבן שטיין אַ שטיקל וואַנט מיט אַ וווּנדערשיינעם מאַיאָליק־קאַמין...

דער האָטעל איז געווען נומער 7. אויב אַזוי איז דאָס פאַרברענטע הויז דערביי „נאָוואָשצי"... מיר שטייען פאַרן טעאַטער... עס זעען זיך אַרויס אַ פּאָר אָפּגעברענטע פאַרסמאַלעטע שטיקלעך מויער פון אַן איינ־געפאַלענער רואינע.

נישטאָ מער קיין יידיש טעאַטער... אָט דאָ אין טעאַטער איז איצט

פארברענט געוואָרן דאָס גאַנצע ביסל גוטס פון יידישע אַקטיאָרן... עס פאַרקלעמט ביים האַרצן. מיר האָבן אָבער נישט קיין צייט. מען מוז לויפן ווייטער, ראַטעווען אַ מענטש.

אָט איז דער טעאַטער פּלאַץ...

אַ סך מענטשן וויינען פאַר צער. שרעקלעך ווי עס זעט אויס דאָרט; דאָס גרויסע טעאַטער, די אָפּערע, דאָס נאַראָדאָווע טעאַטער ברענען נאָך...

דער גאַנצער פּלאַץ זעט אויס ווי אַ חורבה. אומגעוואָרפענע הייזער, ברענענדיקע בעלקעס אין מיטן גאַס און פערד... אַזוי פיל טויטע פערד...

אָבער מיר מוזן דאָך גיין זוכן די פאַרוואונדעטע פרוי פון ארטיסט ברין.

מיר וואַנדערן איבער חורבות און איבער גלאָז. מיר גייען און זוכן לאַנג, ביז מיר ווערן געוווויר, אַז די פרוי ברין געפינט זיך אין געאָגראַפישן אינסטיטוט, וווּ עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שפּיטאָל. מיר גייען לאַנג, ביז מיר האָבן זיך אַהין דערשלאָגן. איך האָב באַוויזן מיין פּרעסע־קאַרטע און מ'האָט מיך דאָרט אַריינגעלאָזט...

איך מוז זיך צוהאַלטן די נאָז, ווען איך קום אַריין, אַזאַ שרעקלעכער שלעכטער ריח פון אַלט בלוט און ראָפּע... עס וואַלגערן זיך אַרום שטיקער שמוציקע וואַטע און גאַזע... נישטאָ ווער עס זאָל צורוימען. איך פרעג מיך אויף פרוי ברין; קיינער ווייסט נישט. ווינדער גיט אָבער נישט אויף די האָפענונג. מיין שוואָגער ווייזט זיין רעדאַקטאָר קאַרטע, דאָס ווירקט. מען פירט אונדז אַריין דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, וועלכער איז פול מיט פאַרוואונדעטע מענטשן. די פאַרוואונדעטע ליגן אויפן הויזן דיל, ווייל עס זענען נישטאָ קיין בעטן...

— דאָ איז נישט קיין שפּיטאָל — דערקלערט מיר דער מיליטער־דאָקטאָר — ווען די שפּיטאָלן זענען געוואָרן באָמבאַרדירט, האָבן מיר די קראַנקע געמוזט איבערפירן אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

איך קום אַריין אין אַ קליין שטיבל. אויף די טראָג־בעטלעך ליגן אויסגעלייגט אייניקע פאַרוואונדעטע פרויען, וועלכע ציטערן פון קעלט... די שויבן פון די פענצטער זענען אויסגעהאַקט.

איך קוק מיך אַרום, כדי צו דערקענען די פרוי ברין.

— שושנה! — דערהער איך א ספאזמאטישן קוויטש. א היסטעריש געוויין רייסט זיך ארויס פון דער פארוואונדעטער פרוי ברינס האַרץ.

— פרוי ברין, — גיי איך צו און זאָג איר — בארואיקט אייך... מיר זענען געקומען אייך צונעמען.

— מיך צונעמען? — וואונדערט זי זיך — האָב איך דאָך יאָ מלאכים אין הימל... — און זי צעוויינט זיך היסטעריש. — איך האָב דאָך געמיינט, אז מען ווייסט גארנישט, אז איך לעב... וואָס איז מיט מיין מאַן? מיט מיין קינד? ליבע טייערע פרוי שושנה, איך באַשווער אייך ביי אייערע קינדער, זאָגט מיר: לעבן זיי?

— יאָ, איך שווער אייך, אז זיי לעבן... איר וועט זיי באלד זען.

דעמאָלט ערשט פארשטעלט זי מיט די הענט דאָס פנים און וויינט שטיל און הארצרייסנד, מ'הערט נאָר א שטארק שלוכצן...

איך זאָג דעם דאָקטאָר, אז מיר ווילן די קראנקע צונעמען. ער דערפרייט זיך... וועט זיין ווייניקער מיט א שווער קראנקער... ער פרעגט:

— אָבער ווי אזוי? זי איז דאָך שווער פארוואונדעט... די פיס איינגאנצן צעקוועטשט...

איך דערקלער דעם דאָקטאָר:

— מיר זענען דאָ א פּאָר מאַן... מיר וועלן זי נעמען אויף א טראָגבעטל (א שטיק לייוונט מיט צוויי העלצלעך פוןביידע זייטן) איך וועל שפעטער דאָס טראָגבעטל צוריקשיקן.

מען דערלויבט עס מיר. איך דעק איבער די קראנקע מיט א קאָלדרע. ווען די איבעריקע פארוואונדעטע זעען, אז מיר קלייבן זיך טאקע אוועקצוגיין, ברעכט אויס א געוויין פון אלע זייטן.

— נעמט אונדז אויך צו פון דאַנען...

— נעמט מיך אויך מיט — בעט זיך א יונג מיידל, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע נעבן דער פרוי ברין. — ביי איר איז דער גאנצער קאָפּ האָר פארברענט און זי זעט אויס ווי א נעגער וואָלט דאָ געלעגן. דאָס גאנצע פנים איז שוואַרץ פארברענט און איינגעשמירט מיט א פעטקייט. נישטאָ קיין באנדאזש צו פארבינדן. עס קוקן ארויס צוויי גרויסע בלאָע אויגן מיט פארברענטע ברעמען. זי וויינט:

— נעמט מיך מיט... האָט מיטלייד... לייגט מיר אַרוים אויף דער גאַס, אַבי לאָזט מיך דאָ נישט איבער...

— גיט מיר אַביסל וואַסער — הער איך אַן אַנדער שטים.

— וואַסער!.. וואַסער... האָט מיטלייד, ברענגט אונדז אַביסל וואַסער — הערן זיך שטימען פון אַלע זייטן — מיר גייען אויס פאַר דורשט. דאָ איז נישטאָ קיין וואַסער און קיין עסן...

— זאָגט מיינע קרובים אויף גענשאַ, אַז איך לעב נאָך און גערפין זיך דאָ... זיי ווייסן דאָך נישט...

— און מיינע ווייסן אויך נישט.

— גייט צו מיין מאַמען און זעט, צי זי לעבט, — בעט זיך ווידער אַ יונג מיידל.

— אויף גאַלעווקע... אויף עלעקטאָראַלנאַ... אויף פּאַנסקאַ — שרייט מען מיר פון אַלע זייטן.

— יאָ. יאָ. איך וועל אומעטום גיין. איך וועל גיין.

איך פאַרשרייב גיך די אַדרעסן און מיר טראָגן אַרויס פרוי ברין.

— ווידער אַ טויטע, — ברומט מען אין קאָרידאָר...

— ניין... אַ לעבעדיקע... דאָס מאָל טראָגט מען אוועק אַ לעבעדיקע.

— אַ לעבעדיקע?! — הויבן אַלע (וואָס קענען נאָר) אויף די קעפּ

— אַ לעבעדיקע? ווו טראָגט מען זי אין אַזאַ באָמבאַרדירונג?

— וואָס, איר ווייסט נאָך נישט? עס איז דאָך וואָפנשטילשטאַנד.

אַפילו דער מיליטער־דאָקטאָר איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל פון דערשטוינונג...

— וואָ־פען־שטיל־שטאַנד?!

עס ווערט אַ טומל צווישן די קראַנקע... וואָפנשטילשטאַנד. די אויגן הויבן אָן ביי זיי צו גלאַנצן מיט האָפענונג... און די פאַרוווּנדעטע, וואָס זענען דאָ געלעגן רעזיגנירטע, גלייכגילטיקע, באַקומען אַ נייעם חשק צום לעבן...

— איך ליג שוין אויפן דריטן אָרט — זאָגט מיר אַן עלטערער ייד. — עס איז אַריין אַ שראַפּנעל אין הויז, ווו איך האָב געוווינט און פאַרוווּנדעט די לעבער... מען האָט מיך גענומען אין „שוויענטי דוך"־שפּיטאָל.

האבן די דייטשן באמבארדירט דאס שפיטאל. די גאנצע געביידע איז איינגעפאלן. נייניציק פראצענט פארוואונדעטע זענען דערהרגעט געווארן. איך בין ארויסגעלאפן און בין נאך אמאל פארוואונדעט געווארן אין פוס... איך בין געפאלן אין גאס... מען האט מיך אויפגעהויבן און אוועקגעפירט צוזאמען מיט נאך פארוואונדעטע אין א שול-בנין, ווו עס איז געווען איינגעארדנט א מיליטער־שפיטאל... אויך דארט האבן די דייטשן געווארפן צינד-באמבעס. די קראנקע זענען ווידער געלאפן און אזוי געפין איך זיך דא אין דעם אינסטיטוט... אפשר וועט מען נישט וויסן, אז דא ליגן קראנקע און דאס הויז וועט געשוינט ווערן.

— אבער מען באמבארדירט דאך שוין נישט... זייט רואיק! — וויל איך אים טרייסטן.

ער גיט א ביטערן שמייכל, אזוי ווי איינער זאגט: נארט מיך... נארט...

— איר וועט באלד אהיימגיין — זאג איך ווייטער.

— אהיים? ווו האב איך איצט א היים? מיין הויז צעשטערט, מיין פרוי דערהרגעט. מ'האט זי אין מיינע אויגן ארויסגעשלעפט פון אונטער די חורבות א טויטע. מיין זון איז געבליבן ליגן אונטער די חורבות... די טאכטער מיינע, וועלכע האט מיך באגלייט אין שפיטאל, איז אויפן וועג דערהרגעט געווארן — צעוויינט ער זיך ביטער.

— גיט אונדז עפעס צו עסן — בעט זיך א יונגערמאן מיט א באנדאזש אויפן קאפ.

— געלט קאנען מיר אייך איבערלאזן... אפשר וועט איר מארגן קאנען שיקן עפעס קויפן. היינט קריגט מען נאך נישט.

— אוי, ווארטן ביז מארגן — זיפצט ער שווער.

מיר טראגן ארויס די קראנקע. עס איז זייער א ווייטער מהלך... פון יערוזאלימסקע אליי ביז פאנסקע... ווען מיר קומען אויף דער מארשאל-קאווסקא פרעגט די קראנקע:

— ווו טראגט מען מיך?

— אויף פאנסקא גאס — ענטפערן מיר.

— פארוואס גייען מיר עפעס הינטער דער שטאט, צו די פאזיציעס?

— ניין... דאָס איז נישט הינטער דער שטאָט... דאָס איז די מאַר־שאַלקאָווסקאַ אין סאַמע צענטער פון וואַרשע.

— מאַרשאַלקאָווסקאַ? דאָס איז די מאַרשאַלקאָווסקאַ?! — זי צע־וויינט זיך ביטער.

— יאָ, מאַרשאַלקאָווסקאַ — און מיר וויינען מיט איר צוזאַמען — אַזוי זעען אויס אונדזערע גאַסן.

וווהין זאָל מען טראָגן די קראַנקע? — רעדן מיר צווישן זיך — דאָס הויז, וווּ זי האָט געוווינט, איז דאָך איינגעפאַלן, צעשטערט... אפשר צו עמיצן פון אונדז?

— ניין... ניין... איך וויל זען מיין קינד, מיין מאַן... טראָגט מיך צו זיי. און זי ווענדט זיך צו מיר: — איר זענט דאָך אויך אַ פרוי און אַ מאַמע... איר וועט מיך פאַרשטיין.. איך וויל האָבן רו, איך וויל זען, אַז מיין קינד און מיין מאַן לעבן.

— אייער מאַן וועט קומען צו אייך...

— איך וויל צו מיין קינד... האָט מיטלייד! — בעט זיך די קראַנקע.

— ווו זאָלן מיר גיין? דאָס קינד ליגט ביי אַ שכנטע אין צווייטן הויז, נעבן דעם איינגעפאַלענעם הויז.

מיר גייען ווייטער, ווען מיר קומען אויף פאַנסקע 23, זעען מיר, ווי ביי דער חורבה שטייען מענטשן און גראָבן עפּעס. דאָס זוכן זיי די מתים און ווילן אַרויסראַטעווען אַ ביסל זאַכן. דער אַרטיסט מאַקס ברין, דער מאַן פון דער פאַרוווּנדעטער, צווישן זיי. זיין פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד. די אויגן רויט. ער איז אָנגעטון אין אַ פּאָר שטעק־לאַטשן און אין אַ דין צעריסן כאַלאַט. אויף דער האַנט האַלט ער אַ באָרדאָ פרויען־מאַנטל מיט אַ קישן.

— חבר ברין! — גיב איך אַ געשריי. ער דערזעט אונדז, לויפט ער גיך צו... נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעט ער זיך אָן אַ מת, וואָס ליגט נעבן רינשטאָק. ווען ער דערזעט זיין פרוי, צעוויינען זיך ביידע שטאַרק.

— זעסט — זאָגט ער וויינענדיק — כ'האָב אַרויסגעצויגן פון אונ־טער די חורבות דיין מאַנטל און אַ קישן...

— און מיין טויטן מאַן. — גיט צו אַ פרוי מיט אַ געל, אויסגעלאָשן פּנים.

פרוי ברין בעט זיך ביי אונדז: זי וויל זען איר קינד. אָבער עס איז אוממעגלעך מיטן טראַגבעטל אַדורכצוגיין דעם שמאָלן איינגאַנג.

זי קוקט אונדז אָן מיט פאַרדראָס. זי בעט זיך:

— זאָגט דעם אמת. — זי וויל נישט גלויבן, אַז איר קינד לעבט.

מיר טראָגן זי אַריין דורכן פענצטער אין אַ קליין קיכל פון אַן אַריי־מער שכנטע. ווען איך גיי אַרויס, דעריזע איך ווי דער אַרטיסט סאַמבערג שטייט, ער האָט געוווינט אויף פּאַנסקאַ 22, גלייך קעגנאיבער. דאָס הויז איז פאַרברענט און צעשטערט. ער שטייט און קוקט אויף דער חורבה: אפשר וועט מען קאָנען עפּעס אָפּראַטעווען פון אַזוי פיל יאָר שווערע פּראַצע?

ווען איך קום אַהיים, האָב איך שוין אַ שטיקל באַריכט, אַ טרויע־ריקער באַריכט: אַ סך פריינד דערהרגעט. זייער פיל פאַרוווּנדעט.

מיד, צעבראָכן פון דעם גאַנג, בלייב איך ליגן אויף דער קאַנאַפּע אין שטוב. איך בין זייער אויסגעשעפּט. עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק ליגן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע. אָבער מ'האָט דאָך מורא צו בלייבן אין שטוב. מ'קאָן נאָך איינשלאָפן און נישט הערן די באָמבאַרדירונג, ווען ס'וועט זיך ווידער אָנהויבן.

ס'וואָלט זיך אַזוי וועלן אויסטון און אָביסעלע אַרומוואַשן זיך... גאָט, ווען מען וואָלט נעקאָנט זיך אויסבאָדן. אָבער דאָס בלייבט בלויז אַ חלום... ערשטנס, איז נישטאָ קיין וואַסער... צווייטנס, ווער וועט ריזי־קירן און זיך אויסטון? אין מיטן קאָן מען דאָך ווידער אָנהויבן שיסן... איך רוף אַרויף מיינע פּליטים, אַז זיי זאָלן נעכטיקן אין שטוב, אָבער נישט אַלע האָבן צוטרוי צו דעם וואַפנשטילשטאַנד... מ'האָט מורא, אַז דאָס איז עפּעס אַ טריק, אַ נייע שפּיצל פון די דייטשן...

— ביז עס וועט זיך נישט באַווייזן קיין אָפיציעלער קאָמוניקאַט, אַז עס איז וואָפנשטילשטאַנד — זאָגט מיר דער אַרטיסט אַלעקס שטיין — וועל איך בלייבן אין שוץ־קעלער...

ער און נאָך אייניקע פון מיינע פּליטים זענען טאָקע יענע נאַכט נאָך

געבליבן זיצן אין שויץ־קעלער, בלויז איינינקע, די דרייסטערע האָבן גענעכ־טיקט אין שטוב. אָבער דער „דיזשור" איז אַלץ געבליבן. עס האָט איי־נער כסדר געוואַכט...

מיטוואָך, 27. סעפּטעמבער.

די ערשטע נאַכט, וואָס מיר זענען געשלאָפן אין שטוב. עס רעדט זיך אַזוי געשלאָפן... אויסגעטון האָט זיך קיינער נישט... קיינער פון אונדז האָט נישט געגלויבט, אַז מיר האָבן שוין אַביסל רו... נייַנציק פּראָ־צענט פון די וואַרשעווער איינוווינער האָבן אויך די נאַכט גענעכטיקט אין די שויץ־קעלערס. מיר האָבן זיך געלייגט אין די בעטן... די גלידער זענען געווען ווי אָפּגעטויט, נישט געדינט מער און זיך געבעטן ליגן רו־איק, אָבער מיר האָבן פּאָרט מורא געהאַט איינצושלאָפן... טאָמער...

אין קעלער זענען מיר שוין געווען צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, אָבער אין שטוב זיך אַרומדרייען אין דער פינצטער איז געווען שרעק־לעך. ליג איך אויפן בעט און ווייס נישט, וווּ איך געפין זיך אויף דער וועלט. איינער שטעלט דעם אַנדערן אַ פראַגע: ווער? ווער האָט פאַרנו־מען די שטאָט? האָבן די ענגלענדער אונדז אויסגעלייזט? און אפשר אַנ־דערע? אַ גאַנצע נאַכט זענען געפלויגן די עראָפּלאַנען מיט אַזאַ שרעק־לעכן רויש און מיר ווייסן פּאָרט נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט...

דער טויט האָט כסדר געשוועבט פאַר די אויגן...

***

אין יעדן הויף זענען פאַראַן קברים... עס איז דאָך געווען אוממעגלעך מקבר צו זיין די טויטע, האָט מען זיי באַגראָבן, וווּ עס האָט זיך געלאָזט: אין סקווער, אין הויף, אויף דער גאַס... און וויפל מתים וואַלגערן זיך נאָך איצט אויף די גאַסן?! שטייען די מענטשן ביי די קברים, קוקן און שעפּ־טשען:

— אָט דאָס האָבן דאָך געדאַרפט זיין שויץ־גראָבנס, וואָס מיר אַליין האָבן געגראָבן, כדי זיך צו פאַרטיידיקן... האָבן מיר גאָר געגראָבן קברים פאַר זיך אַליין צוגעגרייט...

אַט פּאַרט אַ לאַסט וואָגן פון „חסד של אמת" און קומט צונעמען די מתים... עס שטעקט אַרויס פון וואָגן אַ האַנט אין אַ הענטשקע... עס זעען זיך אַ פּאָר פיס... עס הענגען אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע לאַנגע צעפּ פון אַ יונג מיידל... אַט זעט מען אַ מיליטער־שינעל... אַזוי ליגן גאַנצע קופּעס מתים, ווי שמאַטעס, די קברנים פּאָרן לאַנגזאַם... זיי קוקן אויף די רינשטאָקן, אויף די איינגעפאַלענע הייזער, אויף די באַריקאַדן... אַט הויבט מען אויף אַ טויט פערד, כדי אַרויסצושלעפּן אַ טויטן, אַ מענטש, וואָס ליגט אונטערן טויטן פערד... אַלץ וואַרפט מען אין וואָגן אַריין, ווי דאָס וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט אין זיך קיין לעבעדיק, היים בלוט, אַזוי ווי דאָס וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט קיין לעבעדיקן אָטעם, קיין נשמה...

אַט לויפט צו צום וואָגן אַ יונגע פרוי מיט אַ קאָפּ גרויע צעפּלאָשע־טע האָר. זי צעוואַרפט די טויטע... זי זוכט איר טאָכטער... זי איז אַרויס פון שטוב נאָך אַ ביסל וואַסער און מער נישט צוריקגעקומען... די אומ־גליקלעכע מאַמע איז געלאָפן איבער די שפּיטאָלן פון איין מתים־שטוב צו דער צווייטער... זי איז גרייט געוואָרן דורך די צוויי טעג און קאָן איר טאָכ־טער נישט געפינען.

**
*

אַזוי גייענדיק אין גאַס זאָגט מען מיר אָן די טרויעריקע בשורה, אַז אונדזער חבר דניאל שאַפּיראָ, דער געוועזענער אַרטיסט פון די „ווילנער", איז מער נישטאָ... אַט דער שטאַרק געבויטער מאַן, אַט דער ריזן־קערפּער איז דורכגעלעכערט געוואָרן פון אַ שראַפּנעל ווי אַ זיפּ...

מען דערציילט מיר:

— ער האָט זיך געהאַט אַביסל צוגעלייגט אויפן געלעגער פון זיין חבר גרודבערג (יצחק טורקאָוו). איז גרודבערג געזעסן ביים טיש, גע־דרימלט און געקוקט מיט קנאה אויפן חבר שאַפּיראָ, וואָס האָט פאַרנומען זיין געלעגער... און דער שראַפּנעל האָט גראָד געטראָפן אין שאַפּיראָן... אַדורכגעלעכערט זיין קאָפּ. דער אָרימער האָט נאָך אַ פּאָר שעה זיך געמאַ־טערט און איז געשטאָרבן...

ער איז געווען דער איינציקער דערהרגעטער, ווען מ'האט איינ־געאָרדנט אַ לויה און ווען מ'האט מקבר געווען אויפן בית־עולם.

און די, וועלכע זענען געגאנגען אויפן בית־עולם צו דער לויה, האָבן אויך געגוג מיטגעמאַכט. באַזונדערס האָט ח' מאיר ווינדער זיך באַמיט גוט דורכצופירן די לויה.

אויפן בית־עולם שפּילן זיך אָפּ שרעקלעכע סצענעס. עס לויפן אַרום פאַרצווייפלטע, פאַרחושכטע מענטשן, אַלט און יונג, פרויען און מענער, און מען זוכט צווישן די קופעס מתים די פאַרלוירענע קרובים. מען וואַרפט איבער די מתים: דערביי הערן זיך שרעקלעכע האַרצרייסנדע קולות און יללות.

אָט האָט אַ טאַכטער דערקענט איר פאָטער. דאָס יונגע מיידל חלשט. זי האָט נישט קיין מוטער... איצט האָט די מלחמה אויך אַוועקגעריסן איר טאַטן... מען ראַטעוועט זי קוים אָפּ. די מענטשן, וועלכע געפינען צווישן די טויטע זייערע נאָענטע — זענען שוין „גליקלעכע"... די, וואָס זוכן, זענען אויס ווי משוגע. אָט לויפן מאַמעס פון יידישן בית־עולם אויפן קאַטוילישן, פון קאַטוילישן אויפן עוואַנגעלישן... מען לויפט אין אַלע קירכעס אין אַלע שפּיטאָלן — מיט האַלב וואַנזיניקע בליקן... מען ווייס, אַז מ'האָט שוין קיין האָפענונג צו געפינען דעם נאָענטן אַ לעבע־דיקן... אָבער עס ווילט זיך באַטש וויסן, וווּ ער איז.

— איך וויל כאָטש אַמאָל גיין אויף זיין קבר — ווײנט פאַר מיר מיינע אַ באַקאַנטע, וועלכע קאָן נישט געפינען איר זון — פאַרוואָס זאָל ער ערגעץ בלייבן ליגן ווי אַ הונט? פאַרוואָס קומט דאָס מיר? — וויינט די אָרימע מוטער אָן אויפהער...

— איר וועט זען, ער וועט זיך נאָך אָפּזוכן, — זאָג איך, זי צו טרייסטן — אפשר ליגט ער ערגעץ קראַנק און מ'האָט אייך נישט צו וויסן געטון.

— ניין! איך ווייס... איך ווייס... ער איז שוין נישטאָ... מיין אויג אין קאָפּ! — און זי וויינט שוין נישט... די טרערן האָבן שוין אויסגע־טרוקנט אירע אויגן.

איך האָב מורא צו גיין געוויר ווערן צו פריינד, צו באַקאַנטע. פון

אלע זייטן קומען שלעכטע גריסן, שרעקלעך שלעכטע... אבער מען מוז גיין...

מיר גייען איינער צום אנדערן. מיר ווילן זען, וואס מ'מאכט... ליי־דער, ווו מיר קומען, האבן מיר כסדר טרויעריקע ידיעות: דער ארטיסט ליפמאן ליגט א שטארק פארוואונדעטער. דער אקטיאר ראזען איז געווארן פארוואונדעט ביים לעשן א שרפה אויפן דאך... דער אקטיאר שערמאן און זיין פרוי זענען פארוואונדעט... די ארטיסטקע וועליש איז צוויי מאל פאר־שיט געווארן. זי האט זיך געהאט איין מאל געראטעוועט פון אן איינ־געפאלענעם הויז און אוועק צו א קרובה און דארט ווידער פארשיט גע־ווארן... דער סופליאר משה זאנדבערג האט זיך קוים ארויסגעראטעוועט מיטן לעבן פון חרובן הויז, ווו ער האט געוווינט... דער אקטיאר פאז־נאנסקי איז ארויס נאקעט און באָרוועס, הערמעלין — קוים ארויס מיטן לעבן. העלענא גאטליב ארויסגעשלעפט געווארן פון אונטער די חורבות קוים א לעבעדיקע... לאנדוי, קליין, פעלער א. אז. וו. זענען ארויס נאקעט און באָרוועס פון די ברענענדיקע הייזער.

אלע ליגן אין ארטיסטן־פאראיין, ווו דער דאך איז געווארן דורכגע־שאסן, ביי די אויסגעהאקטע שויבן, הונגעריקע, אן א קאלדרע, אן א קישן, ווארטן זיי אויף א ביסל טיי, וואס דער ארטיסטן־פאראיין גיט ארויס.

איך גיי ארויף אין פאראיין, דאס האריץ ווערט צעריסן אויף שטי־קער.

— עס איז דאך ערב סכות — וויצלט זיך דער אלטער ווינער, דער קאמיקער — מ'דארף קרינגן אביסל סכך און צודעקן דעם דאך... וועלן מיר האבן א גוטע סוכה...

און ביי דעם דאזיקן עלנד זענען אלע פונדעסטוועגן גליקלעך, מען איז געראטעוועט געווארן פון טויט און מ'הערט שוין נישט די באמבן־מוזיק.

די איינגעפאלענע, מאטע פנימער שמייכלען שוין, כאטש מען איז הונגעריק...

*
**

מענטשן שיטן זיך אויף די גאסן און אומעטום איז פול, פשוט שווארץ פון מענטשן.

פונוואנען האבן זיך גענומען אזוי פיל מענטשן? אויף די טראטוארן קען מען נישט גיין, זיי זענען באליגט מיט ציגל פון מויערן. מ'קאן זיך איינפאך נישט דורכשטופן. אלע קריכן איבער די חורבות, און אין מיטן וועג. מען לויפט מיט פלעשלעך, טעפ, קעסלען — מען לויפט — מען לויפט נאך וואסער...

איך וויל גיכער אריבערקומען, קריך איך דורך א חורבה אויף גראניטשנע גאס. פלוצלינג ווערט מיר דאס בלוט פארקילט אין די אדערן. צווישן די ברעטער און ציגל שטעקט ארויס א פרויען־פוס, אנגעטון אין א ברויגעם, זיידענעם זאק מיט אן עלעגאנט דאמען־שיכל. דער זאק איז גאנץ. דער דינער וועב פון זיידענעם זאק איז אפילו נישט גערירט... דער פוס זעט אויס אזוי ווי פון א פיגור...

מיר ווערט קאלט אין די ביינער... איך האב געפילט, אז איך פאל אום... מיר איז שלעכט געווארן... און איך בין געפאלן אין די הענט פון מיין באגלייטער א פארחלשטע... מען האט מיך אפגעמינטערט, אבער פאר די אויגן שטייט מיר כסדר אט דער געטאקטער דאמען־פוס מיטן דינעם זיידענעם זאק.

צו וועמען האט דער פוס געהערט?

עס ציען זיך איבער די גאסן גאנצע מחנות מענטשן, זיי טראגן אביסל וואסער אזש פון דער ווייסל. כדי צוצוקריגן זיך צום וואסער, מוז מען שטיין א פאר שעה אין ריי. קיין עמערס האט מען נישט. טראגט מען דאס וואסער אין די גאנשערס פון דעם ווישניאק, אין די סלאיעס פון איינגעמאכצן. מען גייט נאכן וואסער דריי־פיר קילאמעטער... די הענט שטייען אפ... די פיס טראגן נישט... מען איז אויסגעמאטערט און הונגעריק... צו עסן באקומט מען נישט. מען קריגט בלויז צו קויפן אוגערקעס פון דער אפגעברענטער פאבריק...

איבער די גאסן לויפן סאלדאטן צו זייערע באקאנטע. זיי זוכן ציוויל־קליידער, כדי נישט אויסצוזען ווי א זעלנער. פלוצלינג ווערט א געשריי:

— מען ראבירט! פוילישע זעלנער ראבירן.

איך זע ווי ביי א געשעפט פון מענער־קליידער, וואס איז ניצול גע־וואָרן פון דער באמבארדירונג, שטייט א גאנצע מחנה סאלדאטן און רייסן די אייזערנע זשאלוזע... זיי ווילן זיך אריינרייסן, כדי זיך איינצושאפן ציוויל־קליידער... באלד טראָגט זיך דאָס ראבירן אויך אריבער אין די ציוויל־הייזער.

זעלנער אין טויט־שרעק ווילן באקומען קליידער, זיי רייסן פאַרהאַק־טע טיר און טויער. מען לויפט אריין אין די שטובן. מען כאפט אלץ, וואס מען געפינט אין די שענק... עס ווערט ווידער א געשריי, א בהלה... מען פאַרבאַריקאַדירט זיך אין די וווינונגען, אָבער די פאַרצווייפלטע זעלנער רייסן זיך פאָרט אריין... און דאָס וואָס איז ניצול געוואָרן פון באָמבעס און פייער, ווערט ראבירט פון די זעלנער...

מען לעשט אוים די ליכטלעך, אז ס'זאָל זיך נישט זען קיין ליכט דורך די צעבראָכענע שויבן... אפשר וועט מען אויסמיידן די ראבירונגען... ליגט מען שטיל אויף די געלעגערס, מען זאָל נישט הערן קיין שאָרך אין דעם הויז...

די הונגעריקע ציוויל־באפעלקערונג קאָן זיך אויך נישט איינהאלטן צו באהערשן די ווילדע אינסטינקטן... און ווי א פסיכאָז באפאלט אלע־מען, ווי מ'וואָלט זיך געהאט אָרגאניזירט... עס לויפן טויזנטער מענטשן צו די גאַנץ געבליבענע געשעפטן און לאגערן און מען ראבעוועט, מען פאָגראָמירט...

עס ברעכן זיך פרענטן. עס ווערן אויפגעריסן טירן. ווי ברויזנדע כוואליעס שטראָמען מענטשן אריין אין די געשעפטן און פאַרפלייצן זיי. עס מישט זיך קאשע מיט הערינג, פלוימען, ציבעלעס, רייז, ראָזשינקעס, שוועבעלעך, צוקער און חזיר־פעטס — גאנצע שטיקער... אלץ שלעפט מען פון די געשעפטן, פון די סקלאדעס. דאָס האָבן מענטשן געהאט באהאלטן אויף שפעקולאציע — צעטראָגט און צעשלעפט מען איצט...

אזוי פיל מענטשן האָבן געהונגערט.

און דאָ זעט מען, ווי ביי אן איינגעפאלן הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען א קאָלאָניאל־געשעפט, ליגט אויסגעמישט צוקער מיט אייל...

מענטשן קוקן נישט אויף קיין לעבנס-געפאר, וואס איז פארבונדן צוצוקו-מען צו א קעלער מיט סחורה.. כאטש דאס הויז קאן איינפאלן, מען קוקט נישט... מען קריכט איבער דער חורבה אונטער די אייזערנע בעלקעס, וואס האלטן זיך קוים און מען שלעפט דעם נאסן, שמוציקן צוקער...

און יעדער טראגט עפעס אין האנט... ווער א שטיק חזיר און ווער א פאר הערינג, ווער אביסל רייז און ווער אביסל מעל... די זעלנער האבן געשאסן אין די מענטשן, כדי זיי נישט צוצולאזן, כדי אליין צו ראבירן, אבער מ'האט שוין דעמאלט נישט געקוקט אויף גארנישט... אלץ איז געווען הפקר... מ'האט ארויסגעריסן ביים זעלנער די ביקס און ווייטער ראבירט.

פון עסנווארג איז מען איבערגעגאנגען צו אלץ, וואס ס'האט זיך נאר געלאזט... מ'האט געשלעפט טייערע פעלצן, שטיקער זייד און לייוונט, קאלאשן און היטן... אלץ, וואס איז נאר פארבליבן אין די געשעפטן — אלץ האט מען געכאפט, געשלעפט און געראבעוועט...

אזוי האט אין ווארשע יענע נאכט פון ערב סוכות געווילדעוועט דער המון. מען האט ראבירט און פאגראמירט אלץ, וואס איז געשוינט גע-בליבן פון פייער, פון דער באמבארדירונג.

ראנערשטיק, 28. סעפטעמבער.

דער ערשטער טאג סוכות. ווידער א הערלעכער, ווארימער טאג. מען פילט זיך פריי. דאס ראבירן האט אויפגעהערט, די קאמענדאנטן פון די הייף האבן איבערגענומען די ביקסן פון די זעלנער און מ'האט אנגע-הויבן באשיצן די באפעלקערונג. מען פרייט זיך מיט די לעבנגעבליבענע. מען האט זיך אויך צוגעוווינט צו די טויטע... שוין צוגעוווינט זיך אפילו צו די חורבות און צום אויסזען פון ווארשע...

דער קאמענדאנט פון הויף טיילט יעדן איינוווינער א פערטל זעל-נערישע סוכארעס און 3 דעקא חזיר-שמאלץ, וואס מ'האט באקומען פון אפראוויזאציע-קאמיטעט. מען האט אנגעהויבן צו צעטיילן דעם פראָ-וויאנט-זאפאס פון מיליטער פאר דער באפעלקערונג. הינטן ארום קען מען שוין באקומען א קילא קארטאפל פאר דריי זלאטעס. נו, וואס פעלט אונדז?

איך קויף אַ קילאָ קאַרטאָפל פאַר דריי גילדן. די שמאַלץ האָב איך פאַר מיר און פאַר מיינע 17 פאַרשווין, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביי מיר, אויך באַקומען... און זעלנערישע סוכאַרעס אויך... און האַלץ נעמט מען דאַך פון די צענומענע באַריקאַדן און פון די חורבות... הכלל, איך קאָך אָפּ אַ קאַרטאָפל־זופּ אָנגערייִשט מיט אַ סך גריוון און מיר האָבן לכבוד סוכות אַ מאָלצייט, וואָס פאַרשמעקט דעם גאַנצן הויף...

מיינע הונגעריקע פּליטים זענען זיך מחיה; אַ קלייניקייט, שוין באַלד דריי וואָכן קיין קאַרטאָפל נישט געגעסן, אויך טיי קריגט יעדער — אַ גאַנץ גלאָז טיי... דאָס ערגסטע איז אָבער מיטן וואַסער... אַ גאַנצן טאָג קריג איך זיך מיט די פּליטים צוליבן וואַסער. איך בין געוואָרן אַ היטערין פון וואַסער... יעדער איינער האָט נאָר דאָס רעכט צו נעמען איין גלאָז וואַסער, וואָס מוז אים קלעקן זיך אָפּצוואַשן און אפילו צום טרינקען. דאָס איבעריקע וואַסער ווערט פאַרנוצט אויף וואַשן דאָס געשיר, אויף טיי און אויפן קאָכן...

פלוצלינג האָט זיך היינט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רויטאַרמייער זענען אַריין קיין פּראַגע... האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף קיין פּראַגע. באַזונדערס איז געלאָפן דאָס יונגוואַרג. די ווייסל־בריק, וואָס טיילט אָפּ וואַרשע פון פּראַגע איז געווען געדיכט פון מענטשן. מען האָט געוואָלט באַווייזן, וואָס גיכער צו לויפן, איידער מען פאַרשפּאַרט דעם וועג... איז מען געלאָפן אין דער פינצטערניש מיט טאַשן־לעמפּלעך אין די הענט, כדי וואָס גיכער צו קומען צום ווייסל, איידער עס ווערט טאָג...

נישט אַלע האָבן געגלויבט די פּלאָטקעס. אַסך מענטשן זענען געווען מיד און נישט געהאַט מער קיין כוח צו לויפן... די איבעריקע זענען געווען אַפּאַטיש און רעזיגנירט.

פרייטיק, 29 סעפּטעמבער.

ווו זענען מיר? וואָס איז דאָס מיט אונדז, קיינער קומט נישט פאַרנעמען וואַרשע. קיינער וויל אונדז נישט... ווער מען וועלן דען נוצן אַזעלכע חורבות?

מענטשן גייען אויס פאַר הונגער, מ'האָט אָבער מורא צו גיין אויסער דער שטאָט צום פויער עפּעס קויפן. שוין דריי גאַנצע וואָכן, ווי איך

האָב קיין ברויט נישט געזען פאַר די אויגן. דאָס ביסל פּראָוויאַנט, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַרן מיליטער, איז צעטיילט און צעכאַפּט געוואָרן. מענטשן, וואָס זענען געווען אויסגעהונגערט און האָבן דאָס בעת דער באָמבאַרדירונג נישט געפילט, זענען איצט צוליב די שיינע וועטערן, צוליב דעם, וואָס זיי זענען געבליבן לעבן, געוואָרן פריילעכער געשטימט און דערמיט איז ביי זיי געוואַקסן דער אַפּעטיט.

דאָס גאַנצע אומגליק איז אָבער, וואָס מ'ווייס נישט, וואָס ס'איז געוואָרן מיט אונדזערע מענער און קינדער. יעדער, וואָס קומט צוריק, דערציילט, אַז אַלע שטעטלעך זענען באָמבאַרדירט און אָפּגעברענט, אויפן וועג זענען געפאַלן אַסך קרבנות... און יעדער האָט דאָך עמיצן געשיקט אין וואַנדער-וועג. ווען עס באַווייזט זיך איינער אַ צוריקגעקומענער, רינגלען אים אַלע אַרום. און די פאַרהלשטע פּנימער זוכן פון אים עפּעס צו דערגיין.

— אויף וועלכן וועג זענט איר געגאַנגען?

— אויף מינסק-מאַזאָוויעצק. עס איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכער וועג.

— אוי, רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ פון טיפן האַרצן פון אַ דערשלאָגענער מאַמען — אפשר האָט איר באַגעגנט מיין זון?

— מיינע צוויי זין זענען אויך געגאַנגען דורך מינסק-מאַזאָוויעצק.

— וואַרפט אַריין אַ קרעכץ אַ צווייטע מאַמע.

— און מיין אַלעק, און מיין מאַן אויך — הערט זיך אַ ציטערדיקע שטים.

— מיין שנור, אַ פרוי אין אַנדערע אומשטענדן, איז אויך אוועק מיט מיין זון, דורך מינסק-מאַזאָוויעצק, קיין בריסק...

— אפשר האָט גאָט זיי באַשיצט — טרייסט זיך איינע.

פּלוצלינג הייבט אָן רעגענען. אַלע זיפצן אָפּ און צעלויפן זיך און כאַפּן כלים אונטערצושטעלן אונטער די רינעס. די מענער וואַרפן גיך אַראָפּ די מאַרינאַרקעס און די העמדער און נישט קוקנדיק, וואָס עס איז געוואָרן זייער קיל, שטעלט מען זיך אונטערן רעגן און מען וואַשט זיך... יעדער פון זיי איז צופרידן... ענדלעך, זיך גוט אָפּגעוואַשן. פּלוצלינג

ברעכט אויס א שטארקע קריגעריי אויפן הויף. דאס קריגן זיך די ווייבער צוליב רעגן־וואסער. איינע האט ארונטערגעשטעלט א צו גרויסע כלי אויף רעגן־וואסער אונטער דער רינע, שרייען די אנדערע, אז דער רעגן קען נאך חלילה, אויפהערן און עס וועט צו די אנדערע, וואס שטייען אין דער ריי, נישט אנקומען קיין ביסל וואסער... דער הויף-קאמענדאנט מאכט ארדענונג, אז די כלי מוז זיין א קליינע, כדי אלע זאלן געניסן פון דעם רעגן-וואסער.

דער הויף איז אויסגעשטעלט מיט עמערס, טעפלעך, שיסלען, באליעס און וואס פאר א כלי מען האט נאר פארמאגט, שטייט זי איצט און נעמט אין זיך אריין די הערלעכע פליסיקייט, וואס הייסט רעגן־וואסער.

גלייכצייטיק דערפילן מיר איצט, אז די אויסגעהאקטע שויבן זענען נישט אזא באקוועמע זאך. אחוץ דעם, וואס עס רעגנט אריין אין וווינונג איז אויך קאלט. אבער וואס קען מען העלפן? נישטא קיין גלעזער, נישטא קיין גלאז און נישטא אזויפיל געלט, וואס שויבן וואלטן איצט געדארפט קאסטן. דרייט מען זיך אזוי ארום איבער דער שטוב אנגעטאן אין מאנטל, אדער מען טוליעט זיך איין אין א ווינקעלע פון קאנאפע און מען ליגט צונויפגעדרייט אזוי ווי א שלימאק און מען טראכט פון דעם, וואס פון אונדז איז געווארן...

איך קאן נישט מער איינליגן. די געדאנקען טראגן אוועק ווייט צו מיין מאן און קינדער. מיינע פליטים זענען אויך צעטראגן. יעדער האט דאך אין לאדזש געלאזן א פאמיליע. אלע זיצן איצט צוזאמען. דער רעגן האט זיי אלעמען אריינגעטריבן צוריק אין שטוב. זיי טראגן לייכטע זומער-קליידער. איך גיב זיי אליץ, וואס איך קאן נאר: מיין מאנס מאנטל, מיינע זינס וועש, מארינארקעס, אנצוגן און סוועטערס... אפשר וועט זיי ווערן אביסל ווארימער, וועט די שטימונג ווערן בעסער. אבער אפנים, איך האב א טעות געהאט... ווען זיי האבן דאס אלץ ארויפגעצויגן אויף זיך, האט מיין שוואגער ישראל קאהאן זיך אנגעקוקט אין שפיגל און זיך שטארק צעלאכט. זיי האבן אויסגעזען שרעקלעך קאמיש אין די גרויסע, אדער צו קליינע מלבושים און פון געלעכטער איז געווארן א געוויין. און דאס בילד איז געווען שרעקלעך ריירנד...

מענער האָבן געוויינט... עס איז געשטאַנען א גרופּע מענער ביי די שפּיגלען, געקוקט אויף זיך און געוויינט... יעדער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, וואָס ער האָט אַלץ איבערגעלאָזן אין דער היים.

איך האָב מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. כ'בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב...

שבת, 30. סעפּטעמבער.

כ'קאָן שוין מער נישט זיצן מיט פאַרליינגטע הענט. אמת, ביי מיר געפינען זיך איצט שוין ווייניקער מענטשן: די וואַרשעווער דאַכלאָזע: דער אַרטיסט אַלעקס שטיין מיט דער פאַמיליע פּלוים זענען שוין אוועק, אָבער אַלע לאָדזשער האָבן דערוויל נישט קיין וועג צוריק צו גיין אַהיים. מען מוז דאָך שאַפן פאַר זיי עפּעס עסן.

דער „דזשאָינט" האָט געגרינדעט קיכן, אָבער צוליב מאַנגל אין וואַסער זענען זיי געווען נישט טעטיק.

איך לויף אַרויף אין „דזשאָינט", מען זאָל מיר געבן אַביסל פּראָוויאַנט פאַר דעם אַרטיסטן-פאַראיין און פאַר מיינע פּליטים. דאָרט ווער איך געוווּיר, אַז ה' גוישטאַט איז פאַרווּנדעט, זיין פרוי איז גאָר שווער פאַרווּנדעט (איצט לעבט זי שוין נישט), אויך אַנדערע „דזשאָינט"-באַאַמטע זענען נישט געשוינט געוואָרן. דער לאָקאַל איז צעשטערט געוואָרן און דער „דזשאָינט" געפינט זיך ציייטווייליק אויף וויעלקאַ נאָס. צוגיין דאָרט איז אוממעגלעך, ווייל גלייך דערנעבן איז צעשטערט געוואָרן אַ גרויס הויז און דער גרוז האָט פאַרשיט די גאַנצע גאַס. איך גיי צוריק מיט ליידיקע הענט. איך בין מיד און אויך זייער הונגעריק. פּלוצלינג דערזע איך ווי אויף לעשנאָ גאַס טראָגט איינער אַ קליין לעבל ברויט אונטערן מאַנטל... די אויגן קריכן מיר שיער נישט אַרויס פון קאָפּ. איך גיי צו און פרעג:

— ר' ייד, וווּ האָט איר געקויפט דאָס ברויט?

דער ייד גלייכט אויס גיך דעם מאַנטל, אַז מ'זאָל נישט זען זיין אוצר און זאָגט מיר שטיל:

— אָט דאָ, אויף לעשנאָ 52, צען זלאָטעס באַצאָלט...

— פאר אזא קליין ברייטעלע? — וואונדער איך זיך. דאך לויף איך אוועק אויף לעשנא 52, קיין ברויט האב איך שוין נישט באקומען.

לעשנא 52. דא האבן מיר אונדזער דרוקעריי, אין וועלכער מיין מאן און די קינדער האבן אזויפיל מי און שוויים אוועקגעגעבן. איך האב די גאנצע צייט אפילו נישט א טראכט געטון וועגן דער ראטאציע-מאשין... איצט האבן מיינע אויגן פארבלאנדזשעט אהין צו דעם בנין, וווּ ס'שטייט די מאשין... אלץ איז גאנץ, אלץ? עס טוט נאך מער וויי... פאר וועמען? וועלן נאך מיינע קינדער אמאל דאס זען? מיינע קינדער? ווער וויים, ווו זיי זענען? ווער וויים, וואס עס איז מיט זיי איצט... טרערן קומען אין די אויגן.

דאס הארץ חלשט פאר הונגער... אין דעם הויז געפינט זיך איצט ד"ר שיפער ביי ה' ק. איך גיי אריין. ד"ר שיפער דערפרייט זיך מיט מיר. אויפן טיש שטייט א קערבעלע פון ברויט. עס ליגן דארט א פאר איי־בערגעבליבענע שטיקלעך הארטע רינדלעך, נישט דערעסענע, באשמירט מיט מארמעלאדע. איך פיל, אז איך וועל נישט אויסהאלטן. דער אנבליק פון די שטיקלעך נישט דערעסענע קרייקעם רייצט מיך... מיר ווילט זיך אויסשטרעקן די האנט און זיי נעמען. דערביי טראכט איך, ווי פאר־שווענדעריש זענען די דאזיקע מענטשן פון דעם הויז: אין אזא צייט לאזט מען איבער שטיקלעך אפגעגריזשעטע ברויט...

די האנט אבער בלייבט ליגן אויפן טיש, ניין, עס איז נישט שיין... ארומגעגריזשעט ברויט. ד"ר שיפער שטעלט זיך אויף און גייט צו צום פענצטער. איצט איז די בעסטע צייט א כאפ צו טאן אזא שטיקעלע רינדל... ער דרייט זיך פלוצלינג אום און ווידער בלייבט מיין האנט הענגען אין דער לופט... איך בין אוועק און די שטיקלעך ברויט זענען געבליבן ליגן אין ברויט־קערבעלע... מיר איז געלאפן די סלינע פון מויל... פאר די אויגן איז אלץ געשווומען דאס קערבל מיטן ברויט...

איך גיי צוריק אהיים. אויפן וועג טרעף איך שטיין ביי די הייזער א סך מענטשן. זיי שלעפן שטיינער פון די באריקאדן. מען צענעמט, הייסט עס, די באריקאדן. די זעלבע מענטשן, וועלכע האבן געבויט די באריקאדן אונטערן האגל פון באמבעס און שראפנעלן, מוזן איצט אליין,

מיט די אייגענע הענט, זיי צענעמען, מאכן פלאץ פארן דייטשן מיליטער, וואס דארף אריינמארשירן. זיי ארבעטן מיטן בלוטיקן שווייס. מ׳זעט, אז די ארבעט קומט זיי איצט אן שווערער ווי פריער... כאטש מ׳זאגט, אז צענעמען איז לייכטער ווי אויפבויען...

דאס מאל איז געווען פונקט פארקערט: ביי יעדן שטיין, וואס מ׳האט אוועקגעלייגט צוריק אויפן טראטואר, איז די ארבעט באגלייט געווארן מיט א טיפן זיפץ פון הארץ. מ׳האט געפילט, וואס ס׳גייט אויף אונדז... מ׳האט פארשטאנען, צו וואס מען טוט אט די ארבעט...

איך האב גיך פארגעסן אן מיין הונגער...

זונטיק, 1. אקטאבער

נעכטן ביינאכט האט מען עפעס אנגעהויבן רעדן, אז מ׳האט געזען דייטשן אין שטאט... אזוי ווי מיר זענען געווען געוווינט צו די ווערטער: „אליין געזען" — האבן מיר אויך דאס מאל נישט געגלויבט אפילו אין דעם אמת אליין. היינט אינדערפרי האבן אלע מענטשן אויסגעזען אנדערש. מ׳האט געזען אויף די פנימער שרעק און פארצווייפלונג. מ׳האט מער נישט געזען אזוי פיל מענטשן אין גאס... דערפאר האט מען געזען אדורכפארן אויטאס מיט דייטש מיליטער...

אלזא, וויסן מיר שוין ווי מיר האלטן אין דער וועלט.

צוליב דעם איז מען געזעסן אין „שוץ-קעלער"? צוליב דעם האבן מיר מיטגעמאכט א באמבארדירונג? צוליב דעם זענען געפאלן אזוי פיל קרבנות? פארפאלן, מען מוז זיך אונטערווארפן דעם גורל. פארבייסן די ליפן ביז בלוט און שווייגן... כאטש דאס הארץ קאן פלאצן. מען מוז זיצן אין שטוב.

די שטוב אבער ווארפט אויף אלעמען אן אימה. קאלט, פינצטער, שמוציק און ענג. און די הויפטזאך, אז מ׳זיצט אין שטוב — הונגערט.

דורך די אויסגעהאקטע שויבן יאגט א קעלט. עס שוידערט. קודם־כל מוז מען זיך א נעם טאן צו די פענצטער. ווער עס קאן זיך דערלויבן, פארשטעלט די שויבן מיט דיקטן. דיקטן זענען אבער טייער און שווער צו באקומען, פארשטעלט מען די פענצטער מיט טאוול.

איך דערמאן זיך, אז ביי מיר שטייט אין קעלער א דעקאראציע

פון „טוביה דער מילכיקער"... דאָס וועט זיין גוט צו די פענצטער צו פאַרשטעלן. אָבער עס זענען שוין אַנדערע געווען קליגער פאַר מיר און מיין דעקאָראַציע פאַרנוצט צום מאַכן פייער... בלויז אַ קליין שטיקל איז געבליבן: דעם גלחס שטיבל... האָט טאַקע דער גלאָק פאַרשטעלט אַ גאַנץ פענצטער... אָבער דאָס איז קנאַפּ... איך נעם אַראָפּ די בילדער פון די ווענט און די טייערע לייוונט פון באַרימטע מאָלער באַשיצן מיך איצט פון קעלט. אָנשטאָט אויף דער וואַנט — פאַרדעקן זיי די שויבן. אַ ריזיק בילד פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט ביי מיר פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, איז אוודאי צונוץ געקומען: עס האָט געהאַט אַ גרויסע גלאָז, האָב איך אַריינגעשטעלט אַ גלעזערנע שויב און פאַרשטעלט אַ פענצטער.

מיר זענען געבליבן אין שטוב וואַרטן אויף אונדזער ווייטערדיקן גורל ביי פאַרהאַמערטע טירן און פענצטער... מ'האָט נישט געוואַגט די יידישע נאָז אויף דער גאַס אַרויסצושטעקן.

זיצן מיר אַלע אַזוי ווי מיר וואָלטן שבעה געזעסן.

— איך גיי אַראָפּ אין גאַס ברענגען עפּעס עסן — זאָג איך, זיך אויפהייבנדיק. אין דער מינוט, ווי איך האָב אַרויסגעזאָגט די ווערטער, קוקן אויף מיר 18 אויגן מיט אַזאַ מין מיטגעפיל און רחמנות, ווי איך וואָלט געגאַנגען זיך מקריב זיין אויף קידוש השם...

— מיר זענען נישט הונגעריק — זאָגט דער אַרטיסט מאָרים לאַמפּע, וועלכער איז געוואָרן דאַר ווי אַ שפּענדל — מיר וועלן שוין וואַרטן ביז מאָרגן.

איך אָבער נעם דעם מאַנטל און גיי. ביי דער טיר דעריאָגט מיך מיין שוואָגער ישראל קאָהאַן. ער זאָגט מיט אַ שרעקעוודיקער שטים:

— אויב דו האָסט מורא, דאַן בלייבט אין שטוב. דו ביסט שרעקלעך בלאַס. מיר וועלן זיך באַגיין אָן עסן.

— ניין, איך זע דאָך נישט אויס ווי קיין יידישע — ענטפער איך אים מיט אַ געמאַכטער רואיקייט — איך גיי...

און איך בין אַרויס פון שטוב.

איך דריי זיך אַרום אין גאַס. ווען איך דערזע דעם ערשטן דייטש, גיט מיר אַזאַ קלאַפּ אין קאָפּ, ווי עמיץ וואָלט מיר מיט אַ האַמער דער-

לאנגט... איך לאָז אראָפּ די אויגן... מיר איז שווער זיך צו באַגעגענען מיט זיין בליק...

דער דייטשער אָפיציר שטייט ביי זיין אויטאָ און רעדט זיך אדורך מיט א פּאָר יידן... וואָס, האָב איך נישט געהערט. איך האָב אָבער גע-האַט דעם איינדרוק, אַז ער פרעגט זיי דעם וועג, ווו צו פאָרן. מיט קיין פּאַליאַקן קאָן ער זיך ווארשיינלעך נישט צונויפרעדן...

איך לויף גיך. עס דארף זיין ביים בעקער נאָך ברויט. צען זלאָטעס א קילאָ... איך קאָן נאָך פארשפּעטיקן... און דער מהלך איז א ווייטער. פּלוצלינג שטעלט מיך אָפּ א מיליציאַנט. מ׳לאָזט נישט אדורך. עס מאר-שירט אריין דאָס דייטשע מיליטער אויף סענאַטאָרסקע גאָס.

מיט שרעק קוק איך אויפן מארש. די דייטשן מארשירן מיט טרי-אומף, מיט אויפגעהויבענע קעפּ... אזעלכע אויסגעפּוצטע, זאטע, מיט רויטע פּנימער... און די מוזיק שפּילט!... און עס ציען זיך אומענדלעך לאַנג די שורות זעלנער... אָן אן אויפהער... דייטשן גייען צופוס און רייטן אויך אויף פערד... און עס רירן זיך לויטן טאקט פון מוזיק: אויטאָס, טאַנקעס און קוילנווארפערס...

עס דויערט שעהן לאַנג... איך לויף אהיים... אלע אין שטוב גייען ארום און שווייגן... מ׳האָט מורא צו רעדן... מ׳האָט מורא פארן אייגע-נעם קול... מ׳האָט מורא צו גיין אין גאַס... מ׳האָט מורא פאר זיך אליין.

און פון גאַס טראָגט זיך א מוזיק... אוי, די מוזיק! די מוזיק! דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע פון אלע אונדזערע צרות... עס האָט זיך געוואָלט אנטלויפן, פארשטופּן די אויערן, באַגראָבן זיך אונטער דער ערד... די מוזיק האָט אונדז אומעטום פארפאָלגט...

איך טוליע איין דעם קאָפּ אין קישן, כדי דאָס נישט צו הערן. אָבער די מוזיק שרייט... זי רייסט זיך אדורך דורך די שלעכט פארקלאַפּטע שויבן און רייצט זיך מיט אונדז. שרעקלעך!... אָט די מוזיק וועלן מיר, דאכט זיך, קיינמאָל נישט פארגעסן... עס קלאַפּט א צאָן אָן א צאָן... עס איז קאַלט... בררררר.... און דאָרט שפּילט מוזיק. א מארש. איך צעוויין זיך הויך אויפן קול.

און אָט דעם טאָג פון ערשטן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן א נײ בלעטל אין אונדזערע צרות.

די קינדער פון שושנה און לאזאר קאהאן

די פארשוואונדענע צוויי זין און די טאָכטער לילי

(ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער)

II

וואַרשע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

2. אָקטאָבער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן אונטער דער דייטשער הערשאַפט; דער אָנהויב איז געווען פיל לייכטער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט: די דייטשן רעדן מיט די יידן זייער גערן, ווייל מיר זענען די איינציקע, מיט וועלכע זיי קאָנען זיך דאָ צונויפרעדן, פאַרשטענדיקן. מיר וועלן אַלע רואיקער און די פּליטים מיינע הויבן אָן צו פּלאַנעווען אַ צוריק־מאַרש צו זייער היים קיין לאָדזש.

זיי פאַרדריסט זייער, וואָס זיי זענען אַוועק פון לאָדזש. דער טייוול איז גאָרנישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים — טענהען זיי. אַנגעליטן זיך, געווען יעדע סעקונדע פאַראורטיילט צום טויט און דאָרט, אין לאָדזש, האָט מען געלעבט רואיק און געהאַט וואָס צו עסן... איצט מוזן זיי צו־ריקגיין צופוס קיין לאָדזש. קיין אַנדער קאָמוניקאַציע איז דערווייל נישטאָ. און יעדן טאָג איז דאָך איילןק זיך צו ווייזן דער פרוי און קינ־דער, טאַטע־מאַמע, אַז מען לעבט, מען איז נישט דערהרגעט געוואָרן.

מ'האָט דאָך די גאַנצע צייט נישט געקענט קיינעם צו וויסן טון וועגן דעם, אַז מען לעבט. מען איז דאָך געווען אָפּגעשניטן פון דער גאַנ־צער וועלט. איצט פאָרן זיי אַהיים. איך וויל יעדן עפּעס מיטגעבן אויפן וועג, אָבער מער ווי אַ פּאָר געטרוקנטע פלוימען און אַ פּאָר אוגערקעס קאָן איך קיינעם נישט געבן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס מ'האָט געקענט דעמאָלט באַקומען. ווייטער געגעבן יעדן עפּעס פון מלבושים: אַ

פּאַר שיך, קאַלאָשן (עס איז געווען אַ שרעקלעכער רעגן־טאָג), אַ טריקאָ־העמדל, אַ שאַליק און געלאָזט זיי אין וועג אריין.

מיר איז עפּעס געווען שווער, זייער שווער זיך מיט זיי צו שיידן! פּאַרט מיטגעמאַכט אַזוי פיל צוזאַמען... דאַכט זיך, אַז מען לעבט אָפּ מיט מענטשן דאָס גאַנצע לעבן, ווערט מען נישט אַזוי צוגעבונדן, ווי מיר זענען דאָס געווען. אָבער איך בין צופרידן, וואָס זיי פאָרן שוין אַוועק. ס'וועט זיין גוט פאַר ביידע צדדים. דאָרט אין לאָדזש וועלן זיי זיין ביי זיך אין דער היים און איך וועל נישט דאַרפן זיך אַזוי מאַטערן מיטן באַ־זאָרגן עסן פאַר אַזוי פיל מיילער... עס טוט מיר אָבער ווי דאָס הארץ, וואָס ווידער וועלן אָט די מענטשן מוזן גיין אַזוי ווייט צופוס פון וואַר־שע קיין לאָדזש... אָבער פאַרפאַלן. זיך געזעגנט און פון מיין שטעטל איז געוואָרן אַ דערפל.

איך באַגלייט זיי אַ שטיקל וועג. ווידער זעט מען ביי דער ראגאטקע גאַנצע מחנות מענטשן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, וואָס שפּאַנען צוריק קיין לאָדזש.

אָט די זעלבע, וואָס זענען מיט אַ חודש צוריק ערשט געקומען צו לויפן מידע, צעבראָכענע פון לאָדזש, גייען איצט צוריק. נאָך וואָס איז מען געלאָפן?

איך בין אויף זיך שרעקלעך בייז. נאָך וואָס האָב איך געלאָזט לויפן מיינע קינדער. גאָט ווייס, צי זיי לעבן?

די דייטשן טוען דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט. זיי טשעפּען דאָך קיינעם נישט...

און פון אַלע זייטן וואַנדערט מען. מען קומט צוריק קיין וואַרשע, מען דערציילט שרעקלעכע זאַכן פון וועג און דערביי דערציילט מען זיך אָן גוטס פון די דייטשן... אַלע באַדויערן, וואָס זיי זענען אַוועק.

עס איז געווען אַ לייכטזיניקייט פון מיין זייט און איך קאָן מיר דאָס נישט שענקען. פאַרטריבן די קינדער צו זיין נע-ונד. ווער ווייס אין וואָס פאַר אַ פעלד זיי ליגן דאָרט. נאַקעט, אָן אָנטועכץ, אָן געלט. עס רעגנט און עס איז קאַלט. אוי, גאָט! ווי שווער עס איז דאָס טראַכטן! ווען מ'וואָלט געקאָנט אויפהערן טראַכטן...

מען וואנדערט. איינער גייט אוועק, דער צווייטער קומט צוריק. עס גייען אוועק די לאדזשער און עס קומען צוריק די ווארשעווער...

ווען איך קום צוריק אין שטוב, טרעף איך אויף מיין גאס א גאנצע בהלה. מענטשן ברעכן די הענט און וויינען... די גאס איז ארומגערינגלט מיט דייטש מיליטער. עס שטעלט זיך ארויס, אז די דייטשן האבן רעקווויזירט וווינונגען פון א גאנצער גאס... שטייען קינדער-וועגעלעך מיט מאמעס, וועלכע בעטן זיך ביי די דייטשע זעלנער, אז זיי ווילן נאר ארויסנעמען עפעס אנטועכץ פארן קינד... זיי זענען אינדערפרי אראפּגעגאנגען שפּאצירן מיט די קינדער און דערווייל האט מען זייערע וווינונגען רעקווויזירט... זיי קאנען אבער מער אין זייער שטוב נישט אריינגיין. דאס געוויין איז גרויס. אייניקע האבן באוויזן ארויסצושלעפּן אביסל בעטגעוואנט. צווישן עולם שטייט ד"ר לייפּונער, אן אלטער, גוט באקאנטער דאקטאר אין ווארשע און קוקט מיט אויסגעשטארטע אויגן:

— וואס וועט זיין? אויך ער מוז אוועק פון זיין וווינונג.

מיך באפאלט א שרעק. וואס וועל איך איצט טון? ווו וועל איך גיין? איבערגעקומען באמבארדירונגען און שריפות... מיין היים איז גאנץ געבליבן... וועל איך איצט בלייבן אן א דאך איבערן קאפּ? שוין געמאכט די פענצטער אין ארדענונג, איינגעהייצט דעם אויוון מיט פּאפּיר און פּלוצלינג... צו וועמען גייט מען? ווען כ'קאן כאטש ארויסנעמען א קישן מיט א קאלדרע... עס פארדריסט מיך שוין, וואס איך בין אוועק פון שטוב... און דערווייל נישט באוויזן עפּעס מיטצונעמען.

באלד אבער ווערט אפּגעצוימט בלויז א טייל פון נאוואליפּקי גאס און דער רעשט ווערט פריי.

מיינע אויגן לויכטן אויף. הייסט עס, אז איך בין ווידער פון די גליקלעכע? מיין טייל גאס איז פריי!?

און עס ווערט אויסגעמישט א פרייד מיט א יאמער-געוויין. מיר פרייען זיך. יענע אומגליקלעכע, אנגעטון אין לייכטע קליידער וויינען, נעבעך, ביטער. וואלטן זיי כאטש געקאנט עפּעס ארויסנעמען פון זייערע וווינונגען... און ווו גייט מען? אין יעדער שטוב זענען איצט דא אייניקע

פאמיליעס, געראטעוועטע פון צעשטערטע און ברענענדיקע הייזער... מען וויינט ענג, צוזאמען, ווו טוט מען זיך אהין?

שטייט א פרוי אן עלטערע מיט א געל איינגעשרומפן פנים און וויינט:

— מיין זונס הויז איז איינגעפאלן... ער ליגט אין שפיטאל. זיין ווייב און קינדער האבן ביי מיר געפונען א דאך איבערן קאפ נאך די שרעקלעכע איבערלעבענישן, איז ווו זאלן מיר איצט אלע גיין? מיר זענען 16 נפשות, צונויפגעלאפענע פון אומגליקן... און איצט... וואס זאלן מיר איצט טון? סיידן אין ווייסל אריין... אפילו אין שוץ־קעלער וועט מען דאך אונדז איצט נישט ארייננלאזן.

ארימע מענטשן! א גליק, וואס איך בין איצט נישט אין דער זעלבער לאגע...

ווער ווייס, וואס ס'וועט זיין מארגן.

דינסטיק, 3. אקטאבער.

איך זיץ אין שטוב. כ'האב מורא ארויסצוגיין. אפשר וועט מען קומען רעקווירירן די וווינונג. ווייל איך זיין דערביי, כ'זאל קאנען עפעס מיטנעמען, ווייניקסטנס דאס נייטיקסטע... שטייען ווידער איינגעפאקט וואליזעס און איינגעבונדן אביסל בעטגעוואנט און איך זיץ און ווארט. ווידער פארטיק צום וואנדערן.

אין שטוב זענען מיר איצט בלויז פיר פערזאן. מיין שוואגער ישראל קאהאן, דער ארטיסט מאריס לאמפע, איך און מיין דינסטמיידל. פראוויאנט דארפן מיר שוין איצט אסך ווייניקער, אבער מען מוז דאך פארט עסן... ווען איך וועל נישט ארויסגיין אין גאס, וועט דאך אין שטוב גארנישט זיין וואס צו עסן... ווארט איך אזוי ביז עס ווערט פינצטער. פארנאכט וועט מען שוין נישט קומען און דעמאלט ערשט גיי איך אראפ קריגן עפעס עסן. אבער דעמאלט קען מען גארנישט באקומען. עס איז פינצטער און מ'זעט נישט ווו צו גיין. נישטא קיין ליכט אויף דער גאס... מען קאן אויך נישט גיין צוליב די בערג מיט חורבות.

מיטוואך, 4. אקטאבער.

מען ליגט אפ א נאכט אין שרעק. מען ווארט אויף רע־

וויזיעס... מען ווארט אויף רעקוויזיציעס... יעדער שארך אויפן הויף, גיט א ריס אין הארץ. יעדע באוועגונג אויף די טרעפ שטעלט אפ דאס קלאפן פון הארץ... טאמער גייט מען...

פלוצלינג עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין די ארטיסטין פשע־פיורקא מיט איר פאטער. זיי האבן געבראכט אונדז עפעס עסן. ער פאקט אוים א הייסן קרוג זופ און א שטיק שווארץ ברויט.

ברויט!! גאט אין הימל, שוין פונקט 4 וואכן ווי איך האב דאס לעצטע מאל געגעסן ברויט...

איך האב גארנישט געגלויבט, אז עס איז ווירקלעך אמאל געווען אזא פראדוקט וואס הייסט ברויט. און דא ליגט א שטיקל ראזאווע ברויט, אמתדיק ברויט...

— הא, איז עס א חלום, אדער אויף דער ווארª? האב איך טאקע ברויט?

איך קאן זיך נישט באהערשן, איך שעם זיך אפילו פאר די אנוועזנ־דע, אבער איך מוז, איך מוז די ערשטע אויסשטרעקן די האנט און גיב א כאפ א שטיק ברויט.

איך הייב אן גיך צו עסן. עס איז מיר אבער א שאד עס אויפצועסן מיט איין מאל... עס ווערט וואס אמאל ווייניקער און עס דארפן דאך פון דעם עסן נאך דריי מענטשן... צעטייל איך דאס ברויט אין פיר טיילן. יעדעס מאל מעסט איך צו... מיר ווייזט זיך אוים, אז די איבע־ריקע זענען גרעסערע פארציעס... האב איך אנגעהויבן אראפצוגנבענען אזוי, אז ס'איז כמעט דארט גארנישט געבליבן.

— עס איז נאך דא זופ — זאגט לאמפע...

אבער ווער האט איצט אין זינען די זופ? עס איז דא א שטיקל ברויט און דאס איז דער עיקר...

— פלייש!! — שרייט אוים לאמפע.

— ווירקלעך פלייש — שרייט אוים קאהאן.

— וואס טוט זיך דאס? פון וואנעט האט איר גענומען פלייש? סיידן איר האט דערהרגעט א מענטש און אים אפגעקאכט. — לאך איך. און מיר שלינגען גיך די זופ.

— פראכטפולע זופ — קאָן איך זיך נישט אָפּלויבן — מיט וואָס האָט דאָס אייער פרוי געקאָכט אַזאַ גוטע זופּ?

— מיין פרוי? — צעלאַכט זיך פּשעפּיורקאַ — דאָס האָב איך דאָך באַקומען פון די דייטשן... ביי מיר אויפן הויף האָבן זיי אוועקגעשטעלט אַ פעלד-קיך, האָבן מיר אָן אייך נישט פאַרגעסן...

מיר בלייבט שטעקן דער ביסן אין מויל...

די איבעריקע לאָזן אַרויס דעם לעפל פון האַנט...

אַ שאָד... אַ שאָד... אַזאַ גוטער מאָלצייט געווען... אַ שאָד, וואָס מ'האָט עס צעשטערט...

דאַנערשטיק, 5. אָקטאָבער.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פאַרטאָג, 4 אַזייגער, כדי זיך צו שטעלן אין דער ריי נאָך קוילן. דאָס האָלץ פון די באַריקאַדן און פון די צע-שטערטע הייזער איז שוין לאַנג צעבאַפּט. אין שטוב איז קאַלט. נישטאָ מיט וואָס קיין ביסל וואַרימס אָפּצוקאָכן. אויף די גאַסן האָבן זיך באַ-וויזן פּלאַקאַטן, אַז די קראַמען מוזן זיין אָפּן ביז 4 פאַרנאַכט, און די קוילן-סקלאַדעס וועלן האָבן קוילן פאַר דער באַפעלקערונג... 10 קילאָ אויף אַ פּערזאָן. מיין דינסטמיידל איז געגאַנגען נאָך וואַסער, איך נאָך קוילן און די מענער מוזן בלייבן אין שטוב וואַרטן...

עס גיסט אַ שרעקלעכער רעגן. אויף דער נשמה איז אויך פאַר-וואָלקנט. היינט 4 וואָכן ווי מיין מאַן און מיינע קינדער זענען אוועק... קיין איין לעבנס-צייכן האָב איך ביז אַהער נישט דערהאַלטן...

ווער ווייסט, צי זיי זענען געבליבן לעבן?... עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ... אויפגעהאָדעוועט זין, געהאָרעוועט שווער, געגעבן זיי אַ גוטע דערציאונג. מענטשן האָבן מיך מיט זיי מקנא געווען. גאָלדענע גוטע קינדער און איצט, ווער ווייסט, וואָס עס איז מיט זיי...

דאַכט זיך, אַז נישט 4 וואָכן איז עס ערשט, נאָר 4 צענדליק יאָר, אַן אייביקייט...

מ'טאָר נישט קלערן. מ'קאָן משוגע ווערן. מען מוז זיך שטעלן אין דער ריי נאָך קוילן.

דער זייגער איז געוואָרן 10. זעקס שעה ווי איך שטיי אין דער ריי.

פון דער נאַסקייט ווערן די פיס ווי געשוואָלן. איך קאָן מער נישט שטיין. איך פיל, אַז איך וועל אומפאַלן... און דער קוילן-סקלאַד איז נאָך נישט געעפנט... נאָך נישטאָ קיין קוילן.

11 אזייגער האָט מיין שוואָגער מיך פאַרטרעטן אין דער ריי און איך בין אהיימגעגאַנגען זיך אביסל דערוואַרעמען. מ'שטיינס געזאָגט — דערוואַרעמען... אין דער קאַלטער שטוב מיט די פאַרשטעלטע פענצטער... איך האָב געפילט, אַז די פיס זענען מיר פאַרפרוירן געוואָרן. אין אַלע אברים שטעכט פון קעלט.

איך בין געפאַלן אויף דער קושעטקע און זיך שרעקלעך צעוויינט. וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועל איך דאָס קאָנען אַזוי אויסהאַלטן? באַלד אָבער האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און געוואָרן בייז אויף זיך אַליין. צו וואָס פאַרצווייפלען? עס זענען פאַראַן טישן, שענק, שטולן. באַלד וועט פלאַקערן אַ פייער... און ווען מיין שוואָגער איז צוריק געקומען אָן קוילן, האָט שוין זיך געקאָכט אַ גרויסער טשאַיניק טיי און אין שטוב איז געווען פריילעך. עס האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון פייער... דאָס האָט גע־ברענט אַ שטול...

פלוצלינג איז אַריינגעלאָפן מיין דינסטמיידל בלאַס ווי די וואַנט. מען ראַבירט... די דייטשן גייען איבער די הייזער און נעמען אַלץ צו, וואָס מ'האָט נאָר... מיר האָבן גיך פאַרשלאָסן די טירן און געוואַרט מיט שרעק, ביז די זעלנער וועלן אַוועק פון הויף. דאָ האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. מיין דינסטמיידל טוליעט זיך צו מיר און הייבט זיך אָן צו צלמען... מיר שווייגן אַלע... מיר וואַרטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם...

ווען דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט, האָב איך זיך שטילערהייט צו־געגרוקט צום פענצטער און דורך אַ שפּאַרע פון דער הילצערנער „שויב" האָב איך געזען, ווי פון טויער גייט גאָר אַרויס דער אַרטיסט קליין... איך האָב גיך געעפנט דאָס פענצטער און אים גערופן, ער איז אַריין אַ פאַר־צווייפלטער:

— יידישע אַקטיאָרן גייען אויס פאַר הונגער... מ'האָט נישט קיין קישן און מ'האָט נישט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. פריער האָבן דאַכלאָזע

גענעכטיקט אין פאראיין. איצט אָבער רעגנט אריין. דער דאַך פון פאַר־איין איז באַשעדיקט פון אַ שראַפּנעל. עס רעגנט אריין אין פאַראיין און זיי האָבן נישט ווו צו שלאָפן.

ער האָט געבעטן, אַז איך זאָל גיין אין „דזשאָינט" פועלן, אַז מ'זאָל מיט עפּעס באַהילפיק זיין

איך בין אוועק אין „דזשאָינט".

די הילף אָבער איז, ליידער, געווען זייער אַ קליינע... מיר האָבן באַקומען קוים טויזנט זלאָטעס און פון דעם האָבן מיר געדאַרפט געבן הילף 200 מיטגלידער און אויך גרינדן פאַר דעם געלט אַ קיך.

עס זענען געזעסן חברים מיט באַנדאַזשירטע פיס, באַנדאַזשירטע הענט, אויסגעמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע, אויסגעהונגערטע און מיט זשעדנע ברענענדיקע אויגן געוואַרט אויף אונדזער הילף. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אומגליקלעכן חבר פּאָזנאַנסקי... אַ דאַרינקער, אַ קלייניקער מיט אַ געל איינגעדאַרט קינדעריש פּנימל מיט געל פאַרלאָפענע אויגן. ער האָט זיך ביי מיר געבעטן:

— חברטע שושנה, ראַטעוועט מיך... איך טראָג אין זיך אריינגעשמועלט אַ רערל אין דער ניר. שוין פינף וואָכן ווי מען דאַרף דאָס רערל אַרויסנעמען און אויסרייניקן... איך וועל אומקומען... און עס איז נישטאָ קיין דאָקטאָר...

און אָט קומט חבר ברין. ער רעדט צו מיר:

— שושנה, איר זענט אַ מאַמע פון קינדער... איר וועט מיך פאַרשטיין... האָט מיטלייד מיט אַן אומגליקלעכן מענטש... אַן איינציק קינד... עס גייט אויס... דאָס קינד איז בעת דער צעשטערונג פון הויז פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַ פוס צעבראָכן. מען דאַרף דאָס פיסל גיפּסן... דאָס פיסל ווערט קירצער פון טאָג צו טאָג... די שפּיטאָלן זענען פול און עס איז נישטאָ קיין כירורג. עס איז נישטאָ קיין גיפּס אין וואַרשע... איר מוזט עפּעס טון. ראַטעוועט... מיין קינד! האָט מיטלייד. די מוטער פון קינד ליגט דאָך אַ שטאַרק פאַרוווּנדעטע.

און אָט איז געקומען דער אַלטער חבר ווינער. ער איז נאַקעט און באָרוועס. ער האָט אַלץ פאַרלוירן...

הילף!! הילף!! מ'קאן נישט ווארטן. און מיר האבן אינגאנצן 1.000 זלאטעס. און בלויז א העלפט קען מען צעטיילן. דאס איבעריקע איז דאך באשטימט אויף א קיך.

הילף... הילף... מ'גייט אויס, אבער ווו נעמט מען דאס? ווו? עס דערוואַרט אונדז א הונגער־טויט.

איך קוק זיך ארום אין שטוב און מיינע אויגן הייבן אן לאכן. מיט מיין מעבל און מיט מיינע זאכן וועט מיר נאך לאנג גוט גיין... איך וועל קאנען א פאר יאר לעבן און אויך העלפן אנדערע. טייערע אייל־בילדער, צירונג, מאסיווע גוטע מעבל, גוטע קליידער, איבעריקע בעטן... די קינדער זענען דאך אוועק. דער מאן אויך. דאס הארץ טוט ווי, אבער פארפאלן... מען וועט דאס אלץ פארקויפן, פאר הונגער וועל איך נישט אויסגיין.

מ'וואלט נאר באקומען צו קויפן א שטיקל ברויט.

פרייטיק, 6. אקטאבער.

אויף דער גאס האט זיך באוויזן די ערשטע פור מיט פראוויאנט: קרויט, קארטאפל און בוריקעס. דאס האט א פויער געברענגט צו פארקויפן. מ'האט אים ארומגערינגלט ווי א גרויס וואונדער. מענטשן האבן זיך געשלאגן, כדי וואס גיכער צוצוקומען צום וואגן... צום וואגן... און יעדער, וואס איז צוגעקומען, איז גיך אוועק און געלאפן גיך איבער דער גאס.

— וואס איז דא געשען? — טראכט איך מיר — וואס זאגט אזעלכעס דער פויער, אז אלע לויפן אזוי גיך, אזוי ווי געיאגט?

איך האב זיך קוים צוגעשטופט צום וואגן און ערשט דעמאלט דערגאנגען דעם סוד. דער פויער האט פארלאנגט זאכן אנשטאט געלט... שיך אדער וועש. און דערפאר זענען די מענטשן אזוי גיך געלאפן ברענגען זאכן צו קריגן אביסל קארטאפל. און דער פויער האט זיך אויסגעביטן, וואס ער האט געוואלט, ווען נישט האט ער נישט געלאזט רירן פון זיין טייערן אוצר קארטאפל. בין איך אויך געלאפן איבער דער גאס, וואס גיכער אהיים, כדי נאך צו באקומען ביים פויער אביסל קארטאפל.

און אט בין איך צוריק געלאפן, שנעל, קוים וואס כ'האב געקאנט

דעם אָטעם כאַפּן, מיט פיר ציבעלעך אין די הענט... האָב איך געזען ווי פון אַלע זייטן לויפט מען מיט שטיקער וועש, מיט קליידער, שוכווארג, כדי צו קריגן אביסל קאַרטאָפל.

איך האָב פאַר מיינע פיר נייע ציבעלעך באַקומען אַ פערטעלע קאַרטאָפל און אַ הייפּטל קרויט. ווער איז געווען גלייך צו מיר? מיין פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד.

פלוצלינג איז געוואָרן אַ שטאַרק געלויף אין גאַס. איך האָב געמיינט, אַז דאָס לויפן אַלע צום קאַרטאָפל-אוצר... גלייך האָב איך באַמערקט, אַז עס לויפן בלויז מענער... און אַנשטאָט צו דער פויערישער פור לויפן זיי גאָר אין די טויערן אַריין... האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. באַלד בין איך געוווויר געוואָרן דעם סוד פון דער בהלה אין גאַס. די דייטשן האָבן געכאַפּט יידן אויף אַרבעט...

איך בין געבליבן שטיין דערשטוינט. וואָס הייסט „מ׳כאַפּט”? צו וואָס? מ׳קאָן דאָך אַרויסגעבן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג און אַלע וועלן זיך דאָך אַליין שטעלן צו דער אַרבעט... אַזוי טראַכטנדיק האָב איך דערזען, ווי עס פאָרט צו צו נאַוואַליפּקי גאַס אַ גרויסער לאַסט-אויטאָ. פון אויטאָ זענען אויסגעשטיגן דייטשע זעלנער און אָפיצירן. איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שפּיצרוט. ער איז צוגעלאָפן צו אַ מאַן, וואָס איז אַרויס פון טויער, אַ געשריי טוענדיק:

— יודע?

דער צעשראָקענער יונגערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט... ער האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן אַזוי ווי ער וואָלט זוכן הילף אָדער אַן עצה... ער האָט אָבער קיין עצה נישט באַקומען. די גאַס איז געווען פּוסט, אָפּגעליידיקט. דער מיליטער־מאַן האָט דעם יונגנמאַן צוגעפירט צום לאַסט-אויטאָ און אַריינגעזעצט.

אויף דער גאַס האָבן זיך איצט געפונען דער לאַסט-אויטאָ און די פּוילישע פור מיט ציבעלעך, גאַטקעס, האַנטעכער און הויזן, אויסגעמישט מיט קרויט און קאַרטאָפל...

דער לאַסט־אויטאָ איז געשטאַנען אין עק גאַס און די מיליטערלייט האָבן זיך צעשטעלט אויף אַלע פיר עקן פון די גאַסן און „געכאַפּט” יידן...

איינער אַן עלטערער ייד האָט געטראָגן אַ טלית. ער האָט זיך גע־בעטן: ער גייט פון דאַווענען... ער איז שוין 65 יאָר אַלט.

אויף דעם האָט דער דייטש געענטפערט:

מיינע מוטער איז אויך 65 יאָר און אַרבעט נאָך — און ער האָט דעם ייד אַריינגעשטופּט אין אויטאָ...

שבת, 7. אָקטאָבער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ שווערע צייט. ביז אַהער האָבן מיר געמיינט, אַז אונדזער שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. מ'האָט דאָך אונדז, יידן, קיין ספּעציעל שלעכטס נישט געטון. היינט איז געקו־מען דאָס, פאַר וואָס אַלע זענען אַנטלאָפן, דאָס, פאַר וואָס מיר האָבן זיך געשראָקן.

מען כאַפּט צו דער אַרבעט אַפילו זקנים אום שבת. מען שלעפּט די פרומע יידן אין די אויטאָס...

אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן, אַז די בלאָק־קאָמענדאַנ־טן וועלן טיילן צוויי מאָל אַ וואָך צו האַלבע קילאָ ברויט פאַר אַ פּערזאָן לויטן נאָרמאַלן פּרייז — „יידן זענען אויסגעשלאָסן!"...

עס גייט אַ קלאַפּ אין האַרץ... עס הייבט זיך אָן...

מען קאָן שוין באַקומען צו קויפן אַסך פּראָדוקטן. אָבער איך קאָן זיך קיינמאָל נישט צושטופּן צו דער פור מיט פּראָוויאַנט. ווען דער פויער קומט צו דער ראָגאַטקע, וואַרט מען אים שוין אָפּ און מען קויפט אַלץ אויס.

איך נעם אַ באַגלייטער אַ שכנס אַ זון, אַ יונגער סטודענט, וועלכער זעט נישט אויס ווי קיין ייד און מיר גייען אין דאָרף אַריין צום פויער עפּעס קויפן. מיינע שכנים זענען מיך מקנא, וואָס איך בין אַ בלאָנדע און זע נישט אויס ווי קיין יידישע.

שפּאַנען מיר איבערן צעוואָרפענעם ברוק. יעדעס מאָל, ווען מיר דערזעען אַ מיליטער־וואָך, קלאַפּט אונדז שטאַרק דאָס האַרץ... די וואָך איז זייער העפלעך, העלפט מיר אַפילו אַריבערגיין אַ גרוב. מיט שווערער מי זענען מיר אָפּגעגאַנגען אפשר 15 קילאָמעטער. מיר זענען געקראָכן איבער טויטע פערד, אומגעלייגטע אויטאָס, צעבראָכענע בריקן, גריבער

און בערג. מיך וווּנדערט ווי אַזוי קאָן נאָך איצט אַזוי אויסזען דער וועג. עס איז דאָך שוין צען טאָג וואפנשטילשטאַנד. באַלד דערמאָן איך זיך, אַז אויך די הויפּט-גאַסן אין וואַרשע זעען נישט אויס אַנדערש.

מיר שפּאַנען, מיר קריכן איבער דעם אַלעם, ביז מיר זענען צוגע-קומען ענדלעך צום פייער. עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, ווען איך זע דעם גרויסן פּאַק מיט קאָלירטע פּראָדוקטן: די רויטע בוריקלעך פּאַסן זיך אַזוי שיין צו די קאַלאַפּיאָרן מיט די גרינע בלעטערדיקע הייפּטלעך קרויט. מיט איין וואָרט, אַ שיין פאַרבן-שפּיל, צו וועלכן מיר פלעגן זיך קיינמאָל נישט צוקוקן... איי, ווי זיי רייצן איצט דאָס אויג! מיר האָבן איינגעקויפט: קאַלאַפּיאָרן, בוריקעס און קרויט. מיט אָנגעלאָדענע זעק-לעך גייען מיר צוריק גליקלעכע. דער סטודענט פרייט זיך, ער וועט זיינע עלטערן ברענגען אַזאַ אוצר... אַ גאַנצע וואָך וועט זיין צו עסן. און ער חלומט, וואָס מ'קאָן אַלץ מאַכן פון דעם גרינצייג. ער הייבט אָן צוצו-איילן די טריט אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט גיכער זיין אין דער היים און עסן די אָנגעריישטע קאַרטאָפל. ער נעמט מיין זעקל פון מיר, כדי איך זאָל האָבן לייכטער צו גיין און זאָל קאָנען שטעלן אַזעלכע גיכע טריט ווי ער.

פלוצלינג וואַקסט אויס אַ מיליטער-וואַך.

— וואָס האָט איר דאָ אין זאַק? — פרעגט איינער מיט אַ רויט פּנים, באַדעקט מיט פרישטשעס.

— אַביסל גרינצייג — ענטפער איך אים.

אַ שייגעצל לויפט פאַרביי און שרייט אויס צום סאָלדאַט:

—-יידן!

און מ'האָט ביים סטודענט, מיין באַגלייטער, צוגענומען ביידע זעק-לעך מיט פּראָוויאַנט: מיינס און זיינס... מיר זענען ביידע אַוועק אַהיים 15 קילאָמעטער מיט ליידיקע הענט...

זונטיק, 8. אָקטאָבער.

5 אַזייגער פאַרטאָג קומט צולויפן צו מיר די אַרטיסטין מאַניעלאַ מיט אַ שמחה:

— גיבער, שושנה, אויף נאוואליפיע 14 ביים בעקער באקט מען ברויט.

איך און דער ארטיסט לאמפע לויפן גיך אהין. ברויט, ענדלעך וועלן מיר עסן א שטיקל ברויט.

די ריי איז שוין גענוג לאנג. אבער דאס ברויט איז נאך נישט פארטיק. עס שמעקט איבער דער גאנצער גאס דער ריח פון ראשטשינע. עס איז א קאלטער רעגנדיקער פרימארגן. מיר שטייען אוןווארטן. א פרוי בעט זיך, מ'זאל זי אריינלאזן אין דער ריי... זי האט איבערגעלאזן קליינע קינדער אין שטוב און האט זיי פארשלאסן... לאמפע לאזט זי אריין צווישן מיר און אים. עס ווערט א טומל, א געשריי. אייניקע נעמען זיך אבער אן פאר דער פרוי און זי בלייבט שטיין.

ענדלעך באווייזט זיך איינער, וואס גייט שוין ארויס פון טויער מיט א קאכעדיק ברויטל. אלע באקוקן דאס ברויטל. דער ייד האלט דאס ברויט. עס בריט אים די הענט און ער האלט זיין אוצר אונטערן ארעם. אלע זיינען אים מקנא און ווילן שוין אויך זיין פון די גליקלעכע, וואס וועלן זיך אפבריען די הענט ביי אזא ברויט...

פלוצלינג קומט אן א פוילישער פאליציאנט און הייבט אן ווייזן, אז ער איז נאך באלעבאס... ער קלאפט מיט זיין גומי־שטעקעלע אויף רעכטס און אויף לינקס, אויף יידישע קעפ און פלייצעס... אבער ווער קוקט אויף אזעלכע זאכן? וואס איז וויכטיק אנטקעגן א היים ברויטל?...

עס קומט אן א שיקסע און וויל זיך ארײנשטעלן אין מיטן פון דער ריי. מ'הייסט איר אזוי גוט זיין און זיך שטעלן ווי אלע אין דער ריי. דער פאליציאנט דערלאנגט אבער א פאר יידן איבער די קעפ... אויך דער ארטיסט לאמפע באקומט מיטן גומי־שטעקן איבער דער האנט... דער פאליציאנט שרייט:

— איר, יידן, גייט קיין רוסלאנד...

דער פאליציאנט שלעפט ארויס לאמפען פון דער ריי און אויף זיין ארט שטעלט ער אריין די שיקסע...

מאנטיק, 9. אקטאבער.

איך בין געווארן די אויספירערין פון אלע שליחותן. אלע מענער

היטן זיך אויס צו גיין אין גאס, מען זאָל זיי נישט „כאַפּן". אַזוי אַז אַלץ, וואָס מ'דאַרף דערליידיקן פאַר אונדזערע חברים אַרטיסטן, מוז איך טון. בכלל האָבן מיר פרויען אויף זיך גענומען די מיסיע אָפּצוהיטן די מענער פון דער „כאַפּעריי", דרייען זיך אַרום פאַרשידענע פרויען אין גאַס אין די פאַרשידענע טיילן פון דער יידישער געגנט און וואַרטן אָפּ די „עגלה"... דאָס „כאַפּ־אויטאָ" האָבן די יידן אַ נאָמען געגעבן: „עגלה"... ווען די „עגלה" פלעגט זיך באַווייזן, פלעגן אַלע מענער זיך צעלויפן, די פרויען פלעגן בלייבן. זייער אויפגאַבע איז געווען: גיין גלייך פאַר זיך און שעפּטשען: אוועק... אוועק... אוועק... די מענער פלעגן קוקן אויף די ליפּן פון דער אַנטקעגן־קומענדער פרוי און וויסן, צי זיי מעגן גיין אָדער זיי מוזן זיך באַהאַלטן...

איינמאָל, 8 פרי, בין איך געווען אויף עק זשעלאַזנאַ גאַס און קראַכמאַלנע. איך האָב געזען ווי אויף קראַכמאַלנע שטייט די „עגלה". איך בין גיך אַרויס אויף זשעלאַזנאַ און אָנגעהויבן שעפּטשען:

— אוועק... אוועק... אוועק...

ווען דער ערשטער מאַנספּאַרשוין האָט גיך אָנגעהויבן לויפן אין טויער אַריין, האָבן דאָס באַלד נאָכגעטון אויך אַלע אַנדערע יידן.

איך בין צוריק געגאַנגען מיין וועג. און טאַקע פאַרבייגעגאַנגען די „עגלה". פּלוצלינג הער איך ווי אַ יונגער שייגעץ זאָגט:

— דאָס האָט די פרוי געוואָרנט די יידן, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן...

דער מיליטערמאַן, אַן אָפיציר, איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט אויף דייטש, צי איך בין אַ יידין? איך האָב געמאַכט אַ מינע אויפן פנים, אַז איך פאַרשטיי נישט און געזאָגט אויף פויליש, אַז איך וויים נישט, וואָס ער רעדט צו מיר... מיר איז דערביי קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים. איך האָב דערפילט, אַז איך וועל בלאָס... ס'האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ווי ביי אַ גזלן... דער אָפיציר, אַ סימפּאַטישער, עלטערער מאַן, האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, געזאָגט אַ פּאָר קאָמפּלימענטן אויף מיין אדרעס, און אויסגעזידלט דעם שייגעץ, פאַר־וואָס ער האָט מיך באַליידיקט, העפלעך זיך פאַרנייגט און איינגעשטיגן צוריק אין אויטאָ.

איך בין מיט גיכע טריט אנטלאָפן, ווי געיאָגט פון עמיצן. איך האָב מורא געהאַט זיך אומצוקוקן.

פאַרנאַכט, ווען ס'איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיך ביי מיר אין שטוב פאַרזאַמלט אייניקע אַקטיאָרן אויף אַ באַראַטונג, וואָס מ'טוט ווייטער.

ס'איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז מ'מוז אַנטלויפן. אָבער ווי אַזוי?

דינסטיק, 10. אָקטאָבער.

איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מיך פאַר־פאָלגט די פראַגע פון אָפיציר: — יידין? איך האָב אין דער שלאָפלאָזער נאַכט, אין די 13 שעה ליגן אין דער פינצטער און טראַכטן געזען זיך אַרעסטירט, פאַראורטיילט אאז"וו. איך האָב פאַר קיין פאַל נישט גע־קאָנט באַשליסן, וואָס דאַרף מען אויף אַזאַ פראַגע „יידין" ענטפערן? „יאָ", איז שלעכט. „ניין", קען דאָך אויך זיין שלעכט...

דאָס נישט קענען שלאָפן איז דאָס ערגסטע. איך לייג זיך אין בעט אריין 5 אָדער 6 פאַרנאַכט. אין שטוב איז פינצטער. מען קאַרגט אַ ליכטל, ווייל עס איז שווער צו באַקומען. איך בין געשטאַנען אין דער ריי נאָך ליכט איבער 5 שעה... קויפן די באַהאַלטענע ספּעקולאַציע-ליכט איז שווער און עס קאָסט טייער. אין שטוב איז אויך קאַלט... איז אַמ־בעסטן צו ליגן אין בעט... שלעכט איז אויך, וואָס מען ווייסט נישט, ווען עס ווערט טאָג. אין צימער איז שטענדיק פינצטער. די שויבן זענען דאָך פון טאָוול. עס רייסט זיך אַריין ליכט בלויז דורך די שפּאַרעס... אויף ביינאַכט פאַרשטעלט מען די פענצטער מיט וואָס מ'קאָן, אַז עס זאָל זיך אין דרויסן נישט זען די שיין פון ליכטל... מ'האָט מורא... אַזוי לאַנג, אומענדלעך לאַנג ציט זיך די נאַכט... עס ווילט זיך גאָרנישט אויפ־שטיין... צו וואָס? אַלצאיינס וויפל עס איז דער זייגער...

מ'מוז אָבער זיך אויפהייבן שטעלן זיך אין דער ריי. די מענער קאָ־נען שוין איצט אונדז נישט פאַרטרעטן און אויך שטיין אַ פּאָר שעה. מ'וועט זיי פון דער ריי אַרויסכאַפּן צו דער אַרבעט. אַלץ מוזן מיר פרויען באַזאָרגן.

דאָס געלט לאָזט זיך אויס... ווען מען באַקומט עפּעס געקויפט, איז

עס שרעקלעך טייער. איך טו אַלעמען צו וויסן, אַז איך האָב אַסך זאַכן צו פאַרקויפן. מענטשן זענען דאָך געבליבן אָן בעטן, איך וויל פאַרקויפן איינציקע בעטן... אָבער עס זענען נישטאָ קיין בעלנים... מען קויפט נישט. מען קוועטשט זיך צוזאַמען ביי פריינד אויף דער ערד און מ׳קויפט נישט... מ׳וויים נישט, וואָס מאָרגן וועט זיין. איך באַקום אַ קונה אויפן שרייבטיש פון קינדער־צימער... צען זלאָטעס גיט מען מיר פאַר אַ גוטן מאַסיוון ביוראָ־טיש... דאָס דינסטמיידל צעוויינט זיך:

— ניין, בעסער עפּעס פון שלאָפצימער פאַרקויפן, נישט דעם טיש, דאָס איז די קינדערס טיש...

אָבער מען גיט דאָך צען זלאָטעס... איך פאַרקויף דעם טיש... ווען איך נעם אַרויס פון די שופלאָדן די קינדערס אָנגעזאַמלטע צאַצקעס און גיב אַרויס דעם טיש, האַלט איך זיך קוים איין, אַז איך זאָל נישט אויס־ברעכן אין אַ געוויין... איך טרייסט אָבער דערביי מיין דינסטמיידל:

— אירקע, וועסט זען, מיר וועלן קויפן פאַר די קינדער אַ נייעם, מאָדערנעם, עלעגאַנטן שרייבטיש...

אוי, ווי האַלט מען שוין דערביי...

אַ גאַנצן טאָג געווען אויפגערעגט און בייז. מיט אַלעמען אין שטוב זיך געקריגט. עס איז מיר אוממעגלעך צו שלאָפן. האָב איך באַשלאָסן די נאַכט צו באַנוצן מיינע פאַרפיום־טאַבלעטן, כדי צו קאָנען שלאָפן... עס ווילט זיך פאַרגעסן און נישט פילן...

עס איז שרעקלעך שווער אַזוי צו לעבן!... ווו מ׳קומט, זעט מען נאָר, מען סודעט זיך... מען פּאַקט רוקזעק און מ׳לויפט צו די סאָוויעטן... דאָס אַלץ ווערט געטון אַזוי געהיים, בסוד־סודות... נעכטן ערשט גע־טראָפן אַ גוטן פריינט... ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט... היינט ווער איך געוויר, ער איז אַוועק... ציטערדיקע מאַמעס און פאַרצווייפלטע ווייבער בעטן שטילערהייט גאָט: „ער זאָל בשלום אריבערקומען”. מען הים זיך פאַר די נאָענטסטע, פאַר קרובים און פריינט און פאַר דער דינסט אין שטוב...

עס פאַלט אָן אַ מורא.

מיטוואָך, 11. אָקטאָבער.

היינט פאַרטאָג איז געקומען דער אַרטיסט מיכאל קליין און מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן. זיי ראָטן אויך מיר, אַז איך זאָל זיך מיט זיי צוזאַמען קלייבן אין וועג אַריין. דאָס איז אַ גרויסער סוד. קיינער טאָר דערפון נישט וויסן. מ'דאַרף זיך שמוגלען די גרעניץ... מ'זאָגט, אַז דעם 15טן אָקטאָבער וועלן די סאָוויעטן הערמעטיש פאַרמאַכן די גרעניצן און מיר וועלן זיך שוין נישט קאָנען אַריינשמוגלען.

עס לויפן אַזויפיל מענטשן און עס געלינגט זיי, מוזן מיר אויך פּרובירן.

— ניין, מיין פריינט, — ענטפער איך אים — איך וועל נישט פּרובירן. איך בין געבליבן היטן די היים פאַר מיין מאַן און קינדער... איך וועל דאָס אַלץ נישט איבערלאָזן אויף הפקר... און דאַן וויים איך דאָך נישט, ווו זיי זענען. איך טאָר נישט אַוועקוואַרפן מיין היים... דאָ איז מיין אַדרעס... דאָ וועט מען מיך זוכן.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — זאָגט צו מיר דער אַקטיאָר קליין — מען האָט אַרעסטירט דעם רעד. אינדעלמאַן. מען וועט אַרעסטירן די איבעריקע שרייבער... שפּעטער, נאָכן 15טן וועסטו נישט קאָנען לויפן... די סאָוויעטן וועלן נישט אַריינלאָזן...

דער אַרטיסט לאַמפּע וויל מיר דערקלערן, אַז אַזוי לעבן איז אוממעגלעך... אין ביאַליסטאָק וועט מען קאָנען אַרבעטן, מ'וועט פאַרדינען, מ'וועט זיך נישט שרעקן. די סאָוויעטן וועלן אונדז גוט אויפנעמען. ער קאָן שוין לענגער נישט זיצן באַהאַלטן און זיך צוהערן צו יעדן שאָרך ביי דער טיר. ער קאָן נישט לעבן, אויב מען קאָן נישט אַרויסגיין אין גאַס... דאָס איז אַ לאַנגזאַמער טויט. ער וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן, נאָר ער וויל מיך נישט איבערלאָזן אַליין. אָבער לענגער וואַרטן איז אוממעגלעך. ס'וועט באַלד נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו לויפן...

די זעלבע רייד הער איך אויך פון מיין שוואָגער ישראל קאַהאַן:

— קום, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, מיר מוזן זיך איינשטעלן. ווען נישט דאָס וואָס דו ווילסט זיך נישט רירן פון אָרט, וואָלט איך שוין לאַנג אַוועק. אָבער מ'קאָן דאָך דיך נישט לאָזן איינע אַליין אַזוי

איינזאם. האָבן מיר דאָך צוזאמען געשוועבט צווישן לעבן און טויט. ווי קאָן איך דיך איצט אַזוי איבערלאָזן?

איך האָב זיך שטארק צעוויינט. געוועז געריזט פון זייער זאָרג פאַר מיר, אָבער איך האָב קאטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט. איך וועל נישט לויפן. ווען אפילו איך זאָל דאָ אויסגיין, וועל איך זיך נישט רירן. דאָ איז מיין אָרט, דאָ וועל איך ווארטן אויף אַ לעבנס-צייכן פון מיינע קינדער און פון מיין מאַן.

עס ווערט ענג: די שטוב, די וועלט. עס איז נישטאָ קיין כוח, עס איז נישטאָ ווו צו אַנטלויפן פון די גערודערקעז.

די גאַס זעט אויס שרעקלעך. ביי אַלע חורבות שטייען אומגליקלע־כע, פאַרצווייפלטע מענטשן און זוכן און פאָרען זיך אין די חורבות. זיי האָפן נאָך עפּעס ארויסצוציען פון זייער האָב און גוטס. אַט ציט מען ארויס אויף לעשנאָ אַ צעקוועטשטע וואַליזע מיט זאכן, עס לויפן צו אַ סך מענטשן. יעדער זאָגט, אַז דאָס איז זיין וואַליזע. עס זעט אָבער אויס אַזוי, אַז מ'דערקענט זי נישט. אַ פּאָר צענדליק מענטשן האָבן זיך אָנ־געהויבן שלאָגן און זידלען... יעדער האָט געמיינט, אַז דאָס איז זיינס אַ וואַליזע. ערשט ווען מ'האָט אויפגעעפנט די שטארק צעקוועטשטע און צעבראָכענע וואַליזע, האָט ביי איינעם אויפגעשטראַלט דאָס פּנים און די איבעריקע זענען אוועק פאַרוואָלקנטע און ווידער געזוכט אין גרוז. אפשר וועלן זיי אויך כאַפּן אַ מציאה און עפּעס געפינען פון זייער האָב און גוטס.

דאַנערשטיק, 12. אָקטאָבער.

דאָס הפקר־שפּיל האָט זיך צעבושעוועט. מען קאָן דאָס כלל נישט צוזען. מ'קאָן דאָס נישט צוהערן. שרעקלעך סאַדיסטישע שטיק קומען פאָר. עס ווערט ענג דאָס לעבן, עס ווערט איבעריק יעדער טאָג.

אַט איז צוריקגעקומען אַ גרופּע פון מיינע זינס קאָלעגן און זיי באַ־האַלטן זיך פאַר מיר, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? האָט עפּעס פּאַסירט מיט מיינע קינדער? פאַרוואָס האָבן זיי מורא מיט מיר זיך צו טרעפן? מען דערציילט, אַז טויזנטער מתים וואַלגערן זיך אויף די שאָסייען און אין די גרובנס, ווער ווייסט, ווער זיי זענען? דער היינטיקער טאָג איז גע־

ווען אַ שרעקלעכער. מען סודעט זיך אין אַלע זייטן. ווען איך קום אָן, הערט מען אויף צו רעדן. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

די ווילדע אַרגיעס פון די דייטשן הערן נישט אויף. היינט האָט מען אויף סמאָטשע־גאַס געכאַפּט צו דער אַרבעט אַ יונגנמאַן, האָט מען אָנגערייצט אויף אים אַ הונט, דער הונט האָט דעם אומגליקלעכן שטאַרק צעביסן. ער איז אַ צעבלוטיקטער געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווען מען האָט אים באַפרייט פון דער אַרבעט, האָט ער געהאַט 35 וווּנדן און מ'האָט אים געמוזט מאַכן 35 איינשפּריצונגען... אַלע מענטשן פון דער געגנט גייען אַרום מיט פאַרחושכטע פּנימער. מען ברעכט די הענט און מ'האָט מורא אַפילו הויך אַ קרעכץ צו טון. איז מען טאַקע היינט געלאָפן פון וואַרשע ווי געיאָגט, ווי אַן עפּידעמיע וואָלט אויסגעבראָכן...

מיינע פריינט ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער. מען לויפט... איך פיל, אַז אַ ליאַדע טאָג וועל איך בלייבן אינגאַנצן אַליין... לאַמפּע און מיין שוואָגער קלייבן זיך אויך צו אַנטלויפן... דעמאָלט וועל איך בלייבן אַליין... אַזוי ווי פון אַ שמיין געבוירן... אַ סך מענטשן האָבן פאַמיליע, שוועסטער, ברידער, קוזינעס, פעטערס, מומעס... אָבער איך? קיינעם נישט... אַזוי ווי קיין מאַמע וואָלט מיך אויף דער וועלט נישט געבראַכט. אַלע פון מיין משפּחה זענען אין אויסלאַנד... די קינדער — ווער ווייסט ווו? דער מאַן? קיין שום ידיעה נישט... דער קאָפּ פּלאַצט.

ווען איך האָב זיך צוגעלייגט אַביסל אויף דער קאַנאַפּע און געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָב איך פּלוצלינג דערהערט דאָס שטילע סודען זיך פון מאַרים לאַמפּע און מיין שוואָגער. זיי האָבן געמיינט, אַז איך שלאָף, האָבן זיי זיך שטיל אַדורכגערעדט... דאָך זענען צו מיר דערגאַנגען האַלבע אָפּגעריסענע פראַזן...

— עס איז דאָך אוממעגלעך — הער איך לאַמפּעס שטים — לאַזאַר איז דאָך אַרויס מיט אַ פּאָר טעג פריער פאַר די קינדער... ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט צוזאַמען דערהרגעט ווערן?

— אָבער ווער האָט דאָס געבראַכט די ידיעה? — זאָגט מיין שוואָגער — מ'דאַרף דאָס געוויר ווערן... מען מוז אָבער זיין זייער פאַר־

זיכטיק... שושנה זאָל נישט געוווּיר ווערן וועגן דער ידיעה, אַז איר מאַן און זיין זעגען דערהרגעט געוואָרן...

— ווער האָט זיי געזען דערהרגעט צוזאַמען? ווער?

איך הער שוין נישט, ווער עס רעדט... איך פיל, אַז מיר ווערט פינצ־טער אין די אויגן... איך שפרינג אַרויס פון בעט... זיי ווערן בלאַס און הערן אויף רעדן... אַזוי... איצט פאַרשטיי איך, וואָס מ'קוקט מיך אָן מיט אַזעלכע רחמנות־אויגן, ווען איך זאָג, אַז איך וויל וואַרטן אויף אַ ידיעה פון מיין מאַן און קינדער.

הייסט עס, אַז איך וואַרט אומזיסט... גאָט אין הימל! ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ניין, ניין! אַזאַ געדאַנק וועל איך נישט צולאָזן!...

— זאָגט מיר גיך — שריי איך אויס — זאָגט מיר דעם אמת! איך וויל אַלץ וויסן. אפשר וועט עס זיין פאַר מיר בעסער — הייב איך אָן רייסן די האָר פון קאָפּ. — איך וועל זיך אַליין דערהרגענען, ווען איר וועט מיר עס נישט זאָגן.

— באַרואיק זיך — הייבט מיך אָן איינגעמען מיין שוואָגער, און גלעט מיין קאָפּ ווי אַ קליין קינד. — עס זענען אַלץ מעשיות. לאַזאַר איז דאָך אוועקגעפאָרן מיט דער באַן, צוויי טעג איידער די קינדער זענען אוועק... דאָס זענען אַלץ פּלאָטקעס פון ליידיקגייערס. אָט האָט מען גע־זאָגט, אויף רעדאַקטאָר סווויסלאַצקי, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און איז גאָר געזונט אין פּריז... מען האָט געזאָגט אויף הונדערט אַנ־דערע.. באַרואיק זיך, וועסטו אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַן אויסגע־טראַכטע מעשה...

— אָבער ווייזט מיר דעם מענטש, וואָס האָט עס דערציילט. איך וויל אַליין מיט אים רעדן — צעוויין איך זיך — האָט רחמנות!... איך גלויב, אַז דאָס איז זיכער אַ ליגן. מיין פאַרגעפיל נאַרט מיך נישט. אַלע לעבן און זענען געזונט, אָבער איך מוז מיט יענעם רעדן, כדי אַליין אויס־צולאַכן זיך פון אַזאַ שרעקלעכן טעות...

— מיר ווילן אַליין אויך אויסגעפינען דעם מענטש — טרייסט מיך לאַמפּע.

— איך אַליין מוז געוווּיר ווערן, איך אַליין... שריי איך נערוועז —

איך מוז אליין געוווּיר ווערן... ווען אפילו, אַז עס זאָל אמת זיין אָט דאָס שרעקלעכסטע פון אלעם שרעקלעכן, מוז איך אויך וויסן. איך מוז דערגיין... ניין, גאָט וועט נישט זיין אזוי אָנרחמנותדיק! ווייניק האָב איך שוין מיטגעמאכט? ניין... ניין! איך וועל באלד זיך צעשרייען, אַז די וועלט וועט ציטערן!

איך בארואיק זיך אָבער באלד און הייב אָן מיך אליין צו איבערציינגן: — ניין... ניין... כ'מוז זיך באהערשן. ווירקלעך, מיין מאַן איז דאָך געפאָרן מיט דער באַן, מיט צוויי טעג פריער... די קינדער זענען ארויס צו פוס... זאָלן זיי זיך האָבן אין וועג באַגעגנט? ווי אזוי איז דאָס מעגלעך? ווי האַלט מען אויס די פיינלעכע שעהן פון אומגעוויסהייט?

פרייטיק, 13. אָקטאָבער.

פרייטיק איז מיין גליקלעכער טאָג. אפשר וועט טאַקע די היינטיקע פריילעכע ידיעה זיין פאַר מיר אַן אמתדיקע? אפשר? עס איז געקומען צופאָרן ישראל קאַהאַנס זון, עלעק, פון לאָדזש און דערציילט, אַז זיי האָבן דערהאַלטן אַ גרוס פון ווילנע, פון מאַגיסטער באַלבערישקי, אַז לאַזאַר קאַהאַן געפינט זיך אין ווילנע... זאָל דאָס זיין אמת? איז דער היינטיקער פרייטיק אויך פאַר מיר אַ גליקלעכער? יעדנפאַלס, איך בין געוואָרן אַביסל רואיקער... האָט מען דאָך אין אַזאַ קורצער צייט פון אַ סך מענטשן געמאַכט מתים!

שבת, 14. אָקטאָבער

יעדער טאָג, וואָס פאַרגייט, איז אַזוי ווי אַ יאָר, אַ שווער יאָר. מענטשן אין גאַס גייען אַלץ ווייניקער... מ'האָט מורא. די וועלכע קומען אין קיך אריינכאַפּן דאָס ביסל מיטאָג, שטעלן זיך איינפאַך איין... אָבער אַ ברירה האָט מען? מען מוז דאָך עסן...

פּראָוויאַנט אין שטאָט איז שוין דאָ גענוג. אָבער געלט איז פאַראַן זייער ווייניק. אַ זלאָטע איז אַ גרויסע מטבע. דאָס עסנוואַרג קאָסט שרעקלעך טייער. היינט קאָסט אַ קילאָ ראַזאָווע ברויט געמישט מיט קאַרטאָפל און מערן ביז צוויי זלאָטעס. און דאָס ווערט אויך צעכאַפּט... צו די רייען פון ברויט קאָנען יידן גאָרנישט צוקומען.

אין גאַס האָט זיך היינט באוויזן אַן אויפרוף, אַז ביזן 5טן נאָוועמ-

בער מוזן אלע צושטעלן זייערע ראדיא־אפאראטן. מיר איז דאך אלצאיינס, סיי ווי איז נישטא קיין עלעקטרי און מ'הערט נישט קיין ראדיא...

מיין מאן וועט האבן פארדרוס. א טייערער אפאראט און ער האט דאך אזוי ליב ראדיא. איך טו א נדר, אז באלד ווי ער וועט קומען צוריק אהיים, קויף איך אים אן אנדער ראדיא... זאל ער נאר קומען!...

היינט האט זיך אין שטאט פארשפרייט א קלאנג, אז אויף גענשעגאס אונטער א חורבה הערט מען הילף-רופן. עס האט נישט לאנג געדויערט און דארט ביים איינגעפאלענעם הויז אויף גענשע האבן זיך פארזאמלט אפשר הונדערט מענטשן, צווישן זיי א סך פון די פאמיליעס פון די דערהרגעטע. דארט אין הויז זענען פארשאטן געווארן הונדערט אכציק מענטשן... ביים קאמענדאנט אין הויז אליין האבן זיך געהאט פארזאמלט א סך שכנים, כדי צו פארטרייבן די מרה־שחורה, האט מען זיך אוועקגעזעצט שפילן קארטן. אזוי ווי די וווינונג האט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאק, האבן זיך אלע שכנים פון די העכערע שטאקן פארזאמלט ביי אים אין הויז. א באמבע האט צעשטערט דאס הויז און אלעמען פארשאטן. בלויז דער קאמענדאנט, וועלכער האט נישט געקאנט אײנזיצן אין שטוב און איז ארויס זען, צי די געהילף-קאמענדאנטן זענען אויף זייערע פאסטנס, האט זיך אזוי ארום געראטעוועט. אין שטוב ביים קאמענדאנט זענען פארשאטן געווארן אייניקע און צוואנציק מענטשן.

האט זיך אט די אפגעראטעוועטע פאמיליען-מיטגלידער אויסגעדאכט, אז מ'הערט קרעכצן אונטער די חורבות... זיי האבן נישט געהאט קיין רו די גאנצע צייט און געוואלט פרווון גראבן, זוכן אונטער די חורבות... היינט האבן זיך א סך פארזאמלט און מען גראבט, מיט דער דערלויבעניש פון דער מאכט... מען גראבט... איך בין אויך אהין אוועק... איך בין געוועזן נייגעריק עפעס געוויר צו ווערן... עס איז געוועזן א שרעקלעך בילד צוצוקוקן, ווי די שוין האלב־אפגעשטארבענע מענטשן האבן געגראבן די שטיקער ציגל און אנגעשטרענגט די אויערן עפעס צו הערן.

מ'האט אבער ארויסגעצויגן בלויז מתים... שוין דרייסיק מתים ארויסגעשלעפט... הערן זיך די יללות אזש מיילן ווייט... די געשרייען ווערן אויסגעמישט מיט די קנאלן פון דעם דינאמיט, מיט וועלכן מען

רייסט אויף די האלבע רואינען, אז זיי זאָלן נישט אליין איינפאלן... נאָך הונדערט פופציק מענטשן פעלן, און די, וועלכע האָבן געהאט דאָס גליק צו געפינען זייערע נאָענטע, כאָטש טויטע, האָבן אַ טרייסט אין דעם, וואָס זיי וועלן זיי קאָנען כאָטש מקבר זיין...

די איבעריקע גייען אַוועק מיט פאַרביטערונג ערשט דעמאָלט, ווען מ'לייגט אַוועק די לאָפּעטע פון האנט, ווען עס ווערט פינצטער...

זונטיק, 15. אָקטאָבער.

יידן האָבן געמיינט, אַז זונטיק וועט מען נישט כאַפּן אויף אַרבעט. האָבן טאָקע אַלע, וועלכע זענען געווען פאַרשפּאַרט די גאַנצע וואָך, זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס כאַפּן אַביסל פרישע לופט און דערביי זיך זען מיט מענטשן, כדי צו קאָנען אַנטלויפן... איז טאָקע היינט אַ שרעקלעכער טאָג: „מ'האָט געכאַפּט" פון אַלע זייטן. ווען מ'וואָלט די יידן ביי דער אַרבעט נישט געפּייניקט, וואָלט זיך דאָך קיינער נישט אויסבאַהאַלטן, ליידער, ווער עס קומט צוריק פון דער אַרבעט, קאָן זיך נישט רירן.

5 פאַרנאַכט, ווען עס איז שוין געווען גוט פינצטער, קומט צו מיר אַריין מיין שכן סאַלאָמאָן בערקאָוויטש און מיר באַטראַכטן בסוד סודות פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

יאָ, אַנטלויפן... אָבער די דייטשן נעמען דאָך אַלץ צו אויפן וועג. ווי אַזוי אָבער קומט מען אַריין נאַקעט און באָרוועס אָן געלט אין אַ פרעמדער שטאָט?

מיר טראַכטן וועגן פאַרשידענע פּלענער ווי מ'קאָן באַהאַלטן געלט, אויב מ'האָט נאָר. פרוי בערקאָוויטש פאַלט אויף אַ געדאַנק: מ'זאָל נעמען אַ פינף־הונדערטער, עס איינקנייטשן, אַרויפוויקלען אויף אים גאָרן עס זאָל זיך נאָר אַרויסזען דער ווייסער ברעג און אַריינלייגן אין אַ שאַכטעלע מיט ניי־געצייג... זאַכן זאָל מען אָנטון אויף זיך וויפל מ'קאָן נאָר...

— ווען קלייבט מען זיך? — פרעג איך געהיימניספול מיין שכן; איך פאַרשטיי דאָך, אַז די טעג זענען געציילטע.

— די טעג — זאָגט ער מיר שטילערהייט און קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר די אייגענע ווערטער.

זיין פרוי פארקרומט טרויעריק דאס פנים און די אויגן קריכן טי־
פער אין קאפ אריין.

— איר זאלט בשלום אריבער — זאג איך שטיל.
ער גייט אוועק אן אומעטיקער.

דינסטיק, 17. אקטאבער.

עס האט זיך היינט געוויזן וואסער ביי אונדז אויף דער גאס. עס
איז געווארן א יום־טוב. איך האב באשלאסן, זיך היינט גוט ארומצוואשן.
אוי, וואסער און ליכט דאס וואלט געראטעוועט אונדזער שטימונג.

היינט איז צו מיר צוגעקומען לאמפע און מיך געבעטן קויפן פאר
אים א רוקזאק, ווייל ער קאן נישט מער ווארטן, ער פארט אוועק צוזאמען
מיט א גרופע חברים. מיר האט געגעבן א קלאפ אין הארץ. אזוי, הייבט
זיך אן פאר מיר די איינזאמקייט. ביז איצט זענען דאך פאראן צוויי מע־
נער אין שטוב. אבער איצט... מיין שוואגער קלייבט זיך דאך אויך אוועק־
צופארן...

וואס וועט זיין מיט מיר? מ'זאגט מיר, אז איך זע אויס שרעקלעך,
נישט צו דערקענען. און וואס וועט זיין נאך ווייטער? איך האב געפילט
ווי די טרערן שטיקן אין האלדז, דאך בין איך געגאנגען אין גאס אריין
קויפן א רוקזאק, אבער נישט באקומען צו קויפן. אלע רוקזעק אין ווא־
רשע זענען אויספארקויפט. איך בין צופרידן, אפשר וועט ער נישט קאנען
פארן. באלד טראכט איך: מ'טאר נישט זיין אזא עגאאיסטין, זאל ער
באטש זיך ראטעווען. איך נעם ארויס גרויע לייוונטע בלוזן, די טעאטער־
קאסטיומען פון אורקע נאכאלניקס פיעסע און מאך דערפון רוקזעק. אבער
שוין דריי שטיק. ווער ווייסט, וואס מארגן קאן זיין... זאל זיין פאר מיר,
פאר מיין שוואגער אויך.

ווען איך דערלאנג לאמפען דעם רוקזאק, בייג איך אויס דעם קאפ,
אז ער זאל נישט זען מיינע פארטרערטע אויגן. מיין שוואגער טרייסט
מיך, אז ער וועט נישט אוועקפארן, ביז איך וועל נישט זיין ווי עס איז
איינגעארדנט, כדי נישט צו בלייבן אזוי איינזאם...

פלוצלינג פארשפרייט זיך אין שטאט א קלאנג, אז אין מאלקין
האט מען אלעמען באראבעוועט, אויסגעטון די מאנטלען און אפילו די

מארינארקעס און געשלאָגן אַלעמען מכּות-רצח... די פרויען ווערן שרעק־לעך געפייניקט. מען מאַכט דאָרט ביי די פרויען אפילו גינעקאָלאָגישע אונטערזוכונגען און מען נעמט ביי זיי אַלץ צו.

דאָס לויפן שטעלט זיך אָפּ.

דינסטיק, 17 אָקטאָבער.

4 פאַרטאָג בין איך אויפגעשטאַנען באַגלייטן אונדזער שכן ב. האַלב פינף, ווען כ'בין אַראָפּ אויפן גאַס, איז נאָך געווען פינצטער. דער זאַמל־פּונקט פון די אָפּפאָרנדע האָט געדאַרפט זיין אויף פּאַוויאַ 16. ווען איך בין צוגעקומען צום טויער, האָב איך שוין געטראָפן צוויי פרויען זיך אַרומדרייען. זיי זענען געווען אָנגעטון אין דיקע זאָקן און סקאַרפּעטן, מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס. איינציקווייז האָבן פון אַלע זייטן זיך אָנ־געהויבן ווייזן מענטשן ווי שאָטנס און זיך אַריינגערוקט אין טויער פון פּאַוויאַ 16. דאָס איז געווען אַ גרופּע „בונדיסטן".

איינער איז נישט צוגעגאַנגען צום צווייטן. אַלע 11 מענטשן זענען געווען גוטע פריינט פון איין גרופּע, פונדעסטוועגן האָט מען מורא גע־האַט צו רעדן איינער צום צווייטן. עס האָט אויסגעזען, ווי מען גייט אויספירן עפּעס זייער אַ קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, כאָטש אַן אָנפאַל אויף אַ הויכער רעגירונגס־פּערזאָן אין דער צאַרישער צייט.

עס רעגנט. ביסלעכווייז הייבט אָן אַביסל ליכטיקער צו ווערן. מען קען שוין דערקענען די פּנימער פון די מענטשן. איך רוף איינעם אָן ביים נאָמען...

— וואָס טוט איר? — גיט מיר איינער אַ שטופּ — איצט האָבן מיר מער נישט קיין נעמען.

עס קומט אָן דער וואָגן: אַ פור באַדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע, מיט צוויי פערד. מען קריכט שנעל אַריין אונטער דער פּלאַנדעקע. מיין שכן דריקט מיר די האַנט און שעפּטשעט שטיל:

— מ'זאָל זיך נאָך דערלעבן צו זען... זאָגט אַמאָל אַ טרייסט־וואָרט מיין פרוי. — די טרערן שטיקן אים, ער קאָן מער נישט רעדן.

און די פרוי זיינע מיט די טיפע שוואַרצע אויגן שטייט אין אַן אַנדער טויער. זי וויל נישט צוגיין צו איר מאַן, עס זאָל נישט עמיצער

אזוי ארום ווײַסן, ווער ער איז... בלויז פון דער ווייטנס קוקן זיי זיך ביידע אָן...

די פור הייבט אָן פאָרן. זיי דאַרפן אזוי פאָרן ביז מאַלקין... אַ צוויי מעת-לעת אין אַזאַ וואָגן אונטער אַ רעגן און מיט אַזויפיל שרעק אין האַרצן... מיך שווינדלט. פון דער ווייטנס באַגלייטן דעם וואָגן אַ פּאָר שוואַרצע פאַרטרערטע אויגן פון מיין שכנס פרוי...

יאָ, מ׳לויפט... מ׳שטעלט איין אַלץ, מ׳לאָזט איבער אַלץ און מען לויפט, ווייל מ׳קאָן נישט מער אויסהאַלטן.

אויף וואָס? צו וועמען? ווער ווייס?

מ׳וויל זיך ראַטעווען פון גיהנום.

מיטוואָך, 18. אָקטאָבער.

פון אינדערפרי אַרומגעלאָפן ביי די פאַרשידענע „שמוגלער", גע-דונגען זיך, אויסגעפאָרשט ווי אַזוי צו פאָרן אַריבער צו די סאָוויעטן.

איצט איז צוגעקומען אַ פרישע צרה. ווייניק וואָס מ׳ווערט באַראַ-בעוועט און געשלאָגן דורך די דייטשן, מוז מען זיך אויך אויסהיטן פאַר דער סאָוויעטישער גרעניץ-וואַך. מ׳לאָזט נישט אַריין. היינט זענען צו-ריקגעקומען מענטשן, וואָס זענען שוין געווען אויף דער סאָוויעטישער זייט. מ׳האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, ווען פאָרן דורך מאַלקין קיין ביאַ-ליסטאָק קאָן שוין קיין רייד נישט זיין, דאָרט איז אַמערגסטן.

עס ליגן דאָרט אויפן גרעניץ-פּאַס צווישן מאַלקין און זאַרעמבי-קאַשטעלנע, אין „קיינעמס לאַנד", הונדערטער מענטשן אין קעלט און אין נעץ, אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע אין מיטן פעלד און מ׳לאָזט זיי נישט אַריין. צוריק לאָזט מען זיי אויך נישט... ווער עס האָט אויסדויער און כוח, וואַרט ביז די רויטע אַרמייער האָבן אויף זיי רחמנות און לאָזן זיי אַריין, אָדער ביז זיי שמוגלען זיך צוריק אַדורך דורך דער דייטשער וואַך און קומען צוריק קיין וואַרשע...

אָבער אַזעלכע שרעקן זיך נישט פאַר אַ דורכפאַל... מען רוט אָפּ אַ פּאָר טעג און מען פּרוּווט ווייטער מזל. די „שמוגלער" זענען גרייט צו פאָרן ביז צו דער גרעניץ פאַר צוויי הונדערט און פופציק זלאָטעס אַ פאַרשוין. 6 פאַרשוין זעצן זיך אַריין אין אויטאָ און מען פאָרט.

און ווי עס געלינגט. אדער מען קומט אדורך, אדער מען קומט אין א פאר טעג ארום צוריק מיד און צעבראכן... איך בין געגאנגען פון איין שמוגלער צום צווייטן. יעדער זאגט צו גאלדענע גליקן... יעדער פון זיי ווייס א וועג, וווּ מען טרעפט נישט קיין שום מיליטער־וואך... יעדער גיט אויף אן אדרעס פון א פאמיליע, וואס זייער טאכטער איז בשלום אריבער־געקומען פון יענער זייט... מ׳לויפט פרעגן... כ׳לויף פארשן און דאס אלץ דארף געטון ווערן שטרענג געהיים בסוד־סודות...

איך ווארט נאר אפ א ידיעה פון די קינדער און דאן וואלט איך גע־ווען גרייט צו פארן.

וווּהין? כ׳ווייס אליין נישט. אבי אוועק פון דאנען.

דאנערשטיק, 19. אקטאבער.

היינט האבן זיך אין שטאט פארשפרייט קלאנגען, אז מ׳דארף שוין נישט אנטלויפן. די רויטע ארמייער גייען אהער צו אונדז. די באלשע־וויקעס פאדערן די גרעניץ פון 1914, אזוי אז ווארשע וועט געהערן צו די סאוויעטן...

אלע ווערן פרייליך. ס׳האבן זיך אפילו געפונען אזעלכע, וואס האבן אליין שוין „געזען" אויפן וועג סאוויעטיש מיליטער... די, וועלכע האבן געזאלט היינט פארטאג פארלאזן ווארשע, האבן געלאזט ביי די שמוג־לער פארפאלן ווערן דאס האנטגעלט און מ׳איז נישט געפארן. א יום־טוב ביי אלעמען. נאך א טאג, נאך צוויי און מיר וועלן ווערן אויסגעלייזט.

ביי אונדז אין דער ליטעראטן-קיך אבער האבן מיר געהאט א שלעכ־טן טאג. די קיך, וואס איז געגרינדעט געווארן, איז נישט געווען אזוי וויכטיק צוליב דער זופ, וואס יעדער האט באקומען — כאטש דאס איז געווען אונדזער איינציק ביסל געקעכץ פארן גאנצן טאג, — ווי צוליב דעם, וואס פון איינס אזייגער בייטאג ביז דריי אזייגער האבן מיר זיך צונויפגעטראפן מיט חברים שרייבער און אראפגערעדט פון הארצן. אט די צוויי שעה זענען געווען אונדזער איינציקער פארגעניגן אין די דא־זיקע פינצטערע טעג. אפילו די שרייבער, וועלכע האבן נישט געגעסן אין דער קיך, פלעגן אייך צוקומען אין קיך כאפן א שמועס. און א סך מאל

פלעגן אויך שרייבער אזוי ארום „געכאפט" ווערן צו דער ארבעט דורך די דייטשן.

דא פלעגט אריינקומען דער קלוגער איינהארן און שטענדיק רעדן פאליטיק; כילינאוויטש פלעגט אלעמען פרובירן טרייסטן.

דא פלעגט גאווזע צעטיילן פראדוקטן פאר די פרויען פון די שרייבער, וואס זענען אוועק. שטערן איז תמיד געווען א הונגעריקער. דא איז שטענדיק געזעסן דער פרומער ביין, וואס פלעגט פארשן די וועגן ווי אזוי צו אנטלויפן; ד"ר קרוק, וועלכן עס איז א פאר מאל נישט געלונגען אדורכצוגיין די גרעניץ און איז יעדעס מאל צוריקגעקומען אן אויסגעמוטשעטער און האט שטענדיק דערציילט, וועלכער וועג עס טויג נישט.

אלחנן צייטלין פלעגט וועלן זיך כאטש א האלבע שעה אין טאג זען מיט קאלעגן. ד"ר שיפער פלעגט כאפן א שמועס מיט פריינט. גאטליב, וועלכער איז צוריקגעקומען פון וועג און דערוווסט זיך וועגן אומגליק מיט זיין פרוי, וואס איז דערהרגעט געווארן, האט געוואלט פון באקאנטע געזויר ווערן ווי אזוי ס'איז געשען. און אלע ווייבער פון די שרייבער פלעגן קומען עסן מיטאג. און קארש פלעגט דערציילן מעשיות. און יעדער איינער האט געהאט וואס צו דערציילן.

דא פלעגן מיר זיך צונויפטרעפן. דא פלעגן מיר זיך אראפרעדן פון הארצן. דא פלעגן מיר טיילמאל אפנעמען א גרוס פון א חבר א שרייבער, וועלכן מ'האט ערגעץ באגעגנט אויפן וועג... דא פלעגן מיר קלערן פלענער ווי אזוי צו אנטלויפן... און כאטש די באלעבאסטע האט פארלאנגט, אז נאכן עסן זאל יעדער באלד אוועקגיין, ווייל זי האט מורא געהאט פאר א רעוויזיע, פלעגן מיר דאך דא געוויר ווערן פארשידענע נייעסן... קיין צייטונגען און קיין ראדיאס האבן מיר נישט געהאט — האט מען געשלונגען יעדעס ווארט, וואס איינער האט דערציילט...

היינט האבן מיר געהאט א שלעכטן טאג. עס זענען שוין לאנג ארומגעגאנגען קלאנגען, אז דער שרייבער ליפע קעסטין מיט זיין זון זענען דערהרגעט געווארן דורך די דייטשן אין לוקאוו, אדער אין מעזריטש... גענוי האט מען נישט געוווסט. און אזוי ווי פארשידענע ידיעות האבן זיך ארויסגעוויזן פאר פאלשע, האט מען אין דעם אויך נישט געגלויבט. היינט

איז אָבער געקומען אַן עד־ראיה, וואָס האָט אַליין, מיט זיינע אויגן געזען, ווי קעסטין איז דערהרגעט געוואָרן... אַלע זענען מיר ווי פאַרגליווערט געוואָרן, מיר האָבן שוין געגעסן אין זיך סם — נישט קיין זופּ... אין מיטן רעדן איז אַריינגעקומען פרוי קעסטין מיט איר טאָכטער. אַלע בלייבן שטיל און קוקן מיט רחמנות-אויגן אויף דער אָרימער פרוי. איך דערלאַנג איר די זופּ (איך בין דעם טאָג געווען דיזשורנע) און פיל, אַז אין טעלער, וואָס איך טראָג, פאַלן אַריין מיינע טרערן, זי וועט עסן אַ זופּ מיט טרערן, וואָס פאַלן צוליבן ביטערן גורל פון איר מאַן און זון... פּלוצלינג רופט זיך אָן פריינט קאַרש (ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס איז די פרוי קעסטין):

— ווען דער יונגער קעסטין וואָלט נישט געגעבן קיין געשריי: „דאָס איז מיין פאָטער”, וואָלט מען אים נישט דערשאָסן צוזאַמען מיטן פאָטער...

מ׳הויבט אָן קלאַפּן מיט די לעפל אין טעלער, מ׳וויל פאַרשרייען די ווערטער, מ׳הייבט אָן הוסטן און רעדן עפּעס אַנדערש, אַז די פרוי זאָל נישט דערהערן. מיר הייבן אָן ווינקען צו קאַרשן... אָבער צו שפּעט... פרוי קעסטין האָט זיינע ווערטער געהערט און אַט ליגט שוין איר שווערער קערפּער אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע... אָרימע, נעבעך, ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט זי דערמינטערט, זי האָט אויף אונדז געקוקט מיט אַ פּאָר פאַרנעפּלטע פאַרשטאַרטע אויגן... עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז פאַרגליווערט געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך אַ היסטעריש געשריי אַרויסגעריסן פון איר ברוסט:

— איך האָב דאָס געפילט... באַרואיקט מיך נישט... עס איז אמת... אמת!!

זי האָט אָנגעהויבן לויפן, מ׳האָט זי קוים איינגעהאַלטן.

זי האָט ווייטער געשריגן:

— איך אַליין בין שולדיק... נאָר איך... איך האָב אים געטריבן צו אַנטלויפן...

אין אַזאַ צעווייטיקטן צושטאַנד האָט מען די פרוי קעסטין אָפּגעפירט אַהיים... באַלד ברעכט אויס אַ געוויין פון נאָך איינזיקע פרויען.

— ווער ווייס, וואָס עס איז מיט אונדזערע מענער און קינדער...
זענען זיי דאָך אויך אוועק אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און שראַפּנעלן...
עס איז שוין 6 וואָכן ווי מיינע קינדער זענען אוועק... און קיין איין גרוס,
קיין איין וואָרט.

דאָס שטענדיק שמייכלענדיקע פּנים פון ליפּע קעסטין קאָן איך
נישט פאַרגעסן... ליבער, גוטער ליפּע קעסטין. מיר זענען גוט באַפריינ-
דעט געווען. אַ סך יאָרן צוזאַמען געאַרבעט...

אַ שלעכטער טאָג היינט געווען...

פרייטיק, 20. אָקטאָבער.

פרייטיק איז מיין טאָג. איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר דעם היינטיקן
גוטן טאָג, פאַר דער היינטיקער גוטער בשורה! כ׳האָב אַ גרוס פון מיינע
קינדער! זיי לעבן! מ׳האָט זיי געזען. דער גרוס איז פון זייערם אַ קאָ-
לעגע, וועלכער האָט זיי געזען... ער האָט מיר געשוווירן, אַז ער זאָגט
דעם אמת... ער האָט זיי געזען גיין פון בריסק קיין קאָוועל... האָב איך
נאָך יאָ אַ האָפענונג... אוי, ווי איך בין געווען באַזאָרגט וועגן זייער גורל.
ער האָט זיי געזען אָן מאַנטלען, כאָטש עס זענען גרויסע קעלטן. אָבער
וואָס איז דען קעלט. אַבי זיי לעבן! וועל איך נאָך אַמאָל זען מיינע קינ-
דער! געוויס!...

איך בין שוין געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט און רעזיגנירט. היינט
בין איך גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. איצט מוז מען ווידער זיך נעמען
צו דער אַרבעט. מען מוז צוגרייטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטלויפן. איצט
וועל איך אַרבעטן מיט ענערגיע. איך וועל לויפן און אויסזוכן מיינע
קינדער.

שבת, 21. אָקטאָבער.

שרעקלעכע, גרוילעכע טעג. און די וועלט שווייגט און מענטשן ער-
גער ווי לעבן, פאַרברענגען, ווילן זיך, עסן צו דער זאַט. און דאָ שענ-
דעט איין מענטש דעם אַנדערן... דייטשן זענען אַריינגעקומען צו מיינעם
אַ באַקאַנטן אויף אַ רעוויזיע. מ׳האָט געפונען אַן אַנטיק, אַ העלפאַנט-
ביין-רעוואָלווער, באַזעצט מיט בריליאַנטן. מ׳האָט אים דערשאָסן.

זונטיק, 22. אקטאבער.

א שרעקלעך קאלטער רעגנדיקער טאג. אין איין זייט איז עס גוט. עס איז דא אביסל רעגן־וואסער... די קעלט נעמט אדורך די סיי-ווי־סיי פארפרוירענע גלידער. נישטא שוין פארוואס צו קויפן אביסל קארטאפל. יעדער גראשן, וואס איך האב פון פארקויפטע זאכן, איז ביי מיר א הייליקייט... מיט דעם וועט מען מוזן באצאלן די „שמוגלער". יעדעס מאל גנבע איך אראפ א פאר גילדן עפעס צו קויפן צום עסן און דאס „קניפל" ווערט דארער... די פערספעקטיוו ווערט א שווערע, אמת, אביסל זופ באקומט מען, אבער מ׳דארף דאך עסן סיי אין דער פרי און סיי אין אוונט. און מערקווירדיק, פון ליידיק גיין, ווילט זיך נאך מער עסן. עס איז שרעקלעך שווער אזוי צו לעבן און גארנישט צו טון. לייענען קאן מען נישט. עס איז צו פינצטער און עס איז נישטא קיין געדולד.

רוימען אין שטוב קאן מען נישט. ס׳איז נישטא וואס צו רוימען... קיין געשיר ווערט נישט שמוציק און ס׳איז נישטא סיי-ווי-סיי קיין וואסער... אבער אמערגסטן איז די קעלט. דרייט מען זיך ארום איבער די צימערן אין מאנטל, אדער מען ליגט אויף דער קושעטקע ווי א קלאץ...

איך האב היינט שוין מער נישט געקאנט אויסהאלטן. איך האב צעהאקט אלע ראמען פון די בילדער און איינגעהייצט, אבער קיין סך האט דאס נישט געהאלפן... בין איך אוועק אויף טארגאווע גאס נעבן די באז־סקלאדעס, דארט האט מען געזאלט געבן קוילן דער באפעלקערונג צו ביי־ליקע פרייזן. נאכן אפשטיין א פאר שעה האב איך זיך ערשט דערוווסט, אז באקומען קוילען וועלן נאר די, וואס האנדלען מיט קוילן... מילא, איז דאך דא א האפענונג, אז מארגן וועט זיין קוילן אין די סקלאדעס... נו, וועל איך ווידער שטיין אין דער ריי, אפשר וועל איך יא באקומען. דער־מיט אליין ווערט מיר שוין ווארימער...

מאנטיק, 23. אקטאבער.

ווידער א טאג לאנג ווי א צענדליק יאר. ווידער דאס זעלבע ווארטן, דער זעלבער חושך, דאס זעלבע ציטערן, אבער דערפאר גרעסער די מורא... פון טאג צו טאג ווערט אונדז ענגער און ענגער... היינט 7 פרי געשטאנען אין דער ריי, כדי איבערצוגעבן מיין ראדיא-אפאראט. ערשט

ארום איינס אזייגער האָב איך אַ דורכגענעצטע פון רעגן און אַ פאַרפרוי־רענע זיך צוגעקריגן צום טישל אין קאָמיסאַריאַט, וווּ עס איז געשטאַנען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט צוגענומען ביי מיר דעם אַפּאַראַט און פאַרשריבן מיין נאָמען און די פירמע פון אַפּאַראַט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער נומער איז 633 און דאָס איז געווען גענוג... איך בין שוין געוווינט צו שטיין אין רייען, און צו וואָס איז מיר דען נויטיק דער אַפּאַראַט? קיין עלעקטרי איז דאָך סיי־ווי־סיי נישטאָ... עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז מענטשן לעבן ערגעץ מיט ליכט, מיט וואַסער און האָבן צו עסן ברויט צו דער זאַט...

דאָס אַלץ איז אָבער נישט אַזוי שווער ווי די מאָראַלישע יסורים... היינט האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אַ באַקאַנטן, וואָלט דאָך דאָס נישט געווען אַזוי שרעקלעך. נו, וואָס איז דער מער פון אַ רעוויזיע? דאָס אַליין, די רעוויזיע גופא, איז דאָך נישט אַזוי שרעקלעך. האָט מען אָבער די אַלע מענטשן, וואָס מ'האָט געפונען אין שטוב, געהייסן זיך אויסדרייען צו דער וואַנט און נישט קיין פּיפּס טון די גאַנצע צייט פון דער רעוויזיע... אַלע זענען מיט טויט־שרעק אַזוי געשטאַנען... דערווייל האָט מען גע־זוכט, געניישטערט, צוגענומען געלט און ביזשוטעריע און אַוועק... ווען די מענטשן האָבן זיך אויסגעדרייט, האָט דער פאָטער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און איז פאַר שרעק געשטאָרבן... ביים באַקאַנטן רב ק. האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע, צעשלאָגן דעם רב, צוגענומען אַ קויש מיט זילבער און געצוווּנגען דעם רב, אַז ער זאָל עס אַליין אַראָפּטראָגן אין אויטאָ אַריין.

דינסטיק, 24. אָקטאָבער.

אַלע לויפן היינט אַרום שרעקלעך דענערווירט. אין שטאָט זענען דורכגעפירט געוואָרן אַ סך אַרעסטן. דאָס איז אַ סימן, אַז עס האָט אָנגע־הויבן זיין טעטיק די געשטאַפּאָ. מ'האָט אַלץ געמיינט, אַז די דייטשן בלייבן נישט. זיי טוען דאָך גאָרנישט אויפצוראַומען די שטאָט. די חור־בות זענען נישט צענומען. קיין אויטאָבוסן אָדער טראַמוויייען זענען נישט טעטיק. דער גרוז פון די גאַסן איז נישט אָפּגערוימט. קיין וואַסער איז נאָך אויך נישטאָ. זייער ווייניק איינוווינער זענען די גליקלעכע, וועלכע

האָבן ליכט. אָט דאָס אַלץ איז געווען אַ סימן, אַז די דייטשן טראַכטן נישט וועגן בלייבן אין וואַרשע... אָבער איצט, ווען עס הייבט שוין אָן צו אַרבעטן די געשטאַפּאָ, איז נישט פריילעך...

היינט איז מען געווען ביי מיין באַקאַנטן מ. וועלכער איז אַ פּליט פון לאָדזש. ער האָט אַ קריסטלעכע פרוי. מען האָט אים צוגענומען אומ־געריכט, געהאַלטן אַ פּאָר שעה, צעשלאָגן אים און געזאָגט, אַז אַ ייד „שוויין" טאָר נישט האָבן קיין קריסטין פאַר אַ פרוי. מען האָט אים אין אָוונט באַפרייט. דאָס איז שוין דער בעסטער באַווייז, אַז דער טעראָר הייבט זיך אָן.

מיטוואָך, 25. אָקטאָבער.

היינט איז אָוועקגעפאָרן מיין שוואָגער ישראל קאַהאַן קיין לאָדזש. אַלזאָ, איך בלייב איינזאַם. מאָרגן, איבערמאָרגן וועט אָוועקפאָרן לאָמ־פּע און איך וועל בלייבן איינע אַליין... איך ציטער אַזש פאַרן געדאַנק. אַליין אין די פינצטערע שטובן. אין אַזאַ צייט, ווען מען איז אָפּגעריסן פון אַלעמען.

מיין שוואָגער האָט איבערגעלעבט מיט מיר צוזאַמען 50 ביטערע, שווערע טעג. און יעדער טאָג איז דאָך געווען אַ יאָר. און ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי העלדיש, אַזוי וווּנדערבאַר. זיין קענגנוואָרט האָט מיך באַ־רויִקט, צוגעגעבן מוט. ער אַליין אַלס רעדאַקטאָר אין די לעצטע שעהן איז נאָך געשטאַנען אויף דער וואַך און אַרויסגעגעבן דעם „אונדזער עקס־פּרעס". בעת אַלע אַנדערע האָבן מורא געהאַט פאַרן אַרטילעריע־פייער, איז ער אונטער דעם קנאַלן פון באָמבעס און שראַפּנעלן געלאָפן אין מיטן נאַכט איבער פינצטערע גאַסן, געקראָכן איבער באַריקאַדעס, כדי די לייע־נער זאָלן האָבן אַ צייטונג... און ווען מיר האָבן זיך געשראָקן, וואָס מ'זעט אים נישט צוריק פון רעדאַקציע און איך פלעג אים פרעגן: — צו וואָס טוסטו דאָס? שטעלסט דאָך איין דיין לעבן. קיין געלט פאַרדינסטו דאָך דערפון נישט? — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט: — איצט אין אַזאַ צייט מוז דער לייענער האָבן אַ צייטונג... דאָס איז אַ פּרעסטיזש פאַר דער צייטונג צו דערשיינען איצט...

ער וואָס האָט דאָך געהאַט זיך צו שרעקן פאַר דער געשטאַפּאָ, האָט

נאָך מיך באַרואיקט און צוגענומען די שרעק פון מיר. ער האָט מיך אָנ-געשטעקט מיט זיין רואיקייט. ער איז היינט פאַרטאָג אוועקגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָס האַרץ קלאַפּט. איך בין שוין כמעט אַליין. עס שרעקט מיך זיין אוועקפאָרן, איך האָב מורא, ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט...

פרייטיק, 27. אָקטאָבער.

געבענטשט זאָל זיין היינטיקער טאָג! דער פרייטיק איז מאַקע געוואָרן דער גליקלעכער טאָג אין מיין לעבן... חבר היישעריק איז געקומען פון ווילנע, געבראַכט אַ קליין בריוועלע.

וועד איז גלייך צו מיר? היינט דערהאַלטן דעם ערשטן לעבעדיקן גרוס. אַ בריוועלע, אַ קליין, דין פּאַפּירל, געדיכט באַשריבן, מיין מאַנס האַנטשריפט! ער שרייבט מיר פון ווילנע, אַז ער לעבט, איז געזונט און די קינדער געפינען זיך אין ראָווגע... ער האָט זיך מיט זיי צופעליק גע-טראָפן... אַזאַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר און דאָס קאָן דעם מענטש ברענ-גען אַזוי פיל פרייד! אַזוי פיל פרייד! איך בין אַזוי גליקלעך! איך האָב אַ גרוס פון אַלעמען. אַלע לעבן, אַלע זענען געזונט! איך וואָלט פאַר פרייד די גאַנצע וועלט אַרומגענומען און געקושט! מיר זענען דאָך אַלע צע-שפּליטערט און צעבראָכן, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן... איצט וועל איך נעמען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן און אַנטלויפן פון דאַנען. יאָ, איצט גיכער אַנטלויפן! ליבער חבר היישעריק, ווייסט איר וואָס אָט דאָס ברי-וועלע באַדייט פאַר מיר?

מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך געוויר געוואָרן, אַז די דייטשן גיבן אַרויס „פּאַסיר שיינען" אוועקצופאָרן. מ'דאַרף נאָר לאַנגע שעהען אָפּ-שטיין אין אַ ריי ביים פּלאַץ „סאַסקי".

איך, די אַרטיסטין מאַניעלאַ און מאַניעלאַס זון האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן שטיין אין דער ריי. דאָס יונגע יינגל פלעגט שוין 5 פאַר-טאָג פאַרנעמען אַן אָרט אין דער ריי ביים זאַקסישן גאָרטן, דערנאָך פלעגן מיר אים פאַרבייטן, איך און מאַניעלאַ. היינט, אין אַ שרעקלעכן רעגן, נאָכן אָפּשטיין אַ פּאָר טעג אין דער ריי, האָט מען אונדז ענדלעך אַריינ-געלאָזן. דאָס איז אויך געווען דערפאַר, ווייל איך האָב דעם דייטשן פּאַ-

ליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, געוויזן מיין אויסלענדישן פּאַס, און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַן אויסלענדערין.

אַריינקומענדיק אין קאָרידאָר, איז ווידער געשטאַנען אַ לאַנגע ריי. פּלוצלינג דערזע איך דעם פּוילישן אַקטיאָר איגאָ סים, ער דרייט זיך אַרום אַזוי פריי, גייט פון טיר צו טיר.

איך האָב געוואָלט צולויפן, בעטן ביי אים פּראָטעקציע. ער קען דאָך מיך. מיר פלעגן זיך דאָך זען ביי „לורסן" אין קאַפע יעדן טאָג און אין די פּראָווינץ־שטעט, ווו ער איז געווען אויף אַן אַרטיסטישן טורנע מיט דער פּוילישער אַקטריסע „אָרדאָנקאָ".

מאַניעלאַ גיט מיך אַ ריס פאַר דער האַנט:

— גיי נישט צו, ער איז מיר עפּעס דאָ אַ גאַנצער שמעלקע..

מיר האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ און איך האָב גיך אַראָפּ־ גענומען פון זיך די ווייסע רעגן־פּעלערינע, אַז איך זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן און זיך כמעט באַהאַלטן צווישן דער מענטשן־מאַסע. אָבער אין ריי בין איך שוין געשטאַנען מיט טויטשרעק און איך האָב אַלץ גע־ הערט זיין געלעכטער און געשפּרעך אויף דייטש צו די פאַרשידענע באַ־ אַמטע. איך האָב נישט געוואָגט צו טראַכטן שלעכטס, אָבער אין קאָפּ זענען שוין פאַרביינגעלאָפן פאַרשידענע געדאַנקען... (שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז דער פּוילישער אַקטיאָר איגאָ סים איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן און די פּוילישע אַרטיסטין גורסקאַ האָט אים דערהרגעט.)

ווען מיר זענען אַריין אין צימער צו דעם באַאַמטן, האָט דער ער־ שטער, וואָס גיט אַרויס די נומערלעך, געפרעגט מאַניעלאַן: — יודין?

— יאָ, — האָט זי מיט שטאָלץ געענטפערט, און ביי מיר האָט גע־ קלאַפּט דאָס האַרץ ווי מיט האַמערס.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום טיש, זענען געזעסן צוויי באַאַמטע: איינער, וואָס האָט גערעדט פּויליש און דער צווייטער — דייטש.

און דאָ איז געשען אַ גרויס וווּנדער.

דער פּוילישער באַאַמטער האָט אונדז אין פּויליש דערקלערט און גע־ געבן עצות, וואָס מיר זאָלן ענטפערן דעם דייטש, כדי צו באַקומען אַ „פּאַ־ סיר שיין". אין אָנהויב האָבן מיר מורא געהאַט זיך צוצוהערן צו די רייד

זייגע. ווען ער ארבעט דא, איז ער א דייטש און א היטלעריסט זיכער. מיר האבן אבער גלייך געביטן אונדזער מיינונג וועגן אט דעם פאליאק-דייטש. ער האט דעם דייטשן באאמטן געזאגט, אז מיר זענען שוישפילער, וואס זענען געקומען פון ליטע שפילן דא טעאטער. דער קריג האט אונדז דא איבערראשט און איצט ווילן מיר צוריקפארן. די פעסער אונדזערע זענען פארברענט געווארן צוזאמען מיטן טעאטער.

איך האב געפילט ווי מאניעלא ציטערט און אין מיר האט געקלאפט איין צאן אין אנדערן. דער באאמטער האט אויסגעשריבן א צעטל מיט 14 נעמען, וואס איך האב אים אויפגעגעבן. פון מיין „טרופע" מכלומרשט. איך האב אויסגערעכנט א חוץ מיך, מאניעלא און איר זון אייזענבערג, דעם ארטיסט אייזיק סאמבערג, לאנדוי, ליפמאן, קורץ, קוטנער, מיין שוואגער ישראל קאהאן מיט זיין פרוי און טאכטער, און מארים לאמפע. אויפן צעטל איז געווען געשריבן, אז מיר זענען שוישפילער און אונדזערע זאכן דארפן נישט רעווידירט ווערן. דער פוילישער באאמטער האט אונדז געווונטשן א גליקלעכע רייזע און מיר זענען ארויסגעלאפן מיט פרייד, מיט שטראלנדיקע פנימער.

איך בין גלייך געלאפן אין ארטיסטן-פאראיין.

— חברים, — האב איך אויסגעשריען מיטן צעטל אין דער האנט, — מאכט אייך גרייט, מיר פארן.

אבער סאמבערג און לאנדוי, צו וועמען איך האב זיך געווענדט צום ערשט, האבן מיך אויסגעלאכט. א צעטל וועט אייך א סך העלפן. דאס איז נאר א מיטל, אז איר זאלט פירן זאכן און די דייטשע הינט זאלן עס קאנען צונעמען.

דער וועג איז איצט הערמעטיש פארמאכט. מען שלאגט און ראבירט. מען לאזט נישט אריין און מען לאזט נישט ארויס. קיינער וויל נישט פארן.

א צעווייטיקטע, א דערשלאגענע בין איך ארויס פון פאראיין מיטן צעטל אין האנט. דאך האב איך און מאניעלא באשלאסן, אז מיר פארן. אבער נישט מיטן צעטל, נאר מ'דארף זיך שמוגלען אזוי ווי אלע.

שבת, 28. אקטאבער.

שוין באשטעלט אן אויטא. ענדע וואך וועט עס געשען. פארקויפט אביסל זאכן. מען מוז זיך ראטעווען.

נעכטן האט מען אין לאדזש ארעסטירט די פרוי פון רעד. וואסער־צוג. ער איז נישט געווען אין דער היים, האט מען צוגענומען זיין פרוי... איך מוז אנטלויפן וואס גיכער... שטיל, בסוד, אפילו די נאענטסטע דארפן דאס נישט וויסן. א גאנצן טאג איז מען באשעפטיקט מיטן אויספארשן בעסערע וועגן. און אלץ מוז געטון ווערן אזוי קאנספיראטיוו...

זונטיק, 29. אקטאבער.

אפגערעדט! דינסטיק פינף פארטאג וועט עס געשען. עס גייען מיט מיר: מארים לאמפע, מאניעלא מיט צוויי קינדער, דער פארשטייער פון די האנטווערקער חיים ראסנער און דער שרייבער מיצמאכער. א גאנצן טאג האבן מיר געפלאנעוועט, ווי אזוי מ׳קאן אנטון וואס מער זאכן און אויך מיטנעמען א פאר זלאטעס, מער ווי 20 גילדן לאזט די וואך נישט אדורך...

פלוצלינג אבער זענען געקומען צולויפן מאניעלא מיט איר זון, אז א סך מענטשן זענען היינט צוריקגעקומען, צעשלאגן, נאקעט און באר־וועס. מען ראבירט אלץ צו און מען שיקט צוריק...

א גרופע פון 22 אקטיארן, צווישן זיי זיידערמאן, לערנער און זון, זיגמונט טורקאוו און פרוי, פרוי נאטאן, צוקער פרוי און זון, קליין, פאלמאן, פערלמאן, אייזענבערג, פעלער און פרוי, דזשעני לאוויטש, לע־ווין און אנדערע האבן זיך אויך צוריקגעקערט פון וועג... דער וועג איז איצט געווארן אוממעגלעך. מען מוז צוווארטן...

אבער מ׳האט דאך מורא. די ערד ברענט אונטער אונדז... הלוואי עס זאל נישט ווערן צו שפעט... ווי אזוי מ׳טוט איז שלעכט... לויפן איצט קאן זיין שלעכט. בלייבן, אפשר ערגער?... און דאס הארץ טוט ווי. מ׳מוז אוועקגיין אזוי ווי מ׳שטייט און גייט. ערשטנס, ווייל מ׳נעמט אלץ צו, צווייטנס, ווער ווייס וויפל עס וועט אויסקומען צו גיין צופוס? קאן מען דאך קיין משא אויף זיך נישט שלעפן... מ׳דארף, אלזא, איבערלאזן אויף הפקר די גאנצע יארן שווערע הארעוואניע און זיך לאזן נע־ונד... פאר־

פאלן, מ׳וויל ראטעווען דאס לעבן... מיר ליגן אבער אפּ אונדזער רייזע אויף א פּאר טעג.

מאנטיק, 30. אקטאבער.

ווען איך בין אדורכגעגאנגען די גאס, האב איך געזען, ווי מ׳שלעפּט אן אלטן ייד און ווי מיט א זשילעטקע האט מען אים אפּגעשניטן די באָרד... געשען איז דאס 12 בייטאג אויף דער קארמעליצקא־גאס. די גאס איז איצט פארוואנדלט געווארן אין א באזאר און ממילא געווען שטארק באלעבט — פון בלויז יידן. צווישן די דורכגייער איז אנשטאנען א פּאַ־ניק. מ׳האט אנגעהויבן לויפן אין די טויערן אריין... איך האב געפילט, אז אלץ קאכט אין מיר... איך האב זיך אבער דערמאנט אין מיין אפּשניט איינמאל אין אזא פאל און איך בין געגאנגען ווייטער... אבער די צע־שראקענע אויגן פון דעם אומגליקלעכן ייד, איבער וועלכן מ׳האט זיך לוסטיק געמאכט, האבן מיך געשטאכן... איך האב ווידער ריזיקירט און געבעטן די דייטשן, אז מ׳זאל אים אפּלאזן. דער, וועלכער האט געהאלטן די זשילעטקע, האט געגעבן א געשריי צו מיר:

— מאכן זי, דאס זי פארטקאמען!...

א צווייטער, מיט קרומע אויגן האט אבער אנגענומען דעם „ראזי־רער" ביי דעם ארבל און געזאגט:

„קאם מאל, האנס, לאס אים לאזי".

זיי זענען אוועק... דער צעשראקענער ייד האט אנגעהויבן קושן מיין קלייד און טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע רויטע טריבע אויגן. מיט איין האנט האט ער זיך פארהאלטן די אפּגעשוירענע באָרד פון איין זייט באק...

דינסטיק, 31. אקטאבער.

גאטס צארן האט זיך אויף אונדז אויסגעגאסן... ווען מיר האבן גע־לעבצט נאך אביסל רעגן, אז די עראפּלאנען זאלן נישט קענען פליען, האבן מיר געהאט וואונדערבארע שיינע טעג. איצט ווען אלע גלידער זע־נען פארפרוירן און דורכגענומען מיט קעלט, האבן מיר דווקא רעגנס, כסדר רעגן, אזוי ווי דער הימל וואלט מיטגעוויינט מיט אלע אונדזערע אומגליקן... די בלאטע אויף דער גאס איז שרעקלעך. עס איז איינפאך

אוממעגלעך צו גיין איבער דעם צענומענעם בלאָטיקן טראָטואר... פּאַטשט מען די בלאָטע און דאָס געמיט איז שרעקלעך שווער! דערבײַ ווערט מען אַלע פּאָר מינוט אויפגערעגט און דערצאָרנט צוליב עפּעס אַ נײַער גזרה. די היינטיקע אויפרעגונג איז געווים אַ שווערע. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז אין וואַרשע ווערט איינגעפירט אַ געטאָ. מ׳ווייס נישט, צי דאָס איז אמת. קיין זאַך אין וואַרשע ווייס מען דאָך נישט, צי עס איז אמת... אַלץ „וואָס מען זאָגט"... זענען דאָך אַזעלכע זאַכן בכלל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פּלאַקאַטן. אין די מהומה שרעקלעך גרוים. לויפן, נעבעך, יידן צו דער קהילה געוואויר ווערן, צי דאָס איז אמת? ווייס דאָך די קהילה אויך נישט קיין נײַעס. גייען מענטשן מיט דערשראָקענע אויגן און ציטערן, מ׳זאָל זיי נישט כאַפּן אויף אַרבעט. מען לויפט מיט שרעק פון קהילה צום „דזשאָינט" און פון „דזשאָינט" צו דער קהילה. יעדער ציטערט, ער זאָל כאָטש בלייבן מיטן דאַך איבערן קאָפּ. עס גייט דאָך צו ווינטער. קליינע קינדער, פאַרוואונדעטע, וווּ וועט מען זיך אַהינטון? וווּ?

מיטוואָך, 1. נאָוועמבער.

הײַנט בין איך געווען אין דער קהילה געוואויר ווערן, צי די גאַס, וווּ איך וווין, געהער צום געטאָ? איך גיי צו צו אַ טיש. דער באַאַמטער נעמט אַ ליסטע אין האַנט און קוקט אַדורך. דערווײַל שטיי איך נעבן טיש מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ. איך שטרענג אָן מײַנע אויגן צו זען, וווּ ער זוכט.

— וואָס פאַר אַ נומער הויז וווינט איר? — פרעגט מיך דער באַ־אַמטער.

— נומער 32 — ענטפער איך און נאָך שטאַרקער הייבט אָן קלאַפּן דאָס האַרץ.

— ניין... ניין. איר מעגט בלייבן וווינען. —

מײַן פּנים שײַנט אויף.

— אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין זיכערעס — זאָגט מיר באַלד דער באַאַמטער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז איך זאָל חלילה נישט אַנטוישט ווערן — די גאַנצע ליסטע איז נאָך נישט קיין גענויע.

דערביי שטייט א פרוי און ברעכט די הענט:

— ווו וועלן מיר גיין? ווו? גאָט אין הימל, ווי קאָנסטו דאָס צוזען?

— און זי ברעכט אוים אין א געוויין — ניין, עס איז נישטאָ קיין גאָט. עס איז נישטאָ. ס׳איז גאָרנישט נישטאָ... גאָרנישט... איר הערט, עס איז נישטאָ...

— שווייגט! — מישט זיך אריין א ייד, וואָס גייט פאַרבונדן די באָרד מיט א באַנדאַזש (אז די דייטשן זאָלן זי, נישט זען) — שווייגט, מ׳טאָר אזוי נישט רעדן...

— אירע צרות רעדן — מישט זיך אריין א יונגערמאַן מיט א קינ־דיש פּנים... ער איז געקומען געוואָר ווערן. זיין טאַטע ליגט א פאַרווונ־דעטער, די מאַמע דערהרגעט. זיי איז געבליבן א שטיקל וווינונג. אָבער ווו וועט ער נעמען זיין קראַנקן טאַטן?

— דאָ וועל איך וווינען! איר הערט, דאָ וועל איך וווינען, ביי אייך אין קהילה! ס׳זענען דאָ געגוג גרויסע שטובן — קלאַפּט איינער אין טיש. — איך קום באַלד אהער מיט מיין בני-בית. וואָס טוט איר גאָר־נישט? וואָס לויפט איר נישט? וואָס רייסט איר נישט איין קיין קברים? אזויפיל יידן זענען דאָך אין אַן אומגליק — בייזערט ער זיך אויף דעם באַאַמטן, אזוי ווי די קהילה וואָלט ארויסגעגעבן די פאַראָרדענונג.

א יונגע פרוי פּרובירט דעם ייד צו באַרואיקן. זי דערקלערט אים, אַז מסתמא לויפט מען און מ׳טוט. די גזרה רירט דאָך מער אָן די רייכע, ווי די אָרימע.

— יאָ, די רייכע?? — צעלאַכט זיך ביטער דער ייד — זיי וועלן שוין פאַר געלט באַקומען ווו צו וווינען, אָבער אַזעלכע ווי איך? וואָס וועלן מיר טון?

און די געשרייען גייען ביזן הימל... און עס קומען כסדר נייע פאַר־סאַפּעטע יידן. זיי האָבן זיך אדורכגעגנבעט שנעל די גאַס, כדי עפּעס געוואָר צו ווערן, אָבער דער באַאַמטער קאָן קיין געגויעס נישט דערקלערן.

— מען איז געלאָפן זיך באַמיען אפשר... אפשר...

באַלד עפנט זיך האסטיק די טיר. עס קומט אריין אַן אויפגערעגטע גרופּע מענער. זיי גייען מיט אימפּעט אריין אין א דערבייאיק צימער.

דער באַאַמטער לויפט זיי אַנטקעגן. דאָס איז די דעלעגאַציע צוריקגעקו־מען. זיי זאָגן גאָרנישט. אָבער מיר דערקענען שוין אין זייערע פאַרכמו־רעטע פּנימער, אַז די מינוט איז ערנסט. עס ווערט אַ טויטע שטילקייט צווישן די פאַרזאַמלטע. יעדער הערט זיך צו, אפשר וועט מען כאַפּן עפּעס אַ וואָרט פון יענער זייט טיר. און שטילערהייט טוט יעדער איינער בעטן גאָט, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין. עס גייט צוריק אַרויס דער באַאַמטער פון יענעם צימער, וווּ עס איז אַריין די דעלעגאַציע. ער איז טויט־בלאַס און בייסט די נעגל פון די פינגער. מען באַלאַגערט אים פון אַלע זייטן:

— נו?...

— נו? — ענטפערט ער שטיל. — נו, — ציט ער די ווערטער — נו, גזרה איז גזרה...

מער דאַרף מען גאָרנישט זאָגן. אַ יאָמער, אַ געשריי ברעכט אויס פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן. דער יאָמער איז שרעקלעך, אַזוי אַז דאָס האַרץ קאָן פּלאַצן.

— צו וואָס, גאָט אין הימל, האָסטו אונדז געלאָזט לעבן? — וויינט אַ יידענע, — בעסער וואָלט מיך אַ באָמבע דערהרגעט, וואָלט איך נישט צוגעקוקט דעם צער און וואָלט זיך נישט געדאַרפט אַזוי מוטשען... ווו וועל איך זיך אַהינטון מיט פּיצעלעך שוואַלבן? ווו?

— עס איז נאָך נישט גענוי באַשטימט וועלכע גאַסן עס געהערן נישט צום געטאָ. עס קאָן זיין, אַז אין אַ סך גאַסן וועט מען נאָך קאָנען וווינען — וויל דער באַאַמטער באַרואיקן דעם פאַרצווייפלטן המון.

אָבער עס העלפט שוין נישט. מ'לויפט גיך. מ'וויל וואָס פריער באַ־זאָרגן זיך אַ ווינקל. ס'זאָל אים אַן אַנדערער נישט אויסכאַפּן... מ'לויפט צו פאַמיליע, צו באַקאַנטע, צו פריינט. אָבער אומעטום זענען שוין גע־ווען אייניקע פערזאָן פריער און באַשטעלט אַן אָרט.

עס איז שרעקלעך צוצוקוקן די פּאַניק און די פאַרצווייפלונג.

דאַנערשטיק, 2. נאָוועמבער.

באַלד אין דער פרי איז געקומען צולויפן די פרוי פון אלחנן צייט־לין. זי איז געווען שטאַרק צערודערט מיט רויט פאַרוויינטע אויגן. איר

שטים האָט געציטערט, די הענט האָבן זיך איר אַזש געטרייסלט פאַר אויפרעגונג.

— וואָס איז געשען? — בין איך איר אַנטקעגנגעלאָפן, — מ'האָט אייער מאַן ארעסטירט?

— ניין. — האָט זי קוים אַרויסגערעדט און איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין: — שושנה קרוין, איר זענט מיין רעטונג. פון אונדזער גאַס מוזן מיר זיך אַרויסציען. איך האָב נישט ווו צו גיין... אויב נישט צו אייך, וועל איך מוזן גיין אין ווייסל אריין.

— וואָס רעדט איר? — האָב איך די פאַרצווייפלטע פרוי קוים באַרואיקט — איר זענט מיר ווילקאָמענע געסט. מיין שטוב איז אייער היים...

— אוי, שושנה — איז זי מיר געפאַלן אויפן האַלדז און געוויינט — איר ווייסט גאָרנישט, וואָס מיר לעבן איבער... מיין מאַן און די קינדער זענען שרעקלעך פאַרצווייפלט... ביי אייך וועלן מיר זיך נישט פילן שלעכט... איך דאַנק אייך.

— קומט גלייך — זאָג איך איר — נעמט דאָס נייטיקסטע און קומט...

— ערשט פאַרנאַכט — ענטפערט זי אַלץ נאָך מיט אַ וויינענדער שטים — ווען מיין מאַן וועט נישט מורא האָבן אַרויסצוגיין אין גאַס... און אפשר וועט נאָך גאָט געבן, אַז די קהילה וועט זיך אויסקויפן מיט געלט. יידן ווילן געבן אַ סך אויסקויף-געלט... אפשר וועט דאָס העלפן...

זי איז אַוועק. ביי דער טיר האָט זי זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט און צוגעוואָרפן:

— שושנה, געדענקט: איך בין די ערשטע, אין פאַל עמיצער וועט קומען. ס'וועלן דאָך זיין אַ סך אַזעלכע בעלנים.

און זי האָט טאַקע געטראָפן. באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטון צו מיר פאַרשידענע באַקאַנטע. יעדער איז געקומען מיט פאַרוויינטע אויגן. ווען איך האָב געזאָגט, אַז ביי מיר איז שוין די וווינונג פאַרנומען, האָט מען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווי עס וואָלט געשען אַ גרויס אומגליק... יעדער פון די באַקאַנטע האָט נאָך געהאַט אַ האָפענונג ביי מיר זיך ווי

עס איז איינצואָרדענען... יעדער איז געקומען גיך צולויפן, אז ער זאָל באווייזן פריער פאַרן צווייטן. דאָס האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן קוקנדיק אויף דעם צער פון די מענטשן, וועלכע זענען פאַרצווייפלטע געלאָפן גיך ווייטער, כדי נישט פאַרשפּעטיקן ביי אן אַנדער באַקאַנטן. איך האָב גע־הערט צו די גליקלעכע, איך ווין אין געטאָ...

מענטשן זענען געלאָפן, באַשמעלט פורן צום איבערציען זיך. דאָס איז אגב געווען זייער אַ שווערע זאַך, באַקומען אַ וואָגן איז געווען אַ גרויס גליק. כאָטש מען האָט נאָך געגוי נישט געוווסט, וועלכע עס זענען די גליקלעכע גאַסן, האָט מען שוין זיך אַרויסגעצויגן פון די „אומגליק־לעכע" גאַסן... זייער אַ סך יידן האָבן געגומען בלויז דאָס, וואָס מ'האָט געקאָנט איבערפירן אין האַנט־וועגעלעך, ווייל אַ פור צו פירן די זאַכן האָט מער געדאַרפט קאָסטן ווי די זאַכן זענען היינט ווערט. און ווו וועט מען דאָס מעבל שטעלן? צו יענעם קאָן מען דאָך נישט מיטנעמען קיין סך זאַכן... מיט איין וואָרט, יידיש האָב און גוטס פון לאַנגע יאָרן פּראַצע האָט מען איבערגעלאָזט אויף הפקר... מען האָט עס געלאָזט שטיין אין די וווינונגען...

— זאָל מיר דאַכטן, אז מיין שטוב איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג — האָט צו מיר געזאָגט מיינע אַ באַקאַנטע...

איך האָב ווירקלעך מקנא געווען איר רואיקייט און שטאַרקייט.

פרייטיק, 3. נאָוועמבער

עס ציען זיך לאַנגע שנורן מיט האַנטוועגעלעך, אָנגעלייגט מיט אביסל בעטגעוואַנט, וועש און געשיר. דאָס ציט מען זיך אריין אין גע־טאָ... מען ציט זיך, כאָטש די קהילה האָט נאָך קיינעם נישט מיטגע־טיילט, אז מ'דאַרף זיך ציען, אז אַ געטאָ וועט טאַקע זיין... כאָטש מען הייסט נאָך וואַרטן און נישט לויפן, האָבן אָבער אַ סך מענטשן מורא צו וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט... און מ'קאָן פון קיינעם גאָרנישט גע־וווּיר ווערן. די קהילה־באַאַמטע זענען ווי צעמישט... מ'לויפט אַהער און אַהין. מען באַראַט זיך און מ'סודעט זיך... און מ'קאָן אַלץ נישט וויסן, ווו מ'איז אין דער וועלט.

איך בין אין „דזשאָינט" און זע, ווי עס זיצן דאָרט פאַרחושכטע יידן... זיי וואַרטן... די „דזשאָינט"-פאָרשטייער מיט די קהילה-מיטגלי־דער זענען אַוועק אינטערוועניר... אפשר וועלן זיי עפּעס פועלן... מען וואַרט. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם... יעדעס מאָל, ווען עס עפנט זיך די טיר, ווערן אַט די אומגליקלעכע אַנטוישט... אַנשטאָט דער דעלעגאַ־ציע קומען גאָר נאָך יידן פרעגן:

— וואָס? ווו? ווען?

פלוצלינג עפנט זיך די טיר. עס קומט אריין ה' באָרנשטיין. זיין פּנים שיינט:

— מ'האָט אָפּגעלייגט ביז מאָנטיק...

דאָס הייסט, אַז מאָנטיק וועט מען ערשט וויסן... פּריוואַט ווערט מען ביי אים געוואויר, אַז מאָנטיק וועט באַשטימט ווערן, אין וועלכע גאַסן און ווען עס איז דער טערמין פון ציען זיך. נישט קיין פריילעכע ידיעה. אָבער האָפענונג איז דאָך נאָך פאַראַן.

— אַ שעה פאַר שבת איז נאָך אַלץ נישט שבת — זאָגט אַן עלטע־רער ייד.

שבת, 4. נאָוועמבער.

ענדלעך האָבן מיר באַשלאָסן. מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין. שוין געגעבן האַנט-געלט דעם שאָפער... שטיל, בסוד, קיינער זאָל נישט וויסן... איך הייב אָן צו פּאַקן די זאַכן. מ'מוז זיין גרייט. מיר ווייסן נישט, ווען דער אויטאָ קאָן קומען... ער קאָן קומען אין אָוונט, אָדער פאַרטאָג... אַלע מוזן זיין גרייט. קיין סך זאַכן קאָן מען נישט מיטנעמען. ערשטנס, האָט מען מורא פאַר ראַבירונגען... צווייטנס, דאַרפן מיר פאָרן 7 פּאַרשויז אין אַן אויטאָ... קיין סך פּלאַץ פאַר זאַכן איז נישטאָ... מען מוז זיין אויך צוגעגרייט, אַז מ'וועט דאַרפן גיין צו פוס און מיט באַגאַזש איז דאָך אומ־מעגלעך צו גיין... איך ווייס נישט ווי אַנדערע. נאָר איך בין שרעקלעך צוגעבונדן צו זאַכן. און ביי מיר איז אַלץ, וואָס כ'האָב, דאָס נייטיקסטע. עפּעס יעדע זאַך איז מיר אַזוי ליב. אַזוי טייער...

איך שטיי און קוק אויף די קליידער. מיר דאַכט זיך, אַז זיי רעדן, אַז

זיי בעטן זיך, איך זאָל זיי נישט פאַרשעמען, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אין דער מינוט האָב איך עפּעס רחמנות געקריגן אויף די קליידער, וואָס וועלן בלייבן הענגען...

איך שטאָפּ אָן אַ רוקזאַק. כ'לייג אַריין אַ פּאָר פּיעסן, אַ ביסל וועש און אָנגעטועכץ פאַר די קינדער. זיי זענען דאָך אַוועק זומער, איצט איז דאָך קאַלט. אַ ביסל וועש פאַר מיין מאַן, אַ וואַרעמען סוועטער, פאַר יעדן סקאַרפּעטן, און דער רוקזאַק איז פול... דער רוקזאַק איז שווער... כ'קאָן אים שוין נישט אויפהויבן. שרעקלעך שווער. נו, און עפּעס פאַר זיך? ניין, פאַר זיך וועל איך שוין גאָרנישט נעמען. איך וועל אַלץ, וואָס מעגלעך אָנטון אויף זיך... איך לייג אַוועק דעם רוקזאַק אין אַ ווינקל און בין גרייט.

איך וואָלט שוין וועלן, וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען... עס איז שרעק־לעך. די געטאָ־גזירה האָט אַלעמען ביז גאָר צעבראָכן...

אין שטוב איז קאַלט. מ'קאָן גאָרנישט טון. מ'מוז זיך לייגן אין בעט. אוי, ווען מ'וואָלט קענען אָפּשלאָפן די אַלע צרות.

זונטיק, 5. נאָוועמבער.

ווידער אַ טאָג פון דערוואַרטונג. דער אויטאָ איז נישט געקומען. אַ סימן, אַז דער וועג איז שווער, מ'קאָן נישט פאָרן, און דאָ בלייבן אפילו אַ טאָג ריזיקיר איך אַ סך... מיין געדולד וועט פּלאַצן, איך קאָן זיך נישט באַהערשן.

ביי אונדז אויף דער גאַס האָט זיך היינט באַוויזן וואַסער. שטייען מיר אין דער ריי ביים הויז, איך און מיין דינסטמיידל מיט פלעשער און עמערס און וואַרטן אויף דער טייערער פליסיקייט — וואַסער. די ריי איז גרויס, מען איז אָבער גליקלעך, וואָס מ'דאַרף נישט גיין ווייט... די געגנט איז דאָך אַ יידישע, שטייען אַ סך יידישע פרויען (מענער האָבן מורא צו שטיין, מ'זאָל זיי נישט כאַפּן צו דער אַרבעט). די פרוי, וועלכע גייט שוין צוריק מיט אַ פולן עמער וואַסער, קוועלט אַזש אָן פאַר פרייד. ביים וואַ־סער קריגט מען זיך.

איינע איז געקומען מיט אַ קעסל צו קאָכן וועש. האָבן אַנדערע פאַר־

איבל, אזא גרויסער קעסל וואסער. קאָן נאָך זיין, אז ווען ס'וועט דערגיין צו זיי, וועט פארפעלן וואסער. אמערסטן טראָגט מען אנשטאָט עמערס די בלעכענע פעסעלעך פון אונערקעס פון דער אָפּגעברענטער קאָנסערוון־פאבריק. אָט גייט פאר מיר שוין צוריק אן עלטערע פרוי מיט א פולן עמער וואסער. זי גייט לאנגזאם, אז א טראָפּן זאָל זיך, חלילה, נישט פארגיסן. צו דער ריי גייט צו א יונגע שיקסע. זי שמייכלט צו צוויי זעלנער, וואָס גייען גראָד פארביי... איינער פון די זעלנער גייט צו צו דער יידישער פרוי, נעמט ארויס דעם עמער וואסער פון איר האנט און גיסט עס אריין אין דער שיקסעס עמער... די שיקסע גייט אוועק און קוקט מיט טריאומף אויף דער ריי יידן... אזוי ווי איינער זאָגט: — איר זעט, וואָס פארא דער־פאָלג איך האָב?".

איך האָב זיך נישט געקענט באהערשן און דער שיקסע נאָכגעשריגן: „פריי זיך פריי זיך מיט אייער טריאומף"... מיין דינסט האָט מיר געגעבן א שטופּ, אז איך זאָל שווייגן... און האָט איר עמער וואסער אוועקגעגעבן דער אָרימער פרוי...

אָבער אלע האָבן דערפאר געמאכט איר פלאץ און זי צוריק צוגע־לאָזן צום וואסער אָן א ריי...

מאנטיק, 6. נאָוועמבער.

היינט האָט געדארפט זיין דער גזר־דין. אויף היינט איז געוואָרן אָפּגעלייגט די דעציזיע וועגן געטאָ... עס ווייזט אָבער אויס, מ'וויל, אז מיר זאָלן פאמעלעך אויסגיין... אויך היינט איז גאָרנישט באשטימט גע־וואָרן. דערפאר אָבער איז באוווסט געוואָרן א ליסטע, וועלכע גאסן עס געהערן צום געטאָ... די געדרוקטע ליסטע מיט די גאסן האָט מען שוין פארקויפט אין גאס... עס ווייזט זיך ארויס, אז די גאסן זענען מערקוויר־דיק צעטיילט. אזוי, צום ביישפּיל, מעג מען אויף איין זייט גאס יאָ ווױ־נען און אויף דער אנדערער זייט נישט... אויף אנדערע גאסן מעג מען וווינען, אָבער אריינציען זיך אהין איצט טאָר מען נישט... אויף אנדערע גאסן ווידער מעג מען וווינען א חוץ אין צוויי, דריי הייזער נישט... עס

איז געוואָרן שרעקלעך קאָמפּליצירט, אַזוי, אַז קיינער ווייס נישט ווו ער האַלט אין וועלט.

אין קהילה הייסט מען דערוויי׳ל וואַרטן. אַ גאַנצן טאָג זענען די מענטשן אָפּגעזעסן אין קהילה, כדי עפּעס געוואָר צו ווערן, אָבער מ׳האָט זיך אויף גאָרנישט דערוואַרט. 5 פאַרנאַכט מוז מען שוין אַהיימלויפן... ביז 6 מעג מען נאָר אין גאַס גיין... ווידער אַ שלאָפלאָזע נאַכט פון פיין און אומבאַשטימטקייט, פון שרעק פאַרן צורייבן דעם דאַך איבערן קאָפּ.

און דער אויטאָ ווייזט זיך נישט. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איצט צו אַנטלויפן איז שרעקלעך שווער. יעדן טאָג קומען צוריק מענטשן, וועלכע זענען אָפּגעלעגן אויף די פעלדער נאַקעט און באָרוויס עטלעכע טעג באַראַבעוועטע און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אַדורכקריגן... פריער האָט מען געהאַט איין מורא: די דייטשן... איצט האָט מען מורא, אַז די סאָוויעטן וועלן נישט אַריינלאָזן. די גרעניצן זענען פאַרמאַכט... מיט יעדן טאָג ווערט שווערער...

דינסטיק, 7. נאָוועמבער.

ווי שווער עס איז אַזוי צו לעבן. איך זיץ איינגעפּאַקט און וואַרט אויפן אויטאָ. און דאָ דערציילט מען, אַז אין ביאַליסטאָק נעכטיקן מענטשן אויף די טרעפּ, אויף גאַסן, אויף די וואַקזאַלן... עס איז קיין וואונדער נישט. הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן זיך דאָך געלאָזט לויפן צו די סאָוויעטן. און איך מוז איבערלאָזן אַ היים און אויך לויפן... פייניקן זיך און נישט האָבן צו וועמען אַריינצוגיין. אָבער זאָל דאָס שוין געשען, וואָס גיכער. דאָס וואַרטן איז דאָך שרעקלעך! און יעדן טאָג ווערט די שרעק גרעסער. יעדן טאָג הערט מען זיך צו צו נייע מעשיות, שרעקלעכע מעשיות. מ׳קען דאָך משוגע ווערן.

אויך היינט האָבן יידן געהאַט בלויז אַ טאָג פון לויפענישן און פייניקונגען. מ׳ווייסט נאָך אַלץ נישט: אָפּגעלייגט די געטאָ־גזירה ביז דאָנערשטיק.

מיטוואָך, 8. נאָוועמבער.

די נאַכט האָט מען אַרעסטירט אַ סך מענטשן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנענטערן זיך פון 11־טן נאָוועמבער, דער פּוילישער אומאָפּהענ־

גיקייטס-טאָג. די שטימונג איז אַ שרעקלעכע. אַלע זענען געזעסן דעם גאַנצן טאָג באַהאַלטן... מ׳האָט מורא... יידן ריכטן זיך אויף שלעכטס. צו דער געטאָ-גזירה איז צוגעקומען דער פּחד פון אַ פּאָגראָם. ס׳האָבן זיך פאַר-שפּרייט קלאַנגען, אַז דער 11-טער נאָוועמבער וועט נישט אַדורך רואיק.

איך האָב היינט געזען אַ שרעקלעך בילד: אויף עק יערוזאַלימער אַליי און מאַרשאַלקאָווסקע, אין סקווער איז פאַראַן אַ ברודער־קבר פון אַ סך געפאַלענע. האָט מען דאָרט, אויפן קבר אָנגעצונדן אַ ליכטל פאַר דער נשמה פון אַן אומבאַקאַנטן... איז באַלד געוואָרן דאָס דאָזיקע בערגל באַ-דעקט מיט קליינטשיקע חלבנע ליכטעלעך... די פאַרקויפערין פון די ליכטלעך, דאָס יונגע שיקסל, האָט איינפאַך נישט געקאָנט באַווייזן צו געבן רעשט... עס זענען געלאָפן מאַמעס מיט געלע פּנימער, אפשר נאָך געלער פון דעם פלאַם פון די גראָשנדיקע ליכטלעך און געשטעקט דאָס ליכטל אין זאַמד אריין... און געשעפּטשעט אַ פּאָר ווערטער שטילערהייט פאַר די פאַרלוירענע נשמות פון זייערע אומגעקומענע זין...

אַט שטייט ביים קבר אַ יונגע פרוי, אָנגעטון אַ שוואַרץ טיכל אויפן קאָפּ. זי שטעקט אריין דאָס ליכטל אין זאַמד און דאָס ליכטל שפּריצט מיט פייער און לעשט זיך פון די טרערן, וואָס פאַלן אויף אים פון דער יונגער פרויס אויגן... וואַרשיינלעך באַוויינט זי דאָ איר מאַן, אָדער גע-ליבטן, וואָס זי קאָן נישט געפינען. זי גייט שטיל אַוועק.

עס איז געוואָרן פינצטער, מ׳האָט מורא צו גיין. עס פאַלט אָבער אַ שיין — דאָס קבר מיט דער געדיכטער מאַסע קליינע ליכטעלעך באַ-לייכט אונדז דעם וועג... איך קוק מיך אום צו דעם קבר. עס זעט אויס שרעקלעך אַט דאָס ברענענדע בערגל ערד אין סאַמע מיטן האַרץ פון וואַרשע, צווישן די איינגעפאַלענע און פאַרברענטע הייזער, צווישן די בערג ציגל און רואינען.

דאַנערשטיק, 9. נאָוועמבער.

היינט בין איך אויפגעשטאַנען פרי, כדי צו גיין אין פּאָליטעכניקום אַרויסנעמען אַ קאָפּיע פון מיין זונס דאָקומענטן. ווער ווייסט, אפשר קענען די פּאַפּירן אַמאָל אים צוניצקומען... דער וועג אַהין איז געווען אַ

שווערער. עס איז זייער ווייט און מיט וואָס צו פאָרן איז נישטאָ. באַגעגנט אַ פּאָר מאָל די „עגלה", געזען ווי מ'שלעפּט די אומגליקלעכע דערשראָקענע יידן צו דער אַרבעט... ווען כ'בין צוגעקומען צו דער געביידע און געזען ווי דאָס פּאָליטעכניקום זעט אויס, האָב איך אָט דער געביידע אַ סך, אַ סך מוחל געווען...

ווען דער דעקאַן טאַלאַצקי איז געשטאַנען און גערעדט מיט מיר, האָט ער אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַז איך האָב אויף אים רחמנות באַקומען. דאָס פּנים זיינס האָט געהאַט די זעלבע קאָליר, וואָס די צעשטערטע מויער... דאָס פּאָליטעכניקום איז צעשטערט. די לימודים קומען נישט פאָר. און ווען ער איז אַריין בעטן די דייטשן, וועלכע האָבן פאַרנומען די גאַנץ געבליבענע צימערן פון לאָקאַל, מ'זאָל אים דערלויבן צוגיין צום אַרכיוו אַרויסנעמען אַן אויסצוג פון אינדעקס פאַר אַ סטודענט, האָב איך געפילט, אַז עס קאָסט אים אַ סך געזונט... ווען ער האָט מיר דערלאַנגט דעם דאָקומענט, האָב איך שטאַרק געדריקט זיין האַנט און בין שנעל אַרויס, אַז איך זאָל זיך נישט צעוויינען... ערשט אויף די טרעפּ האָבן זיך אַ גאָס געטון די טרערן... און איך בין געגאַנגען איבער דעם גרויסן הויף פון פּאָליטעכניקום און האָב זיך דערמאָנט ווי ערשט נישט לאַנג איז דאָ געלאָפן מיין זון אַ פאַרוווּנדעטער... דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיין צעשפּאָלטענעם קאָפּ... דאָס האָבן אים פאַרוווּנדעט דעמאָלט זיינע פּוילישע חברים סטודענטן. און איך בין דעמאָלט גראַד געווען אין אַמעריקע און קראַנק געוואָרן פאַר שרעק, ווען איך האָב זיך פון די ציי־טונגען דערוווּסט די ידיעה... און איצט, ווען איך זע דעם דעקאַן, בין איך נישט בייז מער אויף אים. דער האַס, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט גע־טראָגן אין האַרצן, איז איצט פאַרשווּנדן... ער איז אַליין אַ זייער, זייער אומגליקלעכער.

פּרייטיק, 10. נאָוועמבער.

מאָרגן דאַרף געשען עפּעס שרעקלעכעס. יידן זענען דורכגענומען מיט פּחד. אַלע ציטערן פאַרן מאָרגנדיקן 11־טן נאָוועמבער.

פּאַרטיי־טוער באַהאַלטן זיך. יידן זיצן אין די וווינונגען. ביי יעדן

קלאפ פון טיר גיט דאס הארץ א ציטער. מ'האט זיך שוין פארבאריקא־דירט מיט קאסטנס און מעבל־שטיקער. איך האב געבעטן מיין פוילישן שכן, א יונגער שגץ, וועלכער איז געווען פארליבט אין מיין דינסט־מיידל, אז ער זאל מארגן מיך נישט פארלאזן און בלייבן ביי מיר דעם גאנצן טאג. ער האט אויספרובירט די שטארקייט פון טיר־שלאס און אנ־געזאגט, אז מיר זאלן זיך נישט אנרופן, אויב עמיצער וועט קלאפן... ער אליין וועט עפענען די טיר, ווען ס'וועט זיין נויטיק. יעדנפאלס האט מען אוועקגעשטעלט ביי דער טיר א פאר שווערע קאסטנס, אז מ'זאל אזוי לייכט נישט קענען אריינגיין...

די גזירה פון געטא איז ווידער אפגעלייגט געווארן ביז מאנטיק. איך זע, אז מ'האט מורא אנצוהייבן מיט דער גזירה צוליב דער שטארקער טיפוס־עפידעמיע, וואס האט זיך איצט פארשפרייט אין די יידישע גאסן... אפשר דערפאר האט מען אפגעלייגט דאס איינפירן פון געטא...

שבת, 11. נאוועמבער.

א גאנצע נאכט געזעסן אנגעטון אין דער פינצטער. מ'האט מורא געהאט אויסצוטון זיך און צו לייגן שלאפן. איך האב געווארט, אז עס זאל טאג ווערן. דערפאר אבער האב איך ביינאכט געהאט אן איבעררא־שונג: עס האט אנגעהויבן לויפן וואסער...

יא, וואסער... אמתדיק, עס איז געווארן א יום־טוב אין שטוב. מען האט זיך אפילו פארגונען אנצוציגדן א ליכט און אויסוואשן די וואנע, כדי זי פול צו מאכן מיט וואסער.

וואסער... אלע זענען געלאפן זען דאס וואנדער. איך בין ביינאכט געלאפן די בשורה אנזאגן א פאר שכנים. אויך יענע האבן די נאכט נישט געלייגט זיך צוליב דעם 11-טן נאוועמבער און האבן אויך גלייך דערזען אט דאס גרויסע גליק... וואסער! ווער איז אימשטאנד דאס צו פאר־שטיין? וואסער, וואס באדייט דאס ווארט פאר אונדז?

אוי, א וואנע מיט וואסער! ווען מ'קאן אזוי האבן אזא גרויס גליק זיך אפצובאדן... שוין 9 וואכן ווי מיר האבן נישט קיין וואסער, די גאנצע צייט קיין גלאז נישט אויסגעוואשן. געזשאלעוועט אביסל וואסער... און

איצט חלום איך וועגן א וואנע. איך האב אפילו געוואלט צעהאקן א טיש, כדי אנצוהייצן דעם אויוון פון דער וואנע, אבער מ'קאן דאך נישט מאכן קיין קלאפעריי אין מיטן נאכט... און ווידער, איז דאך א שאד דאס וואסער... ווער ווייס, צי עס וועט זיך אנצאפן נאך א וואנע?

אלץ, וואס אין שטוב האט זיך געפונען, האט מען אנגענומען מיט וואסער: אלע טעפלעך, פלעשלעך, שיסלען, קרוגן, אפילו די בלעכענע פושקעלעך פון די קאנסערוון האט מען אנגענומען מיט וואסער... ווער ווייס, אפשר וועט ווידער אויפהערן צו פליסן וואסער. וועגן גאז און עלעקטרי וואגט מען דערוויל אפילו נישט צו חלומען.

די טיר איז פארשפארט. מען הארכט זיך צו צו יעדן שארך. באלד אינדערפרי איז געקומען דער פוילישער שכן, וואס דארף אונדז אפהיטן. מיר זיצן פארקלאמערט און פארהאקט. מ'האט אפילו מורא אפצובויגן א ביסל א שטיקל טאוול פון פענצטער, כדי צו זען דאס ליכט פון טאג. זיצט מען אזוי אין דער פינצטער, כאטש דער זייגער איז שוין 12 ביי־טאג. אין עס־צימער פאלט אריין א ביסל ליכט פון דער אפענער טיר פון שלאפצימער, ווו עס זענען אריינגעשטעלט אייניקע שויבן...

פלוצלינג דערהערט זיך א שטארק קלאפן אין טיר. מיר ווערן אלע דערציטערט. דאס הארץ פאלט מיר שיעור ארויס פון שרעק. מ'גייט!.. מ'איז דא, גאט אין הימל, באשיץ אונדז!

דער קריסט גייט צו צו דער טיר און פרעגט, ווער עס איז.

— אן אייגענער! — ענטפערט מען אים מיט א דיקער שטים.

— ווער איז דאס דער אייגענער? — פרעגט ווייטער דער שייגעץ און ער ווינקט צו אונדז, מיר זאלן זיצן שטיל.

— דער אויטא־אייגנטימער — ענטפערט מען פון הינטער דער טיר. דער שייגעץ קוקט מיך אן, מיר ווייסן נישט, וואס צו טון, מיר האבן שטילערהייט א קליינע בעראטונג און מען באשליסט, אז איך זאל צוגיין.

— ווער איז? — פרעג איך.

— עפנט, פרוי שושנה — דערהער איך א קול.

איך עפן די טיר און איך דערזע ווירקלעך דעם אויטא־אייגנטימער, מיט וועלכן מיר דארפן פארלאזן ווארשע. ער איז אן אנגעלייגטער גאסט.

מיר בעטן אים אריין און נעמען אים זייער גוט אויף. דערווייל ווערן מיר געוואָר, אַז אין גאַס איז שטיל, רואיק, מען שפּאַצירט שוין. עס האָט גאָרנישט פּאַסירט... די שרעק האָט געהאַט גרויסע אויגן...

ער נעמט מיך אַריין אין אַ צווייט צימער און זאָגט מיר בסוד: מאָרגן פּאַרטאָג 5 אַזייגער פאָרן מיר... איר דאַרפט אַלע זיין אויף וואָלנאָשצי-נומער...

מיר גיט עפּעס אַ מאָדנע קלאַפּ אין האַרץ. שוין?! איך הויב אָן צי-טערן. איך פרעג: — איז דער וועג שוין רואיקער געוואָרן?

— אַלץ איז אין אָרדענונג. אַלץ איז צוגעגרייט.

עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז די וואָס וווינען ווייט און וועלן נישט קאָנען באַווייזן צו זיין אויפן אָרט ביז צען מינוט נאָך פינף פאַר-טאָג, ווייל מ'טאָר דאָך נישט גיין פאַר 5 אין גאַס, וועלן נעכטיקן ביי מיר און מיר וועלן ארויסגיין פון מיין שטוב. די איבעריקע קומען אויפן אָפּגערעדטן אָרט צען מינוט נאָך פינף פאַרטאָג.

איצט ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די ערנסטע מינוטן פון פאַרלאָזן מיין היים... איך דריי זיך אַרום איבער די שטובן. איך קוק אויף אַלעם, אויף די בעטן, אויפן בעטגעוואַנט. אויף די שענק מיט זאַכן, אויף די טייערע אייל-בילדער, אויף די זילבערנע חפצים, אויפן מעבל, טעפּיכער, פּאָרצעלאַן און עס פאַרקלעמט אַזוי דאָס האַרץ... אַלץ לאָז איך איבער. אַלץ... און איך בין דאָך געווען אַזוי צוגעבונדן צו אָט דעם אַלעם! מערק-ווירדיק, איך פלעג דאָך אַ סך זיין אויסער מיין היים, אויף גאַסט-שפּילן אין פאַרשידענע לענדער... עס פלעגט דאָך אָפט דויערן חדשים לאַנג אַז איך בין געווען אָפּגעריסן פון מיין היים... אָבער איך האָב אומעטום גע-האַט דאָס באַוווסטזיין, אַז איך האָב אַ היים. ערגיץ ווייט געפינט זיך אַ נעסט. מיין היים, ווו יעדער קעגנשטאַנד איז געקעכלט און געצערטלט גע-וואָרן דורך מיין האַנט. ווו יעדער קעגנשטאַנד איז געמאַכט געוואָרן לויט מיין ווילן און פאַנטאַזיע. עס וואַרט אויף מיר אַ היים, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ ליבנדער מאַן, גוטע ליבע קינדער. איצט אָבער לאָז איך אַלץ אויף הפקר... אַלץ, אַזוי פיל יאָרן שווערע האָרעוואַניע פון מיר און מיין מאַן. אָפּגעאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, כדי זיך איינצואָרדענען באַק-

וועם, כדי מיין טאָכטער זאָל האָבן אַ פיינעם קלאַוויר, אַ שיין צימער... און איצט בלייבט דאָס אַלץ שטיין און איך גיי גע-ונד... וואוהין? צו וועמען?

אָט ליגט אַ טישטעך, וואָס כ'האָב אַ יאָר נאָכאַנאַנד געשטריקט. אָט הענגען בילדער, וואָס כ'האָב אַליין געמאַכט... יעדעס ווינקעלע קאָן דערציילן עפּעס פון מיר, פון מיין איך... אָט שטייט די ביכער־שאַנק, געקליבן אַנטיקן. אַזוי פיל יאָרן געקליבן... און אָט ליגן בריוו... יעדעס בריוועלע קען אַ סך דערציילן. זיי זענען פאַרבונדן מיט בענדעלעך... סאָר־טירט יעדעס יאָר באַזונדער. אָט דאָס אַלץ מוז בלייבן. דאָס איז דאָך איך... איך... עס בלייבט דאָך אַ שטיק פון מיר...

און אָט זענען די פּאָסט-מאַרקן, וואָס די קינדער האָבן דאָס גאַנצע לעבן געקליבן און מיט אַזוי פיל זאָרג אָפּגעהיט יעדע מאַרקע... און אָט זענען די אַלבאָמען מיט פאָטאָגראַפיעס, אַלבאָמען מיט רעצענזיעס... אַל־טע אַפּישן, פּיעסן, ווי קאָן מען לעבן אָן דעם? ווי אַזוי? וואָס בין איך אָן דעם אַלעם? וואָס?... איך שטיי, באַטראַכט יעדעס ווינקעלע און וויין זיך גוט אויס.

און איך בין מקנא אָט די באַקאַנטע, וועלכע האָט צו מיר געזאָגט: „לאָמיר דוכטן, אַז אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן... אוי, ווי גוט וואָלט גע־ווען, ווען דאָס וואָלט פאַרברענט געוואָרן... ס'וואָלט מיר איצט געווען אַ סך לייכטער זיך צו שיידן מיט אַלעמען...

באַלד זענען געקומען מיינע מיטרייזנדע, יעדער מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און מיט רויט פאַרוויינטע אויגן. יעדן האָט באַגלייט אַ נאָענטער, וועלכער איז געבליבן זיצן ביי מיר די גאַנצע נאַכט. פון 5 פאַר־נאַכט ביז פאַרטאָג, זענען זיך אַזוי געזעסן די גרופּעס אין פאַרשידענע צימערן און שטיל גערעדט צווישן זיך, אַזוי ווי מ'וואָלט געוואָלט אַלץ זיך אַרויסזאָגן, וואָס מ'האָט אפשר די גאַנצע יאָרן זיך נישט געזאָגט. זייער רירנד איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון שרייבער מיצמאַכער מיט זיין פרוי. עפּעס אַזוי ווי מ'וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'שיידט זיך איצט אויף תמיד... איך האָב זיך אָנגעטון 4 פּאָר וועש, די טייערסטע. איייניקע פּאָר זאָקן, אַ קלייד, דעם קאָסטיום און אויף דעם אַ פּעלץ. (איך בין שרעק־

לעך מאַגער געוואָרן אין דער צייט פון דער באָמבאַרדירונג אַזוי, אַז דאָס אַלץ איז אויף מיר גרינג אַרויף געגאַנגען) און מ׳האָט זיך געלאָזט גיין צום אויטאָ.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט מיין וווינונג, האָט די אַרטיסטין מאַ־ניעלאַ געזאָגט:

— שושנה, איך האָב צו אייך דעם פולן גלויבן! קיינער האָט נישט געוואָלט מיט מיר פאָרן צוליב מיין קליין קינד. מ׳האָט מורא צו שוואַרצן די גרעניץ מיט אַ קליין קינד. אָבער איך שווער אייך, אַז מיין קינד איז געהאָרכזאַם און פאַרשטייט אַלץ, דאָס קינד איז געלעגן בעת דער באָמ־באַרדירונג אין די אָקאָפּעס צוזאַמען מיטן מיליטער און עס ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס שרעק... דאָס קינד האָב איך די גאַנצע צייט געלערנט, אַז עס וועט מוזן שווייגן... זייט רואיק, דאָס קינד וועט שווייגן! איר, שושנה, פאַרלאָזט מיך נישט, האָט רחמנות אויף מיר, אויף מיין פּיצעלע קינד און זאָלט מיך נישט פאַרלאָזן אין דער שווערסטער מינוט, עס פאָרט מיט מיר מיין זון... ער וועט אונדז אַ סך בייהילפיק זיין. ער וועט אייך העלפן טראָגן אייער רוקזאַק, נאָר פאַרלאָזט מיך נישט אויף קיין איין מי־נוט. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלדז און מיך געקושט און געוויינט.

מיר האָבן זיך אַלע צעקושט. ווער ווייס, וואָס עס קאָן זיך מאַכן... איך האָב נאָך אַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף מיין וווינונג, גענומען דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס און פאַרלאָזט מיין היים.

מיין דינסטמיידל האָט מיך באַגלייט. זי האָט שטאַרק געוויינט. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט אָפּהיטן די וווינונג אַזוי גוט, ווי איך אַליין וואָלט דאָ געווען. עס איז געווען נאָך שטאַרק פינצטער אויף דער גאַס, ווען מיר זענען געגאַנגען... איינציקווייז, שטיל, אַז קיינער זאָל נישט זען, אָבער מיר זענען נישט געווען די איינציקע... עס האָבן זיך געצויגן אין דער פינצטער אַ גאַנצע שנור מענטשן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס... מ׳האָט זיך געאיילט, וואָס גיכער צוצוקומען אויף דעם אָפּגע־רעדטן אָרט, איידער עס ווערט ליכטיק... ווען מיר זענען צוגעקומען צום אויטאָ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן נאָך איייניקע פּערזאָן, וואָס וווינען ווייט. מיר האָבן געמוזט צווואַרטן, מיר האָבן זיך שטאַרק דענער־

זוירט, ווייל עס איז כסדר געוואָרן ליכטיקער און ליכטיקער. ווען מיר זענען איינגעשטיגן אין אויטאָ, איז שוין געוואָרן ליכטיק.

שטיל האָט זיך יעדער געזעגנט, אַלע האָבן געווישט די אויגן. מ'האָט זיך געווונטשן אַ גיך ווידערזען... דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן צו פאָרן און אויף אונדז האָבן געקוקט די אויגן פון אונדזערע נאָענטע, וואָס זע־נען געבליבן שטיין. זיי האָבן געקוקט און אונדז מקנא געווען, וואָס מיר זיצן שוין אינעם אויטאָ...

דער אויטאָ האָט זיך דערווייטערט. אַלץ, וואָס נאָענט און טייער איז געבליבן שטיין און באַגלייט אונדז מיט פאַרוויינטע אויגן. מיר האָבן געוואָרפן די לעצטע בליקן אויף די אַנטלויפנדע חרובע הייזער, אויף די שוואַרצע ליידיקע פאַרברענטע לעכער און די הייזער פון דעם חרוב־גע־וואָרענעם וואַרשע.

וואַרשע, מיר פאַרלאָזן דיך, וואַרשע, אונדזער ליבע וואַרשע.

זיי געזונט וואַרשע, זיי געזונט!

אַלע צעוויינען מיר זיך, כמעט הויך, אויפן קול...

III

מיר שוואַרצן גרעניצן

זונטיק, 12. נאָוועמבער.

מיר פאָרן. דער אויטאָ וויל זיך גיך דורכשטופּן דורך דעם צעלע־כערטן ברוק. מיר זיצן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. יעדע פאַרשווונ־דענע גאַס דערגעענטערט אונדז צו פּראַגע און נעמט אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ... יעדער זעלנער, וואָס מיר דערזעען דורך די פענצטערלעך, רופט אַרויס ביי אונדז פּחד. יעדע אויסגעמיטענע וואָך רופט אַרויס אַ דער־לייכטערונג.

ענדלעך זעען מיר די בריק פון דער ווייסל. מיר אָטעמען אָפּ. פּלוצ־לינג דערהערט זיך אַ באַסאָווע שטים פון אַ זעלנער:

— „האַלט, יודען הערויס צו דער אַרבייט". אַלע ווערן ווייס. איך דערמאָן זיך אין מיין „פּאַסירשיין", וועלכן איך האָב פאַר יעדנפאַלס מיט־גענומען. איך שטרעק אויס די האַנט מיט דעם פּאַסירשיין:

— מיר זענען אַ גרופּע שוישפּילער — דערקלער איך אים... אַלע ציטערן פאַר שרעק.

— „פאָרט־פאַהרען" — באַפעלט ער... איך דאַנק אים. אַזוי ווי דער שאָפער וויל אַנהויבן פאָרן, רופט זיך אָן דער פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן און רעגולירט דעם פאַרקער: „דאַס זינד דאָך יודען"... דער דייטש האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט... מיר פאָרן ווייטער. הייסט עס, אַז דער פּאַסירשיין האָט שוין עפּעס אויפגע־טון. עס לויפן פאַרביי די צעשטערטע הייזער פון פּראַגע. די שטאָט איז שוין הינטער אונדז. גאָט צו דאַנק, שוין פאַרלאָזט וואַרשע.

מיר זעען צעשטערטע דערפער, פארברענטע הייזלעך... מיר טוליען זיך איין איינער אין צווייטן און באהאלטן די פנימער, אז מ'זאל נישט זען, ווער עס פארט... דער וועג זעט אויס שרעקלעך. חרוב געווארענע הייזער, איבערגעקערטע אויטאס, צעבראכענע ראווערן, פורן און גרויסע אויטאבוסן — אלץ וואלגערט זיך אין מיטן וועג. אזוי גערדיכט, איינס נעבן ס'אנדערע. ערשט איצט זעט מען, ווי אומגליקלעך עס זענען געווען די אנטלויפנדיקע מענטשן, בעת זיי זענען געבליבן אן לאקאמאציע־מעג־לעכקייטן.

גענדז, קאטשקעס, הינער, הינט, חזירים, און אפילו בהמות דרייען זיך ארום פארבלאנדזשעטע, אן באלעבאטים. זיי זענען שרעקלעך אויס־געהונגערט, לויפן איינפאך אנטקעגן דעם אויטא, האבן נישט קיין מורא, אז זיי וועלן אומקומען... זיי זוכן עסן... אט ליגן אויסגעצויגענע פערד, פון וועלכע עס קוקט ארויס די אינגעווייד, הונדערטער שווארצע ראבן שטייען אויף דער טויטער נבלה און קראקען און דזשאבען זיך מיט די שנאבלען... עס ווארפט אן אן אימה צו קוקן. דער אויטא לויפט דורך צע־טראטענע פעלדער, אויפגעריסענע גריבער און פארברענטע שטעטלעך...

אלץ גייט דערוויילע בשלום. יעדעס דארף, וואס מיר לויפן פארביי, איז פאר אונדז א גרויס גליק. מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער ציל. פאר אונדז און הינטער אונדז פליען אויך אנדערע אויטאס מיט מענטשן — אלע צו איין ציל.

מיר זענען שוין נישט ווייט צו מילאסנע. פלוצלינג דערזעען מיר פון ווייטן א סך אויטאס שטייען. אונדז ווערט קאלט אין אלע גלידער. אבער עס איז שוין צו שפעט. קיין צוריק איז נישטא. דער שאפער בלייבט א סעקונדע שטיין. וואס טוט מען איצט? דארט שטייט א וואך און פאר־האלט די אויטאס.

— מ'דארף צוריקפארן — רופט זיך אפ איינער.

— צוריק איז געפערלעך — זאגט דער שאפער — ערשטנס, קען מען אונדז נאכשיסן און נאכיאגן... צווייטנס, האבן מיר נישט קיין אנ־דער וועג.

— אבער איך האב געזאגט, אז מיר זאלן נישט פארן דורך שעדלעץ

— רופט זיך אָן די אַרטיסטין מאַניעלע. — דער בעסטער וועג איז דורך מאַלקין.

— מאַלקין?! ניין... קיינמאָל נישט — זאָגט ראסנער — דאָס איז דער אומזיכערסטער און געפערלעכסטער וועג.

— מיר דאַרפן פאָרן ווייטער — זאָגט דער אַרטיסט לאַמפּע — פּאַרפּאַלן, זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען...

— יאָ פאָרן ווייטער — איז אויך מיין מיינונג.

און דער שאָפער לאָזט דעם אויטאָ אין גאַנג. ווען מיר דערנענטערן זיך צו די אויטאָס, גיט אונדז אַ זעלנער אַ צייכן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד: עס שטייען מענער אין מיטן פעלד אויסגעטון נאַקעטע... און די זעלנער באַזוכן זייערע מלבושים. די מענער שעמען זיך פאַר די פרויען, וואָס שטייען דערביי. איינער באַמיט זיך צו באַהאַלטן הינטערן צווייטן, די זעלנער אָבער שלעפּן די באַהאַלטענע און לאַכן דערביי פון די צעשראָקענע פּאַסאַזשירן... דאָס גאַנצע דאָרף פויערים (עס איז זונטיק) שטייט און קוקט זיך צו צום „ספּעקטאַקל". אַלע לאַכן פון די נאַקעטע מענער. און יעדע מינוט לויפט אָן אַן אַנדער אויטאָ, וואָס ווערט אָפּגעשטעלט און אַלע פּאַסאַזשירן ווערן אויסגעטון נאַקעט צום רעווידירן... עס איז אַ פּאַסקודנע קאַלט וועטער. די נאַקעטע מענטשן ציטערן פאַר קעלט און די זאַכן ווערן לאַנגזאַם רעווידירט... מיר זיצן אין אויטאָ אין טויט־שרעק. מיר קוקן זיך צו צום טרויעריקן ספּעקטאַקל... מיר טראַכטן, אַז אונדז דערוואַרט אויך אַזאַ גורל... פּלוצלינג נעמט אַ זעלנער אַ שיינעם מאַנטל פון אַ פרוי און דערלאַנגט עס אַ פויערישער דאָרף־שיקסע:

— „נאַ, וועסט עס טראָגן אָנשטאָט דער יידין"...

די שיקסע כאַפּט דעם מאַנטל פון זעלנערס האַנט און אַנטלויפט גיך. אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'זאָל זי נישט נאָכיאָגן און עס ביי איר צוריק צונעמען... און די יידישע פרוי בעט זיך ביים זעלנער: זי האָט נישט מער ווי דעם איין מאַנטל און עס איז דאָך קאַלט... דער דייטש איז אָבער טויב צו איר געבעט און טוט זיין „אַרבעט" ווייטער... און

ווידער צעטײלן די זעלנער צווישן די פויערים פארשידענע מלבושים. זיי גיבן אפילו אוועק אן אנצוג פון א מאן, וועלכער בלייבט שטיין אין בלויזע אונטערוועש, ווייל קיין אנדער אנצוג האט ער נישט... ביי מיינעם א באקאנטן (מיין זונס חבר, וואסערמאן) נעמט מען ארויס א טאשנלעמפל פון קעשענע און מען גיט עס אוועק א קליין שייגעצל, וועלכער קוקט מיט זשעדנע אויגן אויף דעם רויב... מיין באקאנטער ווערט שרעקלעך אומרו־איק... די גאנצע צייט פון דער רעוויזיע קוקט ער אויפן שייגעצל מיטן טאשנלעמפל אין האנט... איך פיל, אז דאס לעמפל איז עפעס מער ווי א געוועלנלעך טאשנלעמפל... ווער האט אבער צייט צו טראכטן? איך זע בלויז, אז די באראבעוועטע און נאקעטע יידן דאנקען גאט, וואס זיי קענען אנטלויפן מיטן לעבן...

ווען מען איז צוגעקומען צו אונדזער אויטא, זענען אלע שוין געווען אזוי איבערגעשראקן פון דעם בייגעוווינטן טרויעריקן ספעקטאקל, אז קיי־נער האט נישט געקענט קיין ווארט ארויסרעדן, אזוי ווי דאס לשון וואלט ביי אונדז אפגענומען געווארן... מיין האנט ציטערט, ווען איך דערלאנג דעם זעלנער דעם פאסירשיין דורך דער שמאלער עפענונג פון אויטא און בייג זיך צו אים צו, אז מיט מיין קערפער פארשטעל איך די מענער.

— מיר זענען שוישפילער — זאגט איך אים — מיר פארן קיין ווילנע צוריק אהיים... מיר ווינען דארט... לאזט אונדז פארן. מיר פירן א קליין קינד... עס איז קאלט. דאס קינד איז הונגעריק...

דער זעלנער קוקט אויפן פאסירשיין, קוקט אויף מיר... איך פיל דאס קלאפן פון די צעשראקענע הערצער ביי מיינע מיטפארער... יעדע סעקונדע איז ביי אונדז אן אייביקייט... איך באמי זיך צו שמייכלען, כאטש די אויגן זענען פול מיט טרערן צוליבן „ספעקטאקל", וואס איך האב נאר וואס געזען. איך פיל, אז אנשטאט א שמייכל קומט געוויס ארויס א קרומע גרימאסע אויפן פנים. אבער איך דערהער פלוצלינג דאס ווארט „פארט פאהרען"... זעט אויס, אז ער האט מיינע בלאנדע האר געהאלטן פאר „אריש" און אונדז געלאזן רואיק דורכפארן. ווידער האט דער פאסירשיין געהאלפן.

מען דארף דעם שאפער צוויי מאל נישט דערמאנען. ער פליט שוין

אזוי ווי א פייל פון בויגן. מיר האָבן איינפאַך מורא זיך אומצוקוקן... מיר פילן הינטער זיך א גרויסע מחנה אויגן, וועלכע זענען אין דער מינוט אזוי שטאַרק אונדז מקנא... ווען מיר זענען שוין געווען הינטער מילאַם־נע, האָבן מיר אַלע אויסגעשריען פאַר פרייד! א נס איז געשען... און מיר האָבן געדאַנקט גאָט פאַר דעם נס. פאַר מיינע אויגן זענען אַלץ געשטאַנען די צעשראָקענע אומגליקלעכע פנימער פון די „קאָמיש" נאַקעטע מענער, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט פאַר קעלט, און וועלכע מ'האָט נישט דערלויבט זיך צוריק אָנצוטון, ביז אַלע אויטאָס וועלן ווערן רעווידירט...

מיר פאָרן ווייטער. אָט זענען מיר שוין אין קאַלושין. אַן אָפּגעברענט יידיש שטעטל. מיר פאָרן איבער די גאַסן. עס שטייען א פאָר איבערגע־בליבענע אויסגעהוילטע שטיקלעך ווענט פון הייזער... ווידער א וואַך. ווידער באַפאַלט אונדז א טויט־שרעק. אויך דאָס מאָל לאָזט מען אונדז רואיק אַדורכפאָרן... אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק. דער אויטאָ פאָרט ווייטער. דורך פאַרברענטע שטעטלעך און חרובע דערפער... אָט זענען מיר שוין פאַר שעדלעץ. דאָס איז דאָס ערגסטע. דאָ קען מען אונדז כאַפּן צו דער אַרבעט און דעמאָלט איז א סוף מיט אונדזער פאָרן.

מיר בלייבן שטיין א פאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. מיר זע־נען זיך מיישב וואָס איצט צו טון. איינער לייגט פאָר, אז מ'זאָל גיין צופוס ביז מ'וועט פאַרבייגיין די שטאָט. א צווייטער זאָגט, אז צופוס איז נאָך ערגער. יעדע וואַך וועט אונדז פאַרהאַלטן... אין אויטאָ איז בע־סער... אפשר וועלן די וואַכן נישט אָפּשטעלן... און דער פאַסירשיין וועט ווידער זיין א מליץ־יושר. מיר באַשליסן צו פאָרן... ווען איך האָב פון דערווייטנס דערזען דעם ערשטן גרוי־גרינלעכן מונדיר, האָב איך גע־פילט, אז איך בין צו שוואַך. די שרעק האָט מיך אויסגעמאַטערט און אָפּ־געשוואַכט און איך האָב שוין געהאַט חרטה אויף מיין גאַנצער נסיעה...

עס גייט צו דער זעלנער און שטעלט אָפּ דעם אויטאָ. איך ווייז ווידער דעם פאַסירשיין פאַר שויפילער, אָבער דער זעלנער קוקט צומאָל נישט אויפן פאַפּירל און הייסט אַלעמען אויסשטייגן. איינער באַהאַלט זיך הינטערן צווייטן... אפשר וועט מען אים נישט דערזען... דער זעלנער אָבער זעט גוט... ער שרייט אויס:

— „אלע הערוים"...

איינער קוקט אן דעם אנדערן. אלע זענען מיר טויט-בלאס... מיר זענען אלע אנגעפעלצט. עס איז איינפאך שווער ארויסצוקריכן פון אויטא. מאניעלאס קינד, וואס איז די גאנצע צייט געזעסן איינגעטוליעט אין דער מוטער, גלאצט אוים די גרויסע צעשראקענע אויגן, קוקט אויף דער מוטער און שווייגט... עס ווייסט, אז עס דארף שווייגן.

— מאמע, דאס זענען דאך דייטשן — זאגט דאס קינד פלוצלינג און קוקט דערשראקן אויפן דייטשן זעלנער.

— די מוטער מיטן קינד קענען בלייבן אינעווייניק — זאגט דער זעלנער.

אונדז ווערט לייכטער אויפן הארצן. הייסט עס, אז דאס איז א מענטש מיט רחמנות...

— וואס האט איר דא אין אויטא? — פרעגט ער שטרענג.

— בלויז אביסל טעאטער־קליידער — ענטפער איך גיך, נאכדעם ווי איך בין שוין געקומען צו זיך פון דער שרעק. — מיר זענען שוישפי־לער — זאג איך אפ דעם זעלבן פסוק אויטאמאטיש ווי אויסגעלערנט — מיר פארן אהיים קיין ווילנע...

— געדענקט, ווען איך וועל רעווידירן אייער געפעק און וועל גע־פינען געלט, אדער ביזשוטעריע, וועל איך אייך אלעמען דערשיסן אויפן ארט...

— ביטע, זוכט — זאגן אלע פעסט — מיר האבן בלויז אביסל אנ־טועכץ.

דער זעלנער האט געעפנט דעם ערשטן רוקזאק און גארנישט גע־פונען. מער האט ער שוין נישט געזוכט... ווידער א נס... מ'האט אונדז באפוילן ווייטער צו פארן.

— אזוי פיל גליק. מ'זאל נאר נישט קיין עין־הרע געבן — זאגט מאניעלא און טוליעט איר קינד צום הארצן — דאס איז אין זכות פון קינד... — און טרערן באנעצן דעם קינדס קעפל.

און דאס קינד זאגט שטיל צו דער מוטער: — לוסיא איז א געהארכ־

זאמע... א יאָ, מאמאַ? אָבער ווו איז דער פּאַפּאַ? פאַר וואָס פאָרן מיר אַזוי לאַנג און מ'זעט נאָך אַלץ נישט דעם פּאַפּאַ?

— לוסיאַ האָט דאָך געזאָלט שווייגן — זאָגט צו איר די מוטער און לוסיאַ טוליעט זיך ווידער איין אין איר מוטער און שווייגט.

מיר זיצן שוין אַלע צוריק אין אויטאָ און פאָרן קיין מארדאַ, די לעצטע סטאַציע מיטן אויטאָ. לוסיאַ עפנט די אויגן און פרעגט ווידער:

— מאַמאַ! מען שיסט דאָך שוין נישט... פאַרוואָס טאָר מען נישט רעדן?

— ווייל אויב מ'וועט רעדן, מ'וועט דערהערן דיין שטים, וועט מען ווידער וואַרפן באָמבעס... — שרעקט די מוטער דאָס קינד. — הערסט, עס פליט שוין אַן עראָפּלאַן... ער וועט אַראָפּוואַרפן אַ באָמבע און וועסט נישט זען דיין טאַטן...

דאָס קינד טוליעט ווידער איין דעם קאָפּ פאַר שרעק און זאָגט שטיל:

— ניין, מאַמאַ, לוסיאַ וועט שווייגן... קיין איין וואָרט נישט רעדן, ביז דו וועסט הייסן...

אונדז אַלע קומען טרערן אין די אויגן, צוקוקנדיק די שרעק פון קינד. אָבער מען מוז דאָך דאָס קינד צוגעוווינען, אַז עס זאָל שווייגן ביים שוואַרצן די גרעניץ... אָרים קינד, וועסט עלטער ווערן, וועסטו זיבער דיין מאַמען מוחל זיין דאָס שרעקן דיך דעמאָלט... מיר קומען קיין מאַרדאַ. דאָ הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמתע גיהנום פאַר אונדז. ווידער אַ רעוויזיע פון דער וואַך, אָבער שוין נישט קיין שטרענגע. דאָ לעבן די דייטשע זעלנער בשלום מיט די יידן... מען פירט אונדז אַריין אין אַ געהיימער שענק... איינציקווייז פירט מען אונדז... מען טראָגט די זאַכן באַזונדער, בסוד... ווען מיר קומען דאָרט אַריין, טרעפן מיר שוין אַ פּאָר צענדליק נאָך אַזעלכע „געסט" ווי מיר... איבערגעשראָקענע קוקן מיר זיך אום ביי יעדן שאָרך... ווען איינער רשדט אַביסל העכער, קריגט זיך דער צווייטער. מען איז אויפגערעגט, איבערגעשראָקן, אויסגעמאַטערט און דענערווירט. אָבער מען מוז האָבן נאָך אַ סך געדולד, קראַפט און אויסדויער. איך זע, אַז עס וועט אונדז נאָך אויסקומען אַ סך מיטצו-

מאכן, איבערצולעבן... קיין צוריק איז אָבער שוין נישטאָ... מען הייבט אָן צו האַנדלען מיט די שמוגלער וועגן אַריבערשוואַרצן די גרעניץ.

פלוצלינג קומט צו לויפן אַ פייער און דערציילט, אַז מ׳קען נישט איצט פאָרן. אַ חוץ די זעלנער וואָס ראַבירן, גראַסירט איצט אַ גאַנצע באַנדע פון רויבער, וואָס וואַרטן אָפּ די פּליטים און באַפאַלן זיי אין מיטן וועג און מען ראַבעוועט אַלץ צו, וואָס עס איז געלונגען צו באַהאַלטן. אונדז באַפאַלט אַ פרישער פּחד. וואָס טוט מען? מען מוז דאָ איבערנעכטיקן און מאָרגן פרי אויסזוכן אַן אַנדער וועג, וואָס איז זיכערער. אָבער ווו בלייבט מען דאָ איבער? ווו? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אַלע שטובן פון פּיצינקן שטעטעלע זיצן שוין אַ סך אַזעלכע פּליטים ווי מיר. און די יידן האָבן דאָך מורא אונדז צו האַלטן. פּלוצלינג וואַקסט אויס אַ פרישער פייער, וואָס האָט אַ גוטן וועג, נאָר עס דאַרף קאָסטן טאָפּלט. ער וועט מיט אונדז פאָרן נישט דורכן וואַלד, נאָר דורך פעלדער. אים קענען אַלע... זיין פור וועט מען נישט באַפאַלן... פאַרפאַלן... מיר וועלן באַצאָלן, אַבי עס זאָל זיין זיכער.

דערהערט די רייד, כאַפּן אַלע אַנדערע און פאָרן אויך. אַרטיסטן... זיי האָבן מזל. מ׳דאַרף ריזיקירן. דערביי קומען פאָר האַרצרייסנדע סצענעס מיט מענטשן, וועלכע האָבן נישט צו באַצאָלן טאָפּלט... קיינער קען זיי נישט באָרגן, ווייל עס קאָסט שוין סיי ווי סיי טאָפּלט, וויפל מ׳האָט אָפּגערעדט און מ׳האָט נאָך אַ סך מיטצומאַכן. אָבער מ׳קען די מענטשן נישט איבערלאָזן.

מיר באַשליסן, אַז אויף יעדע פיר מענטשן וועט מען מיטנעמען איינעם פון די, וואָס האָבן נישט צו באַצאָלן...

ציט זיך אַ שנירל פויערישע פורלעך מיט פאַרחושכטע, צעשראָקענע און צעטומלטע יידן... נישט אויף אַ יריד פאָרן מיר, נאָר צו דער גרעניץ... צום בוג... מען מוז זיך איילן. מען מוז באַוויזן נאָך ביינאַכט אַריבערצוגיין דעם בוג. איין פורל פאָרט עטוואָס גיכער... בעסערע פערד, ווייזט אויס... כאָטש מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מ׳פאָרט איינס הינטערן צווייטן, איז די ערשטע פור ווייט פאָראויס... מיר זעען זי שוין נישט... פאָרן מיר נישט דורכן שאָסיי — נאָר דורך בלאָטעס און זומפּן, דורך

גריבער און בערגלעך, דורך צעאקערטע פעלדער... אָט דרייט זיך איין פורל איבער... אַלע זעקס פּאַסאַזשירן ליגן אין בלאָטע. מ'הייבט זיי אויף... מ'ווישט אָפּ מיט שטרוי די בלאָטע... מען פּאַרדעקט צוריק מיט דעם שטרוי די רוקזעק מיט זאַכן, אַז מ'זאָל זיי נישט אָנזען. מ'זעצט זיך ווידער אויף זיי און מ'פאָרט ווייטער. אָן אַ קרעכץ און אָן אַ זיפץ. דאָס איז אַ קלייניקייט... עס הייבט אָן ווערן טונקעלער. מיר ווערן אַלע שרעקלעך אומרואיק... אַזוי ווייט? מיר פאָרן דאָך שוין אַ פּאָר שעה. און מ'האָט דאָך אונדז געזאָגט, אַז אינגאַנצן דאַרפן מיר צופאָרן צוועלף קילאָמעטער... די אומרואיקייט וואַקסט ביי אונדז... און די פינף פויערים, די פורמאַנעס פון די 5 פורלעך, גייען זיך אַלע צוזאַמען און רעדן צווישן זיך.

— דאָס רעדן זיי זיך עפּעס אָפּ — שעפּטשעט מיר מאַניעלאַ אין אויער אַריין.

— שרעק זיך נישט — זאָגט צו מיר שטיל לאַמפּע — ווען ס'וואָלט עפּעס געדאַרפט פּאַסירן, וואָלט עס דאָך פּאַסירט מיטן ערשטן פורל... זיי זענען דאָך שוין ערגעץ ווייט.

אַזוי ווי ער רעדט אַרויס די ווערטער, דערהערן מיר פּלוצלינג אַ שטאַרק בילעריי פון אַ הונט.

— דאָ נישט ווייט מוז זיין אַ דאָרף... הינט בילן...

פּלוצלינג דערהערן מיר אַ יאָמערלעך געשריי פון מענטשן, אויסגעמישט מיט נאָך אַ שטאַרקער בילן פון די הינט. אין אונדז ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט. וואָס זאָל מען איצט טון? בלייבן שטיין?

— ניין — קאָמאַנדעוועט לאַמפּע — עס האָט געוויס עפּעס פּאַסירט מיט דעם ערשטן פורל. מיר זענען דאָ צוזאַמען מיט די פורמאַנעס 25 מענער... מען מוז איילן צו הילף די איבעריקע.

— וואָס הייסט צו הילף? — שרייט איינער אַ דיקער פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געקריגט מיט זיין שכנטע, אַז זי לאָזט אים נישט זיצן באַקוועם. — וואָס הייסט צו הילף? איר ווילט קומען יענע פּאַסאַזשירן צו הילף קעגן די דייטשן? וואָס ווילט איר, אַז מי־

אַלע זאָלן אַריינפֿאַלן. לאָמיר בעסער בלייבן דאָ שטיין... לאָמיר בעסער וואַרטן.

— פֿאָרן! מ׳דאַרף פֿאָרן — שרייען אַנדערע — אפשר זענען דאָס נישט קיין דייטשן, נאָר די פּויערים, וואָס ראַבירן... ווען דייטשן, וואָלטן זיי דאָך סיי־ווי־סיי אונדז נישט מיידן...

— פֿאָרן... פֿאָרן... — שרייען אַלע.

און די פֿרוי, וועלכע האָט זיך געקריגט מיטן דיקן, האָט צוגעוואָרפֿן:

— ער האָט מורא פֿאַר זיין „קעמלפּויק״.

מיר באַשליסן צו פֿאָרן. אָבער די פֿורמאַנעס איילן זיך נישט. מיר בעטן די פּויערים, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן...

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן — זאָגט איין פֿורמאַן — מיר ווילן זיך גאָרנישט איילן, פֿאַרוואָס איז יענער אַנטלאָפֿן דער ערשטער? כ׳בין נישט מחויב צו יאָגן מיין אָרימע קליאַטשע צוליב יענעם... זאָל ער זיך אַליין העלפֿן.

— עס האַנדלט זיך אָבער צו ראַטעווען מענטשן — בעטן מיר זיך ביי זיי.

— וואָלט עס געווען אַ שאָסיי — שמייכלען זיי — וואָלט מען גע־געבן אַ שמיץ די פֿערד, אָבער דאָ, דורך פֿעלדער, וויסן מיר דאָך נישט.

מיר בעטן זיך ביי זיי. ס׳וועט זיין אַ גוטער שנאַפּס, אַבי יאָגט צו...

און מ׳דערלאַנגט זיי טאַקע אַ פּאַפּירל אין האַנט אַריין... די פֿורמאַנעס ווערן לעבעדיקער און מ׳פֿאָרט גיכער. דאָס געשריי ווערט העכער און שרעקלעכער... די נאַכט פֿאַלט צו און עס ווערט פֿינצטער און פֿינצטער־רער... מיר פֿאָרן, אָבער זייער פּאַמעלעך, עס איז אוממעגלעך צו פֿאָרן גיך איבער צעאַקערטע פֿעלדער. די פֿערדלעך שלעפּן קוים די פֿורלעך. די מענער שטייגן אויס און גייען צופֿוס, נעבן די פֿורלעך. פּלוצלינג דער־זעען מיר, ווי עס לויפֿן צו אונדז פּויערים מיט דרענגער אין די הענט... אַ טויט־שרעק באַפֿאַלט אַלעמען. אָט דאָס זענען די, פֿאַר וועלכע מיר האָבן זיך געשראָקן. דאָס זענען דאָס די פּויערים, וואָס ראַבירן צו דאָס לעצטע, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַמערקט... אַ סעקונדע האַלט איין יעדער דעם אָטעם, מען טראַכט גיך וואָס צו טון: ווערן זיך, אָדער מיט

גוטן אָפּגעבן אַלץ און פאָרן ווייטער? לאַנג קיין צייט מיישב צו זיין זיך איז נישטאָ. די פויערים קומען אַלץ נעענטער. איין פרוי פון אינדזער וואָגן, הייבט אָן היסטעריש צו שרייען:

— הילף! ראַטעוועט!!

די אַנדערע פּאָר פרויען פון די פורן האָבן זיך אויך דערשראָקן און נאָך העכער אָנגעהויבן שרייען. די מענער האָבן געוואָלט באַרואיקן די צעטומלטע פרויען און עס איז געוואָרן אַ שרעקלעך געשריי. די פויערים מיט די דרענגער אין די הענט האָבן אָנשטאָט צו לויפן צו אונדז פאַרקערעוועט אין אַ זייט און געלאָפן טיף אין פעלד אַריין... אַפּנים, זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער גרויסער צאָל פורן און זענען אַנטלאָפן... און מיר זענען אין טויט־שרעק ווייטער געפאָרן, כדי וואָס גיכער זיך צו דערנענטערן צו יענע צעשראָקענע פּאַסאַזשירן פון דער ערשטער פור... ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער פור, האָבן מיר געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט. צוויי פרויען האָבן געחלשט. מ'האָט געמוזט אויספּאַקן מיין אַפּטייקל און זיי ראַטעווען... איינער האָט באַקומען מיט אַ דראָנג אין קאָפּ און עס איז געלאָפן בלוט... אַלע זעקס פּאַסאַזשירן זענען געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי זיך הויך צעוויינט און אונדז אָנגעהויבן קושן... איינער אַ יונגער סטודענט, טאַקע דער זעלבער, וואָס איז פאַרוווּנדעט, ווישט מיטן טאַשנטוך דאָס בלוט פון קאָפּ און דערציילט ווי אַזוי עס זענען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן די פויערים מיט די דרענגער אין די הענט און געגעבן אַ קלאַפּ מיט אַ דראָנג דעם פורמאַן, וועלכער איז אומגעפאַלן, זיי האָבן זיך געהייסן געבן דאָס געלט און די זאַכן... ווען ער האָט געענטפערט, אַז זיי זענען אָרימע פּליטים, וועלכע האָבן גאָרנישט געקענט ראַטעווען, האָט אַ צווייטער פויער אַ געשריי געטון: „דערלאַנגט זיי!" און מען האָט טאַקע אַראָפּגעכאַפּט איינעמס אַ רוקזאַק מיט זאַכן. ער האָט זיך געוועהרט און באַקומען מיטן דראַנג איבערן קאָפּ. ווען מיר קומען נישט אָן, וואָלט מען ביי זיי אַלץ צוגענומען. איך האָב באַלד דערקענט אין דעם פורמאַנס פּנים, אַז ער איז אַ מיט־שותּף צו דער רויבער־באַנדע, און דער קלאַפּ, וואָס ער האָט באַ־

קומען, איז אַ גלעט, כדי מ׳זאָל אים נישט באַשולדיקן... אין זייערע הענט ליגט איצט אונדזער גורל. מיט טויט־שרעק פאָרן מיר ווייטער.

עס ווערט כסדר פינצטערער. מ׳זעט שוין באַלד נישט איינער דעם אַנדערן. וואָס איז דאָס? מ׳האָט דאָך געזאָלט פאָרן בלויז צוועלף קילאָ־מעטער. איך הייב אָן אויסצופרעגן דעם פורמאַן, פאַרוואָס עס דויערט אַזוי לאַנג? דער פורמאַן איז בייז:

— אפשר זענט איר אונדז אין עפּעס חושד — זאָגט דער פויער — קענט איר אַראָפּגיין פון דער פור.

עס איז לייכט צו זאָגן אַראָפּגיין... אין דער פינצטער אין מיטן פעלד און איך ווייס נישט, וווּ מיר זענען אין דער וועלט.

עס איז אַזוי פינצטער, אַז מיר זעען שוין נישט, ווו דער וואָגן פאָרט. איך הער נאָר דאָס דרייען פון רעדער, אָבער אַזוי, ווי מיר פאָרן אויף די ווייכע פעלדער הערט זיך אפילו דאָס דרייען אויך שוואַך. איך זע נישט די איבעריקע פורן. מיר זענען אינגאַנצן אַליין.

— ווו זענען די איבעריקע פורן? — פרעגן מיר אונדזער פורמאַן.

— איך האָב אויסגעמיטן די זומפּן, דערפאַר בין איך אַראָפּ אין אַ זייט — זאָגט דער פורמאַן — האָט נישט קיין מורא. ס׳וועט אייך גאָרנישט געשען...

עס איז אים לייכט צו זאָגן... מיר ווילן ווייזן, אַז מיר האָבן טאַקע נישט קיין מורא, רעדן מיר צו אים, אָבער די שטים ציטערט, עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן... מיר זענען איצט אַליין. אויפן וואָגן זיצן בלויז 2 מענער. די איבעריקע זענען פרויען... דערבײַ די קליינע לוסיע, וואָס האָט מורא אפילו אַ וואָרט אויסצורעדן... זי ווייס, אַז מ׳דאַרף שווייגן... מאַניעלאַ כאַפּט אָן אין דער פינצטער מיין האַנט און פירט זי צו צו איר האַרץ. עס קלאַפּט ווי מיט האַמערס... זי דריקט זיך צו צו מיר און אָטעמט שווער... איך וויל גאָרנישט רעדן, ווייל איך פיל, אַז איך בין נישט אימ־שטאַנד אויסצורעדן קיין וואָרט. און דער חושך איז שרעקלעך... מיר זעען זיך שוין נישט איינס ס׳אַנדערע. אַ שרעקלעכע פינצטערניש... ווי־דער הייבט אָן אַ הונט בילן. די שרעק ביי אַלעמען ווערט גרעסער. מיר

זעען פונדערווייטנס א פייערל. דער פורמאַן שטעלט אָפּ די פור, נעמט אַן עמער און גייט נאָך וואַסער.

— אפשר וועט מען אָנטרינקען דאָס פערד, ווען מיר וועלן אָנקומען אויפן אָרט? — נעם איך זיך אָן מיט מוט און זאָג. — איר האָט דאָך געזאָגט, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועלן מיר שוין זיין אויפן אָרט.

— יאָ, אָבער מיין פערד וויל נישט פאָרן, עס מוז טרינקען.

— איך פאַרשטיי, עס איז נאָך וויט צו פאָרן — זאָג איך כדי צו באַרואיקן מיינע מיטרייזנדע... זיי אָבער זעען אין דעם פויערס אוועקגיין אַ צייכן פאַר די רויבער...

מיר זיצן שטיל. מיר ווילן אפילו הויך נישט אָטעמען, אַז מ׳זאָל אונדז נישט הערן... פּלוצלינג אָבער הייבן זיך אָן צו דערנענטערן צו אונדזער וואָגן שוואַרצע שאָטנס. מיר קענען אין דער פינצטער נישט זען די פּנימער. אָבער די געשטאַלטן שטעלן זיך אַרום אונדזער וואָגן און קוקן אונדז אָן.

— וווהין פאָרט איר? — פרעגט איינער.

מיר שווייגן.

— האָט נישט קיין מורא, זשידקעס, מיר ווייסן, אַז אייער לאַגע איז איצט אַ ביטערע, אַז איר מוזט אַנטלויפן פון היטלערן... איינגיכן וועלן מיר אויך לויפן...

מיר שווייגן. מ׳האָט מורא זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט.

— דאָ אין וואָגן זיצן אויך פרויען. אפשר וואָלט איר אַראָפּגעגאַנ־גען זיך אָנוואַרימען? — לייגט איינער פאָר.

— אפשר אויסטרינקען אביסל וואַרימס? — זאָגט אַ צווייטער.

מיר שווייגן.

— וואָס, איר קענט קיינער נישט רעדן? — זאָגט שוין איינער בייז.

— לאָז זיי אָפּ. — רופט זיך אָן אַ צווייטער — דאָס זענען אומ־גליקלעכע איבערגעשראָקענע מענטשן... שרעקט זיך נישט פאַר אונדז...

מאַניעלאַ קען זיך מער נישט באַהערשן און ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין. איר קליין קינד לוסיאַ דערשרעקט זיך, ווען זי זעט איר מוטער וויינען און וויינט נאָך העכער.

באלד איז אנגעקומען דער פורמאן מיטן עמער וואסער, געגעבן דעם פערד צו טרינקען און זיך באגריסט מיט די פויערים.

— גיכער, גיכער, קרופקא... פאר אהיים און פיר אריין די אומגליקלעכע צו דיר אין שטוב... און גיב זיי עפעס צו טרינקען.

— פארט געזונט. און מיר זאלן זיך ווידער זען אין א באפרייט פוילן — האבן זיי אונדז צוגעווונטשן.

ערשט איצט האבן מיר אלע געענטפערט „בוג זאפלאטש" (גאט זאל אייך באצאלן) און געדאנקט גאט, וואס מיר האבן באגעגנט גוטע מענטשן. מיר זענען דאסמאל אפגעקומען מיט בלויזער שרעק. מיר זענען ווידער אין טויט-שרעק געפארן אין דארף אריין, כדי צו בלייבן נעבטיקן ביי אונדזער פורמאן. עס איז פינצטער און מ'קען ווייטער נישט פארן דורך די פעלדער. ווען מיר זענען אריין אין דארף און דער פויער האט אונדז אריינגעפירט צו זיך אין שטוב, זענען מיר אלע געווען אזוי פארמאטערט פון שרעק, אז מיר האבן אפילו נישט געוואלט ווארטן, ביז ער וועט מאכן טיי און זיך אויסגעלייגט אויף שטרוי, וואס ער האט אויסגעבעט אויף דער פאדלאגע. בלויז די ארימע קליינע לוסיע האט געבעטן, אז מ'זאל זי גוט צודעקן. איר איז געווען קאלט. דאן האט זי אויפגעעפנט די אויגן און ארומקוקנדיק זיך איבער דער שטוב אויף דעם פארקאפטשעטן לאמטערל, וואס איז געשטאנען אויפן פעקעליק און געווארפן א געלן שווארצן שיין אויף אונדזערע פנימער, האט זי געפרעגט שטיל:

— און ווו איז דער פאפא? מיר זענען דאך שוין אין א שטוב...

— מארגן... מארגן, מיין קינד, — האט זי די מוטער בארואיקט — מארגן, וועלן מיר גיין איבער וואסער און ווען דו וועסט זיין א גוט מיידעלע און שווייגן, וועסטו זען דארט דיין פאפא.

— יא, יא, לוסיא וועט שווייגן... לוסיא גייט צום פאפא.

און די מוטער האט באגאסן דעם קינדס קעפל מיט אירע הייסע טרערן.

מאנטיק, 13. נאוועמבער.

לאנג זענען מיר געלעגן אויף א ביסל שטרוי און געמאכט פלענער וועגן אריבערגיין דעם בוג. שלאפן האט קיינער נישט געקאנט, כאטש מיר

זענען געווען שרעקלעך מיד, די איבערגעלעבטע שרעק האָט ביי אונדז צוגענומען דעם שלאָף און דעם הונגער... אפילו לוסיע האָט נישט געוואָלט עסן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז האַלב פיר פאַרטאָג זאָלן מיר אַרויספאָרן צום בוג. מיר האָבן געהאַט אַהין אינגאַנצן נאָך 5 קילאָמעטער, אַזוי אַז מיר זאָלן אָנקומען אין דאָרף איידער עס ווערט טאָג און אָפּמאַכן מיט די פירער, אַז פאַרנאַכט, ווען ס'וועט ווערן פינצטער, זאָל מען אונדז אַריבערפירן איבערן בוג... אָבער עס איז לייכטער צו רעדן, ווי דאָס אויסצופירן.

האַלב פיר איז געווען שרעקלעך פינצטער, מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די פורלעך, כדי צו פאָרן ווייטער. מיר האָבן געוואָלט די וואָך אַדורכפאָרן פאַרטאָגס, איידער עס ווערט ליכטיק, כדי די זעלנער זאָלן נישט באַמערקן.

עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַ האַלבן קילאָמעטער פאַר דער וואַך, וועלן אַלע מענער אויסשטייגן און גיין צופוס דורכן וואַלד ביז צום בוג. מיר, פרויען, וועלן בלייבן זיצן אויף די פורלעך נעבן די פעקלעך, וועלכע זענען געווען גוט צוגעדעקט מיט שטרוי, אַזוי, אַז מ'זאָל זיי נישט באַמערקן. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער וואַך און די מענער האָבן זיך געקליבן אויסצושטייגן פון וואָגן, האָט אונדזער פורמאַן אונדז צוגערעדט, אַז מ'זאָל דאָס נישט טון. ער האָט פּשוט געצוווּנגען דעם אַרטיסט לאַמפּע און דעם שרייבער מיצמאַכער, אַז זיי זאָלן בלייבן זיצן. די מענער פון די אַנדערע פורלעך זענען שטיל אויסגעשטיגן און גענומען גיין דורכן וואַלד. מיר זענען געפאָרן. פּלוצלינג האָט זיך צעבילט אַ הונט און אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג צום וואַלד. פון וואַך-שטיבל זענען אַרויסגעלאָפן די זעלנער און געגעבן אַ געשריי: — האַלט!

מיר זענען געבליבן זיצן בלאַס ווי די וואַנט. דאָס פורל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שפּירהונט איז אַלץ געלאָפן אין דער ריכטונג צום וואַלד און אָנגעוויזן די זעלנער, אַז דאָרט גייען מענטשן. עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ קאָמאַנדאָ: — „שטיין בלייבן"! און גלייך האָבן זיך אייניקע זעלנערישע ביקסן אויסגעדרייט מיט די לופעם אין דער ריכטונג צום וואַלד.

איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן שיסן אין דער לופט, כדי די אַנט־לויפנדיקע איבערצושרעקן, אָבער, אַפּנים, זיי ווילן נישט אומזיסט קאַליע מאַכן אַ קויל... זיי האָבן אויסגעשאָסן גלייך אין די מענטשן אַריין...

איך האָב אָנגעהויבן שרייען און בעטן זיך, אַז מ׳זאָל נישט שיסן... פון דער שיסעריי האָט זיך אויך אונדזער פערד דערשראָקן און אָנ־געהויבן לויפן ווילד. דער זעלנער האָט אויסגעדרייט די ביקס צו אונדז און געשריגן:

— „שטיין בלייבן!" איך האָב געזען דעם טויט פאַר די אויגן. דאָס פערד האָט זיך אָבער צעבריקעוועט און ווייטער געלאָפן... איך בין אַרויסגעשפרונגען פון לויפנדיקן וואָגן און געפאַלן אין גרובן אַריין. מאַ־ניעלאַ, וועלכע האָט געהאַלטן דאָס קינד, האָט נישט געקאָנט שפרינגען. איך בין געבליבן ליגן אין טויט-שרעק... פון מיין האַלדז האָט זיך אַרויס־באַקומען עפּעס אַ מין קוויטש: — „ראַטעוועט זיי. שיסט נישט!"

ווען מ׳האָט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד, האָב איך גאָרנישט גע־זען... פאַר די אויגן איז מיר געווען פינצטער. עפּעס ווי עס וואָלט מיר געשווינדלט און אין די אויערן האָט מיר כסדר געהילכט דער שאָס פון די זעלנער... איך האָב גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, אַזוי ווי איך וואָלט פּאַראַליזירט געוואָרן. ווען מאַניעלאַס קינד האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט: „וויין נישט, מומע"... האָב איך זיך ערשט יאָמערדיק צעוויינט.

— ווען האָט מען דערהרגעט? — האָב איך שטיל איינגערוימט מאַניעלאַן אין אויער און מורא געהאַט אויפצועפענען די אויגן, כדי ניט צו זען די טויטע.

— קיינעם נישט... אַ נס איז געשען. גאָט באַשיצט אונדז — האָט זי שטיל געזאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטים. — די קוילן האָבן נישט געטראָפן...

און איך האָב טאַקע געזען ווי פון דער ווייטנס פירט דער זעלנער די מענער, וואָס האָבן געוואָלט גיין דורכן וואַלד... מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ הייזל. דער קאָמענדאַנט, אַ גאַנץ שטרענגער אָבער גוטער מענטש האָט אָנגעקוקט אונדזער פּאַפּירשיין און געהייסן ווייטער פאָרן. ער האָט

אפילו צוגעשריבן א צעטעלע, אז אונדז איז דערלויבט אריבערצוגיין דעם בוג... מען האט אפילו נישט רעווידירט אונדזערע זאכן... ווען מיר זענען ארויס פון הייזל, האב איך געזען, ווי די איבעריקע פורלעך רעווידירט מען יא, אבער מ'האט ביי קיינעם גארנישט צוגענומען... זענען מיר שוין ווידער גליקלעך, ווידער געראטעוועט פון א צרה און מיר פארן ווייטער.

אונדז איז איבערגעבליבן אין גאנצן דריי קילאמעטער צום בוג. און דער בוג איז דאך די הויפטזאך. פארמאטערט פון שרעק און גליקלעך, וואס מיר האבן אזוי אפגעשניטן, פארן מיר ווייטער.

ווען מיר זענען אפגעפארן אן ערך א האלבן קילאמעטער, זאגן אונדז די פויערים אויפן וועג, אז מיר זאלן ניט פארן דורכן שאסיי, ווייל ס'איז נאך פארבליבן איין וואך א שלעכטע. אחוץ דעם פארט מען אדורך שלעכטע פויערים... זיי עצהן, אז מיר זאלן בעסער פארן דורכן פעלד.. אזוי ווי דאס פעלד געהערט צו זיי, ווילן זיי דערפאר באצאלט... ווידער געלט... מיר גיבן געלט און מיר פארן שוין מיט מזל ווייטער.

פון א הייזל לויפט ארויס א יונגע פרוי און בעט זיך, אז מיר זאלן רחמנות האבן און זי מיטנעמען... שוין דריי טעג ווי זי ליגט אין דעם הייזל און קיינער וויל זי נישט מיטנעמען, ווייל זי האט א קליין קינד... אזוי ווי זי קען אונדז און זעט, אז אויפן וואגן זיצט נאך א קליין קינד, בעט זי ביי דער מוטער פון קינד, אז זי זאל אויך איר זיך מרחם זיין און זי מיטנעמען. איר מאן איז אויך אן ארטיסט...

— ווי הייסט אייער מאן? — פרעג איך זי.

— הייבלום... פון ד"ר וויכערטס סטודיע, פון „יונג־טעאטער" — ענטפערט זי.

— וואס? אן אייגענע — זאגט לאמפע — גיכער נעמט אייער קינד און זעצט זיך ארויף אויפן וואגן...

די פרוי האט אונדז ארומגעכאפט קושן. ווען זי איז שוין געזעסן אויפן וואגן מיט אירע פעקלעך און מיט איר קינד, האט זי אונדז ערשט דערציילט, וואס זי איז נעבעך אויסגעשטאנען. שוין דריי טעג ווי זי ליגט אין הייזל אן א טרונק וואסער מיט איר קליין קינד... זי איז גע־פארן צום בוג, אבער מ'האט מורא מיט איר צו גיין איבערן בוג צוליבן

קינד... מאַניעלאַ כאַפּט אַ קוק אויף איר אייגן קינד און זיפּצט שווער אָפּ. אירע אויגן קוקן אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט. אויך זי, די אומגליק־לעכע מוטער, האָט דאָס זעלבע איבערגעלעבט. מ׳האָט מורא פאַרן אייגע־נעם לעבן. און אַ קינד אין וועג איז ריזיקאַליש... מיר פאָרן צו צום לעצטן דאָרף. מיר זענען שוין ביים בוג. דער פורמאַן פירט אונדז אַריין צום סאָלטיס. דאָ דאַרפן מיר זיצן ביז פאַרנאַכט. ווען ס׳וועט ווערן פינצ־טער און די שיפערס וועלן אונדז אַריבערשיפן איבערן בוג. אָפּגעמאַכט אַ פּרייז פאַר יעדן קאָפּ. טאָפּלט ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, אָבער פאַר־פאַלן: מען מוז צאָלן... איצט צוט יעדער וויפיל ער קאָן! מען שינדט די הויט... אויסגעטון די מאַנטלען. ענדלעך, זענען מיר אין אַ שטוב. מ׳וועט זיך אַביסל אָנוואַרימען און עפּעס אויסטרינקען. מען איז מיד און הונ־געריק... דעם סאָלטיס ווייב דערלאַנגט אונדז קאַרטאָפל, פאַר וועלכע מיר צאָלן אַ גאַנץ פיינע סומע. מיר כאַפּן זיך צו צום עסן. שוין דעם דריטן טאָג גאָרנישט אין מויל געהאַט... די הייסע פּאַרע פון די קאַר־טאָפל דערמאָנט אונדז אין אונדזער הונגער און מיר שלינגען די קאָכע־דיקע קאַרטאָפל... אין מיטן עסן, ווען איך האַלט אַ הייסן קאַרטאָפל אין מויל און ברי זיך דעם גומען, לויפט אַריין די פרוי פון סאָלטיס מיט אַ געשריי:

— גיכער! גיכער! אַנטלויפט!... דער קאָמענדאַנט אַליין גייט אַהער!

איך לויף צו צום פענצטער און זע טאַקע ווי פון ווייטנס רייט איי־נער אין אַן אוניפאָרם... איך כאַפּ גיך די זאַכן, שאַר זיי אַרונטער אונ־טערן בעט, נעם מיין מאַנטל און וויל לויפן... דעם סאָלטיס פרוי שרייט:

— „מאַכט מיך נישט אומגליקלעך... נישט דורך דער טיר, נאָר דורך דער קיך־טיר... דאָ גייט דער קאָמענדאַנט”.

מיר לויפן גיך דורך דער קיך אַרויס... מיר ווייסן נישט ווו צו לויפן, אָבער מען לויפט... איינער לויפט אַריין אין קלאָזעט, אַ צווייטער אין שטאַל... איך האָב שוין נישט באַוויזן צולויפן צום שטאַל, בין איך געלאָפן צו עפּעס אַ קאַמער... ווען איך האָב געעפנט די טיר פון קאַמער, איז דאָרט אַרויס פון דער בודע אַ גרויסער בייזער הונט און האָט אָנגעהויבן פון מיר רייסן און וואַיען... איך האָב אָבער אין דער מינוט זיך געשראָקן פאַר

עפעס וואָס איז געפערלעכער פון אָט דעם הונט... האָב איך זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד נעבן די חזירים אין ווינקל, מ׳זאָל מיך נישט זען. דער הונט האָט שרעקלעך געבילט... איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָל פון חזירים און אַזוי בין איך דאָרט געלעגן אין שמוץ אויף דער ערד אַ לענגערע צייט. ווען דער הונט האָט אויפגעהערט בילן, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אַלץ איז שוין רואיק. האָב איך שטילערהייט אויפגעעפנט די טיר און בין אַרויס.

איך האָב געזען פון דער זייט ווי פון שטאָל איז אויך אַרויס מאַניעלאַ מיט דער קליינער לוסיע. דאָס אָרימע דערשראָקענע קינד, האָט געטון אַלץ, וואָס מ׳האָט געהייסן... ווען איך האָב געגעבן אַ קוק אויפן קינד, האָט מיך אַזאַ רחמנות דורכגענומען, אַז טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן... קוקנדיק אויפן קינד, האָב איך גאָרנישט באַמערקט, ווי אויף דער שוועל פון הייזל שטייט דער קאָמענדאַנט מיט אַ שפּיץ-רוט אין האַנט און קוקט אויף אונדז דורך זיין מאָנאָקל... אַ קעלט איז מיר אַדורך דורך אַלע גלידער. דער קאָמענדאַנט האָט געקוקט אויף מיינע שמוציקע מלבושים און זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט:

— וואס מאכן זי היר? — האָט ער צו אונדז אַ געשריי געטון און זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרויס.

מאַניעלאַ קוקט אויף מיר, איך אויף איר, מיר זענען מוראדיק איבערגעשראָקן... מיר קוקן זיך אום מיט שרעק, אַז אויך די אַנדערע זאָלן נישט חלילה אַרויסקריכן פון די נאָרעס...

— מיר... מיר... — האָב איך געשטאַמלט פון שרעק — זענען שוישפּילער. מיר פאָרן קיין ווילנע.

מאַניעלאַ איז אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן פון שרעק. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין האַנט און געוואָלט זי קושן:

— האָבן זי מיטלייד מיט מיין קינד — האָט זי זיך געבעטן.

דער מאַן אין אוניפאָרם האָט אַ גלעט געטון מיט דער האַנט די קליינע לוסיע און זיך אָנגערופן:

— וואָס מאַכן זי? איך בין דאָך אויך נאָר אַ מענטש.

גאָט מיינער, ווען עס דערשיינט דעמאָלט משיח, וואָלט איך נישט

געווען אזוי פאַרוואונדערט, ווי פון אַט די דאָזיקע פּאָר ווערטער. און איך האָב געקריגן מוט און אים דערציילט, אַז מיר האָבן אַ סך איבערגעלעבט... מיר זענען אַ גרופּע שווישפּילער... מיר פאָרן צו אונדזערע מענער און באַנטע... ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטאַרק אונדז באַדויערט:

— אומגליקלעכע — האָט ער געשעפּטשעט.

אַט דאָס איינע וואָרט האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערדיקן געוויין.

— יאָ, אומגליקלעכע... אָבער נאָך ווי אומגליקלעך!

— נו, יאָ. — זאָגט ער ווייטער. און קוקט אויף אונדז מיט אַזעלכע רחמנותדיקע בליקן... אַט יענע אויגן פון דעם גוטמוטיקן מיטפילנדיקן מענטש וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— דאָ וועל איך אייך שוין העלפן אריבערצופאָרן דעם בוג — זאָגט ער ווייטער — אָבער דריבן, וואָס וועט זיין? די רוסן שיסן, ווען מען שמוגלט די גרעניץ... איר מוזט אריבער דעם בוג, ווען די רוסן וועלן אייך ניט קאָנען זען, ווען ס'וועט ווערן פינצטער.

— יאָ, יאָ, — זאָג איך — עס איז אַלץ שוין צוגעגרייט. אָבער די זעלנער פון דער דייטשער וואַך שיסן, ווען זיי הערן עפּעס אַ שאָרך און דאָס שרעקט אונדז אַמערסטן...

— מ'וועט היינט נישט שיסן — זאָגט ער אַנטשלאָסן און גייט אוועק. אים באַגלייטן דריי פּאָר צעשראָקענע און דאַנקבאַרע אויגן פון מיר, מאַניעלאַ און דער קליינער לוסיא. און די קליינע פרעגט:

— מאַמע, דאָס איז אויך אַ דייטש? דער גוטער מאַן? ווידער צע־וויינען מיר זיך פאַר פרייד. ווידער אַ נס! גאָט, באַשיץ אונדז ווייטער! אַט איצט קומט דאָך דאָס ערגסטע, דאָס וויכטיקסטע. מיר וואַרטן. עס הייבט אָן ווערן טונקעלער. די שרעק ווערט ביי אונדז גרעסער... פּלוצ־לינג קומט צוגיין איינער פון די שיפערס און זאָגט, אַז די זעלנער ווילן טרינקען בראָנפן און מיר מוזן זיי גלייך געבן געלט, וועלן די זעלנער אוועקגיין פון דער וואַך און מיר וועלן גוט זיך אריבערשיפן... דאָס הייסט, אַז מען מוז ווידער געבן געלט... מיר גיבן. עס איז שוין אַלץ איינס. מען הייסט אונדז אָנטון די רוקזעק און זיך גרייטן. עס איז שוין פינצטער

און מ'דארף גיין צום בוג. זאָל עס נאָר אויסגיין צו געלט...

— ווו איז דער פירער? — פרעג איך, — דער, וואָס דאַרף זיך מיט אונדז אַריבערשיפן אויף יענער זייט און אונדז אַריינפירן אין אַ זיכערן אָרט?

עס ווייזט זיך אַרויס, דער פירער איז נישטאָ. ער האָט צוגענומען דאָס האַנט-געלט און איז זיך אַוועק.

מיר קאָנען דאָך אָבער אַליין נישט גיין.

באַלד וואַקסט אויס עפּעס אַ פויער. ער קען אונדז געבן אַ צווייטן פירער. איך דאַרף נאָר צוגיין מיט אים אַ שטיקל וועג, האָט ער אייניקע פירערס. די מענער האָבן מורא צו גיין... מען שיקט מיך און נאָך אַ פרוי... ווען מיר גייען פאַרביי אַ כאַטקע, לויפן אַרויס פאַרשידענע דער־שראָקענע יידישע פרויען און מענער און אויף זייער פּנים ליגט אַ פראַגע־צייכן:

— „איר גייט? ווען?"

דאָ ליגן גאַנצע מחנות מענטשן, אויסגעהונגערטע, באַוואַקסענע, וועלכע וואַלגערן זיך שוין אַרום אַ פּאָר וואָכן און קאָנען נישט אַריבערקו־מען דעם בוג, מען האָט שוין ביי זיי אַלץ אויסגעצאַפּט, אויסגענאַרט און מען ניצט אויס זייער לאַגע, וואָס זיי האָבן קליינע קינדער אָדער עס פעלט זיי אויס געלט... אַנדערע ווידער זענען געכאַפּט און צוריקגעשיקט געוואָרן. ליגן זיי דאָ און וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט, כדי ווי־דער צו גיין, כדי ווידער צו שוואַרצן די גרעניץ... אָט גייט צו צו מיר אַן אויסגעדאַרטע, איינגעשרומפּענע פרוי מיט אַ פּאָר ברענענדע שוואַרצע אויגן, וואָס פאַסן גאַרנישט אַריין אין דעם צעקנייטשטן פאַרעלטערטן פּנים. זי רעדט שטיל. זי שעמט זיך, אפנים, פאַר איר אייגענער שטים:

— אפשר האָט איר אַביסל צוקער? מיין קראַנק קינד ליגט שוין דאָ צוויי וואָכן און טרינקט בלויז אַביסל וואַסער... מיר האָבן שוין אַלץ פון זיך אַוועקגעגעבן, אַז דער פויער זאָל אונדז נישט אַרויסוואַרפן פון זיין כאַטקע...

איך גיי אַריין אין כאַטקע און דערזע, ווי עס ליגט אויף אַ באַנק, אויף אַביסל שטרוי, אַ בלאַס מיידעלע... עס הענגען אַראָפּ צוויי לאַנגע,

בלאנדע צעפּ, פארבונדן מיט שיינע בלויע בענדער... דאָס מיידעלע קוקט מיט אַ פּאָר טריבע אויסגעלאָשענע אויגן און באַנעצט מיט דער צונג אירע פּאַרטקרוקנטע, פאַרשמאַכטע ליפּן. איך זע ווי דאָס קינד ברענט פון היץ... דאָס קינד כאַפּט מיט גיריקייט דאָס צוקערל, וואָס איך דערלאַנג איר. די מוטער הויבט אָן פאַר מיר וויינען. עס פאָרן דאָ פאַרביי אַזויפיל מענטשן און קיינער פון זיי איז נישט קיין דאָקטאָר... זי רעדט:

— איך האָב געוואָלט זיך אַריבערשוואַרצן דעם בוג... האָט מיין טעכטערל זיך אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן אין וואַסער... מ'האָט זי אַרויסגעשלעפּט, אָבער זי האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק צוגעקילט... וואָלט דאָס כאָטש שוין געווען אויף יענער זייט, וואָלט איך אפשר געהאַט הילף... איך האָב געוואָלט פאָרן צו מיין מאַן, וועלכער געפינט זיך אין ביאַליסטאָק. און איצט ציטער איך, אַז דער פויער זאָל מיך נישט אַרויס-וואַרפן פון כאַטע... איך האָב אים שוין אַוועקגעגעבן אַלע מיינע זאַכן, דאָס גאַנצע ביסל אַנגעטועכץ, אַז ער זאָל לאָזן דאָ ליגן מיין קראַנק קינד... כ'האָב דאָך נישט מער ווי אָט דאָס איינע קינד... דאָס איז דאָך מיין אויג אין קאָפּ... און דער פויער האָט מורא, פאַר די דייטשן...

— מאַמע, דו וויינסט שוין ווידער — רופט זיך אָן דאָס קראַנקע קינד מיט אַ שוואַכער שטים — וועסט זען, איך וועל גיך געזונט ווערן... מיר פאָרן דאָך צום טאַטן...

די מוטער דרייט זיך אויס און ווישט די אויגן... איך גיי אַרויס אַ פאַרביטערטע... אָבער נישט בלויז זיי אַליין געהערן צו די אומגליקלעכע, וואָס ליגן דאָ אויפן גרעניץ פּאַס, אין „קיינעמס-לאַנד"... אַלע מינוט קומט צולויפן אַן אַנדערער.

— אפשר האָט איר געזען מיין זון? אפשר האָט איר געזען מיין טאַטן? אפשר האָט איר געזען מיין שוועסטער?

איינער איז אַריבער, דעם צווייטן האָט מען געכאַפּט און צוריק געוואָרפן. אין לויפעניש האָט אַ מאַמע פאַרלוירן איר זון. אַ טאַטע זיינע קינדער, שוועסטער זייערע ברידער, אַ מאַן זיין ווייב... איצט איז איי-נער פון יענער זייט, דער צווייטער פון דער זייט און מען זוכט זיך אַרום... און מ'ווייסט נישט איינער פון אַנדערן...

— איך ווייס נישט וואָס צו טון — זאָגט צו מיר אַן אָרימער ייד — איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט מיין זון... מען האָט מיך געכאַפּט און צוריקגעשיקט... אָבער איך ווייס נישט, צי מיין זון איז אַריבער, צי ער ליגט ערגעץ באַהאַלטן? איך האָב געוואָלט ווידער פּרוּוון מזל און גיין... האָב איך אָבער מורא, אַז מיין יונגער זון זוכט מיר אפשר אַרום... שוין דריי טעג ווי איך ליג אַזוי דאָ אויף דער גאַס, אָן עסן און אָן טרינקען. די פּויערים ציען אַרויס די נשמה פון אונדז... און זיי האָבן טאַקע מורא אויך... גייט, פאַרענדיקט דער נאַאיווער ייד — גייט, זאָגט דאָרט דער וועלט, וואָס מיר ליידן אויס... דערציילט אַלעמען וועגן אונדזערע צרות און פּיין... זאָגט דאָרט דער וועלט! זאָל מען זיך אָננעמען פאַר אונדז.

אָרימער נאַאיווער ייד.

אָט ליגט אַ גאַנצע פאַמיליע אויף אַ פּאָר פּעקלעך אין אַ סטאַדאָלע פון אַ פּויער. זיי האָבן שוין צוויי מאָל געפּרוּווט גיין די גרעניץ און מען האָט שוין צוויי מאָל זיי געכאַפּט. זיי האָבן שוין נישט קיין כח. זיי זע־נען דאָ אין די דערפער גאַנצע דריי וואָכן. זיי זענען לייכט אָנגעטון... אַלע זענען קראַנק געוואָרן... זיי זענען שוין געווען ביי מאַלקין, געלעגן צוויי וואָכן אויף יענעם גרעניץ-פּאַס אונטער רעגנס און איצט זענען זיי געקומען דאָ פּרוּוון גליק...

דאָס האַרץ טוט וויי, צוקוקנדיק אויף די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן ערשט נעכטן געהאַט היימען מיט פאַמיליעס און איצט וואַל־גערן זיי זיך אַרום, קראַנק און צעבראָכן, אויפן גרעניץ־פּאַס... מאָרגן, הייסט עס, קען איך אויך זיין צווישן זיי... ווען עס זאָל אונדז היינט נישט געלינגען... אַ שוידער גייט מיר דורך די ביינער... איך אייל זיך... איך מוז דאָך רעדן מיטן וועג־פירער... און אַלע שרייען מיר נאָך:

— ווען אייך וועט געלינגען בשלום אַריבערצוקומען, טוט דאָרט עפּעס פאַר אונדז. אַ סך יאָרן וואָלט איך אָוועקגעגעבן, כדי די אומגליק־לעכע צו העלפן... מיר האָבן אַלץ געטון, וואָס איז אונדז נאָר מעגלעך געוועזן... מיר האָבן איבערגעלאָזט אַביסל געלט, כדי כאָטש מיט עפּעס צו לינדערן זייער לאַגע... אייניקע האָבן מיר מיטגענומען און באַצאָלט פאַרן אַריבערשיפן זיי, אפשר וועלן זיי מיט אונדז האָבן מער גליק?

מיר האָבן שוין מיט מזל א צווייטן וועג־פירער... ער וויל אויך דאָס געלט פאָראויס, אנדערש גייט עס נישט... דערפאר וועט ער שוין נישט אוועקגיין פון אונדז ביזן גיין... א ברירה האָבן מיר? מען גיט אים דאָס געלט...

— פארטיק? — פרעגט ער באלד.

— יאָ, — ענטפערן א פאָר דערשראָקענע שטימען — פארטיק...

אַלע ווערן שרעקלעך נערוועז. עס קלאפט א צאָן אָן א צאָן. דער וועג־פירער רעדט שטיל, געהיימניספול:

— מיר גייען... געדענקט, איר מוזט אָבער גיין זייער שטיל, מ'זאָל נישט הערן פון אייך קיין שאָרך... געדענקט, איר שטעלט מיך אין געפאר און אויך זיך, אויב איר וועט זיך האַלטן שלעכט...

— אפשר וועלן מיר אָפּלייגן דאָס אריבערגיין דעם בוג אויף מאָרגן?

— זאָגט איינער און זיין שטים ציטערט.

— ניין, נישט אָפּלייגן. — זאָג איך ארויס פעסט, הגם אויך מיין הארץ קלאפט איצט. מ'מוז עס דאָך איבערקומען... צו וואָס נאָך ליגן א נאַכט אין טויט־שרעק?

מאַניעלאַ נעמט מיין האנט און פירט צו צו איר הארץ... איך פיל ווי איר הארץ קלאפט ווי מיט האמערס און זי זאָגט שטיל:

— שושנה. געדענקט — זי דריקט דאָס קינד צום הארץ און שעפּטשעט עפּעס שטיל א תפילה... דאן רוימט זי איין דעם קינד: — געדענק, לוסיא, קיין פּיפּס נישט... אפילו ווען דו וועסט אומפאלן... אפילו ווען מיר אַלע וועלן אומפאלן... קיין איין פּיפּס נישט.... וועסטו גלייך קומען צו דיין טאטן... זי קושט דאָס קינד און דריקט ווידער מיין האנט... זי שעפּטשעט דאן ווייטער:

— שושנה, געדענקט אייער צוזאָג... פארלאָזט מיך נישט — איר האנט ציטערט נאָך שטארקער און איר הארץ קלאפט נאָך העפטיקער... איך ענטפער איר מיט א דריק אין האנט און מיר רירן זיך פון אָרט. מאַניעלאַ מיט איר קינד גייען די ערשטע, נאָך די וועג־פירער... איך גיי מיט מיין רוקזאק די צווייטע הינטער איר... איך גיי שטיל, קוים, וואָס איך באטרעט די ערד... איך בין אין דרייען געבויגן פון דעם שווערן רוקזאק

און פון דעם שווערן אַנטױעכץ, וואָס איך טראָג אויף מיין אויסגעשעפּטן פּאַרמאַטערטן קערפּער... הינטער מיר ציט זיך אַ קייט פון מענטשן... אַלע גייען ערנסט. די פיס בויגן זיך איינפאַך פאַר שרעק. מען גייט און מען שעפּטשעט אַ תּפילה, אַז מען זאָל בשלום אַריבערקומען די גרעניץ. ביי אַלע קלאַפּן די הערצער ווי ביי אַ פרומען ייד אין יום־הדין... אַלע זענען שרעקלעך נערוועז... מיר גייען... מיר גייען... איך וועל דעם גאַנג קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן!.. עס הערן זיך קוים די שטילע טריט פון די אומ־גליקלעכע, פון טויט שרעק פאַרמאַטערטע מענטשן, וואָס זענען געוואָרן פאַריאָגט פון זייער היים און לאַנד, וועלכע האָבן מורא צו טרעטן אויף דער ערד, אַז מ׳זאָל נישט הערן די פוס־טריט...

מיר גייען ווי פאַרברעכער, פאַראורטיילטע צו דער עקזעקוציע... מיר גייען... מיט פויסטן פאַרביילטע, מיט אַ קללה אויף די ליפּן... קיינ־מאָל אין דער וועלט וועלן זיך אונדזערע פייניקער נישט אויסקויפן אַט דעם גאַנג, פאַר אַט דעם צער פון יונגע קינדער, פאַר אַט דעם ווייטיק פון געטריבענע אומגליקלעכע מענטשן... איך גיי... מיר גייען, ווי אָפּגע־האַקטע לעבנס...

און אַט קומען מיר צום בוג. איך זע אַ געדיכטע מאַסע. איך ווייס נישט, צי דאָס זענען מענטשן צי בוימער... אַלץ איז אַזוי שטיל, אַזוי סודותדיק... די מאַסע אָבער באַוועגט זיך... אַזוי שווייגנדיק! אוי, דאָס דעמאָלסדיקע שווייגן!... אַזוי ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קיין לעבע־דיקע מענטשן, נאָר שאָטנס... גאַנצע מחנות שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך און שווייגן... עמיץ נעמט מיך אָן פאַר אַ האַנט און שטופּט מיך אַריין אין אַ שיפל... אויך שווייגנדיק, אַלץ ווערט דאָ געטון שווייגנדיק... איך נעם אָן יענעמס האַנט און גיי אַריין אין שיפל. איך גיב זיך אַ גליטש אויס און פאַל אום... דאָס שיפל גיט זיך אַ דריי און מיר ליגן שיעור נישט אַלע אין וואַסער... אָבער אַלע שווייגן. מען הויבט מיך אויף, אויך שווייגנדיק... דאָס שיפל איז געדיכט פון אַט די שאָטנס... איך זע אָבער נישט קיין פּנימער. עס איז שרעקלעך פינצטער. איך ווייס אפילו יישט, מיט וועמען איך פאָר... אַ שרעק באַפאַלט מיך, ווו זענען מיינע, מיט ווע־

מען איך בין געפֿאָרן? צי בין איך אַליין? די וויאַסלעס באַוועגן זיך און דאָס שיפֿל רירט פֿון אָרט. מיר ווילט זיך אויסשרייען:

— ווו זענט איר אַלע? איך פֿרעג שטיל דעם שיפֿער: „ווו זענען די איבעריקע?" אַ שטורך אין מיין זייט איז דער ענטפֿער... אפֿילו שטיל רעדן טאָר מען נישט... מיר ווילט זיך צוריק אַרויסשפּרינגען... צוריק אָנכאַפּן די ערד... מיין ערד... מיין פּוילן! דאָס האַרץ טוט מיר אַזוי וויי! אָט דער בוג איז איצט די גרעניץ... אָט דאָס קליינע שיפֿל רייסט דאָך איצט אי־בער אַלע פֿעדים פֿון מיין היים, פֿון מיין שטאָט, פֿון מיין גאַנצער עקזיס־טענץ... אָט דאָס קליינע שיפֿל רייסט מיך איצט אָפּ פֿון דער חרובער אָבער דאָך מיר אַזוי ליבער וואַרשע...

דעם גאַנצן וועג האָב איך עס גאָרנישט געפֿילט אַזוי ווי איצט, אויף דער גרעניץ... וואַרשע! ווען וועל איך דיך ווידער זען? ערשט אויפֿן בוג האָב איך דערפֿילט, אַז איך פֿאַרלאָז טאַקע וואַרשע, אַז איך פֿאָר טאַקע אַוועק... און כאָטש איך פֿלעג דאָך אַזוי אָפֿט אַוועקפֿאָרן פֿון וואַרשע, האָב איך נישט געפֿילט דאָס, וואָס היינט. דעמאָלט בין איך אַוועקגע־פֿאָרן פֿון אַ שטאָלצער, שיינער, רייכער, גליקלעכער וואַרשע... אָבער היינט האָב איך עפּעס אַזוי רחמנותדיק געפֿילט צו וואַרשע. איך האָב גע־האַלטן זיך פֿאַר אַ פֿאַררעטעריין, וואָס פֿאַרלאָזט אַ נאָענטן אין אַ שווערער מינוט...

וואַרשע איז דאָך איצט אַזאַ געשלאָגענע, אַזאַ באַליידיקטע, אַזאַ דערנידעריקטע! עס האָט זיך מיר עפּעס געוואָלט פֿאַר וואַרשע פֿאַרענט־פֿערן, הלמאי איך פֿאָר אַוועק. מיינע ליפּן האָבן קוים געשעפּטשעט:

— וואַרשע, איך מוז פֿאָרן... איך האָב שוין נישט קיין כוחות אַזוי צו לעבן... וואַרשע, איך מוז אויסזוכן מיין מאַן און קינדער... וואַרשע, איך פֿאָר נישט אויף לאַנג. וואַרשע, איך וועל צוריק קומען... איך וועל בענקען נאָך דיר. איך וועל דיר שרייבן בריוועלעך...

, וואַרשע! וואַרשע!! וואַרשע!!!

עס גיסן זיך טרערן... איך וואָלט איצט אַרומגענומען אָט די חרובע הייזער און קושן... און דריקן זיי צום האַרצן... וואַרשע!.. איך פֿיל, אַז דאָס האַרץ פּלאַצט...

דאָס שיפֿל גיט זיך ווידער א דריי... מיר כאַפּן זיך אָן איינער אָן אַנ־דערן. די שרעק רייסט איבער מיינע געדאַנקען וועגן ווארשע. איך שטיי מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און דאָס האַרץ קלאַפּט ווי ביי א גזלן... און איך דערמאָן זיך, אז ערשט נעכטן האָט זיך א שיפֿל דאָ איבערגעדרייט בײנאַכט און אייניקע מענטשן זענען דערטרונקען געוואָרן... גאָט, היט אונדז! און מיט צוויי טעג צוריק האָט מען געשאָסן אויף א שיפֿל און איינעם דערהרגעט. ברור. בלויז שלעכטע זאַכן דערמאָן איך מיך... אַזוי ווי עקסטרא קריכן בייזע געדאַנקען אין קאָפּ אריין... גאָט, באַשיץ אונדז!

פּלוצלינג דערזע איך דעם ברעג. דאָס האַרץ וויל אַרויסשפּרינגען פאר פרייד... גאָט, נאָך א מינוט, נאָך צוויי... ענדלעך, מען איז צוגע־שוווממען. עמיץ דערלאַנגט מיר א האַנט ביים אויסשטייגן. איך דאַנק און בענטש די האַנט. אָבער איך דערזע, אז פון מיין גרופּע בין איך אַליין... איך גיי א פּאָר טריט און דערזע ווי צווישן די בוימער זיצן שוין א סך מענטשן אויף זייערע טלומעקלעך. פריער האָב איך געמיינט, אז דאָס זענען בוימער...

— דאָ וועט איר צוווארטן — זאָגט דער וועג־פירער שטיל, רוימט איין קוים אין אויער.

דער ברעג זעט אויס ווי דאָס בילד „על נהרות בבל”... זיצן אַזוי מענטשן אויף דער ערד און ווארטן אויף זייער ווייטערדיקן גורל. מיר זיצן אַלע אין טויט־שרעק. איצט, ווען מיר זענען שוין איבערגעקומען, איצט זאָל מען אונדז כאַפּן. באַהיט אונדז גאָט. מיר זיצן אַזוי א פּאָר מינוט שטאַרק אומגעדולדיק. באַלד קומט אָן א צווייטע גרופּע מענטשן פון די שיפֿלעך... עס איז אַזוי פינצטער, אז איינער דערקענט נישט דעם צווייטן...

איך קוק יעדן אין די אויגן אריין.... ענדלעך, דערזע איך לאַמפּען און מאַניעלאַ מיטן קינד. דער וועג־פירער נעמט מיין פּעקל פון מיין האַנט, כדי מיר זאָל זיין לייכטער... מיר רירן זיך פון אָרט. ער גייט פאַראויס און מיר אַלע הינטער אים. עס איז שרעקלעך פינצטער. מיר גייען דורך א צעאַקערט פעלד. ווו איך שטעק אריין א פוס אין דער בלאָ־

טע, קאָן איך אים נישט אַרויסנעמען צוריק... הינטער מיר גייט מאַניעלאַ מיט איר קינד און פאַלט כסדר אום צוליב די גרובנס. איך בין אָנגעטון שווער און קאָן זיך קוים באַוועגן.

פּלוצלינג דערזע איך ווי דער וועג־פירער לויפט פאַראויס... איך לויף אים נאָך... ווען איך בין שוין זיכער, אַז איך האָב אים שוין דער־יאָגט, דערזע איך גאָר, אַז דאָס איז אַ ביימל... איך האָב געקוקט אויפן ביימל און געמיינט, אַז דאָס איז דער וועג־פירער... ווען איך האָב דערזען מיין טעות, האָב איך בכלל שוין דעם פירער נישט געזען...

איך בלייב שטיין און ווייס נישט, וווּ צו גיין, נעבן מיר שטייט לאַמפּע און מאַניעלאַ מיטן קינד. אַלע שטייען מיר דאָ אַזוי הילפלאָז און ווייסן נישט וואָס צו טון? צי גיין רעכטס, לינקס, צי פאַראויס?

דער וועג־פירער איז אַנטלאָפן מיטן פּעקל זאַכן און אונדז געלאָזט אויף הפקר... און דאָ ציטערן מיר, אַז מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן גלייך צו דער רוסישער וואַך אין האַנט אַריין... איצט נאָך אַזוי פיל ליידן, זאָל מען אונדז צוריק אַריבערשיקן? איצט ווען נאָך אַ קליין שטיקל וועג און מיר זענען שוין אויף דער סאָוויעטישער זייט? איצט ווען מיר זענען שוין באַלד געראַטעוועט, זאָלן מיר אַריינפאַלן?

אָבער וווּ גייט מען? מיר קענען דאָך נישט דעם וועג... וואָלטן מיר כאָטש אָנגעטראָפן אויף אַ שטעגל... און וווּ זענען די איבעריקע? פאַר־וואָס האָבן זיי אונדז איבערגעלאָזן? אַ ברירה האָבן מיר? גייען מיר ווײַ־טער. מיר שלעפּן זיך איבער גריבער און בערגלעך, איבער זומפּן און בלאָ־טעס.

— וואָס איז געשען מיט מיין זון? — באַאומרואיקט זיך מאַניעלאַ

— אפשר האָט מען אים געכאַפּט?

מיר קאָנען מער נישט גיין... וואָס ווייטער איז די ערד זומפּיקער.

— מ׳טאָר נישט גיין ווייטער — זאָג איך — אפשר גייען מיר אין דער ריכטונג צום בוג? די ערד איז דאָך שרעקלעך זומפּיק. אָבער דאָ בלייבן קען מען דאָך אויך נישט... מ׳מוז גיין! גייען מיר ווייטער...

מיר גייען אָפּ אַ שטיקל וועג און איך פאַל אום. איך קאָן נישט מער באַוועגן מיט קיין פוס. איך בין מיד און צעבראָכן. איך פיל ווי איך ווער

שוואך און עס הויבט מיר אָן שווינדלען אין די אויגן און איך האָב מורא, אַז איך זאָל נישט חלשן...

— איך קאָן נישט גיין ווייטער — זאָג איך שטיל — גייט איר אליין... ראַטעוועט זיך... און איך פאַל אַנידער אויף דער בלאָטע און וואַרף אַראָפּ דעם רוקזאַק פון די פּלייצעס... מיר איז אַלץ איינס, וואָס מיט מיר וועט זיין... אַז איך קאָן נישט גיין ווייטער! איך בין רעזיגנירט. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן מער... פון אונדזער גאַנצער קאָמפּאַניע זענען מיר דריי געבליבן מיטן קליינעם קינד... מיר האָבן אַלעמען פאַר־לאָרן... ווער ווייסט, וואָס ס'איז מיט זיי? לאַמפּע זעצט זיך אויך אַוועק אין דער בלאָטע און רעדט צו מיר ווי צו אַ קליין קינד:

— „האַלט זיך, נאָך אַ ביסל... האַלט זיך, וועסט זען, וועסט זיך אָפּרוען אַביסל, וועסטו קענען ווייטער גיין... מיר זענען דאָך שוין באַלד ביים ציל... מ'טאָר נישט צוזאַמענברעכן... האַלט זיך, האַלט זיך!...

יאָ, כ'האָב שוין אַמאָל געהערט די דאָזיקע ווערטער: „האַלט זיך". דוכט זיך אַז אַן אייביקייט איז שוין פון יענער צייט אַוועק. דאַכט זיך, אַז מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָב איך די דאָזיקע ווערטער געהערט. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דאָך דאָס געווען ערשט נישט לאַנג. דעם 5־טן סעפּטעמבער, אין גאַנצן מיט דריטהאַלבן חדשים צוריק, האָב איך געהערט די דאָזיקע ווערטער פון מיין מאַן, וועלכער האָט מיך דע־מאָלט איבערגעלאָזט אין וואַרשע, ווייל ער האָט געמוזט אַנטלויפן: „האַלט זיך, זיי שטאַרק"... און דאַן, מיט צוויי טעג שפּעטער, האָבן די זעלבע ווערטער געזאָגט צו מיר מיינע זין: „מאַמאַ, האַלט זיך, זיי שטאַרק! דו בלייבסט אַליין איבער. געדענק, האַלט זיך"...

ווו זענען זיי איצט? מיין מאַן, מיינע קינדער... און איצט, נאָך אַזוי־פיל איבערלעבונגען, הער איך ווידער די זעלבע ווערטער: „האַלט זיך". נאָך אַביסל „האַלט זיך"... וועל איך כסדר הערן אָט די זעלבע ווערטער „האַלט זיך"... דעמאָלט בין איך נאָך נישט געווען מיד... דעמאָלט האָב איך נאָך געהאַט אַ היים, אַ שטוב, אַ דאַך איבערן קאָפּ און האָפענונג... אַזוי פיל האָפענונג. אַ ים מיט האָפענונג! אָבער איצט... וואָס בין איך

איצט? אַ געפלאָגטער, פאַרפאָלגטער, געטריבענער הונט. מיד, צעבראָכן, אַ סקעלעט און נישט קיין מענטש מער... „האַלט זיך", הער איך ווײַטער. אָבער איך קען נישט מער!

— איר הערט, איך קאָן נישט מער — שרײַ איך אַרויס — לאָזט מיך אָפּ... וואָס ווילט איר פון מיר? מיר איז שוין אַלץ איינס... איך קאָן זיך שוין מער נישט האַלטן... איך קען נישט! איך ברעך צוזאַמען און הויב אָן יאָמערדיק צו וויינען...

— שושנה, וואָס איז מיט אײַך! — טוליעט זיך צו מיר מאַניעלאַ

— שושנה!.. איר, די שטאַרקע, די ענערגישע! האָט מיטלייד מיט מײַן קינד... עס קאָן נאָך עמיץ דערהערן...

אָרימע לוסיע, דאָס קינד האָט אָנגעהויבן גלעטן מיר דאָס פּנים. איך שלעפּ אַרויס די וואַלעריאַן־טראָפּן און זופּ פון פלעשל. איך הויב אָן צי־טערן. איך שרעק זיך פאַר זיך אַליין. מיר איז קאַלט, אָבער עס גיסט זיך פון מיר אַ שווייס... מאַניעלאַ קוקט אויף מיר, דערשרעקט זיך און הויבט אויך אָן צו וויינען.

איך בעט זיך בײַ זיי: — גייט איר ווײַטער... ראַטעוועט זיך. לאָזט מיך אַליין... אויך מאַניעלאַ קאָן זיך נישט רירן פון אָרט... און דאָס קינד ציטערט פון קעלט. זי קאָן עס שוין מער נישט האַלטן אויף די הענט.

מיר לייגן אַוועק די פּעקלעך און אויף דעם דאָס קינד. איך טו אויס מײַן פּעלץ און דעק זי צו. אַזוי זענען מיר געזעסן אין דער פינצטער ווי אַ קופּע בלאָטע און נישט געוווסט, וווּ זיך צו ווענדן... יעדער שאָרך האָט אונדז אַרויסגענומען אַ שטיק נשמה. יעדער האָט געוויינט שטילערהייט, אַז דער צווייטער זאָל נישט הערן.

— שוין! — האָב איך זיך געגעבן אַ שטעל אויף מיט ענערגיע — שוין. איך קאָן שוין ווײַטער גיין... מיר האָבן זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן גיין.

לאַמפּע האָט גענומען אויף מײַן רוקזאַק און איך און מאַניעלאַ האָבן מיר געהאַלטן די קליינע לוסיע פאַר די הענטלעך און זי כמעט געשלעפּט מיט זיך... ווײַט זענען מיר נישט אָפּגעגאַנגען. לאַמפּע מיט די שווערע פּעק איז אומגעפאַלן און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. מיר זענען גע־

ווען צופיל אָפּגעשוואַכט און צו מיד, אַז מיר זאָלן זיך קענען רירן פון אָרט... וואָס וועט איצט זיין? בלייבן זיצן זענען מיר דאָך פאַרלוירן. אָדער עס קען אונדז באַפאַלן אַ באַנדע רויבער און ביי אונדז אַלץ צונעמען... עס קען אויך אָנקומען אַ רוסישע וואַך און אונדז צוריקוואַרפן איבערן בוג...

אָבער וואָס קען מען טון? מיר קענען פאַרט נישט מער גיין און מיר ווייסן אויך נישט ווו צו גיין... אַזוי פיל מי, אַזוי פיל צרות, אַזוי פיל געלט און דאָ צוליב אַ שטיקל וועג קען אַלץ זיין אומזיסט...

— מאַניעלאַ, הערט אויף וויינען, — בעט איך זיך ביי איר — האָט נישט קיין מורא, זאָל געשען, וואָס עס מוז געשען. — ווייסט איר גאָר וואָס? — האָב איך געזאָגט אַנטשלאָסן — בלייבט דאָ זיצן. איך וועל צוגיין צו דער סאָוויעטישער וואַך־קאָמאַנדע. דאָס איז דאָך דאָס ליכטיקע הויז, וואָס מיר האָבן געזען פון יענער זייט בוג. עס איז דאָך נישט וייט... איך גלויב נישט, אַז די סאָוויעטן זאָלן נעמען יידישע שווישפּילער און צוריק אַריבערוואַרפן צו די דייטשן... איך גלויב נישט. דאָס זענען דאָך מענטשן, נישט קיין חיות... איך וועל זיי דערציילן פון דער גאַנצער טראַגעדיע אונדזערער און זייט רואיק, איך וועל קומען מיט אַ פור און נעמען אייך... אָבער זאָגט מיר צו, אַז איר וועט זיין רואיק און זיך נישט שרעקן, ביז איך וועל צוריק קומען...

— דו וועסט דאָך נישט טרעפן צוריק — זאָגן שוין ביידע רעזיגנירט. — עס איז דאָך אַזוי חושך־פינצטער... פאַרפאַלן, לאָמיר אַלע דאָ אַזוי בלייבן זיצן ביז פאַרטאָגס... וואָס ס'וועט זיין וועט זיין...

מיר לייגן זיך אונטער די רוקזעק און מיר זיצן שטיל אַזוי ווי אבלים.

דאָס קינד פרעגט שטילערהייט: — „איצט מעג מען שוין רעדן?"

— ניין, לוסינקאַ, מ'טאָר נאָך נישט...

זיצן מיר אין דער נעץ, אין דער קעלט, מידע און מיט אַזאַ שרעקלעכער מורא אין האַרצן... פּלוצלינג דערהער איך פון ווייטנס דאָכ בילן פון הינט. אונדזער שרעק ווערט גרעסער. מיר טוליען זיך איינער צום אַנדערן, ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אַריינשרומפּן אין זיך, אַז מ'זאָל אונדז

נישט זען. איך דערפיל א שטארקן קניפּ אין האנט און באלד דערהער איך עפּעס א שאָרך... איך זע, ווי עפּעס באַוועגט זיך נישט ווייט פון אונדז... איך ווייס נישט, צי דאָס איז א חיה, צי דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן. מיר האלטן איין דעם אָטעם, אז מ׳זאָל אונדז נישט באמערקן.

— „גאָט שיץ אונדז איצט — מורמלען מיר שטיל. אָבער דאָס „עפּעס" קומט נענטער און נענטער...

— „גאָט, באַשיץ אונדז איצט". מיר בויגן זיך איין אין דרייען.

ווען דאָס „עפּעס" קומט זייער נאָענט, דערזע איך, אז דאָס זענען צוויי מענטשן נישט אין קיין אוניפאָרמען... דאָס הייסט, אז דאָס זענען נישט קיין זעלנער... זיי באמערקן אונדז נישט. לאמפּע נעמט זיך אָן מיט מוט און רופט זיי שטילערהייט. זיי קומען צו. די פּנימער קען מען נישט זען, ווייל עס איז שרעקלעך פינצטער.

— פּליטים? — פרעגט איינער.

— יאָ, — ענטפערט לאמפּע — איך בעט אייך, האָט רחמנות און פירט אונדז אריין אין א שטוב... מיר וועלן באצאָלן...

— ביטע זייער, מיר קענען אייך פירן, נאָר פאַרן פירן באַשטראָפן די סאָוויעטן מיט טויט־שטראָף, אזוי אז מיר שפּילן מיט אונדזער לעבן.

— וויפיל? — זאָגט לאמפּע קורץ.

— צו צוויי הונדערט גילדן פאַר איין מענטש.

— וואָס? — דערשרעק איך זיך — צוויי הונדערט גילדן?

— נו, דאַרף מען נישט, — זאָגן די צוויי שקצים. — גייט אליין, וועט איר באלד כאַפּן די וואך.

— אָבער איר מוזט דאָך האָבן גאָט אין הארצן — בעט זיך מאַניעלא. — האָט רחמנות אויף מיין קליין קינד. פון וואנען האָבן מיר אזויפיל געלט? מיר זענען דאָך פאַריאָגטע פון אונדזערע היימען.. מיר זענען דאָך אומגליקלעכע. איר זענט דאָך אויך פּאָליאַקן... מען האָט אונדז שוין באַראַבעוועט פון אַלע זייטן. מיר האָבן דאָך שוין נישט קיין געלט. אַלע צוזאַמען וועלן מיר אפשר האָבן א 50 זלאָטעס, מיר וועלן עס אייך אוועקגעבן. מער האָבן מיר נישט.

— איז נישט — און זיי לאָזן אונדז שטיין און גייען אוועק.

מאניעלא לויפט נאָך דעם שייגעץ און הויבט אים אָן קושן:

— ביסט דאָך אויך אַ מענטש... וועסט דאָך אונדז נישט לאָזן אויס־גיין אזוי ביינאַכט אין דער קעלט אין מיטן פעלד...

איך וויל זיין די קלוגע. און זאָג: דו קריגסט פון אונדז הונדערט זלאָטעס. אלזאָ, גייען מיר, איז עס וויט? ווייל איך בין זייער אָפּגע־שוואַכט און קאָן נישט גיין...

— עס איז נאָענט — זאָגט דער שייגעץ — אָבער מיר נעמען ניט ביליקער ווי 200 גילדן אַ מאַן.

— אָבער, מיר האָבן דאָך נישט מער...

— וואָס פאַר אַ ווערט־זאַכן האָט איר?

— קיין ווערט־זאַכן האָבן מיר דאָך נישט געטאָרט מיטנעמען מיט זיך.

— צוקער האָט איר?

— יאָ, אין רוקזאַק האָב איך צען קילאָ צוקער — פאַל איך אויף אַ פּלאַן.

— דאַן גיט די הונדערט זלאָטעס, צען קילאָ צוקער און בעטציייג.

— יאָ, מיר האָבן אַלץ. אָבער מ'קאָן עס דאָ נישט ארויסנעמען. עס איז דאָך פינצטער. דער שייגעץ האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. און איך האָב געמוזט אין פעלד ביינאַכט אין קעלט, אין דער פינצטער אויסטון זיך ביזן לייב, כדי פון גאָרסעט ארויסרייסן דעם לעצטן איינ־געגייטן הונדערטער... ער האָט אָבער געוואָלט דעם צוקער אויך... איך האָב אים געגעבן מיין גאַנצן רוקזאַק מיט זאַכן אַלס משכון... און מיר זענען מיט מזל געגאַנגען... די שקצים לויפן, אָבער מיר זענען דאָך שוין געבריטע. האַלטן מיר זיך אָן זיי און לויפן מיט זיי צוזאַמען. איך פאַל מיט דער קליינער לוסיע ארויף אויף אַ שטעכיקן דראָט. די קליינע כאַפּט זיך אָן פאַר דער באַק, אָבער זי טוט נישט קיין פּיפּס... אָרימע לוסיע! איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איך שלעפּ זיך קוים נאָך די שקצים. איך פאַל פון די פיס, אָבער איך גיי, איך מוז דאָך קומען צום ציל.

מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען שלעפּ איך מיינע פיס, וואָס

זענען עפּעס געוואָרן אַזוי שווער ווי קלעצער און ביי דער האַנט שלעפּן מיר די קליינע לוסיע, וואָס קאָן נישט גיין איבער די גריבער און בלאָטעס... ווידער אַ געבילערײַ פון הינט.

— איז עס נאָך ווייט? איך קאָן שוין נישט אויסהאַלטן... איך וועל חלשן...

— בלייבט דאָ זיצן — זאָגט דער שייגעץ און לייגט אַוועק די פּעקלעך אויף דער ערד. — און איך וועל גיין אַ קוק טון, צי דער וועג איז פריי.

איך בין גליקלעך, וואָס מיר וועלן אָפּרוען. מיט אונדז בלייבט דער צווייטער שייגעץ. מיר זעצן זיך אויף דער ערד אונטער אַ געדיכטן בוים און וואַרטן. און דער הונט אַזוי ווי עקסטרא בילט וואָס העכער. און עס דויערט אַזוי אומעגדלעך לאַנג... די מינוטן ציען זיך ווי יאָרן און דער צווייטער שייגעץ קומט אַלץ נישט צוריק... פּלוצלינג דערזע איך פון דערווייטנס אַ פייערל.

— אָט דאָרט איז עס — זאָגט דער שייגעץ צו אונדז שטילערהייט — מען האָט דאָרט אָנגעצונדן ליכט, ס'איז אַ סימן, אַז מיר קענען גיין.

אוי, דער פאַרשאָלטענער הונט בילט אַלץ שטאַרקער. ער האָט דערפילט אונדזער אָנוועזנהייט. נאָך אַ קליין שטיקעלע דאַרפן מיר לויפן. גאָט, גיב כחות!

מיר לויפן מיט אַ פרישן אימפּעט, ווי מיר וואָלטן גאָרנישט געווען מיד. אָט דאָרט צו דעם ליכט. דאָרט איז אונדזער ציל... געבענטשט זאָלסטו זיין, דו קליין ליכטעלע דאָרט אין דעם קליינעם פענצטערל פון דער פּויערישער כאַטקע... מיר גייען דורך אַן ארומגעצוימט וועלדל. מיר פאַלן אום איבער די אונטערגעהאַקטע ביימער, אָבער דאָס איז גאָרנישט. מיר ציען צום ליכטל, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און נענטער. פּלוצלינג דערזעען מיר אַ גרויסן ליכט-פלעק פון אַ רעפלעקטאָר... אונדז ווערט קאַלט אין אַלע גלידער. דאָס וואַרפן רעפלעקטאָרן די סאָוועטישע גרענייץ-וואַך און זוכן פּליטים.

— גיכער! — שרייט דער שייגעץ — שפרינגט אַריבער.

די מענער זענען אַריבערגעשפרונגען. איך און מאַניעלאַ מיטן קינד

האבן זיך פארפלאָנטערט אין דראָט און מיר זענען אלע דריי ארײנגע־פאלן אין א טיפן גרובן אריין, פול מיט בלאָטע...

דאָס קינד האָט אפילו קיין פּיפּס נישט געטון. און דער פאל אין גרוב אריין האָט אונדז געראַטעוועט. די רעפלעקטאָר־שטראלן האָבן אונדז נישט באלויכטן און די סאָוועטישע וואך האָט אונדז נישט באמערקט...

ווען די שטראלן פון רעפלעקטאָר זענען פארשוווּנדן, האָבן מיר דער־הערט א שטימע: — ווו זענט איר? קריכט ארויס. מיר זענען ארויסגע־קראָכן פון גרוב. אויף אונדז האָבן געוואַרט שוין די שקצים און דער אי־בערגעשראָקענער לאמפּע...

ענדלעך האָב איך דערזען פאר זיך א וואנט. גאָט מיינער, אן אמת־דיקע הילצערנע וואנט, הינטער וועלכער מען קאָן זיך באהאלטן... ווער האָט דאָס געקאָנט אמאָל גלויבן, אז אָט אזא הילצערנע, שווארצע, קרומע וואנט, געדעקט מיט אביסל שטרוי, וועט אונדז אזוי פיל פרייד פאר־שאפן!...

— אָט דאָ איז עס — זאָגט אונדז דער שייגעץ און עפנט אויף א שטאל און פירט אונדז אריין. — אָבער איר זאָלט נישט רעדן צווישן זיך, ווייל עס דרייען זיך ארום פאטרולן און זוכן די פליטים.

באלד קומט אריין דער באלעבאָס פון שטאל. ער צענעמט א פּאָר בינטלעך שטרוי און לייגט עס אוים אויף דער ערד. ער איז א גוטמוטי־קער קריסט און באדויערט, וואָס ער קאָן אונדז נישט אריינגעמען אין שטוב... ערשטנס, איז נישטאָ קיין אָרט... צווייטנס האָט ער מורא פאר די פאטרולן, וועלכע קענען אמאָל קומען כאפּן א בליק אין שטוב אריין, ער וווינט דאָך אויף דער גרעניץ... ער באדויערט אויך וואָס עס איז שוין נישטאָ ביי אים קיין פייער, כדי אונדז צו געבן אביסל װאַרעמס אויסצו־טרינקען... ביי דער שיין פון לאמטערן, וואָס ער האלט, זע איך, אז דאָס פּנים פון דער קליינער לוסיע איז אינגאנצן פארבלוטיקט. און צעריסן פון דער שטעכיקער דראָט. אָבער מען קען איצט גאָרנישט טון... מען וואַשט איר בלויז אָפּ דאָס פּנים און מען לייגט זי שלאָפן א הונגעריקע און פארפרוירענע... אָרימע לוסי! דער גאנצער גלות אונדזערער איז גע־לעגן אויסגעגאָסן אויף דעם דריטהאלבן יעריקן קינד, וואָס האָט פאר־

שטאנען די וויכטיקייט פון דער מינוט. ווען דער פויער איז ארוים פון שייער און פארמאכט הינטער אונדז די טיר, האב איך געהערט ווי פון שטרוי טראגט זיך דאס שטילע שלוכצן פון דער ארימער מאניעלא. איך האב זי געלאזט זיך אויסוויינען.

אין שייער האט מען געהערט, ווי דאס קליינע קינד פרעגט די מו־טער בסדר די זעלבע שאלה:

— ווען וועל איך שוין זען מיין טאטן?

— מארגן מיין קינד, מארגן...

— ס'איז דאך שוין געווען מארגן — זאגט לוסי.

— מאניעלא — זאג איך שטיל, — מיר זענען דאך גליקלעך, מיר זענען דאך שוין אלץ אריבערגעקומען. מיר זענען דאך געראטעוועט. זי כאפט מיך ארום און קושט מיך שטארק: — נאך נישט אלץ. נאך נישט אלץ.

— יא, אלץ... אלץ... מיר זענען דאך שוין אריבער די גרעניץ.

— ווען מיר וועלן זיין אין צוג אויף דער באן, דעמאלט... דעמאלט... שושנה, איך בין פארן אוועקפארן פוןווארשע געווען אויף מיין טאטנס קבר... דאס האט מיין נאר וואס פארשטארבענער טאטע זיך באמיט פאר אונדז. און זי קאן זיך נישט באהערשן און צעוויינט זיך.

— אוי וויפל איך האב אויסגעליטן. גאט אין הימל, נאך די היינטי־קע נאכט! נאך איין נאכט באשיץ אונדז! נאך בלויז די היינטיקע נאכט...

— שא... ש.. ש... — זאגט לאמפע, — רעדט נישט! איך הער עפעס א שארך אין דרויסן... ווידער הערט זיך דאס בילן פון א הונט. און אין אונדז שטארבט אלץ אפ פאר שרעק. מיר דעקן זיך צו מיט שטרוי איבער די קעפ און ליגן שטיל מיט איינגעהאלטענעם אטעם... מיר זע־נען אזוי מיד געווען, אז מיר זענען אנטשלאפן געווארן...

דינסטיק, 14. נאוועמבער.

פארטאגס האבן אונדז אויפגעוועקט די שקצים, וואס האבן אונדז אהער געפירט. זיי זענען געקומען, מ'זאל זיי געבן צוקער... וואס טוט מען? מיר האבן דאך נישט קיין צוקער און מיר האבן דאך זיי צוגעזאגט, ווען מיר האבן נישט געהאט קיין אנדער אויסוועג.

— הערט — זאָג איך אַנטשלאָסן — מיר האָבן נישט קיין צוקער. די לאַגע אונדזערע האָט אונדז געצוווּנגען אייך אָפּצונאַרן. אָבער מיר ווילן אייך נישט באַשווינדלען. איר זענט געבטן ביינאַכט דערשינען פאַר אונדז ווי מלאכים. איר האָט אונדז געראַטעוועט. זייגערלעך זענען דאָ אויף דער סאָוועטישער זייט א גרויסע מציאה. נאָט אייך מיין האַנט־זייגערל. דאָס איז דאָ מער ווערט ווי 300 זלאָטעס... זיי האָבן אָבער גע־וואָלט נאָר צוקער.

דער גוי פון שייער, א ווילער גוטער מענטש, האָט גערעדט צו זייער געוויסן: — וואָס ווילט איר? מענטשן האָבן געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבן, האָבן זיי אייך געזאָגט א ליגן... זיי באַשווינדלען אייך דאָך נישט. נעמט דאָס זייגערל און גייט אייך געזונטערהייט.

מאַניעלאַ האָט צוגעגעבן עטלעכע שאַכטלעך שוועבעלעך... איך האָב געהאַט א מעסערל... לאָמפּע א פּייקע און די שקצים זענען אַוועק צו־פרידן.

ענדלעך, באַקומען אביסל וואַרים וואַסער. אויסגעטרונקען צו גלע־זער וואַרים וואַסער, אויפגעפרישט די פאַרפרוירענע גלידער און אַוועק זוכן א פור, וואָס זאָל אונדז פירן צו דער באַן־סטאַציע. מיר זענען אין א דאָרף נעבן דראָהאַטשין, ביים בוג. דאַרפן מיר, אַז די וואָך זאָל אונדז נישט כאַפּן ביז איבער דער שטאָט... מיר וועלן דאַן קענען זאָגן, אַז מיר פאָרן פון שטעטל דראָהאַטשין...

ווען מיר באַקומען שוין א פור, וויל דער פורמאַן א סך געלט. א קלייניקייט, ער שטעלט איין דאָס לעבן. ווען די סאָוויעטן וועלן אים כאַפּן, וועט מען אים שיסן... דאָס זעלבע לידל, וואָס אַלע פויערים ווענדן אָן, כדי אויסצופּרעסן וואָס מער געלט. און ער רעדט צו אונדז אַזוי ערנסט:

— אין סעמיאַטיטש קען מען אייך נאָך כאַפּן און צוריקשיקן... און נישט בלויז אין סעמיאַטיטש, נאָר אפילו פון ביאַליסטאָק קען מען אייך אויך צוריקשיקן. און דערביי דערציילט אונדז דער פויער א מעשה, אַז אַרויסגייענדיק פון דער באַן אין ביאַליסטאָק, האָט מען געכאַפּט א גאַנצע גרופּע פּליטים און צוריקגעשיקט צו דער גרעניץ און זיי אַריבער־

געוואָרפן אויף דער דייטשער זייט... די דייטשן האָבן זיי נישט געוואָלט צוריק אַריינלאָזן און די מענטשן ליגן אויפן גייטראַלן פּאַס און גייען אויס פאַר הונגער און קעלט...

— אָבער ווען איר וועט פאָרן מיט מיר, וועט מען אייך נישט כאַפּן. איר וועט זיך אָנטון ווי די פּויערים. מיר וועלן פאָרן דורך הינטער־וועגן און אַרויס אויפן שאָסיי...

עס איז באַגינען. פאַר גוט געלט אָבער איז דער פּויער מסכים צו פאָרן. מען באַקומט באַלד אַ פור, וועלכע דאַרף אונדז פירן 24 קילאָ־מעטער ביז צו דער באַן. דאָס פאָרן איז ביי אונדז אַ קלייניקייט. די הויפּטזאַך איז, מען זאָל אונדז נישט כאַפּן. מיר טוען זיך אָן ווי די פּויע־רים. דער פורמאַן האָט געבראַכט פּויערישע פּעלצן און פאַר אונדז פרויען גרויסע פּויערישע טיכער און מיר זיצן מיט מזל אין וואָגן, וואָס פירט אונדז קיין סעמיאַטיטש צו דער באַן־סטאַציע. ווען מיר האָבן דערזען דאָס ערשטע בודיאָנער סאָוויעטישע היטל מיטן שפּיץ, האָבן מיר זיך דערשראָקן.

אָט אַזוי וועלן מיר זיך מוזן שרעקן ביז ביאַליסטאָק? באַלד לויפט אָן אַן אויטאָ מיט סאָוויעטיש מיליטער. זיי זינגען רוסישע לידער און פאָכען פריילעך צו אונדז מיט די הענט אַזוי ווי זיי וואָלטן אונדז באַ־גריסט. אונדז ווערט עפּעס וואַרעמער אויפן האַרצן. מיר ווילט זיך אַרויסשפּרינגען פון פור און קושן אָט די זעלנער. איך שריי אויס מיט פרייד:

— לאַמפּע, זעסט, מיר זענען שוין אַלץ אַריבערגעקומען! די רוסן טשעפּען אונדז נישט.

מיר פאַלן זיך אַלע אויף די העלדזער און קושן זיך.

— דאָס איז דער זכות פון מיין קליין קינד — זאָגט מאַניעלאַ — לוסי, הוראַ! לוסי, דו מעגסט שוין רעדן, מעגסט שוין לאַכן, מעגסט שוין פרעגן, לוסי.

דאָס קינד קוקט אויף אונדז מיט פאַרוואונדערטע אויגן: וואָס עפּעס אויף אונדז אַזאַ פרייד? וואָס איז?

— און אַז מען מעג שוין רעדן, טאָ ווו איז דער טאַטע? — פרעגט

זי די מוטער — און עס זענען שוין נישטאָ מער קיין דייטשן, וואָס מען האָט שוין נישט קיין מורא? וואָס מיר לאַכן שוין? און מיר וועלן שוין נישט הערן קיין אויפרייסן פון באָמבעס? און שוין נישט ליגן אין די אָקאָ־פּעס? און שוין נישט זיצן אין די שוץ־קעלערס? שוין אוים מלחמה?... און איר וועט שוין מער נישט וויינען...

אָרימע קליינע לוסי!... זי האָט געפרעגט און גערעדט און געפרעגט, ווי זי וואָלט וועלן אַלץ אויספרעגן אָט דעם גאַנצן זאַפּאַס רייד, וואָס זי האָט געמוזט די גאַנצע צייט פאַרשווייגן.

מיר האָבן געלאַכט... ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס דער פורמאַן האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן אַזוי פיל שרעק. ער האָט דאָך געמוזט נעמען אַ סך געלט פאַר דער פור... און ווען עס וואָלט גע־ווען אַזאַ לייכטער וועג, וואָלט דאָך קיינער קיין געלט נישט געגעבן... מוז מען שרעקן, אַז מיר זאָלן גיכער צאָלן און גיכער לויפן...

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע אין סעמיאַטיטש, האָבן מיר געטראָפן הונדערטער, הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן באַ־לאַגערט דעם וואקזאַל. דאָס זענען אַלץ געווען פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן געשוואַרצט גרעניצן.

ביי אַלעמען האָבן די פּנימער געשטראַלט פאַר פרייד, וואָס זיי גע־פינען זיך שוין ביי אַ באַן-סטאַציע.

אַלע ווערן מיט אַמאָל הונגעריק. די גאַנצע צייט, שוין דריי טעג אין וועג, אָן אַ ביסל עסן, האָבן מיר קיין הונגער נישט געפילט... איצט זענען מיר אַלע געוואָרן הונגעריק און באַפאַלן דעם דערבייאיקן רעס־טאָראַן ווי הייעשריקן. אָפּגעפרישט דעם מאָגן, לויפן מיר צו דער באַן. באַלד לויפט צו איינער מיט אַ ביקס.

— שושנה, לאָמפּע, ווי איר זעט אויס!... אונדזערע באַליבטע שווי־שפּילער!! קומט, איך וועל אייך העלפן.

גאָט אין הימל! פון וואַנעט קומט דאָס בת־קול? יידישע האַרציקע ווערטער. און פון איינעם וואָס טראָגט אַ ביקס. די ווערטער זענען גע־

קומען פון א יידישן מיליציאנט, וועלכער האט געהאלטן וואך ביי דער באן און אונדז דערזען. ער האט אונדז געזען שפילן אמאל אין ווארשע. ער האט גענומען מיינע פעקלעך און זיי אריינגעטראגן אין צוג אריין... ער האט אונדז געווונטשן מזל־טוב, וואס מיר האבן זיך ארויסגעראטעוועט פון גיהנום, געדריקט שטארק מיין האנט און מיט פרייד אונדז געקוקט אין די אויגן, אזוי ווי ער וואלט וועלן זיין דער ערשטער, וואס דארף אונדז דא אויפנעמען מיט פרייד.

ווען די באן האט גערירט, האב איך אלץ געהערט דעם מיליציאנטס אויסרוף:

— ווי איר זעט אויס...

אין באן האבן מיר זיך געטראפן מיט אייניקע פון אונדזער פארלוירענער גרופע. ווו עס זענען אהינגעקומען די איבעריקע, האב איך נישט געוווסט.

איך האב אין באן אויך געטראפן מיין זונס קאלעגע, וואסערמאן, וועלכער האט דעמאלט, ביי דער דייטשער נאקעט ספעקטאקל רעוויזיע צוריק אפגעקויפט דאס עלעקטרישע טאשן־לעמפל, ביי דעם שייגעצל. איך האב אים געפרעגט, פארוואס איז ער דאן געווען אזוי איבערגעשראקן. האט ער ארויסגענומען דאס לעמפל פון קעשענע, עס אויפגעשרויפט און מיר געוויזן. דאס לעמפל איז אינעווייניק געווען ארומגעוויקלט מיט פאפירענע דאלארן־באנקנאטן...

— אט אין דעם לעמפעלע האב איך געהאלטן מיין גאנץ פארמעגן... דאס וואס איך האב באוויזן מיטצונעמען פון מיין רייכטום... ווען דער דייטשער זעלנער האט דאס לעמפעלע אוועקגעשאנקען דעם שייגעצל, האב איך מיט קונצן עס אפגעקויפט ביי אים. און דאס פנים זיינס האט געלייכט פאר פרייד, מער ווי דאס עלעקטרישע לעמפל... אט דאס דארף מיר געבן די מעגלעכקייט צו לעבן און עמיגרירן... און ווער ווייס ווי לאנג צו זיין נע־ונד...

יעדער האט דערציילט פון זיין גרויסן נס און פון זיין גרוים גליק און ווי אזוי מ׳איז נצול געווארן. אלע האבן געהאט אזא געוואלדיקן דראנג זיך אויסצורעדן פאר דער גאנצער צייט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָבן מיר נישט גע־קאָנט אַדורכגיין דעם וואָקזאַל. מענטשן זענען געלעגן דאָרט אויסגע־לייגט ווי די מוראשקעס. מיר זענען געבליבן שטיין, נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט פאַר ענגשאַפט און מיט אַ פראַגע אויף די ליפּן:

— און וואָס איצט? וווּ גייט מען איצט?

IV

קאַפּיטל ביאַליסטאָק

מיטוואָך, 15. נאָוועמבער.

מיר שטייגן אויס פון באַן, מיר זענען אין ביאַליסטאָק. מענטשן, ווי פליגן, ליגן אויסגעלייגט אויפן וואָקזאַל. מיר האָבן נישט ווו דעם פוס צו שטעלן, מיר טרעטן איבער מענטשן, וועלכע שלאָפן אַזוי גע־שמאַק און כראָפּען הויך. מיר געפינען קוים אַ שטיקל אָרט ווו דעם רוקזאַק אָוועקצולייגן פון די פּלייצעס.

איך זעץ זיך אַוועק אַ מידע און אַן אויסגעמאַטערטע. די לופט איז אַזוי געדיכט, אַז עס זעט אויס ווי אַ נעפּל וואָלט געווען אין וואָק־זאַל.

און וואָס איצט? ווו גייט מען איצט? נאָך אין וואַרשע זייענדיק האָט מען געזאָגט, אַז אין ביאַליסטאָק איז שרעקלעך ענג.

עס איז שפּעט ביינאַכט. איך פיל, אַז איך וועל דאָ דערשטיקט ווערן, אַ גאַנצע נאַכט אַזוי זיצן וועל איך נישט אויסהאַלטן.

— אוי, שושנה! — דערהער איך פּלוצלינג אַ שטימע און איך דער־זע פאַר זיך דעם לאָדזשער זשורנאַליסט פּרוסטאָווסקי.

— ווען געקומען?

— נאָר וואָס. — איך פרעג אויס אויף באַקאַנטע, ער מיך אויך דאָס זעלבע. מיר זענען אָבער אַזוי פאַרמאַטערט, אַז מיר קענען ממש נישט רעדן.

אָבער ווו געפינט מען אַן אָרט, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דער שריי־בער מיצמאַכער וואָס זיצט נעבן אונדז זעט אויס ווי אַ טויטער.

מיר רעכנען אוים די באקאנטע, וואס מיר האבן דא אין ביאליס-טאק, אבער דאס זענען אלץ נישט קיין זייער נאענטע, אבער פלוצלינג שפרינג איך אויף פאר פרייד, זע נאר ווי אזוי האט מיר געקענט ארויס פון געדאנק, דא איז דאך דא א יידישע רעדאקציע „דאס לעבן" און א רעדאקציע איז דאך אפן ביינאכט און דארט האב איך דאך אזוי פיל באקאנטע: רעדאקטאר קאפלאן, גאלדמאן, סולקעס, לאמיר גיך אהין גיין. איר וועט זען ווי מען וועט אונדז אויפנעמען, מ'וועט זיך פרייען מיט אונדז.

לאמפע, מיצמאכער און איך זעצן זיך גיך אריין אין א דראשקע און מיר פארן.

אויף דער גאס איז א גרויסע באוועגונג, איך שטוין ממש, איך האב שוין לאנג נישט געזען ווי עס זעט אוים א גאס ביינאכט. אין ווארשע איז שוין 4 אזייגער אלץ געווען אפגעשטארבן און דא גייען אזוי פיל רויטע ארמעער און אזוי פיל ציווילע מענטשן.

ווען מיר פארן פארביי די שענקעוויטש גאס, פאלט מיר ווידער איין א געדאנק, איך הייס אפשטעלן די דראזשקע און איך בעט דעם פורמאן צוווארטן א פאר מינוט, איך שפרינג אראפ, ווייל דא אויפן עק שענקעוויטש גאס וווינט דאך אונדזער פריינט אבראשא קולבים. צו איך מעג איך אריינפארן אפילו אין מיטן נאכט.

איך קלאפ אן אין טיר, זיין טעכטערל ענטפערט מיר דורך דער פארמאכטער טיר, אז די עלטערן זענען אוועק אויף א חתונה פון אר-טיסט ווידעצקי און האבן פארשלאסן די טיר.

איך זאג דעם מיידעלע, אז איך בין שושנה, איך בין נאר וואס גע-קומען פון ווארשע, אז איך פאר צו דער רעדאקציע און אז ווען די על-טערן וועלן אהיימקומען, זאלן זיי קומען נאך מיר, ווייל איך האב נישט ווו צו שלאפן.

איך פרעג אוים אלע יידישע דראזשקאזשעס וואס שטייען אויפן ראג גאס, צי זיי ווייסן נישט, ווו עס קומט פאר די חתונה פון ארטיסט ווידעצקי, קיינער ווייס נישט. א שאד... און איך האב שוין געחלומט פון א הייסע גלאז טיי, וואס וואלט אזוי שטארק צונוץ געקומען.

פארן מיר אין רעדאקציע און איך שטעל מיר פאר ווי מ'וועט זיך דאס פרייען מיט מיר. מיר וועלן אפרוען א פאר שעה און דאן וועט קומען קולבים נאך מיר און מיך אריינלייגן אין א ווארעם בעט... א קליינקייט — אזעלכע פריינט.

אין רעדאקציע באגעגנט אונדז איינער מיט א בלאס פנים, ער קוקט מיך אן מיט א פרעגנדיקע מינע: ווער זענט איר? וואס ווילט איר?

איך קוק זיך ארום, איך זע נישט קיין איין באקאנט פנים.

— איך בין שושנה... איך זע אבער נישט, אז ער זאל זיך דערפרייען מיט מיין נאמען.

— איך בין די ארטיסטין שושנה. און דאס איז דער ארטיסט מארים לאמפע און דאס איז דער שרייבער מיצמאכער, — זאג איך זייער הויך, אפשר האט ער פריער נישט דערהערט.

ער קוקט אונדז אן מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט וואס פריער.

מיר ווערט זייער אומהיימלעך אויף דער נשמה און איך זאג שוין מיט א דערשלאגענער שטימע:

— מיר זענען יידישע שוישפילער און שרייבער, אנטלאפן פון ווארשע. מיר זענען נאר וואס געקומען, מיר האבן נישט ווו אריינצוגיין... איך בין די פרוי פון רעדאקטאר לאזאר קאהאן, נו זענען מיר געקומען אין א יידישער רעדאקציע, וועלכע איז ביינאכט אפן.

— ביטע זייער, זעצט זיך, מיין נאמען איז שולמאן.

באלד זענען געקומען צו לויפן אייניקע זעצער, איינער האט מיט טרערן געקוקט אויף מיר און טרויעריק געשאקלט מיטן קאפ... אוי שושנה, ווי איר זעט אויס... ער האט א קוק געטון אויף זיין רעדאקטאר און געבליבן שטיל.

ווו איז פסח קאפלאן, פרעג איך, ווו איז גאלדמאן? דער זעצער שווייגט און גייט אוועק. איך האב נישט פארשטאנען, אז מ'דארף נישט פרעגן...

מיר ווערט נאך מער אומהיימלעך אויפן געמיט. מיר בלייבן אליין און קוקן זיך אלע דריי אן.

אין צימערל שטייט א קליין קושעטקעלע, וואס איז אפילו צו קליין פאר איין פערזאן, אבער מיר שפארן זיך אלע דריי צו אויף דעם קליי־נעם קושעטקעלע. איך ווארט אויף מיין פריינט קולבים.

אבער קולבים קומט נישט.

עס איז שוין טאג. זייער מיידעלע האט מסתמא פארגעסן צו זאגן, אז איך בין געקומען. אבער פון דער רעדאקציע מוזן מיר : אך אוועק־גיין. אבער ווו אהין גייט מען?

איך גיי אוועק אויף פאסט, איך שיק אוועק צוויי טעלעגראמען, איינע צו מיין מאן קיין ווילנע און א צווייטע צו מיין זון קיין ראוונע, און דאן גיי איך אוועק צו מיין פריינט קולבים.

איך פאל אריין מיט שטורעם. איא אן איבערראשונג האב איך אייך געמאכט?

— מיין מאן איז נישטא. ווען זענט איר געקומען? — פרעגט מיך פרוי קולבים אזוי גלייכגילטיק, אזוי ווי זי װאלט מיך ערשט נעכטן געזען.

מיר איז געווארן קאלט אין די ביינער.

— ווו איז אייער מאן? — פרעג איך.

— מיין מאן איז אין טעאטער.

— קולבים אין טעאטער? וואס טוט ער דארטן?

וואס הייסט, וואס ער טוט? ער איז דער דירעקטאר. ציט זי צו־נויף אירע ליפעלעך.

— קולבים???

— יא, ער איז דירעקטאר פון „אטריעל איסקוסטווא". — זי בעט מיך נישט זיצן, זי לייגט מיר נישט פאר קיין גלאז טיי און איך פיל. אז מיינע חלומות אויף ארבעט ווערן צעשוווּמען.

— און וואס איז געווארן מיט אייער וועשעריי, איר האט דאך געהאט א וועשעריי?

— מיין מאן איז שוין אוים וועשער. מיר האבן געקריגן א נייע וווינונג. מיר ציען זיך ארוים פון דאנעז, — זאגט זי מיט שטאלץ.

איך פיל, אז איך בין דא איבעריק. איך גיי שנעל ארוים. אין דרויסן גיסט א רעגן. איך פיל, אז איך וועל זיך צעכליפען הויך אויפן

קול. איך באהאלט דאס פנים אין טוך, פארשטעל מיטן שאל דאס מויל און איך וויין הויך.

ס׳כאפט מיך אן עפעס אזא מין בענקשאפט. צוריק אהיים... זאל זיין ביים דייטש, זאל זיין מיטן טייוול, נאר אין דער אייגענער היים אין דער אייגענער בודע, אויפן אייגענעם מיסטקאסטן און נישט ווי א היימלאזער הונט.

ווו גייט מען איצט?

אויף די טרעפ פון די הייזער ליגן אויסגעלייגט מענטשן, איך גיי דורך דעם מארק; עס זיצן די פליטים אויף זייערע קלימעקלעך און דער רעגן גיסט, די קעלט נעמט דורך די ביינער. זיי זיצן עלנט, אן אן איצט, און אן א שפעטער. אין די אויסגעלאשענע אויגן ליגט א יאוש.

אין מויל איז שרעקלעך טרוקן. איך שעם זיך צוריקצוגיין אין רע-דאקציע צו לאמפען, און מיצמאכערן. איך שעם זיך צו דערציילן פון דער אויפנאמע, וואס איך האב געהאט פון מיינע גוטע „פריינט", אויף וועלכע איך האב אזוי פיל געהאפט.

איך דריי זיך ארום איבער די גאסן, פאטש מיט די פיס אין דער בלאטע.

כ׳וואלט, עס זאל ווערן שפעטער. איך זאל קענען צוגיין אין טעא-טער. דארט וועל איך דאך זיכער טרעפן באקאנטע. אבער ווו גייט מען אין אזא הולך? נישט געוואשן זיך שוין 4 טעג, אפגעלעגן אין די סטאדאלעס און רינשטאקן, אנגעטון ווי א פויערטע, כ׳וועל דאך אויס-זען ווי א משוגענע.

כ׳לויף צו אין באד אביסל ארומוואשן זיך, אבער וואס מיר באד און ווער מיר באד. די באד איז נאר טעטיק פאר קראנקע ארבעטער, איז ווו גייט מען אריין זיך אביסל ארומוואשן?

איך דערמאן זיך אן דעם קאסירער פון ביאליסטאקער טעאטער, סקארבניק, ער איז דאך געווען זייער א הארציקער מענטש, אפשר אריינגיין צו אים?

דער פריערדיקער ברוך־הבא פון „פריינט" קולבים האט מיר פאר-שלאגן דעם חשק צו פרווון מזל ערגעץ אנדערשווו.

אָבער נויט ברעכט אייזן...

איך נעם זיך אָן מיט מוט און מיט ציטערדיקע הענט קלאַפּ איך אָן אין טיר. מען עפנט מיר אויף. איך דערזע, אז אויף דער פּאָדלאָגע ליגן אויסגעלייגט א סך מענטשן, מען מוז זיין א גוטער זשאָנגלער, כדי אדורכצוגיין. אויך אויף קאנאפּעס, שטולן, בעטן און אפילו אויפן טיש ליגן אויסגעלייגט מענטשן.

פרוי סקארבניק דערשרעקט זיך פאר מיר:

וואָס איז מיט אייך, שושנה? ווי איר זעט אוים...

— גיכער, כ'בעט אייך, אביסל וואסער, מיר איז שלעכט.

איידער איך האָב ארויסגערעדט די ווערטער, איז שוין געשטאַנען אויפן טיש א הייס גלאָז טיי.

וועגן לייגן זיך שלאָפן האָב איך שוין נישט געטראַכט, איך האָב שוין דערזען, אז דאָ ליגן פליטים פון אלע עקן פוילן.

איך וואַש זיך אָפּ, איך בין ווידער ווי ניי געבוירן. איך לויף גיך נאָך מאָרים לאָמפּע, זאָל ער אויך טרינקען א גלאָז טיי און זיך ארומוואַשן.

מיר האָבן נישט באוויזן זיך אָפּצורוען, איז געקומען צולויפן דער ארטיסט שמחה וויינטרויב און הערשל הארט, מיר פרייען זיך. זיי זענען געקומען אונדז באַגריסן, אין נאָמען פון דעם היגן יידישן טעאַטער, וואָס מיר האָבן זיך ארויסגעראַטעוועט פון היטלערן.

איך בין גערירט און דערפרייט, און גלייכצייטיק ממש בייז אויף זיך, וואָס איך בין אזוי צוזאמענגעבראָכן געוואָרן פון דעם קבלת פנים פון „מאדאם" קולבים.

וויינטרויב טיילט אונדז מיט, אז ער איז באפולמעכטיקט אונדז איבערצוגעבן, אז עס איז שוין באַשטימט פאר אונדז אביסל געלט אלס ערשטע הילף, און אונדז איינלאַדן אָפּצוגעבן א וויזיט דעם „אטדיעל איסקוסטווא", דאָרט טאָקע ווו עס אמטירט קולבים.

ס'ווערט מיר ווידער קאַלעמוטנע אויף דער נשמה... קולבים...

באַלד טרייסט איך זיך אַליין... אייגנטלעך, האָט דאָך מיך פרוי

קולבים אויפגענומען שלעכט און נישט ער... דאס איז זיכער אייפער־זוכט...

איך גיי מיט לאמפען און וויינטרויבן אין טעאטער אריין.

די קונסט־אפטיילונג געפינט זיך אין דעם ניי־אויפגעבויטן שטאטישן פוילישן טעאטער, וואס געפינט זיך אין גארטן.

אינעווייניק זשומעט עס אזוי ווי אין א בינשטאק. עס לויפן די באאמטע אהער און אהין... מ'זעט פארשידענע אקטיארן ארומלויפן אהין און צוריק.

אט לויפט דורך דער פוילישער אקטיאר אלעקסאנדער וועגערקא, באלד גייט גיך פארביי א גרופע פוילישע רעווי־אקטיארן מיט קרוקאווסקין בראש.

די יידישע אקטיארן זיצן אויסגעזעצט מיט אומעטיקע בליקן.

אט שטייט א קלאון מיט א צעקנייטשט פנים. אט לויפט דורך א יונגער בחור מיט א שווארצער טשופרינע, א מוזיקער, אט לויפן דורך א פאר מיידלעך מיט דראבנע געשיקטע פיסעלעך. אנשטאט די פריערדיקע עלעגאנטע היטן, טראגט מען איצט טיכלעך אויף די קעפ, פארבונדן אזוי אז מ'זאל ארויסזען די שיינע געלאקטע האר, אט זיי אלע זענען אהערגעקומען זוכן ארבעט. צווישן זיי זענען פאראן קינסטלער מיט וועלט־נעמען און אזעלכע, וואס ווילן ערשט קריגן נעמען.

נאך א לאנגער צייט ווארטן עפנט זיך די טיר און מ'לאזט מיך אריין, קולבים שטייט ביי זיין שרייב־טיש, גאנץ קאלט, ער מאכט קיין איין שריט נישט צו מיר, ער שטרעקט אויס די האנט. איך פיל, אז די פיס טראגן מיך נישט צו צום טיש.

קולביסעס פנים, וואס פלעגט תמיד שמייכלען, ווען ער פלעגט שמיין הינטער די קוליסן ביי מיינע גאסטשפילן אין ביאליסטאק, איז איצט קאלט און ערנסט. ער רעדט צו מיר רוסיש. איך ענטפער אויף יידיש, ער רעדט עפעס אזוי טרוקן און פרעמד, אזוי אפיציעל, אז עס ווערט מיר קאלט.

וויינטרויב דערציילט אים, אז איך דריי זיך ארום און האב נישט ווו אריינצוגיין אוועקצולייגן דעם קאפ נאך אזא שווערן וועג.

קולבים זעצט זיך אוועק, שרייבט אן א צעטעלע און הייסט מיך דערמיט גיין אין „זשיל-אַטריעל" (וווינונג-אָפּטיילונג), איך זאָל זאָגן, אַז איך בין אַן אַרטיסטין און בעטן, זיי זאָלן מיר שאַפן אַ וווינונג.

לאַמפּע און נאָך אייניקע אַקטיאָרן גייען אַוועק זוכן אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. מיך הייסט מען וואַרטן אין טעאַטער.

איך בעט די חברים, מ'זאָל מיך דערוויייל צופירן צום „זשיל אַט-ריעל", אפשר וועלן זיי מיר געבן אַ צימער.

איך שטיי לאַנג אין אַ ריי. איך הער ווי מ'רעדט צווישן זיך, אַז וווי-נונגען איז אוממעגלעך צו באַקומען. עס וווינען צו 10 מענטשן אין איין צימער. און ווען מ'האָט שוין אַ צימער, האָט מען נישט קיין בעטן, קיין בעטגעוואַנט.

ווען מ'נעמט מיך אויף, ווייז איך דאָס צעטל פון קולבים, אַז ער באַ-שטעטיקט, אַז איך בין אַן אַרטיסטין.

אַ פרוי רופט אויס דערפרייט, אַה, דאָס זענט איר שושנה? איך קען אייך גוט. איך האָב אייך געזען שפּילן. מיר ווערט פריילעכער, און איך זע מיך שוין אין אַ צימער. אָבער איך וואָלט אייך נישט דערקענט, איר זעט שלעכט אויס.

— יאָ, ווייל איך בין זייער מיד, גיט מיר אַ צימער ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן.

— ליידער האָבן מיר נישט קיין ליידיקע וווינונגען. אפשר ווייסט איר ווו עס איז דאָ אַ ליידיק צימער, וועלן מיר עס גלייך רעקווירירן פאַר אייך.

— איך ווייס נישט, איך ווייס גאָרנישט, איך בין נאָר וואָס געקומען.

און אין האַרצן פאַרדריסט מיך אויף איר, וואָס זי וויל מיך שוין מאַכן פאַר אַ מסור.

— גיט מיר אַ צימער אין האָטעל „ריץ", איך פלעג אַלעמאָל וווינען אין „ריץ", איך וועל באַצאָלן.

— ניעלזיאַ, מ'טאָר נישט. דאָס איז די „גאַסטיניצע" פאַר דער „קראַסנער אַרמיי". מיר האָבן זייער ליב אַרטיסטן, סאָוועטסקאַיאַ ראָסיאַ

טוט אַלץ פאַר אַרטיסטן. אַז ס׳וועט זיך מאַכן אַ צימער, וועלן מיר אייך צוּוויסן טון. גיט אונדז אייער אַדרעס.

— ווו האָט אַ הונט אַ הויז? איך האָב נישט קיין אַדרעס, איך האָב נישט ווו אַריינצוגיין. אין דרויסן גיסט אַ רעגן.

אָבער איך נעם מיט די „ליבע" צו אַרטיסטן און גיי אַרויס מיט דעם, וואָס כ׳בין געקומען.

ס׳איז שוין דריי אַזייגער, באַלד וועט ווידער ווערן נאַכט, און איך האָב אַלץ נישט ווו אַריינצוגיין. ווידער נעכטיקן אויפן גאַס־ ברורר!

איך שלעפּ זיך צוריק אין טעאַטער אַריין, הערן וואָס האָט מאָרים לאַמפּע אויפגעטון.

ער איז נאָך נישטאָ צוריק. איך גיי אַריין אין טעאַטער זאַל, זעץ זיך אַוועק אין דער לעצטער ריי, שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף אָן אָנלען פון אַ שטול און איך דרימל איין.

אפשר זיך אַריינגגבענען ביינאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג און אַזוי שלאָפן?

עס חלומט זיך מיר, אַז מ׳יאָגט מיך, אַז זעלנער שטעלן אויס די ביקסן, ווילן מיך שיסן, און איך קאָן נישט לויפן... איך וויל לויפן מיט אַלע כחות, באַמי איך זיך צו אַנטלויפן פון די זעלנער. אָבער די פיס רירן זיך נישט. איך שריי... שיסט נישט! שיסט נישט!

עמיצער טרייסלט מיך: „טאָוואַרישטש טשטאָ ווי ריטשיטיע?". (חבר וואָס קוויטשעסטו?).

איך פאַרשעם זיך און לויף אַרויס פון טעאַטער.

אין דרויסן טרעף איך לאַמפּען מיך זוכנדיק, זיין פּנים שטראַלט פאַר פרייד. ער שריים: שושנה, כ׳האָב פאַר דיר ווו צו וווינען, ביי אַ בעד־ קער... קום גיך, קום...

מיר נעמען די רוקזעק און מיר גייען אין דער גייער וווינונג.

אַ לאַנגער בלאָטיקער וועג, איך גיי דורך אַ לאַנגן בית-עולם און קום ענדלעך אַריין צום בעקער אויף סאַסנאָווע גאַס.

ביים אַריינקומען שלאָגט אַקעגן אַ ריח פון ווינדעלעך און איך פאַר־ שטיי, אַז דאָ געפינט זיך אַ פּיצעלע קינד.

דער בעקער מיט אַ דאַר בלאַס פּנים באַגריסט אונדז וואַרעם און זאָגט באַלד:

איך וואָלט קיינעם צו זיך נישט אַריינגענומען, איר זעט דאָך, עס איז ביי אונדז זייער ענג. אָבער שושנה און לאַמפּע, אַזעלכע טייערע אַקטיאָרן, וואָס „אַרבעטן” אַזוי גוט, וועל איך לאָזן וואַלגערן אין גאַס? אַזוי ווי איך האָב דערהערט, אַז איר האָט נישט וווּ אַריינצוגיין, האָב איך באַלד פאַרגעלייגט מיין וווינונג. איך האָב אייך געזען שפּילן אין „אורקע נאַכאַלניק”, אין „טוביה דער מילכיקער”, אין אַלע פּיעסן... אַה, איך האָב ליב אַקטיאָרן, איך האָב ליב טעאַטער, עס איז ממש מיין לעבן... אָבער איצט... מיר וווינען טאַקע ענג, אָבער „וו׳טיעסנאָטיע ניע וו׳אָבידיע”. שושנה, אייך טרעט איך אָפּ מיין בעט.

אָרימער בעקער פון סאָסנאָוואַ גאַס, איך האָב דיין בעט נישט געוואָלט צונעמען, אָבער אַ ליבע און האַרצן נעם איך מיט צו דיר אויף תמיד.

ער דערזעט, אַז מיך שוידערט פאַר קעלט, זאָגט ער גיך.

ס׳וועט באַלד זיין וואַרעם, איך הייץ שוין איין.

באַלד דערהערט זיך דאָס שרייען פון אַ פּיצעלע קינד, וואָס ליגט אין וויגעלע.

ערשט איצט דערזע איך דאָס וויגעלע און די שניר מיט ווינדלען, וואָס הענגען אַרום דעם אויוון.

ביים טיש זיצט אַ מיידעלע און מאַכט די לעקציעס. ביי אונדזער אַריינקומען זענען אירע אויגן געוואָרן אויסגעשטעלט אויף אונדז, זי וואַרט מיט אומגעדולד צו זען פון נאָענט די אַקטיאָרן. איר קליין הערצעלע האָט געוויס געקלאַפּט שטאַרקער ווי אַלע מאָל. זי קוקט אויף מיר און באַטראַכט מיך פון אַלע זייטן, און איך פיל די פראַגע אויף אירע ליפּן: אַזוי זעען אויס די פּרינצעסינס און די פּרינצן פון דער בינע? זעט אויס, אַז זי איז אַנטוישט געוואָרן, אַרטיסטקעס זענען דאָך שיינע, עלעגאַנטע... און צום סוף...

דער בעקער לויפט אַרום אַהער און אַהין, ער ווייס ממש נישט וואָס

צו טון מיט אונדז, פאַרשטופּט דעם קינדס מויל מיט אַ זויג־גומי, לייגט צו נאָך אַ שטיק האָלץ אין אויוון, מאַכט אויף גיך טיי.

באַלד וועט קומען מײן פרוי, וועט זי מאַכן פאַר איך אַ בעט.

די פרוי זײנע אין אַ שמוציק צעריבן אַלט קלײדל, מיט אַ בלאַס פּנים קומט צוגײן פון דער אַרבעט, זי אַרבעט אין אַ פאַבריק פון שטאָפן.

דער מאַן אירער, דער בעקער, איז געווען אַ באַלעבאָס פון אַ בעקע־רײ, איצט האָט מען אים דערלויבט צו זײן אַן אַרבעטער אין זײן בעקע־רײ, וועלכע מ'האָט בײ אים צוגענומען. ער איז גליקלעך דערמיט, ווײל זײ אַנדערע אײנגנטימער פון בעקערײען האָט מען אַרויסגעטריבן, ווײל זײ זענען „בורזשויען״, אָבער ער האָט תמיד אַלײן אויך געאַרבעט, דערפאַר האָט ער געהאַט גליק. עס איז איצט אַ קאָאָפּעראַטיוו. ער אַרבעט שווער, יעדע נאַכט מוז ער אַרבעטן, אָבער דערפאַר האָט ער געבעקס און דאָס איז איצט אַ גרויסע זאַך, אַ חוץ דעם שוואַרצן ברויט, באַקט ער אָפּ אַ פּאָר געבײטלטע ברויטלעך פאַר גוטע פרײנט.

מיט ברויט בין איך הײסט עס פאַרזאָרגט.

ווען די פרוי האָט נאָר פאַרטיק געמאַכט מײן בעט, בין איך אַזוי ווי אַ געהרגעטע אײנגעשלאָפן, אָבער באַלד האָט דאָס קינד אָנגעהויבן געבן קאָנצערט. ווען דאָס קינד האָט אויפגעהערט װײנען און איך בין ווי־דער אײנגעשלאָפן, האָב איך זיך ווידער אויפגעוועקט. איך האָב געהערט דאָס רוקן פון שטולן, ווײל אַחוץ מיר, דעם בעקערס מײדל, לאָמפּען און דעם בעקער מיט זײן ווײב האָט מען נאָך געהאַט אויסגעבעט עמיצן אויף שטולן.

אין שטוב ברענט אַ קלײנטשיק נאַכט־לעמפּעלע זײער שטאַרק אַראָפּגעדרײט דער קנויט, דאָס איז אָנגעגרײט, אַז מ'זאָל זען צוצוגײן צום קינד.

ווער עס ליגט אויף די שטולן אויסגעבעט, האָב איך נישט געקאָנט זען.

אָבער עס האָט ווידער געמוזט לאַנג דויערן, ביז איך בין צוריק אײנגעשלאָפן. און ווידער וועקט מיך אויף אַ גערויש, בײ דעם קלײנעם

שיין פון פאַרוויכערטן לעמפּל זע איך, ווי דער בעקער טוט אָן זיין מאַנטל, ער גייט צו דער אַרבעט.

ווידער נעמט עס אַ צייט ביז איך שלאָף איין און ווידער וועקט מיך אויף דאָס געוויין פון קינד.

די בעקערין גייט אַראָפּ, גיט דעם קינד אַ פלעשל, ווידער איינשלאָפן קאָן איך שוין נישט, ווייל אונטער די פענסטער אויפן גאַס הער איך אַ שטאַרקן טומל.

איך דערשרעק זיך, שפּרינג אַרויס פון בעט, איך ווייס דאָך, אַז אין וואַרשע, ווען מען האָט געהערט אַ טומל, האָט מען געמוזט גיך אויפשטיין פון בעט.

— עס איז גאָרנישט — בארואיקט מיך די בעקערין, דאָס שטייען שוין מענטשן אין דער ריי נאָך ברויט, וואָס מ'וועט אין דער פרי אַרויסגעבן.

וועלן זיי שטיין אין אַזאַ קעלט ביז אין דער פרי? עס איז דאָך ערשט צוויי ביינאַכט.

לײדער איז עס אַזוי יעדע נאַכט.

דער טומל אונטערן פענסטער ווערט גרעסער, אין שטוב וויינט דאָס קינד. עס בייסן מיך די פליי, וואָס שפּרינגען אַרום. זיי האָבן דערפילט אַ פרישן מענטש אין בעט, האָבן זיי אַזאַ שמחה מיט מיר.

איך בין אַזוי שרעקלעך מיד, אפילו אויף אַ שטיין וואָלט איך געשלאָפן, האָב איך געמיינט, אָבער אפנים פון צופיל מידקייט קאָן איך נישט שלאָפן.

איך פיל, ווי מיין קישעלע ווערט נאַס פון מיינע טרערן... אַזוי וועלן אויסזען מיינע נעכט... און קאָן מען דען אַזוי פיל ליידן?

מיך הויבט אָן שטאַרק צו דריקן אונטערן האַרצן, די לעבער ווערט וואָס אַמאָל מער געשוואָלן, די ווייטיקן ווערן שטאַרקער, איך ביים מיינע ליפּן פאַר ווייטיק. איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. וואָס טוט מען? ווי וועקט מען עפּעס אויף פרעמדע מענטשן? און דאָס די ערשטע נאַכט, זיי וועלן דאָך מיך אַרויסוואַרפן.

לאַמפּע!.. לאַמפּע! רוף איך שטיל, אָבער ער שלאָפט אין צווייטן

צימער. ער הערט נישט. איך קאָרטשע זיך איין פון ווייטיק. איך דערמאָן זיך, אז אין מיין האַנט-בייטל האָב איך „ציבאַלגין" א מיטל קעגן ווייטיקן. איך קריך אראָפּ שטילערהייט פון בעט, אָבער איך קאָן נישט געפינען מיין האַנט-טאַש. איך שלעפּ מיך צו צום אויוון, איך שטעל זיך מיט דער ווייטיקדיקער זייט צום אויוון, דער אויוון איז הייס, עס ווערט מיר אביסל בעסער, איך פיל נישט דעם ווייטיק... איך שטיי ביים אויוון און איך וויין, אזוי עלנד... אזוי איינזאַם.

אָבער איך טרייסט מיך, מיינע זין האָבן שוין איצט די טעלעגראַמע, וועל איך זיי זען? איך גלויב אליין נישט אין דעם גרויסן גליק.

איך שטיי און צייל, ווי לאַנג עס דאַרף דויערן, ביז זיי וועלן קענען קומען מיך זען, איך פאַרגעס אין די ווייטיקן, אָבער די ווייטיקן דערמאָנען מיך אליין... איך קען קוים דערלעבן ביז ס'זאָל ווערן טאָג און פאַרטאָגס, ווען דער בעקער איז געקומען צו גיין, בין איך אוועק צו א דאָקטאָר.

דאָנערשטיק, 16. נאָוועמבער.

דער דאָקטאָר האָט מיר געמאַכט אן איינשפּריצונג צו באַרואיקן די שמערצן און מיר פאַרשריבן אייניקע רפואות, אָנגעזאָגט, אז איך מוז זיין אויף דיעטע, זייער פאָרזיכטיק מיטן עסן, און איך טאָר אבסאָלוט נישט גיין. איך מוז ליגן אין בעט. איך בין זייער דערשעפּט, איך מוז זיך גוט דערנערן, עסן ווייניק, אָבער זייער אָפט, ווייס פלייש, הון און די הויפּטזאַך רוען.

יאָ, זייער א פיינער רעצעפּט... זייער פיין, אָבער ליידער נישט פאַר מיר איצט... וווּ זאָל איך רוען? א שווידער גייט מיר דורך מיין לייב, ווען איך דערמאָן זיך אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט... אָט אזוי דאַרף אויסזען מיין רו.

איך גיי דורך די גאַס, וועלכע איז שוואַרץ פון מענטשן, כאָטש עס איז ערשט פאַרטאָג, בלויז רייעס און רייען... און אַנדערע גאַסן זעען אויס ווי א מאַרק, פּליטים האַנדלען, מ'האַלט אין האַנט אן אַלטן קראַוואַט, א פּאָר אַלטע שקאַרפּעטן, א פּאָר אַלטע שיך, אן אַלט העמד, אונטערוועש, א האַנטוך, א צעריסענע קאָלדרע און נאָך אזעלכע „טייערע" זאַכן. דאָס

פארקויפן די פּליטים דאָס לעצטע ביסל בעבעכעס און אָרום זיי שטייען „רויטע ארמייער" און באַטאַפּן און באַקוקן די מציאות... און קויפן אַ״ע, אַלץ... אַפילו טליתים און פרעגן „אַ טשאַסי יעסט?" (זייגערלעך האָט איר?). זיי האָבן זייער ליב צו קויפן זייגערלעך.

דער טאָג איז אַ טרויעריקער, אַ רעגנדיקער, אַ בלאָטע ביז די קני. אויף טאַקעקן זיצן קליינע יידישע קינדערלעך משהלעך און יענקעלעך און שפּילן זיך מיט די „רויט ארמייער" און זינגען מיט די פישטשענדיקע שטימעלעך „יעסלי זאַווטרא וואָינאַ" און די רויט ארמייער קוועלן אַז און זענען אַזוי ליבלעך צו די קינדערלעך, און איך טראַכט: ווער ווייס, צי אָט די רויטע ארמייער טראַכטן נישט איצט וועגן זייערע קינדער, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים...

די שטאָט איז דעקאָרירט מיט רויטע פענער, מיט סטאַלינס גרויסע בילדער מיט אויפשריפטן „זאָל לעבן אונדזער גרויסער סטאַלין", דער־ביי וואָראָשילאָווס בילדער. אומעטום רויטע פאַסן מיט אויפשריפטן „זאָל לעבן אונדזער מעכטיקע רויטע ארמיי".

אָט גיי איך פארביי אַ גרויסן רעסטאָראַן, וואָס הייסט „רויטער ארמייער". אָט איז אַ הויז, וואָס הייסט „הויז פון רויטן אָפיציר", אומע־טום דאָס זעלבע.

איך קוק נישט, וואָס איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט און איך גיי אין טעאַטער אריין. דאָרט וועל איך דאָך טרעפן אייגענע חברים, דערווייסן זיך גייעס.

עס לויפט מיר אַקעגן דער אַקטיאָר שמחה וויינטרויב. ער האָט אַן אידעע, מיר זאָלן שוין דעם שבת אויפטרעטן.

— שוין שבת? ווי אַזוי? היינט איז דאָך דאָנערשטיק שוין.

— ניין, מיין פריינט, איך בין צו שוואַך.

— קודם־כל, זאָגט ער, וויל איך אייך פאָרשטעלן פארן שעף פון „אַט־דיעל איסקוסטווא".

עס נעמט מיך אויף אַ דאַרער, הויכער מאַן, טאַווארישטש ליבענ־סאָן, ער האָט גראַד אַ גאַנץ גוטמוטיק ליב פּנים.

אָבער איך פיל מיך זייער אומהיימלעך, איך האָב ממש נישט וואָס צו זאָגן און איך ווייס נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך.

ענדלעך רעד איך אַרוים: איך בין אַ יידישע אַקטריסע פון פוילן, אַנטלאָפן פון היטלערן.

— דאַ, דאַ — ענטפערט ער אויף רוסיש. איך קוק זיך אַרום אין צימער און איך זע אין אַ ווינקל ביים פענצטער זיצט עפּעס איינער מיטן פנים צום פענצטער, קוקט נישט אין אונדזער זייט, אַזוי ווי ער וואָלט בכלל נישט געווען אין צימער.

וויינטרויב הויבט מיך אָן מוסרן.

שושנה, וואָס איז מיט אייך? איר קענט דאָך עפּעס קיין צוויי נישט ציילן. איר דאַרפט וויסן, טאָוואַרישטש ליבענסאָן, אַז שושנה איז אויך אַ „פּיסאַמעלניצאַ".

— דאַ, דאַ — זאָגט ווידער טאָוואַרישטש ליבענסאָן, איך פיל אָבער אַ פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן אויף זיך, איך בויג אוים מיין קאָפּ און איך זע, אַז דער שווייגנדיקער מאַן אין ווינקל ביים פענצטער נעמט מיך דורך מיט זיין בליק. ער האָט אַ שאַרף שניידיק פּנים און אַ פּאָר לאַנגע שמאָלע שוואַרצע אויגן.

איך בין עפּעס ווי צעמישט. קען נישט געפינען קיין ווערטער, וואָס צו רעדן.

— נו, רעדט עפּעס, שושנה, — הער איך ווידער שמחה וויינטרויבס שטימע.

— וואָס זאָל איך זאָגן? דערציילן דעם טאָוואַרישטש ליבענסאָנען, אַז איך בין אַ גוטע שוישפּילערין? דאָס קען איך דאָך נישט. און קיין שלעכטס וועל איך דאָך אויף זיך נישט זאָגן, מסתמא וועט מען אים שוין זאָגן, ווער איך בין, אויב מ'האָט עס נאָך נישט געטון. און איך פיל ווידער דעם אומבאַקאַנטנס בליק אויף זיך.

איך שטעל זיך אויף אַוועקצוגיין.

— זייט רואיק — הער איך ליבענסאָנס אַנגענעמע שטימע, — ביי אונדז וועלן אַלע אַרטיסטן געפינען באַשעפטיקונג, אין „סאָוועטסקי סאָ־

יוז״, וועלן אַלע אַרבעטן. דערווייל וועט איר קריגן אַ געוויסע סומע אַלס אַן אַוואַנס, איר זאָלט האָבן פון וואָס צו לעבן.

איך גיי אַרויס, דאָס געלט בריט מיין האַנט. צו וואָס האָב איך גענומען די 50 רובל? צו וואָס? איך ווייס אַליין נישט. איך האָב עפּעס מורא געהאַט נישט צו נעמען...

אָבער מיר געפעלט אָט דער ליבענסאָן. ער זאָרגט פאַרט פאַר אַקטיאָרן...

איך דריי זיך אַרוין אין גאַס. איך האָב אָבער נישט קיין כח צו גיין. עסן וועל איך היינט נישט... אָבער זיך לייגן, כ׳בין דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. איך גיי אַהיים, אין שטוב טרעף איך אַ סך מענטשן, כ׳קאָן זיך נישט אַוועקלייגן. ס׳איז דאָך איין שטוב נאָר.

לאַמפּע פילט זיך אויך זייער עלנט, ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, אָבער ער דרייט זיך אַרום אין גאַס אַ בייזער און אַן אויפגערעגטער. ער איז דאָך געזונט, מילא איז די גאַס זיין היים... אָבער איך? קוים וואָס איך שלעפּ זיך. איך פיל, אַז איך בין שטאַרק קראַנק.

אַנדערע זענען מיך מקנא, אַקטיאָרן קומען צו מיר צו לויפן און זאָגן: דו ביסט דאָך אַ גליקלעכער מענטש. ערשט געקומען און שוין געפונען אַ וווינונג און דערצו ביי אַ בעקער.

פרייטיק, 17. נאָוועמבער.

ווידער אַ נאַכט נישט געשלאָפן. כ׳פאַל פון די פיס. אַזוי ווי אויף באַשטעלונג הויבט אָן דאָס קינד צו וויינען, דעמאָלט ווען איך לייג זיך אין בעט אַריין; בין איך אויפגעשטאַנען צעבראָכן און מיד, אָבער דערפאַר האָב איך געטראָפן אַ ריין לאַנג „פראַנצוסקע״ ברייטל, וואָס דער בעקער האָט פאַר מיר עקסטרא אויסגעבאַקן, און אויך האָט ער געבראַכט אַ פאַר שוואַרצע לאַבנס ברויט פאַר מיינע חברים אַקטיאָרן. אַזוי ווי די אַקטיאָרן האָבן דערהערט, אַז מיר וווינען ביי אַ בעקער, איז מען געקומען נאָך ברויט. דער בעקער טראָגט מיר צו אַ היים גלאָז טיי מיט דעם פרישן ברייטל.

קיין צוקער, זאָגט ער, האָבן מיר לײדער נישט.

זיך מחיה געווען מיטן הייסן טיי און מיטן ווייסן ברויט, בין איך אוועק אין טעאטער.

קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אונדז יידישע ארטיסטן. מ'האט נישט קיין צייט, אזוי פיל ארבעט... די פוילישע אקטיארן נעמט מען גי־כער אויף. זיי גייען אריין עפעס דרייסטער, מ'רעדט מיט זיי אויך אנ־דערש ווי מיט אונדז.

מיר טוט דאס וויי, ווייל אין פוילן האט מען דאך געהאלטן, אז די יידן זענען סאוועטיש געשטימט, איז פארוואס קומט דאס זיי, די פוי־לישע, א בעסערע באהאנדלונג?

עס לויפט ארום אהער און אהין נויפעלד, ער ארגאניזירט די „ציר־קאוועצעס", די קלאונס, זשאנגלערן א. אז. וו.

אט גייט אריין דער רעווי אקטיאר קרוקאווסקי, גאנץ דרייסט, מען הייסט אים נישט ווארטן, מ'נעמט אים גלייך אויף. אט לויפט אריין א קלאון, אט לויפט אן עלעקטריציסט, אט לויפט א מוזיקער, אלע, אלע זע־נען חשובער פון דעם יידישן אקטיאר.

איך דערפיל זיך עפעס אזוי קליין און נישטיק, אזוי איבעריק און איך טראג זיך גיך אפ.

אין דער היים טרעף איך מיין בעקער אויסגעפוצט לכבוד שבת.

מיר ווארטן אויף אייך מיט די פיש, זאגט ער, און דאס בלאסע פנים זיינס שמייכלט.

איר ווארט אויף מיר מיט די פיש?

יא, ס'איז דאך פרייטיק צונאכטס, ערב שבת. איך זע די בענטש ליכט אויפן טיש. די צוויי דארע ליכטעלעך ווארפן א געלן שיין אויף סטאלינס בילד, וואס הענגט אויף דער וואנט, אבער אין שטוב איז שבת־דיק, אזוי יידישלעך. די שווייגנדיקע בעקערין מיטן איינגעשרומפענעם פנים, האלט קוים אפן אירע מידע אויגן און ווארט שוין מיט אומגעדולד, אז מ'זאל אפעסן און זי זאל זיך קאנען לייגן.

שבת, 18. נאוועמבער.

פון די קינדער קיין שום ידיעה.

היינט האט ווידער גערעדט מיט מיר חבר ליבענסאן. שפילן זאגט

ער „טוביה דער מילכיקער” ווי איר האָט אים געשפּילט קאָן קיין רייד נישט זיין. מיר וועלן אייך געבן אַן אַנדער „טוביה מילכיקן” אַ סאָוועטישע באַארבעטונג, אָבער דערווייל מוז מען האָבן געדולד. ביי אונדז וועלן אַלע ארבעטן.

זונטיק, 19. נאָוועמבער.

שוין אַ וואָך ווי איך בין אַוועק פון מיין היים.

דאַכט זיך, וואָס איז אַ וואָך אין מענטשנס לעבן? גאָרנישט... 7 טעג און דורך די 7 טעג האָבן מיר אַזוי פיל איבערגעלעבט.

היינט איז געקומען צו פאָרן פון רוסלאַנד די ארטיסטין סאַראַ פּיביך מיט אַ רוסישער טרופּע. זי האָט אַמאָל געשפּילט אין ווארשע, די אַקטיאָרן אונדזערע קענען זי. איך האָב נאָר געהערט וועגן איר, מיר האָבן פון איר אָפּגענומען אַ סך גריסן פון חברים און זיך זייער דערפרייט מיט איר. אירע חברטעס, רוסישע ארטיסטינס, זענען געלאָפן איבער די אויסגעלייזדיקטע געוועלבער און געקויפט מציאות. איינע האָט געקויפט 6 פּראַק העמדער, אַז איך האָב איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פּראַק העמדער דאַרף מען נישט אַזוי פיל, צום פּראַק איז גענוג צוויי העמדער, האָט זי זיך שטאַרק צעלאַכט. איר מאַן האָט קיינמאָל קיין פּראַק נישט געטראָגן, אָבער די העמדער וועט ער טראָגן צו יעדן אַנצוג.

מאָנטיק, 30. נאָוועמבער.

היינט האָט מיר ליבענסאָן ווידער געגעבן געלט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס גיט מען מיר אומזיסט געלט? האָט ער געענטפערט. אַז דאָס איז זייער פליכט, דאָס איז אַן אוואַנס. איר וועט דאָך באַלד ארבעטן.

ווען? פרעג איך.

ביי אונדז ייעלן אַלע ארבעטן. אין ראַטן־פאַרבאַנד ארבעטן אַלע.

דינסטיק, 21. נאָוועמבער.

פון די קינדער נאָך אַלץ קיין ידיעה נישט. שוין 7 טעג ווי איך האָב צו זיי געשיקט אַ טעלעגראַמע.

מיין געזונטצושטאַנד פאַרערגערט זיך פון טאָג צו טאָג. די לעבער

איז אַלץ נאָך שטאַרק געשוואָלן. היינט בין איך געווען ביים דאָקטאָר פרישמאַן, א פליט פון ווארשע. ער קען מיך זייער גוט. ער זאָגט, אַז איך מוז גיין אין שפּיטאָל אריין. אָבער אין שפּיטאָל איז נישטאָ קיין פּלאַץ. מענטשן ליגן אויף דער ערד. קיין מעדיקאַמענטן זענען אויך נישטאָ.

— וואָס, זאָגט ער, וועל איך פאַרשרייבן? אַז איר וועט די רפואה סיי־ווי־סיי נישט באַקומען. ער שטעלט זיך באַלד אין פאַרבינדונג מיטן שפּי־טאָל, אַז מען מוז אַ יידישע אַרטיסטין ראַטעווען. זי איז ערנסט קראַנק. אַ קעלט גייט מיר דורך די ביינער. איך וויל דאָך נאָך זען מיינע קינ־דער, מיין מאַן. הייסט עס, אַז איך בין טאַקע שווער קראַנק.

מ׳האָט מיך אָבער אין שפּיטאָל נישט אויפגענומען. אפילו אויף דער פּאָדלאָגע איז נישטאָ קיין פּלאַץ. עס זענען דאָ אַ סך פאַרווונדעטע און אַ סך קראַנקע פּליטים. אַ סך ליגן מיט שווערער לונגען אַנטצינדונג פון דעם נעכטיקן אין אַזעלכע קעלטן אויף דער גאַס.

מיטוואָך, 22. נאָוועמבער.

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג אַרומגעדרייט זיך אין גאַס פון קאַפעהויז צו קאַפעהויז; אפשר הערן עפּעס אַ ידיעה. די קאַפעהייזער זענען איצט דאָס איינציקע אָרט, וווּ אַ פּליט קען אַריינקומען און טרעפן זיך מיט באַקאַנ־טע און די הויפּטזאַך אויסבאַהאַלטן זיך אַביסל פון דעם רעגן און קעלט.

כדי אַריינצוקומען אין קאַפעהויז, מוז מען אָפּשטיין אַ לאַנגע צייט אין אַ ריי אויף דער גאַס.

ענדליך קומט מען אַריין.

אין קאַפע „לוקס" איז אָנגערויכערט, אַז איינער זעט נישט דעם אַנדערן. ס׳איז דאָרט אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. זעלטן ווען אַ קעלנער אָדער קעלנערקע גייט צו צו די געסט.

דאָ באַשטעלט קיינער גאָרנישט. דאָ איז מען דאָך נישט געקומען עסן.

ווען איינער באַשטעלט יאָ אַ האַלבע „טשאַרנע" (שוואַרצע קאַווע) קוקט מען אויף אים פאַרוווּנדערט.

דאָס קאַפעהויז דינט איינפאַך אַלס אַ צוזאַמענקום אָרט פאַר די

פּליטים. דאָ וואַרעמט מען זיך אַביסל אָן, ליגן טאַקע די רוקזעק אויף דער פּאָדלאָגע און ביי יעדן טישל זיצן צוזאַמענגעקוועטשט אַ גאַנצע מחנה מענטשן, אַלע אָנגעטון אין שטיוול און „וואַלאָסיפּעד היטלען" (היטלען מיט דאַשקעס). דאָס איז איצט דער טראַכט פון די פּליטים, זיי זאָלן נישט אויסזען ווי בורזשויען. קיין קאָפּעליושן זעט מען נישט. אפילו אויף אַ רפואה. די עלעגאַנטע „פּאַצעטן" פון וואַרשע דערקענט מען איצט נישט. נישט ראַזירט, שמוציק, אָפּגעלאָזן. דאָס זעלבע די וואַרשע-ווער „עלעגאַנטקעס", די דאַמען. די פּנימער זענען שוין נישט מאַט פון פּודער, נאָר פעט פון שוויים.

דאָ אין קאַפעהויז קומען זיך אַלע צונויף. שמוגלער, און „פּירע־", געלט־טוישער, „בריוועטרעגער" און „גריסן ברענגער".

אויף די ווענט פון קאַפעהויז הענגען גאַנץ פראַנק און פריי פּאַר־שידענע פּלאַקאַטן מיט פאָלגענדע אויפשריפטן.

„ביים דריטן טיש רעכטס נעמט מען אָן גריסן קיין ווילנע".

„ביים פערטן טיש לינקס, נעמט מען אָן בריוו קיין וואַרשע".

„ביים 5־טן טיש נעמט מען אָן צו ברענגען זאַכן".

ביים 2־טן טיש נעמט אָן אַריבערצוברענגען קרובים, און אַזעלכע ענלעכע אַנאָנסן. און ביי די דערמאָנטע טישן שטופּן זיך מענטשן, אונ־טערצוהאַנדלען וועגן די גריסן, בריוו, זאַכן, מענטשן א. אז. וו.

און עס הענגען צעטעלעך און עס איז אָנגעשריבן אויף די ווענט מיט בליי:

„איך זוך מיין ברודער, וואָס איז אַרויס פון וואַרשע דעם 7־טן סעפּטעמבער, מיטצוטיילן אויף שענקעוויטשא פּאַר באַלוינונג.

איך זוך מיין שוועסטער, איך וווין קופּיעצקאַ...

איך זוך מיין זון. איך וווין...

איך האָב זיך איבערגעצויגן, ווען מיין משפחה זוכט מיך, וווין איך...

איך בין שוין אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע..."

אַלע שטייען און לייענען די אויפשריפטן, איינער שרייבט צו אַ צווייטן, דערפרייט מען זיך, אַ דריטער גייט אַוועק אָן אַנטוישטער, לויפט אין אַ צווייטן קאַפעהויז זוכן...

פלוצלינג גייט איינער ארויף אויף א שטול, און שרייט אויס שאא! עס ווערט א טויטע שטילקייט, אלע שטופן זיך נענטער צום רעדנער אויף דער שטול. דער מאן אויף דער שטול נעמט ארויס א גרויסן בריוובויגן און לייענט:

נאדל, בוימגארטן, צוקער, פון ווארשע, און נאך א סך א סך נעמען, רעכנט ער אויס, זאלן זיך צו מיר ווענדן, איך האב פאר זיי גריסן.

עס לאזט זיך צו אים א מחנה מענטשן.

און אזוי דערלייידיקט מען גריסן, בריוו אהער און אהין, פון ליטע קיין ביאליסטאק, קיין ווארשע.

און דא ווערן אויך אפגעשלאסן אלערליי שמוגל געשעפטן.

דא זיצן די פירער, וואס פירן איבער דער גרעניץ, קיין ווילנע און ברענגען אהער מענטשן פון פוילן. און מען דינגט זיך מיטן פרייז און מ'גיט האנט געלט. און באלד געפינען זיך מענטשן, ביי וועמען מ'לייגט איין דעם רעשט געלט, ביז די באטרעפנדע וועלן קומען. באלד אין קאפע זיצן עדות, וואס שטעלן פעסט, אז ער איז א גוטער „פירער", אז ער האט יענעם געבראכט און דעם געפירט. עס טוט זיך דארטן. עס רו־דערט זיך ווי אויף א יאריד.

איך בין אפגעווען א פאר שעה אין קאפעהויז, אינפארמירט זיך, ווי־פיל עס קאסט אריבערפירן קיין ווילנע, ווי אזוי זעט אויס דער וועג, ווי לאנג דויערט דאס גיין, און צי קאן מען פארן אויך?

איך בין אפגעזעסן א פאר שעה אין קאפעהויז, וואס וועל איך זיך איילן אהיים? צו וועמען און צו וואס?

ווען איך בין אריין אין שטוב, האב איך דערזען זיצן א מאנספאר־שוין, אבער איך בין צוגעוווינט, אז אין שטוב פון בעקער זאלן זיצן מענ־טשן, ביי זיי איז די שטוב תמיד פול.

איך בלייב שטיין ביים אויוון, ערשט עס דרייט צו מיר אויס דעם קאפ מיין יינגערער זון סאמועל. מיין גאט! איך גלויב נישט מיינע אויגן! ס'האט זיך דאך מיר שוין אזוי פיל מאל געחלומט, אז איך טרעף מיינע קינדער און דאך שטיי איך אויף מיט הארץ ווייטיק.

אפשר איז דאָס אויך א חלום. גאָט מיינער! זאָל עס זיין אויף דער וואר...

מאַמע, טייערע ליבע מאַמע מיינע, פיל איך זיין קאָפּ אויף מיין אקסל און די ליבע טייערע הענט ארום מיין האלדז. מאַמע מיינע און מיר טוליען זיך... און ביידע וויינען מיר פאַר פרייד. מיין מולעק... מיין קינד!

וואָס וויינסטו מאַמע? זעסט דאָך, אז מיר זענען געבליבן לעבן... און ער ברעכט אוים אין א שטאַרק געוויין. מאַמע, ווי דו זעסט אוים... דו ביסט דאָך א שאָטן פון א מענטש... איך וואָלט דאָך דיך אין גאָס נישט דערקענט...

ווו איז עלעק? פרעג איך אויף מיין עלטערן זון. ווו איז עלעק? פרעג איך מיט שרעק. האָט עפּעס מיט אים חלילה פּאַסירט, ווו איז ער? ניי־ כער, זאָג, קינד מיינס. זאָג מיר דעם אמת...

ניין, עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, ער איז געזונט, נאָר ער קאָן נישט אוועק פון דער פאַבריק... נא, דאָס איז פאַר אים, ער באַדעקט מיך מיט קושן. דאָס האָט עלעק דיר געשיקט... ער האָט מיך אזוי מקנא געווען, וואָס איך וועל האָבן דאָס גליק דיך צו זען און ער נישט...

און ווידער שטייען מיר ארומגענומען און צוגעטוליעט איינס צו ס'אנדערע.

איך בין שרעקלעך אומרואיק, ווי קאָן דאָס זיין מעגלעך, אז מיין עלטערער זון אפרים אליהו זאָל נישט קומען זען זיין מאַמען, נאָך אזוי פיל איבערלעבונגען.

— מולעק מיין קינד, זאָג, זאָג דעם אמת, וואָס איז מיט עלעקן?

— גאָרנישט, מאַמע, איך שווער דיר, אז גאָרנישט. באַרואיק זיך. רעדט ער צו מיר און גלעט מיך, אזוי ווי איך וואָלט געווען זיין ייִנגער שוועסטערל וואָס מ'וויל באַרואיקן. זעסט, מאַמע, ער האָט דיר געשיקט 5 קילאָ צוקער. זיין אייגענע ארבעט...

פון א סאָוועטישער פאַבריק אוועקצופאָרן איז נישט אזוי לייכט, אפילו צו זען א מאַמע.

איך האָב אזוי פיל צו פרעגן... איין געדאנק יאָגט דעם צווייטן, אָבער איך קען נישט רעדן, איך האַלט מיין קינד אין מיינע אָרעמס.

איך האָב פארשטאנען, אַז ער וועט אויך וועלן זען זיינע קאָלעגן סטודענטן פון פּאָליטעכניקום, זיינע נאָענטע חברים, וועלכע געפינען זיך אין ביאַליסטאָק.

איצט מיין קינד, קום, וועלן מיר גיין זוכן דיינע חברים.

און ווי גוט עס איז צו גיין מיט א דערוואקסענעם זון ביי דער זייט.

איך האָב אין דער מינוט געפילט, אַז איך בין שוין נישט איינזאַם, איך בין שוין מער נישט עלנט.

באַלד זענען אַלע באַקאַנטע געוואָר געוואָרן, אַז מיין זון איז געקומען. מען איז געקומען צולויפן, מ'האָט מיר אָפּגעגעבן מזל־טוב, מ'איז מיך מקנא געווען... און איך בין שטאָלץ... איך בין גליקלעך, גליקלעך אָן א שיעור. איך האָב באַלד יעדן געגעבן אַביסל צוקער. דאָס איז געווען אַן אמתער יום טוב. צוקער!

מיר האָבן אויסגעזוכט זיין בעסטן חבר קאַלניצקין, די פרייד פון די צוויי איז געווען גרויס, זיי זענען דאָך חברים פון קינדהייט אָן.

זייער באַגריסונג איז עפּעס אזוי מענעריש... זיי קלאַפּן זיך איינס דאָס אַנדערע איבער די פּלייצעס, נישט אזוי ווי מיר מיט טרערן.

הא, מזל, מיר לעבן!! שרייט קאַלניצקי און זיי הויבן זיך אָן דער־מאָנען איינצלהייטן פון וועג. זיי זענען דאָך צוזאַמען אַרויס פון מיין שטוב...

אָבער וואָס ווייטער? פרעגט קאַלניצקי. מ'מוז דאָך קלערן, וואָס ווייטער.

באַלד נעמען זיך צוזאַמען א גרופּע חברים און זיי באַשליסן צו פאָרן קיין לעמבערג. דאָרט איז פאַראַן א פּאָליטעכניקום, וועלן זיי זען צו באַ־קומען דיפּלאָמען. אין א סאָוועטישן פּאָליטעכניקום וועט מען דאָך יידן יאָ צולאָזן.

עס ווערט שפּעט. ווען מיר ווילן שוין אַהיימגיין, דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב אפילו נישט וווּ צו לייגן אים שלאָפן...

די יונגע פרוי קאַלניצקא, א קינד נאָך, א יונגע סטודענטין פון פּאָלי־

טעכניקום, וועלכע איז צוזאמען מיט דעם יונגן סטודענט קאלניצקי, מיין זון און איבעריקע חברים ארויס אויפן וואנדער־וועג פון מיין שטוב, האט אין וועג חתונה געהאט מיט קאלניצקין.

פאר מיינע אויגן שטייט דאס בילד, ווי דאס קעלצער מיידל, וועלכע לאזט זיך אין וועג אריין, האט אפילו נישט קיין געלעגנהייט זיך צו געזעגענען מיט אירע עלטערן, וועלכע וווינען אין קעלץ. אט דאס געצערטלטע קינד לאזט זיך איצט אין אזא שווערן וועג אריין.

איך האב באטראכט אירע הויכע אפצאסן פון די שיך, מיט די זיידענע זעקעלעך און דאס עלעגאנטע דיקע קליידעלע אין וועלכן זי גייט איצט וואנדערן.

— נאט אייך א פאר שיך מיט נידעריקע אפצאסן, זאג איך. מיט אזעלכע אפצאסן וועט איר ווייט נישט אוועקגיין. און דא נעמט א באקוועם קליידל, מיט א סוועטער.

דאס מיידל האט געקוקט אויף אירע פאנטאפעלעך, מיט וועלכע זי האט זיך איצט נעדארפט שיידן, זי האט געקוקט אויף מיר, אויף קאלניצקין און האט מיט נעלעכטער אנגעטון די פאנטאפל מיט די נידעריקע אפצאסן. זי האט אלץ גענומען, אזוי ווי דאס וואלט געווען א שפאס. און אזוי האט זי אויך געלאכט, ווען איך האב זיך מיט איר געזעגנט.

שפעטער אין וועג, ווען זי איז געלעגן אונטערן האגל פון באמבעס, אין א פעלד באהאלטן, האט זי מיך אפט דערמאנט, האט זי מיר דערציילט.

זי האט מיך געבענטשט, וואס זי קען לויפן גיך, ווייל זי טראגט איצט נישט קיין הויכע אפצאסן.

אויפן וועג האבן זיך יונגע מענטשן צוגעטוליעט איינער צום אנדערן און קאלניצקי האט זיך צוגעטוליעט צו סאניען, זיי זענען געווארן מאז און ווייב.

פרוי קאלניצקי בעט זיך ביי מיין מולעק: מול, בלייב ביי אונדז נעכטיקן. מיר איז אפילו א שאד זיך צו שיידן מיט מיין זון, אבער איך גיי „אהיים" א פריילעכע, א גליקלעכע.

דאנערשטיק, 23. נאוועמבער.

באלד אינדערפרי איז געקומען מולעק און מיר מיטגעטיילט, אז ער און א קאלעגע האבן באשלאסן מארגן פארן קיין לעמבערג.

— אזוי גיך? כ'האב דאך דיך נאך נישט ריכטיק אנגעקוקט?

— יעדער פארלוירענער טאג שפילט איצט א ראלע, יעדן טאג קומען קיין לעמבערג אן מער סטודענטן. ס'וועט באלד נישט זיין קיין פלאץ. עס האנדלט זיך דאך, מאמע, אין מיין דיפלאם. דאס איז מיין צוקונפט.

— יא, מיין קינד, איך בין ניט אזוי עגאאיסטיש. פאר, פאר געזונט, אבער שרייב אפט.

— איצט, מאמע, וויל איך רעדן וועגן דיר. און ער רעדט צו מיר אזוי ווי מיין פאטער און נישט מיין זון.

— איך ראט דיר, מאמע, שוין פארן קיין ווילנע צום טאטן. פון דארט וועסטו קענען פארן אין דער גרויסער וועלט. ווילנע איז דאך נייטראל. פאר וואס גיכער, איידער די גרעניצן וועלן ווערן הערמעטיש פארמאכט.

מיר גיט א קלאפ אין הארץ, ווידער שמוגלען צוויי גרעניצן, די סאוועטישע און די ליטווישע. איך בין דאך ערשט 8 טעג דא. נישט אפגערוט צומאל און איך בין דאך קראנק און צעבראכן. איך וועל בעסער דא בלייבן, אפרוען, ביי די סאוועטן וועלן דאך אלע ארבעטן. זיי זאגן דאך דאס מיר צו.

— און אז איר וועט ארבעטן — רופט זיך אן זיין קאלעגע ש. — וועט איר דאך נאך א חודש ארבעט אפילו א פאר שיך זיך נישט קענען קויפן פאר דעם געלט.

ניין, מיין קינד, אין אנהויב איז אלץ שווער. איך האב נאך צייט אביסל צוווארטן און איבערטראכטן.

פרייטיק, 24. נאוועמבער.

היינט געזען מיין חבר אברהם מארעווסקי, אפגענומען א לעבעדיקן גרוס פון מיין מאן פון ווילנע, וועלכער געפינט זיך ביי מארעווסקין אין הויז.

דאס איז געווען א געניער באריכט וועגן מיין מאן און אויך פון אלע איבעריקע פליטים.

נאָך דעם געשפּרעך מיט מאַרעווסקין האָט מיך ליבענסאָן אַריינגערופן צו זיך און מיר מיטגעטיילט, אַז מאַרעווסקי איז דער אָנפירער און צוזאַמענשטעלער פון טרופּעס און וויסקינד איז זיין געהילף. און דערביי האָט ליבענסאָן מיט פריינטלעכקייט צוגעגעבן: מאַרעווסקי קען דאָך אייך גוט. וועט ער דאָך געווים אייך געבן דעם געהעריקן פּלאַץ און איר וועט זיין צופרידן מיט דער אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך זע, אַז איר זענט אַן ענערגישער מענטש, און דאָס האָבן מיר ליב.

— געווים, זאָג איך, מאַרעווסקי קען מיך גוט און מיין פּנים לייכט אויף. איך בין זייער צופרידן. איך וויים דאָך אין הארצן, אַז מאַרעווסקי ווייסט, וואָס פאַר אַ פּלאַץ איך האָב פאַרנומען אין טעאַטער און דערצו איז ער דאָך עפּעס מיין בעסטער פריינט פון אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק. ער וועט דאָך געווים וועלן, אַז מיר זאָל גוט זיין. מיר זאָל נישט זיין אַזוי שווער דאָס וואַלגערן זיך.

איך שרייב אַ פּאָר בריוועלעך צו פריינט, לויף אין קאַפעהויז זיי אוועקשיקן, איך בין אין אַ געהויבענער שטימונג. איך געזעגן זיך מיט מיין זון, שטופּ אים אַריין אַ הונדערטער אין האַנט אַריין. מיין לעצטן הונדערטער. ער וויל נישט נעמען. קויף זיך מאַמע פאַר דעם געלט מילך און פּוטער, דו ביסט זייער אָפּגעשוואַכט.

— קינד מיינס, כ'האָב דיך געזען, בין איך שוין געזונט. איך דאַרף שוין מער נישט קיין מילך און פּוטער. און מאַרעווסקי איז דאָך לייטער פון טעאַטער, ער וועט מיך נישט לאָזן אונטערגיין. פאַר, פאָר געזונט, מיר איז היינט גוט אויפן הארצן.

— יאָ, זאָגט ער, מאַמע, דאָס וואָס מאַרעווסקי איז דאָ, מאַכט מיר לייכטער מיין אוועקפאָרן. איך לאָז דאָך דיך איבער מיט פריינט, ער וועט געווים זאָרגן פאַר דיר.

שבת, 25. נאָוועמבער.

ווידער אַליין. לאַמפּע גייט אַרום אַ צעטראָגענער. ער זעט נישט פאַר זיך קיין געהעריקע אַרבעט.

היינט האָט מיט מיר גערעדט מאַרעווסקי וועגן טעאַטער.

— זאָלסט ניט מײנען, שושנה, אַז עס איז פּוילן. דאָ איז סאָוועט־רוסלאַנד. דו קענסט נישט זײַן דאָס, וואָס ביסט געווען אין פּוילן.

זײַן טאָן, זײַן אָרט רעדן גליוועריט מײַן בלוט. עפּעס ווידער אַזוי אָפּיציעל. קולבים נומער 2.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, זאָג איך, אַז דאָ בין איך נישט, וואָס אין פּוילן, אָבער, וואָס נוצן די לאַנגע הקדמות? זאָג מיר, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן...

— איך וויל דיר זאָגן, אַז וועגן „סטאַרעווען" דאָ קען קיין רייד נישט זײַן.

— איך האַלט נישט ביים „סטאַרעווען", אָבער איך מיין, אַז דו וועסט מיר געבן אין טעאַטער מײַן געהעריקן פּלאַץ.

— געהעריקן פּלאַץ? ענטפערט ער, נישט מאַכנדיק זיך פאַרשטײן, בכלל דאַרפסטו פאַרגעסן צו שפּילן דווקא מיט מאָרים לאַמפּען, וועגן דעם דאַרפסטו פאַרגעסן. ער איז זייער אַ גוטער אַקטיאָר, ער וועט זיכער אַר־בעטן, אָבער צי ער וועט אַרבעטן אין דעם טעאַטער, ווייס איך נישט.

— מאָרעווסקי, איך מיט לאַמפּען שפּילן צוזאַמען 10 יאָר. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט אַלע ליידן אין וואַרשע, ער האָט פון מויל אוועקגענומען זײַן לעצטן ביסן און מיר געגעבן. ער האָט נישט קיינעם, ער איז עלנט, איך וואָלט נישט וועלן, אַז דו זאָלסט אונדז צעשיידן. איך ווייס, אַז איר ביידע זענט עפּעס צעקריגט, אָבער איצט איז נישט קיין צייט זיך צו רעכענען. מיר קענען שפּילן טעאַטער צוזאַמען און פאַרגע־סן די געהעריקע ערטער.

— וועגן ערטער קען קיין רייד ניט זײַן, אויב דו ווילסט ווערן אַ מיט־גליד ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער, רעכן איך, אַז דו וועסט באַקומען באַ־שעפטיקונג.

— זיי געזונט, מאָרעווסקי, דאָס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, און דער אופן ווי דו האָסט צו מיר גערעדט, איז פאַר מיר גענוג. אַדיע.

איך בין אַרויס. איך בין געלאָפן איבער די גאַסן ווי געיאָגט פון עמיצן.

קולבים... קולבים נומער 2.

מאנטיק, 27. נאוועמבער.

היינט האָב איך זיך אַדורכגערעדט מיט לאַמפּען, אַז מיר מוזן אוועק־פאָרן, סיידן מיר קענען פועלן ביי זיך, אַז מאַרעוווסקי מיט קולבים זאָלן אויף אונדז טרעטן. מיר מוזן ארויס אין דער וועלט. נישט אָננעמען קיין ארבעט, נאָר גיכער אוועקפאָרן קיין ווילנע, ווו עס איז אַ נייטראַל אָרט און מיר וועלן זיך צונויפרעדן מיט דער וועלט. אָדער גאָר דורך לעמבערג און דורך שניאַטין אריבערקריגן זיך קיין רומעניע. מ׳מוז זוכן מיטלען און מעגלעכקייטן אוועקצופאָרן.

דינסטיק, 28. נאוועמבער.

היינט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון אַ גרופּע שרייבער פון ווילנע, אַז זיי שיקן ארויס מענטשן, כדי צו פארשטענדיקן זיך מיט פּאַלאַ פרילוצקא, אסתר עלבוים, פרוי ניימאַן, ראַפּאַפּאָרט, רייזן און שושנה.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט אונדז אריבערצופירן קיין ווילנע.

איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט. גאָט זיי דאַנק! אָבער אין האַרצן האָב איך זיך געשראָקן, ווידער גיין שמוגלען גרעניצן.

מיטוואָך, 29. נאָוועמבער.

היינט האָבן די אַקטיאָרן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג, מ׳האָט אויסגע־קליבן אַ פאַרוואַלטונג. כאָטש איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען וועלכן עס איז אַמט, איך האָב דאָך געוווסט, אַז איך גרייט זיך אין וועג אריין, האָט מען מיך פאָרט אויסגעקליבן, צוזאַמען מיט ח׳ זאַק און גרינהויז. איך האָב נישט געקענט זאָגן, אַז איך וויל אוועקפאָרן, ווייל דאָס איז גע־ווען אַ גרויסער סוד, אוועק פון סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען אַ שרעקלעך פאַרברעכן. פלוצלינג איז געקומען צו לויפן פרוי עלבוים, מ׳האָט מיך ארויסגערופן פון דער פאַרזאַמלונג. זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ בריוו פון מיין מאַן.

מיין מאַן שרייבט, אַז אויב איך האָב ברעה צו קומען, מוז איך עס טון שוין, צוזאַמען מיט די איבעריקע פרויען פון די שרייבער. די „פּי־

דערקע״, ד. ה. די וואס האט געבראכט דעם בריוו, וועט אונדז אריבער־פירן די גרעניץ. עס איז שוין פאר אלעם באצאלט.

א שרעק באפאלט מיך, טאמער כאפט מען מיך, בין איך אומגליק־לעך... איך האב דאך גענומען געלט אן אוואנס אויף ארבעט.

איך לויף גיך צו לאמפען, דערצייל אים וועגן אלעם.

—איך מיין, זאגט ער, אז דו דארפסט פארן.

— און דו?

— איך וועל צוווארטן, זאגט ער, אז דו זאלסט מיר צו וויסן טון... איך בין שוין איינמאל אוועק פון רוסלאנד... אויב מ׳זאל מיך איצט כאפן, בין איך אומגליקלעך... דו האסט א תירוץ, דו פארסט דאך פארט צו דיין מאן, ווי עס זאל זיך נישט מאכן חלילה.

איך גיי זיך זען מיט דער „פירערקע״. איך קוק זיך אום, צי קיינער גייט מיר נישט נאך.

מארגן 5 פארנאכט, זאגט זי, פארן מיר. איר טארט פאר קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם, אפילו נישט דעם נאענטסטן.

— וועט מען אויך דארפן גיין א סך צו פוס? פרעג איך. איך בין א קראנקע. איך קאן נישט גיין, איך האב ערשט געהאט אן אנפאל אויף דער לעבער.

— קיין איין שריט נישט.

— איך בעט אייך, זאגט מיר דעם אמת, אויב מ׳מוז גיין צו פוס, מוז איך זיך אפזאגן. איך קאן נישט גיין.

— מיר פארן מיט דער באן, ווען מיר גייען אראפ אויף דער סטאציע, וועט ווארטן א פור, ס׳איז אלץ גוט ארגאניזירט. העכסטנס וועט איר דארפן אריבערגיין דעם גרעניץ פאס, א 50 שריט, נישט מער. אלץ איז גוט צוגעגרייט, איך פיר אפט מענטשן, זייט רואיק.

דאנערשטיק, 30. נאוועמבער.

א רעגנדיקער טאג. א גאנצע נאכט בין איך נישט געשלאפן. דאס הארץ קלאפט. ווידער שווארצן גרעניצן. איך האב עפעס שרעקלעך מורא, איך האב אפילו מורא צוצורעדן לאמפען, אז ער זאל אויך פארן. איך

פאַק ווידער איין מיין רוקזאַק, איך זאָג מיין באַלעבאָסטע, אַז איך פאָר צו מיין זון אין „צוקראָוויגיע" און גרייט זיך אין וועג אריין. איך גנבע זיך כמעט ארויס. אויפן אָפּגערעדטן אָרט ווער איך געוואָר, אַז אונדזער רייזע איז אָפּגעלייגט אויף מאָרגן. איך פריי זיך, כ'וויים אַליין נישט פאַר־וואָס. איך פיל מיך אַזוי ווי אַ קליין קינד, וועלכן מ'גייט ארויסנעמען אַ צאָן און מען האָט נישט געטראָפן דעם צאָן־דאָקטאָר אין דער היים.

אָבער דערפאַר דויערט לענגער די פיין און שרעק.

ווען איך גיי פאַרביי די גמינע, זע איך אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ, מענ־טשן שטופן זיך, כדי צו קענען זיך אריינכאַפּן אין אויטאָ, וועלכער פירט זיי אַוועק הינטערן שטאָט איבערנעכטיקן.

יעדן טאָג אין אָוונט קומט אַ לאַסט־אויטאָ און נעמט צונויף פון דער גמינע אַ געוויסע צאָל פּליטים אַוועקפירן נעכטיקן.

די, וואָס קענען נישט שוין אריין אין אויטאָ, בלייבן שטיין אויפן גאַס און ברעכן זיך די הענט: ווו וועלן מיר גיין נעכטיקן?

דער רעגן גיסט, די בלאָטע גרייכט ביז צו די קני, זיי שטייען נעבן זייערע פּעקלעך דורכגענעצט, דורכגעפרוירענע, די פריש געקומענע פון יענער זייט, די אומגליקלעכע גליקלעכע געראַטעוועטע, מיטן ביסל אָרעמ־קייט אין האַנט, מיט הילפלאָזע בליקן, מיט געבעט, אַז מ'זאָל זיך דער־באַרעמען און געבן אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

פרייטיק, 1. דעצעמבער.

באַלד אינדערפרי איז מען געקומען מיר אָנזאָגן, אַז עס זענען געקו־מען פון וואַרשע די אַרטיסטן קאַץ און לעדערמאַן, ביידע שטאַרק צע־שלאָגן.

איך לויף ארויס אין גאַס, קודם זיי געבן אַ פאָר זלאָטעס און דאַן זיי אריינפירן ערגיץ. דער ערשטער וועג פון אקטיאָר איז דאָך דער טעאַ־טער, דאָרט קענען זיי זיך אָפּוואַשן, און אויסרוען אויף אַ ווייך בענקל.

אויפן וועג האָב איך באַגעגנט דעם ה' צוויליך, ער האָט מיר דער־ציילט, אַז לעדערמאַן און קאַץ זענען שוין אין טעאַטער.

אין טעאַטער אריין וויל איך נישט גיין, איך וויל זיך נישט טרעפן מיט מאָרעווסקין. איך פאָר דאָך היינט אַוועק, בעסער זיך נישט ווייזן.

ווען זיי זענען שוין אין טעאטער, אינטערעסירט זיך שוין נעווים עמיץ מיט זיי.

דער רעגן גיסט נאך אלץ, איך בין אין א שרעקלעכער שטימונג. יעדער אקטיאר וואס קומט פון ווארשע, וועקט אויף די ווונדן.

עס שטייען לאנגע רייען נאך ברויט. איך גיי פארביי, זע ווי זיי זענען דורכגענעצט פון רעגן. באזונדערס די קינדער און איך דאנק גאט, וואס איך ווין ביי א בעקער.

וועט מיר דארט זיין בעסער? ווער ווייס, צי איך טו גוט. עפעס אזא פארצווייפלונג נעמט מיך ארום. אבער דארט פאר איך דאך צו מיין מאן. עס ווערט מיר ווידער פרייליך.

עס איז האלב פינף. מ'דארף פארן.

לאמפע נעמט מיין רוקזאק, מיר זעצן זיך אריין אין א דראזשקע, מיר פארן צום באן. ביידע שווייגן מיר.

מיר קומען צו צום וואקזאל. אזוי פיל מענטשן. אונדזער טרעף־פונקט איז ביי דעם פענצטער, וווּ מ'גיט צו באהאלטן די זאכן. זלמן רייזענס זון קומט צולויפן, אז ער קען נישט פארן. אייניקע פון אונדזער גרופע דרייען זיך שוין ארום, אבער איינער גייט נישט צו צום צווייטן, אזוי ווי מיר וואלטן זיך נישט געקענט. אט שטייט פרוי עלבוים מיט איר מיידעלע שרהלע. מ'גיט אונדז א צייכן און מיר הויבן אן ארויסגיין אויפן פעראן. דאס שטופעניש איז שרעקלעך. מ'דארף זיין א גוטער באקסער כדי זיך אדורכצושטופן. מיר דארפן גיין זייער ווייט, אונדזער באן, וואס גייט קיין לידע, שטייט זייער ווייט אוועקגעשטעלט. די אומארדענונג איז גרויס. אט הייסט מען אונדז צוריקגיין אויף אן אנדער פעראן. מיר גייען ווידער אפשר א האלבן קילאמעטער, מיט די שווערע רוקזעק אויף די פלייצעס.

דאן ווערן מיר געוווירע, אז פון היינט, דעם 1טן דעצעמבער, גייען די צוגן נישט דירעקט קיין לידא, נאר מיר מוזן איבערשטייגן אין טשערעמכע און דארט ווארטן ביז פארטאגס אויף א צוג קיין לידא.

עס איז ענג און שמוציק. נישטא אפילו ווו צו שטיין.

פרוי עלבוים האָט אַ סך פּעק און אַ קינד, אַלע העלפן איר. מ׳איז אפילו בייז, ווייל געפּעק אין וועג איז אַ שווערע זאַך, אָבער פאַרפאַלן.

מאַרים לאַמפּע הויבט זיך אָן געזעגענען מיט מיר. די טרערן שטיקן אים, ער קען נישט רעדן. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, איך זאָל נישט זען ווי ער וויינט. ער רעדט אַרויס מיט אַ ציטערדיק קול: שושנה, גיב מיר באַלד צוּוויסן מיט אַ טעלעגראַמע ווי דו ביסט אָנגעקומען. פאַר געזונט. זיי רואיק וועגן דיינע קינדער, איך וועל פאַר זיי זאָרגן אַזוי ווי דו, זיי זענען דאָך אין מיינע אויגן אויסגעוואַקסן, זיי זענען מיר נאָענט און טייער. ער קען ווייטער נישט רעדן, ער צעוויינט זיך אויף מיין אַקסל אַזוי ווי אַ קליין קינד.

— עס איז גוט, לאַמפּע, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט וועגן די קינדער... עס איז גוט. איך דאַנק דיר, איצט פאָר איך רואיק... זיי געזונט...

דער צוג ריירט, דער רעגן קלאַפּט אין די פענצטער פון וואַגאָן און עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט מיך אַרומגענומען. וועל איך דיך נאָך אַמאָל זען? צעשיידן מיר זיך נישט אויף אייביק?

שבת, 2. דעצעמבער.

אין מיטן דער נאַכט אָנגעקומען קיין טשערעמבע. דער וואַקזאַל איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס וואַרטן צו פאָרן קיין בריסק און לידע, באַלד שיטן זיך אַריין אַ גאַנצע מחנה פאַרחושכטע יידן, וואָס זענען גע־קומען מיטן סעמיאַטיטשער צוג, געשמוגלט פון וואַרשע, לובלין און פון אַלע געביטן, וווּ עס הערשן אונדזערע מערדער. מ׳רינגלט זיי אַרום. נו, וואָס הערט מען? מ׳קען נאָך גיין?... מ׳קען נאָך שמוגלען די גרעניץ?

זייער שווער, מ׳שטעלט איין דאָס לעבן. מיר זענען זיי מכבד מיט הייסער טיי פון די „טערמאָסן", מיט ברויט. זיי כאַפּן זיך צו דעם, אַזוי ווי צו אַ געבראָטנס. זיי שלינגען און לעקן אויף יעדעם קרישעלע.

זיי זעצן זיך צווישן אונדז, אַז מ׳זאָל נישט דערקענען אַז זיי זע־נען פריש געקומענע. דער גרעניץ־שרעק ליגט נאָך אויף זייערע פנימער. זיי ווייסן, אַז אפילו דאָ קען מען זיי צוריק אַריבערוואַרפן די גרעניץ צו די דייטשן, און פאַר דעם ציטערן זיי.

פאַרטאָגס זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין לידא.

דאָ האָבן מיר ווידער אַן איבערראַשונג: דער צוג קיין בעניאַקאַני איז שוין אָפּגעגאַנגען און מיר מוזן וואַרטן ביז פאַרנאַכט. אַרומדרייען זיך דאָ איז געפערלעך. אין שטאָט אַריין גיין קען מען דאָך נישט מיט זאַכן. מ'וועט דאָך באַלד דערקענען, אַז מיר ווילן שמוגלען די גרעניץ.

— שרעקט אייך נישט, זאָגט איינער פון אונדזערע מיטפאָרנדע, דאָ איז מען געוווינט, אַז מענטשן זיצן אָפּ אַ גאַנצן טאָג אויפן וואָקזאַל. איר קענט רואיק בלייבן זיצן. דאָ זיצן אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן בכלל נישט ווו אַריינצוגיין.

איך פרעג די „פירערקע", צי דער וועג איז זיכער? צי עס וואַרט אַ פור?

געוויס זיכער, איך וועל זיך דאָך נישט איינשטעלן.

פאַרנאַכט זעצן מיר זיך אַריין אין צוג, מיר פאָרן קיין בעניאַקאַני, די לעצטע סטאַציע פאַר דער גרעניץ. דאָס האַרץ קלאַפּט. ווען מיר דער־נענטערן זיך צו בעניאַקאַני, זאָגט מיר די „פירערקע", אַז עס איז מעגלעך, אַז די פור וועט נישט וואַרטן צוליב דער ענדערונג פון דעם פאָר־פּלאַן (ווי האָט מען דאָ בכלל אַ פּלאַן?). די פור קען דאָך נישט שטיין אַ גאַנצן טאָג און וואַרטן. זי זאָגט, איך זאָל זיין גאַנץ רואיק, אַזוי ווי מיר וועלן נאָר אַרויס פון וואָקזאַל, וועט זיין אַ פור. איך זאָל רואיק איר נאָכגיין, און זיך נישט אומקוקן. אַלץ, זאָגט זי, איז גוט אָרגאַניזירט. און יעדן איינעם פון אונדז זאָגט זי שטילערהייט אָט דעם סוד.

ענדליך בעניאַקאַני. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ציטערדיקע הענט און פּיס שטייגן מיר אַרויס פון וואַגאָן. איך קוק מיך אום אויף דער פרוי על־בוים מיט איר קינד. אַזאַ מזל האָב איך שוין צו קינדער. אויף די פריער־דיקע גרעניצן געגאַנגען מיט אַ קינד און איצט ווידער אַ קינד.

מיט שנעלע טריט גיי איך נאָך דער פירערקע. „סטאָי!" הערן מיר אַ געשריי און באַלד לויפן אָן אייניקע „קראַסנאַ אַרמעער" און פאַרשטעלן אונדז דעם וועג.

איינער כאַפּט די „פירערקע" פאַר דער האַנט און אַנדערע לויפן צו צו אונדז. ווי מיר זאָלן זיין גרויסע פאַרברעכער, גייען נעבן יעדן אַ פּאָר

זעלנער. מען פירט אונדז אריין אין וואקזאל אין א צימער און מען פאר־שליסט אונדז.

אזוי... זענען מיר הייסט ארייננעפאלן... מיר זענען ארעסטירט. מיר ווערט קאלט אין אלע אברים.

איך טרייסט זיך נאר, אז פארן אוועקפארן האב איך געבעטן לאמ־פען, ער זאל צוריקגעבן דאס געלט, וואס איך האב גענומען אלס אן אוואנס אין טעאטער. און געבעטן זאגן ליבענסאנען, אז איך בין געפארן זען מיינע קינדער. ער זאל עס אבער טון, ווען איך וועל שוין זיין אין ווילנע... פריער וואלט געווען געפערלעך, מ'וואלט פארשטאנען, אז איך בין אוועק...

נאך א פאר שעה זיצן, קומט אריין א רויט־ארמייער און הייסט אונדז מיטגיין מיט אים.

מען פירט אונדז אריין אין באן אין א באזונדערן וואגאן, מען שטעלט נעבן אונדז אוועק א וואך און מיר פארן.

וווהין? מ'וויל אונדז נישט ענטפערן.

מיר פרובירן זיך צו פארשטענדיקן איינער מיטן אנדערן, מיר ווילן זיך צונויפרעדן, וואס מיר זאלן זאגן.

מיר דערהערן א געשריי „ניע ראזגאוואריוואט!" נישט רעדן צווישן זיך. דער וואס שרייט, איז אנגעטון ווי א קאנדוקטאר פון באן. און איך דערקען באלד, אז דאס איז דער קאנדוקטאר, וואס איז מיט אונדז פריער געפארן אין וואגאן קיין בעניאקאני.

זיינע קליינטשינקע שפיציקע אייגעלעך דרינגען אונדז דורך.

די קליינע שרהלע עלבוים דערשרעקט זיך און צעוויינט זיך שרעק־לעך. מיר נוצן אוים איר געוויין און ווארפן זיך אדורך מיט ווערטער, אז מיר דארפן זאגן, מיר קענען זיך נישט איינס דאס אנדערע.

אט זענען מיר שוין צוריק אין לידא. מען פירט אונדז ארויס פון וואגאן, דער קאנדוקטאר מיט די שפיציקע אייגעלעך גיט אונדז איבער צו א רויט ארמייער, ער זאגט אים עפעס שטילערהייט, און גייט אוועק. באלד קומען אן עטלעכע און צוואנציק רויטארמייער, מען רינגלט אונדז ארום...

ס'איז שלעכט, טראכט איך. פאר אזעלכע שווערע פארברעכער האלט מען אונדז.

מיר בלייבן שטיין אויפן גאס. עס פאלט א שטארקער שניי. עס איז אונדז שרעקלעך קאלט... מיר בעטן זיך ביי די זעלנער, אז מ'זאל אונדז ערגעץ אריינפירן אנווארעמען זיך.

„גיע ראזגאווריוואט!״ הערן מיר ווידער דעם זעלבן ענטפער.

מיר הויבן אן קלאפן און טאנצן מיט די פיס, כדי זיך אביסל אנ־ווארעמען. דאס קינד וויינט שטארק, עס איז מיר קאלט. אבער קיינעם ארט דאס נישט.

נאך לאנגןווארטן, מיר זענען שוין האלב פארפרוירן, קומט צו אונדז צו איינער, אנגעטון אין פולן אויניפארם פון „נ. ק. וו. ד.״ איך דערקען אים באלד, אז דאס איז אונדזער „קאנדוקטאר״ מיט די שפיציקע אייגעלעך.

— קומט! זאגט ער.

ער פירט אונדז אריין אין א שטוב, וווּ עס שטייען פארשידענע טע־לעפאנען ארום און ארום, הייסט אונדז דא אוועקלייגן די זאכן און זאגט: „א רחמנות אויפן קינד, איר וועט שוין נישט זען די ליכט״.

איך ציטער אויף. צו דעם האב איך געדארפט אזוי פיל איבערלעבן?

— זייט זיך מודה, ווהין האט איר געוואלט אנטלויפן? מיר שווייגן. ער הייסט דעם קראסנא ארמעער אונדז אריינפירן אין אן אנדער צימער.

דאס צווייטע צימער איז א סך גרעסער ווי דאס ערשטע צימערל. מען שטעלט נעבן אונדז אוועק א וואך און מען פארשליסט די טיר.

דאס קינד וויינט אלץ נאך זייער שטארק. דער אין „נ. ק. וו. ד.״ אוי־ניפארם פרעגט די מוטער, צי זי האט געלט.

זי זאגט, אז ניין. ער נעמט ארויס 10 רובל, גיט איר און זאגט: גייט אראפ אין בופעט קויפן עפעס פארן קינד.

מיר ווערט פרייליך אויפן געמיט. האט ער דאך יא א מענטשלעך הארץ אין זיך, כאטש ער האט אזעלכע שפיציקע אייגעלעך. און אפשר וויל ער אויספרובירן, צי די פרוי עלבוים וועט נישט אנטלויפן... פרוי עלבוים מיטן קינד גייען ארוים.

ער נעמט מיך אריין אין א באזונדער צימער, רעווידירן מיינע זאכן.

איך בין מיד, עס איז שוין 10 ביינאכט. ער הויבט מיך אָן אויס־פרעגן, וואָס איך האָב געטון אין בעניאקאני.

איך ענטפער אים, אַז אין ביאַליסטאָק איז נישטאָ קיין וווינונג, האָב איך געוואָלט וווינען אין אַ קליין שטעטעלע אין בעניאקאני, און חוץ דעם בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מיין מאַן איז אין בעניאקאני, איך זוך מיין מאַן.

— פון וואַנען ביסטו געוואָר געוואָרן, אַז דיין מאַן איז אין בעניא־קאני?

— מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר דאָס געזאָגט.

— ווי הייסט דיין באַקאַנטער?

— יצחק מארגוליעס.

— ווו וווינט ער?

— כ'ווייס נישט. כ'האָב אים צופעליק געטראָפן אויפן גאַס אין ביאַ־ליסטאָק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיין מאַן לעבט, ער האָט אים געזען אין בעניאקאני.

ער שמייכלט איראָניש. ער רעווידירט מיינע זאַכן, זייער שטרענג און גענוי. רייסט אַראָפּ די זוילן פון די שיך, רייסט אַראָפּ די גלאַנציקע קנעפּ פון מיינס אַ קליידל, אפשר זענען דאָס בריליאַנטן.

דערזעט מיין הענגענדיק זייגערל. ער נעמט עס צו.

— כ'בעט אייך, נעמט נישט צו ביי מיר דאָס זייגערל. איך האָב ניט מער, ווי דאָס איינע זייגערל. עס איז אַ מתנה פון מיין מאַן. איך האָב גאָרנישט מער קיין אָנדענק... עס איז ביי מיר אַ טייער אָנדענק...

— יאָ, עס איז טייער פאַר אונדז אויך, ענטפערט ער און גיט עס מיר נישט צוריק. ביז 1 ביינאכט האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן ביים רעווידירן די פאַר זאַכן, איך בעט זיך ביי אים, ער זאָל מיך באַפרייען, איך בין מיד און קראַנק.

ער ענטפערט קאַלט. יאָ, כ'וועל אייך באַלד אָפּלאָזן... אזוי ווי עס וועט נאָר זיין אַ צוג קיין ביאַליסטאָק וועט מען דיך פירן אין תפיסה אריין... דו האָסט געוואָלט שווארצן די גרעניץ...

— מען האָט דאָך מיך ניט געכאַפּט אויף דער גרעניץ, פון וואַנען

ווייסט איר, וואָס איך האָב געוואָלט? פּרוביר איך זיך ווערן. איר האָט דאָך מיך געכאַפּט אויף דער סטאַציע.

— מיר ווייסן שוין, וואָס איר ווילט. איר שלעכטע מענטשן. פון היטלערן זענט איר אַנטלאָפן צו אונדז. מיר האָבן אייך אויפגענומען, און איצט אַנטלויפט איר פון אונדז... גיט אויס, ווער ס'פירט אייך, וועלן מיר אייך אָפּלאָזן.

— איך ווייס נישט פון קיין פירער און איך אַנטלויף נישט. איך זוך מיין מאַן...

— וועסט זיך מיט אים טרעפן אין תפיסה, זאָגט ער קאַלט. קאָנסט צוריק גיין, אָבער ניט אין צימער, גיי דערווייל אַראָפּ אין בופעט, ביז איך וועל קומען נאָך דיר.

איך גיי, איך קוק זיך אַרום, קיינער באַגלייט מיך ניט... זאָל איך אפשר אַנטלויפן? אָבער וווהין? און פאַרוואָס האָט מיך דער „נ. ק. וו. ד." געלאָזט אַליין גיין אין בופעט? וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסרעכענונג? געוויס היט מיך עפּעס אַן אויג און וויל זען, מיט וועמען איך רעד.

איך זעץ זיך אַוועק ביי אַ טישל אין בופעט, איך היים מיר דערלאַנגען אַ טיי.

איך זע, ווי עס קומט אַן אַ צוג. עס קומט אַריין דער זון פון אַרטיסט וואָלאַדעק גאַדיק, ער גייט גלייך צו צו מיר. איך גיב אַ ווונק, אַז ער זאָל נישט צוגיין. ער פאַרשטייט און זעצט זיך ביי אַ נעבנדיקן טיש.

איך זיץ אָפּ אַ פּאָר שעה אין בופעט און קיינער קומט נישט נאָך מיר. איך ווייס נישט וואָס צו טון.

איך שטעל זיך אויף און גיי צוריק דעם זעלבן וועג, וואָס איך בין געקומען. דאָס הייסט צו דעם צימער, וווּ איך בין געווען אַרעסטירט. די וואַך דערקענט מיך און מ'לאָזט מיך אַריין. אַלע זענען שוין נאָך דער רעוויזיע, מ'לויפט מיר אַנטקעגן מיט פרייד, וואָס מ'זעט מיך. מען איז געווען אומרואיק, מ'האָט געמיינט, אַז מיט מיר האָט עפּעס שלעכטס פּאַסירט...

אַלע זענען אָבער דערשלאָגן, וואָס אַנשטאָט קיין ווילנע, שיקט מען

אונדז נאָר צוריק אין אַ תפיסה קיין ביאַליסטאָק. מיר זיצן אַזוי ביז צו־מאָרגנס פרי.

באַלד קומט אַריין דער „נ. ק. וו. ד." און זאָגט, אַז איצט גייט אַוועק אַ צוג קיין ביאַליסטאָק. ער האָט אפילו געדאַרפט אונדז אַלעמען שיקן אַלס אַרעסטירטע, אָבער עס איז אים אַ רחמנות אויף דער פרוי מיטן קינד, אַלזאָ זי קען פאָרן פריי... מיר קענען אויך צוריקפאָרן, ווען אָבער מיר וועלן דאָס נישט טון, נאָר פּרובירן שוואַרצן די גרעניץ, וועט ער אונדז דערשיסן גלייך אויפן אָרט.

מיר גייען אַרויס. מיר ווערן אָבער געוווּר, אַז איצט גייט נישט קיין צוג קיין ביאַליסטאָק, נאָר קיין בעניאַקאַני.

— איך פאָר קיין בעניאַקאַני, רוימט מיר איין פרוי עלבוים.

איך זע, ווי איינער אַ קריסט, וואָס איז געזעסן מיט אונדז צוזאַ־מען אַרעסטירט, קויפט אויך אַ בילעט קיין בעניאַקאַני.

— איר האָט נישט מורא?, זאָג איך צו אים שטיל.

ניין, ענטפערט ער... ער האָט ביי מיר צוגענומען מיין רינג פון פינ־גער, נישט אַרויסגעגעבן קיין צעטל, באַפרייט אונדז איצט, ווען עס גייט אַ צוג קיין בעניאַקאַני, דאָס הייסט, אַז ער וויל, מיר זאָלן פאָרן.

— ער האָט ביי מיר צוגענומען מיין זייגערל, זאָג איך.

— פאָרט מיט אונדז, זאָגט פרוי עלבוים.

— איך האָב מורא, ענטפער איך. מ'האָט דאָך ערשט נעכטן אונדז אַרעסטירט אין בעניאַקאַני.

איך האָב נישט וואָס אָנצוווערן... איך מוז פאָרן צו מיין מאַן, איך האָב אַ קליין קינד, איך האָב נישט ווו צו זיין אין ביאַליסטאָק, ענט־פערט פרוי עלבוים. איך ריזיקיר.

— אָבער ווו איז די „פירערקע"? מ'האָט זי ניט באַפרייט. איך האָב שרעקלעך מורא.

אַלץ איינס איך פאָר, ענטפערט זי דרייסט.

זי שטעקט מיך אָן מיט איר דרייסטקייט. גוט זאָג איך. איך וועל פּרובירן. איך האָב דאָך סיי ווי סיי מורא צוריקצופאָרן. אין טעאַטער ווייסט מען שוין געוויס, אַז איך בין אַוועק... איך קויף צוויי בילעטן איי־

נעם קיין בעניאקאני און איינעם קיין ביאַליסטאָק, קום וועט מען מיך ווידער אַרעסטירן, וועל איך זאָגן, אַז איך האָב זיך טועה געווען, גע־מיינט דער צוג גייט קיין ביאַליסטאָק און איך וועל ווייזן דעם בילעט קיין ביאַליסטאָק.

— ווי אַזוי וועלן מיר פאָרן אָן דער „פירערקע"? זאָג איך, איך ווייס נישט דעם וועג און האָב נישט קיין געלט.

איצט גייען מיר שוין נישט אַלס גרופּע. יעדער האַנדלט אַליין. וואָס זאָל איך טון?

אַלע פאָרן קיין בעניאַקאַני. איך ווער מיטגעשלעפּט און פאָר ווי־דער קיין בעניאַקאַני.

זונטיק, 3. דעצעמבער.

וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו בעניאַקאַני, אַלץ מער ציטערט דאָס האַרץ. און אַלץ מער פּלאָגט דער געדאַנק, אַז איך האָב דאָך נישט קיין געלט, און די „פירערקע" איז נישטאָ. איך געדענק, אַז זי איז פון סטאַשילע, האָט אַ ברודער אין בעניאַקאַני, אָבער דאָס איז דאָך נאָך נישט גענוג אויסצוגעפינען עפּעס וועגן איר. אָבער דערווייל קלער איך נאָר אַריינצוקומען קיין בעניאַקאַני, דאָס איבעריקע וועט מען שפּעטער זען.

דער צוג שטעלט זיך. איך שפּרינג אַראָפּ די ערשטע, איך בין שיין אַדורך דעם וואַקזאַל, די וואַך האָט מיך נישט פאַרהאַלטן. איך קוק זיך אום, איך זע ווי פרוי עלבוים שטייט מיטן קינד און מיטן באַגאַזש. זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן. צוריקגיין וויל איך נישט. עס איז דאָך גע־פערלעך. איך קאָן איר נישט העלפן. דאָס געוויסן אָבער פּלאָגט. זי וועט דאָך צוריק אַריינפאַלן. עס לויפט צו אַ פּויער און פרעגט, צי ער זאָל מיר העלפן טראָגן די זאַכן. יאָ, זאָג איך שנעל, גיי גיך צו צו יענער פרוי מיטן קינד, העלף איר. נעם אירע זאַכן, איך וואַרט דאָ.

איך זע, ווי דער פּויער נעמט אירע זאַכן, ווען זיי הויבן אָן גיין, שטעלט זיי אָפּ די וואַך. וווּהין? איך וואַרף אַראָפּ מיין רוקזאַק און לויף צו צום סאָלדאַט.

— זי גייט צו מיר, איך בין חיה פּאַטשטער... איך האָב דעם נאָמען

איינגעחזרט נאָך אין ביאַליסטאָק. דאָרט האָב איך געהערט פון אַ חיה פאטשטער, וועלכע האָט אַ רעסטאָראַן אין בעניאַקאַני.

— דאָס איז מיין קוזינע, געקומען מיטן קינד צו מיר צו גאַסט.

דער פאַרשלאָפענער סאָלדאַט ווייס נישט וואָס צו טון.

— יאָ, זאָגט דער פויער. חיה פאטשטער האָט דאָ אַ רעסטאָראַן. מיר גייען פאַרביי. מיר זענען שוין אויף דער צווייטער זייט וואַך. מיר הויבן אָן לויפן ווי געיאָגט, גיכער... גיכער אַריין אין שטאָט, מ'זאָל אונדז נישט זען גיין מיט פעקלעך.

דאָס שטעטעלע, וואָס איז גרויס ווי אַ געניץ, וועקט זיך ערשט אויף. מיר גייען אַוועק צו חיה פאטשטער, אָבער ביי איר איז פול. מיר לאָזן איבער די זאַכן און הויבן זיך אָן אויספרעגן אויף איינעם, וואָס האָט אַ שוועסטער אין סטאָשילע. און אין דעם כרך בעניאַקאַני איז עס טאַקע נישט געווען שווער אויסצוגעפינען.

באַלד זענען מיר געווען אין שטוב פון דער „פירערקעס" ברודער. קודם-כל האָט מען אונדז דערלאַנגט הייסע טיי, ווען זיי האָבן דערזען, אַז איך נעם אַרויס צוקער צום טיי, האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ גרויס וווּנדער.

— איר האָט צוקער? פון וואַנען? דער צוקער מאַכט מיך שטאָלץ... „אַ מתנה פון מיין זון", ענטפער איך. איך האָב אַוועקגעגעבן אַביסל צוקער, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבליבן, פאַר די קינדערלעך פון די באַלעבאַטים. באַלד האָט מען מיר אויסגעבעט אַ ריין בעט און איך האָב מיך געפילט ווי אין הימל. ווידער צוויי נעכט נישט געשלאָפן, און דערצו געהאַט אַזוי פיל שרעק.

4 אַזייגער פאַרנאַכט קומט אָן אַ צוג פון לידא און גאָט זיי דאַנק אונדזער „פירערקע" איז דאָ.

באַלד זענען אויך געקומען די פויערים, וואָס דאַרפן אונדז פירן איבער דער גרעניץ.

וויפיל דאַרף מען גיין צו פוס? פרעג איך אַ פויער. אַרום אַ 10 קילאָמעטער. ניין, ענטפערט ער, נישט קיין צען נאָר אַ 8-9. עס איז נישט ווייט, נאָר מיר מוזן גיין דורכן וואַלד, כדי אויסמיידן די וואַכן.

מיר ווערט שלעכט, 8 - 9 קילאמעטער? ווי בין איך דאס אימ־שטאנד? איך בין דאך קראנק און שוואך.

— אזוי ווי עס וועט נאר אביסעלע פינצטערער ווערן, גייען מיר.

— איר האט דאך געזאגט, אז מ׳וועט פארן, וועגד איך זיך מיט טענות צו דער „פירערקע".

— איך האב אייך אויך נישט געזאגט, אז מ׳וועט אייך ארעסטירן, ענטפערט זי גאנץ קאלט. עס איז מלחמה...

— אבער איך קען דאך נישט גיין, איך בין א קראנקע.

— טא בלייבט דא, גייט נישט.

— איר זענט א מערדער, ווי קאנט איר איצט אזוי רעדן. איר האט דאך מיר צוגעזאגט, אז מיר וועלן פארן. איך וואלט זיך דאך נישט גע־רירט פון ביאליסטאק. איך בין דאך נישט אימשטאנד צו גיין צו פוס. און איצט ווייסט מען שוין אין ביאליסטאק, אז איך בין אנטלאפן... וואס האט איר געהאט צו מיר? איצט הייסט איר מיך בלייבן...

— ווער הייסט אייך בלייבן? איר ווילט דאך נישט גיין. איך טראגן אייך קען נישט.

— נו, וואס איז, וועט איר גיין א 8 - 9 קילאמעטער, רופט זיך אן פרל. קינצלער, אז מ׳מוז גיין איז דאך נישטא קיין טענה...

— איר זענט א געזונט יונג מיידעלע, זאג איך צו איר, ביי אייך איז דאס א ספארט... איך האב א געשוואלענע לעבער. איך טאר איבער־הויפט נישט גיין, איך קאן אייך חלילה נאך מאכן שוועריקייטן אין וועג... גייט אן מיר. פארפאלן האב איך אן עולה ביי דער „פירערקע", וואס האט מיך אפגענארט.

די פויערים האבן פארשטאנען, אז זיי וועלן פירן איין מענטש ווייניקער, וועט זיין א קלענערער פארדינסט...

דאס איז זיי א שאד געוועז.

— פאניטשקא, — רופט זיך אן א פויער, מיט א זייער גוטמוטיק פנים — וועסט זען, אז דער טייוול איז נישט אזוי שווארץ ווי מען מאלט אים. וועסט גיין ווי לאנג דו וועסט׳ קענען. באלד ווי דו וועסט ווערן מיד, וועלן מיר אפרוען... ווען מיר זענען אין וואלד קענען מיר רוען... מ׳דארף

נאָר אויסמיידן די וואכן. דו גיב מיר דיין רוקזאק, דיר וועט זיין לייכט צו גיין, ס׳וועט זיין א שפּאַציר.

א שיינער שפּאַציר, טראַכט איך, באַלד אָבער דערמאָן איך זיך אין מיין לאַגע: אין ביאַליסטאָק ווייס מען דאָך, אַז איך בין אַנטלאָפן, — ווי קען איך איצט צוריקקומען...

איך מוז גיין, איך גיב זיך איבער דעם גורל אין די הענט אריין...

איך טו אויס דעם מאַנטל, עס זאָל מיר זיין לייכט צו גיין. איך בלייב אָנגעטון אין א בלויען קאָסטיום.

מיר גייען. עס איז שרעקלעך פינצטער, ביסלעכווייז געוווינט מען זיך צו צו דער פינצטערניש.

דער פויער, אויסקוקער, גייט פאָראויס, איינער אַליין.

עס איז אָפּגערעדט, אַז מיר וועלן הערן זיין שטים הויך רעדן, צו עמיצן, דאַרפן מיר זיך באַהאַלטן, ווען אָבער ס׳איז שטיל, דאַרפן מיר גיין מיט דעם צווייטן פויער פירער און מיט דער פירערקע.

איך גיי די ערשטע הינטער דעם פירער, וואָס טראָגט מיינע זאַכן. דערנאָך גייען אַלע איבעריקע, איינער הינטערן אנדערן.

מיר גייען שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. יעדע סעקונדע קנאַקט א צווייג, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אונדזערע קליידער, און הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ אין וואַלד.

מיר מוזן גיין זייער נאָענט איינער הינטערן אנדערן, ווייל צוליב דער געדיכטער פינסטערניש זעט מען נישט איינער דעם אנדערן.

פּלוצלינג בלייבן מיר שטיין. דער פירער האָרכט זיך איין, הייסט זיך מיר אוועקזעצן אויסרוען. ער מוז וואַרטן דאָ אויפן „אויסקוקער".

איך בין צופרידן און זעץ זיך גיך אוועק אויף דער ערד, פּלוצלינג דער־הערן מיר א שאָרך... שש... זאָגט דער פירער, בלייבט ליגן שטיל אין די קוסטעס. שש... קיין שאָרך פון קיינעם... מיר טוליען זיך איין איינער אין אנדערן...

אָבער דאָס איז דער „אויסקוקער" געקומען. קומט! גיט ער א באַ־פעל. אַלע זענען גיך אויף די פיס און מיר גייען ווייטער.

מיר שלעפּן זיך איבער זומפּן. אַלע ווילע גליטשט דער פירער זיך

אוים און פאלט אום... איך בין דערפון צופרידן, ווייל ביז ער שטעלט זיך אויף צו גיין ווייטער, רו איך אפ און וויים אויסצומיידן דעם גרוב.

פון הינטער אונדז הערט מען ווי מ'בעט אונדז אפשטעלן זיך.

דאס פרל. קינצלער, וועלכע האט אזוי געלאכט פון מיר אז איך קען נישט גיין 8 - 9 קילאמעטער, פאלט פון די פיס... זי קען נישט גיין מער.

דער פירער נעמט אויך איר רוקזאק, כדי עס זאל איר זיין לייכטער צו גיין, אבער זי הויבט אן וויינען, מ'זאל רחמנות האבן אויף איר און גיין לאנגזאם, ווייל זי וועט נישט אויסהאלטן. די פיס זענען איר אפגעריבן געווארן פון גיין...

דער פויער טרייסט זי, אז באלד, נאך א קליין שטיקל וועג, וועט מען צוקומען צו זיין כאטע און מיר וועלן קענען אפרוען...

מיר גייען ווייטער. איך נעם זי ביי דער האנט. זי טראגט גומענע באטן, וואס גליטשן זיך כסדר. זי קען נישט גיין. אויך איך שלעפ מיך קוים, מיר זענען שוין אפגעגאנגען א סך מער ווי 8 - 9 קילאמעטער. און מיר זענען נאך קיין העלפט וועג נישט אפגעגאנגען...

מיר דערהערן פארן א וואגן.

— גיכער נאך מיר, זאגט דער פויער, און הויבט אן לויפן אין א זייט. מיר נאך אים, דאס מיידל שלעפט זיך קוים. מיר לויפן אריין צווישן דיביימער, מ'זאל נישט אנזען, אז דאס זענען מענטשן.

מיר שטייען און ציטערן, ביז דאס פארן פון וואגן ווערט שוואכער.

— מיר קענען גיין... זאגט דער פויער.

א הונט הויבט אן בילן. מיר דערשרעקן זיך ווידער.

— דאס איז מיין הונט, זאגט דער פויער.

דעמאלט הויבן מיר אן כמעט צו לויפן, ווייל מיר פילן, אז דא איז נאענט א כאטע. אפילו פרל. קינצלער ווערט לעבעדיק און לויפט גיך.

דער פויער לאזט אונדז ווארטן, גייט בארואיקן דעם הונט און דאן קומט ער נאך אונדז...

מיר האבן די פאר מינוט געווארט אין טויט שרעק, אליין אין וואלד אן „פירער".

אין כאטע איז פינסטער. א קליינטשיק נאכט לעמפעלע באלייכט א

פּאָר פויערישע געלעגערס אויף דער ערד, אויף וועלכע עס ליגן אויס־געלייגט א פּאָר מענער.

מיר דערקענען באַלד, אַז דאָס ליגן נישט קיין פויערים.

א שרעק באַפאַלט אונדז ווידער. זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע?

— אַ גוטן אָוונט, פרוי שושנה, דערהער איך פון דער פינצטערניש אַ שטימע. עס קוקן אויף מיר אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן, אָבער איך זע נאָר די שטיוול. ער הויבט זיך אויף פון געלעגער:

— לייגט זיך צו אָפּרוען, פרוי שושנה.

— אוי גאַדיק, דערפרייי איך זיך. ווידער דעם אַרטיסט גאַדיקס זון.

— איר גייט אויך? פרעג איך.

— פאַרשטייט זיך.

— און די איבעריקע דאָ?

אַלע גייען... און דער יונגער גאַדיק דערקלערט מיר, אַז דאָ אין־כאַטע נעמען זיך צונויף גרעסערע פּאַרטיעס ביז 10 פּערזאָן און די פירער פירן זיי...

מ'מאַכט פּלאַץ פאַר פרל. קינצלער. מען וואַשט איר אָפּ די אָפּגע־ריבענע פיס. מען מאַכט אַ פייער, מען גיט אונדז אביסל הייסע ציקאָריע, אָבער אונדז איז אַלץ איינס, אבי ס'איז וואַרעם און נאַס...

אַ העלפט וועג ערשט אָפּגעגאַנגען. איך ליג אויפן שטרוי און טראַכט: ווי וועל איך זיין אימשטאַנד צו מאַכן נאָך אַמאָל אַזוי פיל וועג.

אָבער די גרעסטע זאָרג איז איצט פרל. קינצלער, ווי וועט זי קע־נען גיין? זי האָט שרעקלעך אָפּגעריבענע פיס, בלויז בלאָזן.

מען ראַט איר אויסטון די שיך און גיין אין די בלויזע באַטן. מען שטופּט אָן די באַטן מיט פּאַפּיר, די פיס זאָלן זיך האַלטן און מען הויבט אָן גיין. איצט גייען מיט אונדז נאָך 4 פּערזאָן, 2 מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט אין אַרעסט אין לידא, גאַדיקס זון און זיין חבר.

ווידער גייט צוערשט דער „אויסקוקער". און מיר, אַ לאַנגער קאַ־ראַוואַן, איינער נאָכן אַנדערן, שאַרן זיך צווישן דיביימער. דער וואַלד איז אַ געדיכטער און יעדע סעקונדע קנאַקט אַ צווייג און יעדעס מאָל

בייזערן זיך די מיטגייענדע, אַז די ערשטע זענען נישט פאַרזיכטיק. מ׳ברעכט די צווייגן, דער עבאַ קלינגט אָפּ אין וואַלד און מ׳קען אַזוי אַרום נאָך פאַרשיטן די גאַנצע „עקספּעדיציע". מען צעזייסט זיך אַ שטיק פּנים, אַ שטיק קלייד, אַ שטיק זאַק, מ׳גייט ווייטער, אַט גייען מיר ביז די קני אין בלאָטע, מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ זומפּ.

פלוצלינג שטעלן זיך די פירער אָפּ. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז זיי וועלן מיט אונדז מוזן גיין די גאַנצע צייט דורך אונטערוועגן, מען מוז זיי דערלייגן, אויב נישט גייען זיי נישט ווייטער...

די פויערים סודען זיך עפּעס. ס׳איז נישט גוט.

— יאָ, איר מוזט אונדז דערלייגן, מיר מאַכן אַ גרויסן אומוועג, איר מוזט דערלייגן צו 200 זלאָטעס פון אַ פּערזאָן.

— וואָס?! איר האָט אונדז פאַרפירט, — זאָג איך, — איר האָט געזאָגט, אַז עס איז אין גאַנצן 8 - 9 קילאָמעטער און מיר גייען שוין באַלד 20 קילאָמעטער.

— איז ערגער פאַר אונדז... עס איז איצט זייער שטרענג... אויף אַלע וועגן שטייען וואַכן. מיר זענען נישט ווי אַנדערע פירער, וואָס פירן אַריין זייערע פּאַסאַזשירן דעם טייוול אין די הענט אַריין. מיר פירן דורך אַ ווייטן אָבער דערפאַר זיכערן וועג...

— די פירערקע האָט דאָך גענומען פאַר אונדז שוין באַצאָלט, מיר האָבן נישט קיין געלט...

מ׳האָט גערעדט, געדונגען זיך, געסטראַשעט, אַז מ׳וועט אונדז איבערלאָזן אין וואַלד אַליין... מיר אַפּעלירן צו זייער מענטשלעכקייט, וואָס הייסט איבערלאָזן מענטשן ביינאַכט אין וואַלד, וואָס האָבן באַצאָלט בלוטיק געלט פאַרן פירן. מיר האָבן נישט קיין געלט מיט זיך.

— דאַן גיט אונדז זאַכן. מיר שטעלן איין דאָס לעבן, מיר מוזן פאַרדינען...

מ׳האָט נישט געהאַט קיין ברירה, ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין געלט, דער האָט געגעבן זאַכן. מיר האָבן גוט געוווסט, אַז דאָס איז בשותּפות מיט דער „פירערקע". מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנדער עצה...

מיר זענען געגאנגען ווייטער.

איך ווער שוואכער און שוואכער. כ׳קאן שוין נישט באוועגן מיט קיין פוס. יעדעס מאל ווען א פוס בלייבט שטעקן אין בלאטע, שלעפ איך אים קוים ארויס. איך בעט ביי גאט, אז ער זאל מיר געבן כח צו דערגיין כאטש ביז איבער דער גרעניץ...

איך בעט דעם פירער, מיר זאלן זיך אוועקזעצן. איך רוים אים איין אין אויער, אז ער וועט פון מיר באקומען א ספעציעל טרינקגעלט. דער פויער טוט מיר צוליב, ווארפט אראפ די פעקלעך פון דער פלייצע און מיר זעצן זיך אויף זיי. עס איז שרעקלעך קאלט, מיר זעצן זיך פלייצע צו פלייצע, כדי זיך ווארעמען איינער אן אנדערן... מיר זיצן כמעט אין בלאטע. פרל. קינצלער קען נישט אויפשטעלן זיך צוריק. די פיס טוען איר שרעקלעך וויי.

דער יונגער גאדיק און זיין חבר מאכן א בענקעלע פון זייערע הענט און מען טראגט זי. ווען נישט מוז מען זי איבערלאזן, ווייל זי קען אבסאלוט נישט שטעלן קיין פוס.

דער וואלד האט זיך געענדיקט.

איצט מוזט איר גיך אריבערלויפן, יעדער באזונדער א 50 מעטער, וועט איר זיין איבער דער גרעניץ. ס׳איז א נאקעט פעלד.

מיר זענען גארנישט, נאר דעם ווייסן פלעק, וואס דער פירער האט אויף די פלייצעס, דאס זעט אזוי אויס אין דעם נאכט-ליכט מיין רוקזאק.

דער פויער טוט אויס זיין רעקל, דעקט איבער דעם רוקזאק, מ׳זאל נישט זען, זאגט ער, פון ווייטן... א ווייסע זאך זעט מען אן ביינאכט. אלע הויבן אן לויפן באזונדער נאכן פויער.

איך לויף אויך, אבער איך בלייב הינטערשטעליק... איך קען נישט לויפן. איך דערזע שוין פון ווייטן דאס גרעניץ-ברעט. אבער איך קען מער נישט. גאט אין הימל, העלף מיר! איך קען נישט. די גאנצע צייט האב איך זיך דאך געהאלטן... און איצט פארן דערגרייכן דעם ציל, זאל איך צוזאמענברעכן? איך קען נישט מער גיין, איך פאל אום און הויב אן יא-

מערליך צו וויינען. אלע זענען שוין פון יענער זייט... נאר איך, איך אײנע...

די 2 קריסטן פון ארעסט־הויז אין לידא, איינער ביי וועמען מ'האט אויך צוגענומען א פינגערל, און וועלכער האט מיר געראטן ווידער גיין קיין בעניאקאני, קוקן זיך אום, און זעען אז איך ליג אויף דער ערד, קומען זיי צוריק צולויפן, כאפן מיך אויף די הענט און לויפן מיט מיר איבער די גרעניץ...

מיר זענען שוין פון דער צווייטער זייט גרעניץ. גאט זיי דאנק!

— עס איז נאך צופרי צו פרייען זיך — זאגט איינער, די געפאר איז נאך נישט אריבער... מ'מוז דאך זיך איצט אויסבאהאלטן נישט ארײנצופאלן צו די ליטווישע „פאגראניטשניקעס" (גרעניץ וואך). מען מוז ווידער גיין א שטיקל וועג דורך הינטערוועגן כדי אויסצומיידן די „פאגראניטשניקעס".

עס הויבט אן טאגן. מיר זענען הייסט עס געגאנגען פון האלב פינף פארנאכט ביז 5 פרי. בלויז איין שעה גערוט. 11 א האלבע שעה געגאנגען. איך ווער געוואר, אז מיר זענען אפגעגאנגען 20 קילאמעטער. איצט דארפן מיר נאך צוגיין איין קילאמעטער ביז א כאטע, אבער ווי גייט מען דעם לעצטן קילאמעטער? דער איז דאך דער שווערסטער.

מיר בלייבן אין וועלדל שוין אויף דער ליטווישער זייט און דער פירער, דער „אויסקוקער" גייט אוועק אין דארף זען, צי מען קען אריינגיין צו זיינס א באקאנטן, צי דער וועג איז פריי.

דער פויער איז צוריקגעקומען נאך אונדז און מיר האבן זיך כמעט האלב טויטע דערשלעפט צו דער כאטע. דאס איז געווען אווארעמע פויערישע שטוב. דער פויער איז ארויסגעקראכן פון בעט און נאך אים די פויערטע, די קינדערלעך זענען אלע געבליבן ליגן אין דעם זעלבן בעט. מ'האט געמאכט פייער, עס האט אנגעהויבן קנאקן האלץ. עס איז באלד געשטאנען טיי אויפן טיש. אויפן פיעקעליק האט געברענט א קינדל און דאס האט באלויכטן די שטוב... איך האב זיך באלד פארקליבן נעבן פיעקעליק און זיך איינגעטוליעט אין א ווינקל. מיינע ווילאקעס זענען געווען פול מיט וואסער און בלאטע. איך האב זיי אויסגעטון, אוועקגע־

שטעלט זיי אויפן פיעקעליק אויסצוטרוקענען, אַנגעוואַרימט די פיס. איך האָב געקוקט מיט קנאה צום בעט, מקנא געווען די קינדערלעך וואָס שלאָפן אין וואַרימען בעט. איך טוליע זיך פעסטער צו צום פיעקעליק און איך דרימל איין. איך פיל עפעס אין שלאָף, אַז מיר איז עפעס נאַס און וואַ-רים... איך שטרעק אויס די האַנט און איך טאַפ אָן עפעס אַ וואַרימע האָריקע זאַך, איך בין אָבער אַזוי מיד, אַז איך בין פויל צו זען, ווער עס איז...

די וואַרימע זאַך מאַכט זיך באַקוועמער... איך קען נישט שלאָפן. איך עפן אויף די אויגן און טראַכט וועגן ווייטערן פאָרן ביז ווילנע, אַז די ליטווישע וואַך זאָל אונדז נישט כאַפן. איך פיל ווי מ'לעקט מיין האַנט. איך דערפיל, אַז די וואַרימע זאַך איז אַ הונט, וואָס ליגט די גאַנצע צייט צוגעטוליעט צו מיר, איך לייג אַרויף מיין קאָפּ אויפן הונט און מיר ווערט זייער וואַרים. אַזוי ליגן מיר איינגעטוליעט איינער אָן אַנדערן.

עס וועקט מיך אויף דער פויערטעס קול, אַז מיר מוזן גיין פון דאַנען, ווייל מ'קען אַריינקומען און אונדז טרעפן. איך בין מיד און פאַרשלאָפן, איך ענטפער איר, אַז מיר קענען נישט אַוועקגיין פריער, ביז עס וועט קומען נאָך אונדז די פירערקע. מיר ווייסן דאָך, אַז זי מיינט פריש געלט... און באַלד גיבן מיר איר אַלע צו איינציקע גילדן.

אַזוי ווי זי באַקומט די פּאָר גראָשן, וועקט זי אויף די קינדער, זי האָט שוין פאַר קיינעם נישט קיין מורא. די פעקלעך שטופּט זי אַרונטער אונטערן בעט און איך מיט פרל. קינצלער קריכן מיר אַריין אין פויערישן בעט... אַ שרעקלעך געשטאַנק פילט זיך פון דעם „קאָזשוך" מיט וועלכן די קינדער זענען געווען צוגעדעקט, אָבער וואָס גייט אונדז אָן אַ געשטאַנק, מיר זענען פאַר זיך אַ וואַרים בעט.

לאַנג לאָזט מען אונדז נישט ליגן, מ'מוז פאָרן ווייטער... דער פויער איז גרייט אונדז צו פירן ביז יאַשון צו דער באַן אָדער צום אויטאָבוס, וואָס גייט קיין ווילנע, אָבער דאָס דאַרף קאָסטן צו 100 זל. אַ פּערזאָן.

100 זל.! ווו נעמט מען ווידער אַזוי פיל געלט. די פירערקע האָט דאָך געקריגן באַצאָלט פאַר אַלץ...

די פירערקע אָבער ווייזט זיך נישט.

— דאָ קאָנט איך מער נישט זיין, — זאָגט דער פויער, — גייט צו דער פירערקע. איך וויל נישט אומגליקלעך ווערן צוליב אייך... איך שטעל איין מיין קאָפּ, וויל איך באַצאָלט. עס דרייען זיך אַרום פּאַטרולן פון דער גרעניץ וואַך. ער נעמט באַלד אַרויס די רוקזעק פון אונטערן בעט און הויבט זיי אָן אַרויסוואַרפן... גייט אייך צו דער פירערקע, מיך לאָזט צו־רו...

מיר פאַרשטייען דאָך, אַז דאָס איז ווידער אַ „פּיאַווקע"... דעם גאַנצן וועג האָט מען אונדז אַזוי געזויגן. איצט ווידער... מען צאַפּט... דאָס בלוט... דאָס געלט... דאָס געזונט... איך האָב נישט מער קיין געלט, גיב איך מיין סוועטער און אַ קלייד.

איך באַצאָל... אַלע טוען דאָס זעלבע, מ'באַרגט אייגער ביים אַנדערן, מען טוט אָן די טיבער אויפן קאָפּ, די מאַנטלען אויף דער לינקער זייט, מ'זאָל אויסזען דאָרפיש. די זאַכן לייגט מען אַרונטער אונטערן שטרוי, מ'זעצט זיך אַריין אין פויערישן וואָגן און מיט קלאַפּנדע הערצער רירט מען פון אָרט...

אין אונדזער וועגעלע פאָרט אַ צפּיעשטשעט רייך לאָדזשער זינדל, שמולעוויטש. אים איז קאַלט, ער טרייסלט זיך פון קעלט און שרעק און שטעקט אונדז אַלעמען אָן מיט זיין פּחד.

מיר האָבן מער מורא פאַרן פויער, וואָס פירט אונדז, ווי פאַר אַלעס אַרום... מיר ווייסן דאָך, אַז די מערסטע פויערים פירן די פּליטים אַריין אין די הענט פון דער וואַך. עס איז שוין פינסטערלעך און דאָס שטעטל יאַשון זעט מען נישט. ווער ווייס וווּ ער פירט אונדז...

דער פראָסט איז שטאַרק, די פיס זענען מיר שוין אין גאַנצן אָפּגע־פרוירן, פּלוצלינג דערזעען מיר אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער. מיר דערפרייען זיך שטאַרק, דאָס איז אַ סימן, אַז דאָס שטעטל איז שוין נישט ווייט, דאָס פערדל לויפט גיכער, און אָט פירט מען אונדז אַריין אין אַ יידישן שענק.

מיט שרעק האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין שענק און פאַרטאָגס זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס, וואָס פאָרט קיין ווילנע.

דינסטיק, 5. דעצעמבער.

9 פרי בין איך אָנגעקומען קיין ווילנע. איך נעם אַ דראָזשקע און פאָר צו צו מאַרעווסקים וווינונג. דאָרט וווינט מיין מאַן.

פונקט 3 חדשים אים נישט געזען, ביטערע שווערע חדשים.

פרוי רודניצקא עפנט מיר די טיר. זי וווינט אויך אין דער וווינונג, און איידער זי פרעגט, ווער איך בין, הויבט זי אָן שרייען:

הער קאהאן, אייער פרוי! אייער פרוי... הער קאהאן!!

לאַזאַר איז צעטומלט. ער ווייס נישט וואָס צו טון פאַר פרייד... איך וויין און וויין... דער גאַנצער קוואַל מיט טרערן האָט זיך געעפנט. ער וויינט אויך, אַזוי ווי אַ קליין קינד... איך לייג זיך גיך אין בעט אריין. אוי אַ וויים, ווארים בעט. מיר איז איינפאַך אַ שאָד שמוציק מאַכן דאָס בעטגעוואַנט מיט מיין קערפּער... וואַשן זיך בין איך נישט אימשטאַנד... בכלל האָב איך זיך נאָך נישט אָנשטענדיק אָפּגעוואַשן זייט דעם אויס־ברוך פון מלחמה...

איך האָב אַזוי פיל צו דערציילן און צו פרעגן.

אָבער איך קען נישט רעדן. די פרייד־טרערן שטיקן מיך.

V

ווילנע, ירושלים ד׳ליטע

8. דעצעמבער.

אין ווילנע האָב איך אויפגעלעבט. ווידער זיך געפונען אין אַן אייגענער סביבה, געטראָפן אַ סך נאָענטע מענטשן. עס איז געווען איינגעאָרדנט אַ פיינע ליטעראַטן־היים, ווו עס האָבן געוווינט די פליטים ליטעראַטן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט, מען האָט יעדן אויפגענומען מיט ליבע און זאָרגפעלטיקייט. מען האָט זיך געפילט ווי אין משפחה. אַלע האָבן געהאַט געמיינזאַמע זאָרגן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען די ליבסטע און טייערסטע פון די היטלעריסטישע רוצחים... מען האָט תמיד געזוכט גוטע זיכערע פירער, וואָס דאַרפן גיין איבער דער גרעניץ, ברענגען צו איינעם זיין פרוי, צו אַ צווייטן זיין קינד, צו אַ דריטן אַ כלה.

עס איז געווען איינגעאָרדנט אַ גוטע קיך, ווו אַלע פלעגן זיך צונויפטרעפן יעדן טאָג. מיר האָבן זיך געפילט שיעור נישט ווי אויף טלאָמאַצקע 13, אין וואַרשע. קיינער האָט זיך נישט געפילט דערנידעריקט צוליב דעם, וואָס ער עסט איצט אויפן חשבון פון קאָמיטעט. מיר האָבן נאָר געהאַט ווייטיק וועגן גורל פון אונדזערע פאַמיליעס נעבעך, וואָס זענען געבליבן אויף די מערדערישע הענט פון די נאַצים.

12. דעצעמבער.

היינט האָבן חברים־אַקטיאָרן איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד מיין קומען. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען ביי פראַניע ווינטער אין הויז. איך

האָב זיי איבערגעגעבן וועגן דער ביטערער לאַגע פון אונדזערע חברים אין וואַרשע. די חברים האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן, אַז מיט מיין קור-מען זאָלן מיר זיך נעמען ענערגיש שאַפן אַ טעאַטער, ווייל דערווייל שפּילן כמעט בלויז אַמאַטאָרן. מען בעט באַערן מיט אויפשטיין און מיט שווייגן דעם אָנדענק פון אונדזער אומגעקומענעם חבר דניאל שאַפּיראָ.

15. דעצעמבער.

היינט איז געקומען פון קאָוונע מיך זען דער טעאַטער-דירעקטאָר באָריס בוקאַנץ מיט זיין פרוי די אַרטיסטין דזשעני יאַראָסלאַווסקאַ, וועלכע מיר רופן זלאַטקע. מיט זלאַטקען און באָריסן זענען מיר געווען זייער באַפריינדעט און מאָדנע — דאָ זענען פריינט געבליבן פריינט און מען פרייט זיך מיט מיר אַזוי שטאַרק. נעכטן איז דאָ געווען די דירעק-טאָרין פון צווייטן קאָוונער טעאַטער ראַשעל בערגער. ביידע לייגן מיר פאָר גוטע באַדינגונגען און איך הויב אָן צו קומען צו זיך... אַ קלייניקייט ווידער שפּילן טעאַטער... היינט האָב איך אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין אַרגענטינע צו לאַמפּעס פריינט, דעם טעאַטער-דירעקטאָר מידע, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו ברענגען קיין אַרגענטינע לאַמפּען, מיין מאַן און מיך.

17. דעצעמבער.

יעקב פישמאַן, אַ מיטגליד פון רעדאַקציע „עקספּרעס" מיט זיין זון יוסף זענען געקומען קיין ווילנע און מיר מיטגעבראַכט אַ בריוועלע פון מאָרים לאַמפּע. ער שרייבט מיר, אַז אין ביאַליסטאָק זענען דאָ שמוגלער, וועלכע ברענגען זאַכן פון וואַרשע. אַ וואַליזע זאַכן ברענגען קאָסט 1.000 רובל. ער וויל הייסן ברענגען פאַר זיך אַ וואַליזע פון זיינע זאַכן, ווייל דאָ קען מען גאָרנישט קריגן... ער וויל אויך ברענגען פאַר מיר אַ וואַליזע מיט מיינע זאַכן און פרעגט מיך אָן, איך זאָל אים גלייך ענטפערן טעלע-גראַפיש, וואָס ער זאָל טון; צי ער זאָל קומען קיין ווילנע? איך געפין זיך אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. איך קען אים נישט שיקן קיין טעלע-גראַמע, ווייל מען קען דאָך נישט טעלעגראַפירן, אַז ער זאָל קומען, נאָר זאַכן זאָל ער נישט ברענגען, ווייל זאַכן זענען נאָר אַ צרה אין וועג! איך

בין אוועקגעלאָפן אין קאַפע זוכן אַ „בריוווטרעגער" (אַזעלכער וואָס שמוגלט אַדורך בריוו) כּדי מיטצושיקן אַ בריוול צו לאַמפּען. אין קאַפע ביי שטראַלן, ווו די פּליטים פלעגן אָפּזיצן גאַנצע טעג, האָב איך געטראָפן זיצן דעם אַדוואָקאַט און זשורנאַליסט יעקב באָרנשטיין. ער האָט אויסגעזען שרעקלעך, כּמעט אָפּגעריסן, איינגעדאַרט, דערשלאָגן און צעבראָכן, געוויסנסנביסן האָבן אים געפּייניקט וואָס זיין זון פּאַוועלעק און זיין פרוי זענען נישט מיט אים... ער האָט געוויינט פאַר מיר ווי אַ קליין קינד... ווען ער האָט זיך בארואיקט, האָט ער מיר דערציילט, אַז דער שרייבער היישעריק גייט קיין ווילנע מיט בריוו. איך האָב זיך זייער דערפרייט מיט דער ידיעה און בין באַלד געלאָפן אין ליטעראַטן היים צו היישעריקן, מיטגעבן אים אַ בריוול. אַ העלפט באַצאָלט באַלד, די אַנדערע העלפט, ווען ער וועט ברענגען ענטפער.

20. דעצעמבער.

עס איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג וועגן רעגיסטרירן די פּליטים. אַלע זענען עפּעס זייער דערשראָקן צוליב דער מעלדונג און צוליב די שרעקלעכע ידיעות וועגן אַנהויב פון געטאָס און שוידערלעכע רציחות אויף יידן פון די דייטשן.

1. יאַנואַר 1940.

אַ ניי יאָר; פאַרוואָרפן אין דער פרעמד, אָן די קינדער. אַ ביטער ניי יאָר... געליינט זיך פרי שלאָפן און גוט זיך אויסגעוויינט. באַלד אין דער פרי געלאָפן צו די פירער, אפשר וועלן זיי פאָרט קענען אַריבערברענגען מיינע קינדער. דערוויילי האָב איך זיי רעגיסטרירט אין דער פּאָליציי, אַזוי אַז ווען זיי וועלן קומען, וועלן זיי זיין לעגאַל. אָבער ווי דערלעבט מען שוין? באַלד ווי איך בין געקומען קיין ווילנע, האָב איך אוועקגעשיקט קיין אַמעריקע אין „פאָרווערטס" עפּיזאָדן פון מיינע איבערלעבונגען ביי די דייטשע רוצחים. איך האָב נישט געוווסט, אַז איך בין געווען די ערשטע, וועלכע האָט אַלאַרמירט די יידישע וועלט וועגן די נאַציִשע מערדערייען.

.7 יאנואר.

היינט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון ווארשע, פון מיין מולעקן, ער האָט זיך אַביסל אַריבערשפּאַצירט קיין ווארשע, כדי צו נעמען זיינע קאָלעקציעס פּאָסט מאַרקעס. איינגעשטעלט זיך דאָס לעבן, געגאַנגען צו פוס פון ביאַליסטאָק קיין ווארשע אין אַזעלכע פרעסט איבערן בוג, גע־גאַנגען דעם טייוול אין מויל אַריין...

.15 יאנואר.

היינט בין איך געווען ביי שטראַלן אין קאַפעהויז און אָפּגעמאַכט מיט אַ „פירער", ער זאָל גיין ברענגען מיינע קינדער און מאָרים לאַמ־פּען. די לעצטע טעג איז מען נאָר דערמיט באַשעפטיקט. איך דאַרף נאָר האָבן גליק, אַז מיין יינגערער זון זאָל שוין זיין צוריק פון ווארשע. און זיי זאָלן בשלום אדורכגיין די גרעניץ. היינט האָט מיר געזאָגט פּנחס שווארץ, אַז זייט ער איז באַשעפטיקט מיט ברענגען זיין פרוי און קינד, לויפן אים כסדר פאַר די אויגן בילדער, שרעקלעכע חלומות... די נאַכט האָט אים געחלומט, אַז זיין קינד לויפט איבערן שניי און די זעלנער יאָגן עס נאָך. איך בין געבליבן שטיין ווי פאַרגאַפט, פון וואַנען נעמען זיך צו אים מיינע חלומות? עס קאָן זיין, ווען עס וואָלט געשטאַנען דערביי נאָך עמיץ פון אונדזערע פּליטים, וואָלט זיך יענער געוואונדערט, וואָס אים חלומט זיך אויך דאָס זעלבע וואָס מיר. אַזוי פייניקן אונדז אַלעמען די זעלבע קאָשמאַר־חלומות...

.22 יאנואר.

היינט איז אַרויס אַ נייע פאַראָרדענונג, אַז פּליטים טאָרן נישט אַר־בעטן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. און שרייבן טאָר מען איבער־הויפּט נישט. דאָס האָט שוין אינגאַנצן דערשלאָגן אַלע פּליטים. אַזוי ווי געיאָגטע הינט. אַלעמאָל אַ פרישע גזירה. אַלעמאָל טראַכט מען אויס מיט־לען, ווי אַזוי אונדז נאָך מער צו פייניקן.

די פרעסט זענען שרעקלעכע, מענטשן זאָגן, אַז שוין 30 יאָר זענען דאָ נישט געווען אַזעלכע שטאַרקע פרעסט. אפילו די נאַטור איז אויך קעגן אונדז, אומגליקלעכע פּליטים...

און דערצו דערגייען צו אונדז אזעלכע ביטערע ידיעות וועגן אונ־דזערע נאענטע. מיין ארימע מאמע שרייבט מיר (פון די דייטשע אקו־פירטע געביטן קען מען שרייבן קיין ווילנע, אבער עס גייט דורך א שטרענגע צענזור און עס דויערט לאנג); „גנבים האבן מיך באגנבעט און מיך איבערגעלאזט נאקעט און בארוועס... איך האב נישט קיין געלט. מוז איך מיך איבערציען אין דער יודן־גאס"...

30. יאנואר.

דערהאלטן פון דעם ארטיסט זיגמונט טורקאוו א קארטל פון ווא־רשע, איך זאל צווויסן טון מארקן, אז זיין ברודער און רוזשע ווילן אים זען... איך האב באלד פארשטאנען דעם טייטש, אז דאס הייסט: „טו צו ווויסן מיין ברודער מארק אין ארגענטינע, אז ער זאל מיך, מיט מיין פרוי רוזשען, ארויסראטעווען". איך האב אוועקגעשיקט א טעלעגראמע צו מארק טורקאוו קיין ארגענטינע, אז ער זאל ראטעווען זיין ברודער און טאקע מיך אויך.

מיט צוויי טעג צוריק איז א דעלעגאציע פון שרייבער געווען ביים שטאט פרעזידענט און אויסגעפועלט, אז די שרייבער זאלן יא מעגן שרייבן.

דאס האט אביסל אויפגעמונטערט אונדזערע חברים. דאס שרייבן, האלט אויף אלעמען ביים לעבן... יעדער האט גענוג מיטגעמאכט און האט וואס צו דערציילן. און אין די צימערלעך פון ליטעראטן־הויז אויף סאדאווא 9, זיצט מען ווידער ביי די טישלעך און מען שרייבט וועגן די ביטערע איבערלעבונגען.

4. פעברואר.

ווער איז היינט אזוי גליקלעך ווי איך? כ'האב מיינע זין, מיינע ביידע טייערע קינדער... באלד אין דער פרי, ווען כ'בין נאך געלעגן אין בעט, האט מען געקלונגען ביי דער טיר, כ'האב אויפגעעפנט די טיר און דערזען מיינע קינדער. כ'האב נישט געגלויבט, אז דאס איז א ווירקלעכ־קייט. 5 חדשים האב איך נישט געזען מיין עלטערן זון. ביידע קינדער זענען געווען שטארק פארמאטערט, מיט אפגעפרוירענע הענט און פיס.

איך האָב גיך זיי איינגעשמירט די פיס מיט וואַזעלין און זיי גיך אַריינ־געלייגט אין אַ וואַרעם בעט. זיי האָבן זיך ממש דערקוויקט. שוין חדשים לאַנג נישט געלעגן אין אַ וואַרעם ווייך בעט און דערצו איצט, ווען זיי זענען געגאַנגען כמעט דעם גאַנצן וועג צו פוס, ביי 45 גראַד פראָסט. זיי קענען נישט שלאָפן, זיי רעדן זייער אַ סך... איך פאַרשטיי זיי, אויך איך האָב נישט געקאָנט באַלד שלאָפן, פון צופיל מידקייט און פון אינער־לעכן דראַנג אַרויסצורעדן, אַרויסצושרייען דאָס איבערגעלעבטע...

5. פעברואַר.

אַ פּאַסקודנע לעבן... אַ מינוט פריידן און אַזוי פיל ליידן... מיטגע־מאַכט אַ שפּאַר ביסל שרעק. די קינדער זענען געקומען אָן זאַכן. די פי־רער האָבן געזאָלט ברענגען די זאַכן שפּעטער, זיי האָבן אָבער גאָרנישט געבראַכט. צווישן די זאַכן האָבן זיך געפונען אַ טייערע קאָלעקציע מיט די פּאָסט־מאַרקעס, צוליב וועלכע מיין יינגערער זון מולעק איז געגאַנ־גען אין יאַנואַר קיין וואַרשע און איינגעשטעלט זיין לעבן. געגאַנגען דעם טייוול אין די הענט אַריין און איצט האָט מען אים צוגענומען די זאַכן, — אָבער דאָס איז נישט וויכטיק, ווען ער איז געגאַנגען נאָך די זאַכן, איז געקומען פּאָליציי און מען האָט אַלעמען אַרעסטירט.

איך בין אַרויסגעלאָפן איבער דער שטאָט, געלאָפן אין פּאָליציי, באַ־מיט זיך זיי אַרויסצוקריגן, געפונען איינעם, וואָס איז געגאַנגען געבן „לאַפּוווקע", אָפּגעשטאַנען אין דעם שרעקלעכן פראָסט און ענדלעך דער־לעבט זיי אַרויסצוקריגן. 12 ביינאַכט האָט מען באַפרייט איינעם און אין אַ האַלבער שעה שפּעטער דעם אַנדערן.

איך האָב פון פריער געהאַט צוגעגרייט אַלע פּאַפּירן. אַלע דאָקומענ־טן זענען געווען אין אָרדענונג, צוגעגרייט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין פּולקאָם לעגאַל... אָבער עס האָט זיי וואַרשיינלעך עמיצער געמסרט.

18. פעברואַר.

געזעגנט זיך מיט פרידא זרובבל. זי פאָרט קיין ארץ־ישראל. אוי, ווי מיר אַלע זענען זי מקנא. די ערשטע וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטע־וועט.

1. מערץ.

היינט איז געקומען א גוטע בשורה. עס איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע פון ב. וויינשטאָק פון ארגענטינע, אז מען שיקט ארויס וויזעס פאר מיין מאַן, מאַרים לאַמפּען און פאר מיר. באַלד געגעבן א טעלעגראַמע צו לאַמפּען, אז „מידע וויל אים זען", דאָס הייסט — ארגענטינע. ער וועט שוין פארשטיין.

דאָס אייז הויבט זיך אָן רירן; אין א פּאָר טעג ארום פאָרט אַוועק יוסטמאַן קיין ארץ־ישראל און יעדער איינער, וואָס פאָרט אַוועק פון אונדזערע, רופט ארויס סיי פרייד און סיי טרויער.

17. מערץ.

דעם 3-טן מערץ בין איך געקומען קיין קאָוונע שפּילן און אויפפירן מיין פּיעסע „באַשקע". כ'בין אריינגעגאַנגען אין קאַפעהויז „מאַניקאַ" און געטראָפן סעגאַלאָוויטשן. א פּאָר יאָר האָבן מיר נישט געהאַט גערעדט צווישן זיך, אָבער ווער געדענקט איצט אַזעלכע זאַכן. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. דער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין בוקאַנס טעאַטער. נאָך 7 חדשים נישט שפּילן איז דאָס געווען ביי מיר א יום־טוב.

20. מערץ.

שווער, שווער צו לעבן. איך פיל, אז איך וועל צוזאַמענברעכן... נישטאָ מער קיין כוח. וויפיל צרות קען דען איין מענטש אויסשטיין? היינט בין איך געוואָר געוואָרן, אז מ'האָט אין ווילנע ווידער ארעסטירט מיינע קינדער.

22. מערץ.

איך האָב נישט געקענט מער שפּילן, כ'האָב אָבער געמוזט אָפּשפּילן נאָך א פּאָר פאָרשטעלונגען און כ'בין צוריקגעפאָרן קיין ווילנע. איצט בין איך ערשט געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי מ'האָט מיינע קינדער ארעסטירט. עס איז אָנגעקומען א מעלדונג פון טורגעלער פּאָליציי, אז מען האָט ביי א פויער געפונען זייערע זאַכן, זיי זאָלן קומען זיי אָפּנעמען. מיין נאַאיווער זון איז געפאָרן מיט זיין קוזין קיין טורגעלע (א שטעטל נעבן ווילנע,

נישט ווייט פון דער גרעניץ). מ׳האָט זיי געוויזן די זאכן, ווען זיי האָבן זיי דערקענט פאַר זייערע, האָט מען זיי אַרעסטירט פאַר שמוגלען זיך דורך דער גרעניץ. מיין יינגערער זון האָט זיך דערפון דערוווסט, איז ער אַוועק פון שטוב, כדי מ׳זאָל אים אויך נישט אַרעסטירן, האָט אָבער דער ביטערער גורל געמאַכט, אַז נישט זייענדיק אַ פּאָר טעג אין הויז און קיי-נער איז נישט געקומען אים אַרעסטירן, איז ער איינמאָל אינדערפרי גע-קומען, געוואָר ווערן ביי לאַזאַרן, וואָס עס הערט זיך מיט עלעקן. גראד איז אָנגעקומען פּאָליציי און מ׳האָט אים אויך גלייך אַרעסטירט. לאַזאַר איז שוין געלאָפן אומעטום. דאָס אומגליק איז, וואָס מען מוז דאָך האָבן אַ פּאַסירשיין אַרויסצופירן זיך. בכלל זענען מיר פון די גליקלעכע, ווען מען האָט דערלויבט צו וווינען אין ווילנע גופא. מען האָט דאָך לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט די פּליטים צעשיקט אין אַלע שטעט-לעך פון ליטע. עס האָט געקאָסט געגוג מי און געלט, ביז מען האָט דער-לעבט צו דערהאַלטן אַ דערלויבעניש צו בלייבן וווינען אין ווילנע. יאָ, מען האָט אויך אַרעסטירט מיין פּלימעניק עלעק קאַהאַן מיט זיין פרוי בעלאַ. בעלאַ, וועלכע איז אין אַנדערע אומשטענדן, אין 8-טן חודש, און וועלכע איז געקומען כמעט דעם גאַנצן וועג אויף נאַרטעס, ביי 45 גראַד פראָסט.

לאַזאַר און נח פּרילוצקי זענען געווען ביים ד״ר יעקב ווינאָדסקי, ער זאָל אינטערווענירן ביי דער מאַכט וועגן די קינדער. לאַזאַר האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און האָט זיך דאָרט שטאַרק צעוויינט.

25. מערץ.

היינט איז געקומען אַ „גריפּס״ פון מיין עלעקן. מ׳שלאָגט אים שטאַרק. ער האָט נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן און האָט זיך מודה געווען, אַז איך, זיין מאַמע, האָב אים באַזאָרגט מיט פּאַפּירן און ער איז טאַקע געקומען אומלעגאַל. אַ גאַנצן טאָג לויף איך אַרום עפּעס צו טון פאַר די קינדער. מען זוכט מאַכערס, אפשר פאַר געלט, מען לויפט צו אַד-וואָקאַטן. אַלע פאַרזיכערן, אַז צוליב די יום-טובים (עס איז גראַד „פּאַס-כאַ״), קען מען גאָרנישט אויפטון, נאָר זיי וועלן באַשטימט באַלד נאָך יום-

טוב באפרייט ווערן, צו דעם אלעמען מוז איך נאך צוריקפארן קיין קאוו־נע אפשפילן די אנגאנסירטע פארשטעלונגען.

30. מערץ.

אין קאוונע בין איך געווען ביים אדוואקאט ד"ר י. ראבינסאן. ער איז א גרויסע פערזענלעכקייט ביי דער ליטווישער מאכט. פון די אלע אויפרעגונגען און אנשטרענגונגען האב איך זיך ביי אים ספאזמאטיש צעוויינט. ער האט מיך בארואיקט, אז ער גאראנטירט מיר, אז די קינ־דער וועט גארנישט געשען, היינט־מארגן וועלן זיי באפרייט ווערן. איך בין פון אים אוועק אין טעאטער שפילן. ווי אזוי איך האב געקענט שפילן, ווייס איך נישט...

28. מערץ.

מיר זענען היינט אין אליטא. מיר דארפן היינט דא שפילן „באש־קע". איך וואלט אלץ אוועקגעגעבן, מ'זאל מיך באפרייען פון דער היינ־טיקער פארשטעלונג. א גאנצן טאג אומגעגעסן, אפגעלעגן ביים טעלע־פאן, געוואלט הערן די ידיעה, אז מ'האט באפרייט די קינדער, היינט איז דאך געווען דער יום-הדין... כסדר טעלעפאנירט קיין ווילנע, צו די אד־וואקאטן, וועלכע האבן אזוי פייערלעך פארזיכערט, אז די קינדער וועלן באפרייט ווערן, און איידער איך בין געגאנגען אויף דער בינע, האב איך דערהאלטן די טרויעריקע בשורה, אז מען האט די קינדער שוין צוריק אריבערגעווארפן איבער דער גרעניץ. אזוי האט אויסגעזען די פארזיכע־רונג... איצט וועלן די סאוועטן זיי ווידער כאפן, ארעסטירן פארן שמוג־לען די גרעניץ... אזוי ווערט מען געיאגט און געפלאגט...

23. אפריל.

ווידער בין איך אין ווילנע. כ'האב געמוזט איבעררייסן מיינע פאר־שטעלונגען. נישט געקענט שפילן. היינט האבן מיר דעם ערשטן טאג פסח. א טרויעריקן פסח. איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע און געטראפן לאזארן אין א שרעקלעכן צושטאנד. ער איז צעבראכן און אלט געווארן... דאס אומגליק מיט די קינדער האט אים ממש דערשלאגן. ער האט אויס־געזען שרעקלעך. גאר נישט געקענט טון.

נעכטן האָבן מיר געהאַט די ערשטע סדר-נאַכט. דער ערשטער סדר אין אונדזער וואַנדער וועג. זיצן מיר א 120 מאַן שרייבער, קינסטלער, כלל־טוער און פּאַרטיי־פירער — אַלע פּליטים, און פּראַוועז א געמיינ־זאַמען סדר אין דער ליטעראַטן היים אויף סאַדאָווא 9. יעדער זיצט דער־שלאָגן, מ׳טראַכט וועגן די נאָענטע, וועגן דער היים וואָס מען האָט פאַר־לאָזן. זיצן אַלע צוזאַמען ווי איין משפּחה. טרויעריקע, אָבער נישט גע־פאַלענע פון מוט... יעדער איז פול מיט האָפענונג, אַז מאָרגן קומט די ישועה, מען דערמאָנט זיך די פאַרגאַנגענע פּסח־יאָרן אין די אייגענע היימען...

די געדאַנקען שלאָגט איבער לאַזאַר קאַהאַן, וועלכער עפנט דעם סדר. ער רעדט וועגן די אַלע, וואָס זענען שוין פאַרשפּאַרט אין א געטאָ און קענען שוין ליידער נישט פּראַוועז קיין סדרים... אונדזערע הערצער ווערן פאַרקלעמט... עס פילט זיך, אַז באַלד אָט, אָט, ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער יאָמער... לאַזאַר קאַהאַן האָט דאָס דערפילט און מיט א ציט־טערדיקער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געפילט געוויין, האָט ער אויסגערופן: היינט איז יום-טוב! איר הערט, היינט איז יום-טוב!...

אַלע האָבן זיך באַמיט צו שמייכלען... וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין זיין אָרים האַרץ האָב איך גוט געפילט...

26. אַפּריל.

היינט איז געקומען א יונגע קריסטין און מיר געבראַכט א גרוס פון מיין יינגערן זון סאַמועל, ער איז אַרעסטירט ביי די סאָוועטן. מען האָט זיי צוזאַמען אַרעסטירט ביי דער גרעניץ און אַוועקגעפירט קיין לידע אין תפיסה. און איך האָב געוואַרט און געהאָפט... געוויס האָט דאָס זעל־בע פּאַסירט מיט עלעקן...

28. אַפּריל.

פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו איז געקומען פון ריגע און איז היינט געווען ביי אונדז אין שרייבער פאַראיין אויף סאַדאָווע 9. מיר האָבן זיך מיט אים פאָטאָגראַפירט. פּראָפעסאָר דובנאָוו איז געווען ממש גליק־לעך צו טרעפן זיך מיט אַזא גרויסער צאָל שרייבער...

14. יוני.

אין דער לופט פילט זיך פולווער... א גאנצן טאג פארן דא סאוועטישע טאנקן. עס וועט עפעס געשען און מיר ארימע פליטים ציטערן...

16. יוני.

נעכטן האט קיין ווילנע אנגעהויבן אריינמארשירן די רויטע ארמיי. הייסט עס, אז ווילנע וועט ווערן סאוועטיש.

25. יוני.

היינט איז מיין חתונה טאג און געבורטסטאג. שווער, זייער שווער אויפן הארצן... היינט האט מיר לאזאר געבראכט בלומען. ער האט מיר געוואלט דערמיט פארשאפן פרייד, אבער אויף דער נשמה איז אזוי טרויעריק.

26. יוני.

היינט דערהאלטן א קאסטן מיט קליידער פון מיין טאכטער לילי פון איטאליע. מיין פרייד איז גרויס, נישט בלויז צוליב דעם וואס איך וועל ענדליך האבן עפעס אנצוטון (איך בין דאך אוועק פון דער היים כמעט אן זאכן) נאר דערפאר, וואס די זאכן זענען פון מיין קינד. תמיד פלעג איך איר קויפן קליידער... היינט האט זי געשיקט קליידער פאר איר מאמען.

3. אויגוסט.

היינט איז ליטע איינגעגלידערט געווארן אין סאוועט רוסלאנד.

8. סעפטעמבער.

דעם 6טן איז געשטארבן די פרוי פון שרייבער און בונדישן טוער יעקב פאט. די לויה איז געווען א טראגישע. דער טויט אליין אויך גענוג טראגיש. גלייך נאכן באקומען די אמעריקאנער וויזע האט זי זיך אזוי אויפגערעגט, אז זי האט באקומען א הארץ-אטאקע און איז געשטארבן.

25. סעפטעמבער.

מען האט אנגעהויבן באקומען וויזעס פון אויסלאנד. מיר האבן אויך באשלאסן איינצוגעבן א ביטע וועגן א „סאוקאנדי", אנדערע ווארענען אונדז, אז מיר זאלן דאס נישט טון, אבער איך רעד צו לאזארן, אז מיר

זאָלן ריזיקירן... מיר האָבן דאָך דאָ נישט קיין אויסזיכט אויף אַרבעט, מיר וועלן דאָך דאָ אויסגיין פאַר הונגער.

28. סעפּטעמבער.

היינט געזעגנט זיך מיט אונדז מענדל מאָזעס און זיין פאַמיליע. זיי פאָרן קיין אַמעריקע. ווי האַלטן מיר שוין דערביי. א גאַנצן טאָג בין איך היינט געשטאַנען אין א ריי נאָך א שטיקל פּוטער...

2. אָקטאָבער.

ערב ראש השנה. ווידער א ביטערן ראש השנה... גאָרנישט באַקומען צו קויפן. דער יקרות איז שרעקליך גרויס.

18. אָקטאָבער.

מ'האָט היינט געשלאָסן די פּליטים קיכן.

8. אָקטאָבער.

געשטאָרבן די אַרטיסטין בלויפאַרב.

5. נאָוועמבער.

היינט איז געקומען א פויער און מיר געבראַכט א גרוס פון מיין מולעקן. דער פויער איז געזעסן מיט אים צוזאַמען אין איין תפיסה אין באַראַנאָוויטש. און ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם שווערן לעבן פון מיין קינד. ווען איך האָב געוואָלט דעם פויער באַצאָלן פאַר דעם וועג, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. „דער פאַן אינזשעניער האָט מיר א סך געהאָלפן" — האָט ער געזאָגט — „אָפּטמאָל מיר אָוועקגעגעבן זיין עסן..."

1. יאַנואַר 1941.

נעכטן ביינאַכט זענען זיך צונויפגעקומען א גרופּע שרייבער פאַרברענגען ניי-יאָר ביי מיר אין שטוב... מען האָט זיך דערמאָנט אין אַנדערע, בעסערע ניי-יאָרן... אין א נישט גרויס צימער האָבן מיר זיך אַלע צונויפגעדריקט. אונדזער יום-טוב איז באַשטאַנען אין דער פרייד, וואָס מ'האָט שוין ווידער אָנגעהויבן אַרויסגעבן סאָוועטישע טראַנזיט וויזעס. מיר, די גרופּע שרייבער און קינסטלער, האָבן זיך נאָך אַלץ אָפּגעהאַלטן

צו רעגיסטרירן אויף אוועקצופארן. היינט האבן מיר דאך באשלאסן עס צו טון.

3. יאנואר.

מיר האבן געשריבן מיט א צייט צוריק צו לילען, זי זאל זיך באמיען פאר אונדז וויזעס. היינט האבן מיר באקומען ענטפער, אז זי שיקט אונדז ארויס א סיאמער און פאנאמער וויזע. מיר האט עפעס אזא קלאפ גע־טון אין הארץ... די גאנצע צייט האב איך דאך נישט געוואלט פארן אן די קינדער. געווארט, געווארט, אז זיי זאלן צוריקקומען... ליידער אויף גארנישט זיך דערווארט... און פון עלעקן קיין שום לעבנס צייכן. ווער ווייס, וואס מיט אים איז געשען...

22. יאנואר.

היינט האב איך דערלאנגט א ביטע וועגן א סאוויעטישן טראנזיט אדורכצופארן רוסלאנד. ביים טויער פון ווילנער גאס 12 שטייען הונדער־טער פליטים און ווארטן אויף דער גליקלעכער מינוט, ווען זיי וועלן דער־זען זייער נאמען צווישן די גליקלעכע אויף דער ארויסגעהאנגענער ליס־טע מיט נעמען פון די, וועלכע האבן באקומען וויזעס. מען ווארט אזוי אפ גאנצע טעג ביז נאך האלבער נאכט און מען גייט אהיים אנטוישט, כדי מארגן פארטאג ווידער צו קומען. אפשר וועט שוין זייער נאמען זיך יא געפינען אויף דער ליסטע.

אויף די טרעפ ביז ארויף שטייען מענטשן, מען סודעט זיך, מען באראט זיך, אט זיצט אויף א באנק דער ווארשעווער באנקיר שערע־שאווסקי. ער איז עפעס אזוי ווי איינגעשרומפן אין זיך. אט גייט אריין אין אן אויסגעריבן רעקל דער לאדזשער מאגנאט פאזנאנסקי. אט גייט פארביי דער באקאנטער אגודה־דעפוטאט לייבעלע מינצבערג. זיין בערדל איז עפעס מאגערער געווארן. אלץ געוועזענע מענטשן. אט איז הערמאן קרוק, אט איז עלבוים, פלאקסער, ראזען, אלע איילן זיך און שטופן זיך, כדי צו קאנטראלירן די ליסטע פון די נעמען. ווען מען געפינט א באקאנ־טן נאמען צווישן די גליקלעכע, קוקט מען נישט ווי שפעט אין דער נאכט עס איז, נאר מ׳לויפט גלייך יענעם אויפוועקן פון שלאף און אנזאגן די גוטע בשורה.

8. פעברואַר.

לאַזאַרן האָט ווי געטון דער נערוו פון פּנים, מיר זענען געגאַנגען פרי שלאָפן. אין שטוב איז געווען שרעקליך קאַלט, אין דרויסן — 25 גראַד קעלט. מיר הייצן שוין נישט אַזוי אָפט דאָס צימער, נישטאָ קיין געלט אויף האָלץ. אונדזערע שכנים פון דער זעלבער וווינונג, צו וועמען עס גייט אַריין אַ האַלבער אויוון, די ליבע ברידער זאַגייסקים, זיי האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון הייצן. ערשטנס, צוליב אַזאַ פּראָזאַאישע זאַך ווי געלט און צווייטנס זענען זיי סיי־ווי־סיי אַ גאַנצן טאָג נישטאָ אין דער היים. זיי שטייען ביים טויער פון ווילנער גאַס 12 און וואַרטן אויף דער ליסטע. שפּעט ביינאַכט אַרום האַלב 12 איז געקומען צולויפן זאַגאַיסקי, דערזעענדיק אַז ביי אונדז אין צימער איז פינסטער, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז מען מעג אונדז אויפוועקן. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן, אַזוי שפּעט קלאַפּט מען אין טיר. דאָס האַרץ איז שיער אַרויסגעפאַלן... אָבער עס איז ווערט געווען די שרעק. ער האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז מיר האָבן די וויזעס, אַלע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט קושן. באַלד זענען געקומען אַנדערע פריינט, יעדער האָט געמיינט, אַז ער איז דער ערשטער אָנצוזאָגן די גוטע בשורה און די נאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. באַלד אינדערפרי בין איך געלאָפן אָפּנעמען די וויזע... די צימערן זענען ווי געווענלעך פול מיט באַקאַנטע. יעדער ווינטשט מיר מזל־טוב... אַזוי ווי מיר שטייען, גייט אַרויס אַ באַאַמטער און זאָגט הויך: „ווער עס האָט פאַלשע וויזעס, זאָל אַוועקגיין, עס איז היינט אַ שלעכטער טאָג פאַר די פאַלסיפיקאַטן״... ער זאָגט עס אין אַ וויץ, אָבער ער וויל דערמיט ווייזן, אַז ער ווייסט, אַז עס זענען דאָ אַ סך פאַלשע וויזעס... עס זענען טאַקע געווען מער פאַלשע וויזעס ווי ריכטיקע און די אויסלענדישע קאָנסולן האָבן אַליין אפילו נישט דערקענט, וועלכע עס זענען די פאַלשע און וועלכע די ריכטיקע, דאָך אָבער ווען דער באַאַמטער האָט געמאַכט דעם וויץ, האָבן זיך אַ סך מענטשן דערשראָקן און גיך אַוועקגעגאַנגען. איך האָב אָפּגענומען די וויזעס און לאַזאַר איז געפאָרן קיין קאָוונע צום „אינטוריסט״ באַשטעלן פּלעצער אויף דער באַן.

9. פעברואר.

טעלעגראפירט צו מארים לאמפען, וועלכער ליגט אין לעמבערג אין א שפיטאל. ער איז בעת א פארשטעלונג אראפגעשפרונגען פון א טיש און אזוי אומגליקלעך, אז ער האט זיך איבערגעריסן דעם באנד-אדער פון פוס.

ער האט מיר ביינאכט טעלעפאנירט וועגן דעם פון גראדנע און געפרעגט אן עצה צו וועלכן דאקטאר ער זאל פארן. איך בין באלד פארטאג אוועק צו דעם בארימטן ווארשעווער כירורג דעם דאקטאר סאלאווייטשיק, וועלכער האט זיך אויך געפונען אין ווילנע. מיט זיינע צוויי זין אויך בארימטע דאקטוירים; אלע דריי, דער טאטע מיט די זין, האבן געראטן, אז מארים לאמפע, זאל אוועקפארן אפערירן דעם פוס קיין לעמבערג, ווו עס געפינט זיך א ספעציאליסט. מארים לאמפע, וועלכער האט געהאט געארבעט אין א טעאטער אין גראדנע, האט געקראגן א דערלויבעניש צו פארן קיין לעמבערג. ער האט געוואלט קומען קיין ווילנע זען זיך מיט אונדז, אבער מען קען אן א דערלויבעניש נישט פארן... איך האב מיך באמיט, אז מיין טאכטער זאל אים שיקן פאפירן, ווען ער וועט קומען קיין ווילנע. ארויספארן מיט א וויזע האט מען געקענט נאר פון ווילנע...

10. פעברואר.

דעם 15־טן פארלאזן מיר ווילנע... מערקווירדיק, מ'האט דאך אויסגעקוקט די אויגן ביז מ'האט געקריגן די וויזעס, איך דארף דאך זיין גליקלעך... דאך עפעס כאפט מיך ארום אזא שרעקלעכער אומעט... איך האב אלץ געמיינט, אז איך וועל פארן מיט די קינדער... יעדנפאלס וועל איך זיי איבערלאזן אין זיכערע הענט, ביי גוטע פריינט אויף דער פריי... כ'וועל ווייסן, ווו זיי געפינען זיך... און איצט... אוי, ווי דאס הארץ טוט וויי, אזוי אוועקצופארן... א גאנצן טאג בין איך היינט ארומגעגאנגען קויפן א פאר זאכן פאר זיי איבערצולאזן. די גאנצע צייט, זייט זייער ארעסט, פלעגן מיר כסדר פאר זיי קויפן אנטועכץ. ס'איז דאך זייער שווער צו קריגן און ווען זיי וועלן אהיימקומען, וועלן זיי דאך זיין נאקעט און בארוועס...

11. פעברואר.

א שווער שטיקל ארבעט האָט לאזאר געהאט, ביז ער האָט געקענט זיין געזיכערט מיט פלעצער אויף דער באַן פון ווילנע דורך מאָסקווע, וולאדיוואָסטאָק, קיין יאפאן. 240 אמעריקאנער דאָלאר א בילעט, און ווו נעמט מען צוויי הונדערט און פערציק דאָלאר, ד"ה פאר אונדזביידן 480 דאָלאר. געזוכט, געלאָפן, טעלעגראפירט קיין אמעריקע אין „פאָר-ווערטס", ווו עס איז אונדז געקומען א ביסל געלט און מען האָט געקריגן בילעטן.

א גאנצן טאָג גייען צו אונדז מענטשן... יעדער בעט זיך. מ'זאָל זען טוען עפּעס, כדי זיי זאָלן אויך קענען ארויספאָרן. מען זאָל דורכאויס זען שיקן וויזעס.

13. פעברואר.

היינט זענען געווען זיך געזעגענען די ארטיסטן בליאכער, שריפט-זעצער, געניא שאפירא, פאניע ווינטער, שאדאָווסקי, זינגער. אלע זענען מיך מקנא און מיר איז אזוי ווייטיקלעך. כ'האָב היינט דערהאלטן א פּעקל קאָסמעטיק פון מיין טאָכטער פון איטאליע. ס'דארף קאָסטן 1.000 רובל צאָל, ווו נעמט מען אזא סומע געלט? ס'גלוסט זיך מיר נישט צוריקצושיקן דאָס פּאַקעטל. עס איז איר אזוי שווער אָנגעקומען, ביז זי האָט געקריגן די דערלויבעניש דאָס ארויסצושיקן. היינט האָב איך וועגן דעם דערציילט דער בארימטער פּוילישער ארטיסטין האנקע ארדאנאָוונא, וועלכע איז אויך א פּליטה אין ווילנע. מיר האָבן געפּלאָ-נעוועט ביידע אָוועקצוגיין און דערקלערן, אז מיר זענען ארטיסטן און מען זאָל אונדז אראָפּנעמען דעם גרויסן צאָל אָדער כאָטש פאַר-קלענערן...

VI

דורך דער סאָוויעטישער טעריטאָריע

15. פעברואַר.

אַדיע ווילנע!!! אַדיע, אַמאָליקע ירושלים ד׳ליטע, ניין, נישט אַדיע, נאָר אויף ווידערזעהן... כ׳וועל צוריקקומען, באַשטימט צוריקקומען... זאָל נאָר דאָס פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט, פאַראיבערגיין.

ס׳לויפט שוין דער צוג, שנעלער פון אים לויפן מיינע געדאַנקען... אין וואַגאָן פאָרן בלויז ישיבה בחורים פון דער מירער ישיבה. לאַזאַר זיצט שוין און רעדט מיט זיי. זאַמלט מאַטעריאַל... איך האָב נישט קיין געדולד צו רעדן... די געדאַנקען טראָגן אַוועק אויף פאַרשידענע וועגן!...

אונדזער אַוועקפאָרן און געזעגענען איז געווען זייער טראַגיש, באַזונדערס מיט בעלאַ, ישראלס קאַהאַנס שניר, וועלכע האָט אין ווילנע געבוירן אַ קינד, דאָס ערשטע פּליטים יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן. עס האָט געהייסן נאָך לאַזאַרס און נאָך מיין טאַטן, שמעון. דעם מאַן אירן, עלעק קאַהאַן, וואָס הייסט ווי מיין זון, האָט מען פאַרשיקט קיין קאָמי, ביי אַרכאַנגעלסק, פאַר שמוגלען די גרעניץ, מען האָט אים געכאַפּט צוזאַמען מיט מיינע קינדער. דעם קליינטשיקן שמעון, וועלכער איז שוין אַלט 9 חדשים, האָב איך כמעט אויפגעכאָוועט. בעלאַ האָט מיר געבראַכט דאָס קינד זיך צו געזעגענען... די אָרימע יונגיטשקע מאַמע בלייבט נעבעך איצט אַזוי איינזאַם מיט אַזאַ פּיצעלע קינד. זייער טראַגיש איז געווען איר געזעגענען זיך מיט אונדז. עס זענען געקומען דער שרייבער י. ראַפּאַפּאָרט, וואָס זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי ערד... די פאַמיליע עלבוים, יעדן האָט מען געדאַרפט טרייסטן, אַז אינ־

גיבן וועלן זיי אויך פאָרן... אַלע האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זאָרגן פאַר מיינע קינדער... די זאַכן פאַר די קינדער האָט מען איבערגעלאָזט ביי מאָרעווסקים קוזין מענדל עלמער.

16. פעברואַר.

היינט אינדערפרי אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דער וואקזאל איז זייער עלעגאַנט. בכלל זענען אַלע סאָוויעטישע וואקזאלן זייער שיין. אַן אויסערגעוועגלעך שיינעם וואקזאל האָב איך געזען אין מינסק. אויף אַלע סטאַציעס לויפן די מענטשן אַראָפּ נאָך „קיפּיאַטאָק", וואָס מען צאַפּט אָן געלט. גרויסע מעגאַפּאָנען רופן אויס ווו און ווען עס גייען אָפּ די באַנען. באאמטע פון „אינטוריסט" האָבן אונדז אַריינגעזעצט אין אַ גרויסן אויטאָבוס און אונדז געפירט ווייזן די שטאָט. מען האָט אונדז געפירט אין האָטעל „מאָסקאָווסקי", זייער אַ שיינער און רייכער האָטעל. ווי נאָר מיר זענען אַריין, האָבן מיר דאָרט געטראָפן דעם טעלעפּאט און היפּנאָטיזירער וואָלף מעסינג פון פוילן. ער האָט זיך מיט אונדז זייער דערפרייט. באַלד זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז קלאַרא יאָנג, איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ קאָנצערט אין אַן אַנדערער שטאָט. עס זענען געקומען צו אונדז די אַרטיסטן יוסף קאמען און נאדי קארעני, אונדזערע חברים פון פוילן. קארעני איז געגאַנגען אָנגעטון אַ טיכל אויפן קאָפּ. מיר זענען אַוועק עסן מיטאָג אַלע צוזאַמען. דאָרט איז אויך געקומען וולאדעק גאָדיק. אין אָוונט זענען מיר אַוועק אין יידישן מלוכה טעאַטער זען די פּיעסע „ביידע קוני לעמעלס". די פאָרשטעלונג איז געוועזן אַ זייער שיינע, איך אָבער האָט געמוזט אין מיטן דער פאָרשטעלונג אַהיים גיין. כ'פיל מיך שלעכט.

20. פעברואַר.

אָפּגעלעגן זייער שווער קראַנק. געהאַט אַלע טאָג דאָקטוירים. דאָס ביסל בראָנפן, וואָס איך האָב געטרונקען צום מיטאָג מיט אונדזערע פריינט דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען קיין מאָסקווע, האָט מיר פאַרשאַדט. איך האָב זיך געקאָרטשעט פון ווייטיקן, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן ווייטער נישט קוקנדיק, וואָס די דאָקטוירים האָבן פאַר־

באָטן אפילו זיך צו רירן. בכלל האָט דער „אינטוריסט" מיר אַרויסגע־וויזן זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט אין מיין קראַנקהייט. אפילו אין צוג, אויף יעדער גרויסער סטאַציע קומט צו מיר אַריין אַ דאָקטאָר. איך פאָר אין אַ וואַגאָן מיט ישיבה־בחורים. איך ליג אַ גאַנצן טאָג און זיי העלפן מיר זייער אַ סך. דער אָרימער לאַזאַר האָט זיך זייער דערשראָקן, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט צוליב מיר מוזן בלייבן, איך וועל נישט קענען פאָרן. דאָס עסן אין רעסטאָראַן וואַגאָן איז זייער אַ פיינס, איך קען אָבער נישט געניסן דערפון. אַז מען האָט שוין עפעס גוטס אָפצועסן, בין איך קראַנק... מען גיט מיר נאָר אַביסל קאַשע. מיר פאָרן איבער פאַרשנייטע וועלדער, דער פראָסט איז גרויס, אַלץ איז ווייס... אויף די סטאַציעס הענגען גרויסע בילדער פון לענין, סטאַלין, מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, ליטווינאָוו. מ'זעט גרויסע אויפשריפטן. די מענטשן אויף די סטאַציעס גייען אָנגעטון אַזוי ווי די עסקימאָסן. צוליב די גרויסע פרעסט זעט מען זיי כמעט נישט אַרויס די פנימער. עס ציען זיך גרויסע שטחים מיט נישט־באַוווינטער ערד, זעלטן זעט מען אַ הייזל.

.24 פעברואַר.

וווּנדערלעך איז געווען דאָס בילד ווי די ישיבה־בחורים האָבן פריי־טיק און שבת געדאַווענט אַלע צוזאַמען. די קאָנדוקטאָרן האָבן נישט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, אָבער דאָס געזאַנג פון דאַווענען האָט זיך געטראָגן איבער אַלע וואַגאָנען און דערמאָנט אין אַמאָליקע גוטע צייטן...

.26 פעברואַר.

היינט זענען מיר אַריבערגעפאָרן דעם בייקאַל... ווי וווּנדערבאַר שיין איז גאָטס וועלטל... שלעכטע מענטשן מאַכן עס מיאוס... שוין 6 טעג ווי מיר פאָרן אין באַן. די גאַנצע צייט בין איך געלעגן. היינט פיל איך מיך שוין אַ סך בעסער. די ישיבה בחורים זענען אַראָפגעלאָפן אויף די סטאַצ־יעס קריגן פאַר מיר ווייס ברויט. אין רעסטאָראַן איז דאָ בלויז שוואַרץ ברויט. ליבע האַרציקע מענטשן, די ישיבה בחורים, איך האָב זיי קיינ־מאָל נישט געקענט פון דער נאָענט. קלוג, דרייסט און ענערגיש.

28. פעברואר.

דער צוג פליט, טראגט אונדז אוועק אלץ ווייטער פון דער היים. מיר פארן אדורך גאנץ סיביר... מען קען נישט ארויסשטעקן דעם קאפ, דער פראסט איז שרעקלעך. אט זע איך מיט די אויגן סיביר. דאס שרעקנס ארט פון דורות לאנג... איך ווייס נישט פארוואס, נאר עס ווארפט אויף מיר אן א מאדנע סענטימענט, אנשטאט מורא... אלץ אזוי ווילד און ווייס און שניי און שניי און פאר די אויגן זע איך בלויז ארעסטאנטן און ווי־דער ארעסטאנטן... אלערליי פון אלע צייטן... אט לויפט פארביי א סטאציע מיט א יידישער אויפשריפט „אדלוטשא", אלע לויפן אראפ אויף דער סטאציע. זיי קומען צוריק פריילעכע. לאזאר איז מלא שמחה. ער האט געטראפן אויף דער סטאציע א ייד, ער האט מיט אים גערעדט יידיש. דער ייד האט זיך זייער געפרייט. מיר זענען אדורכגעפארן ביראַ־בידזשאן. דער צוג האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט.

שבת, 1. מערץ.

ענדליך זענען מיר אין וולאדיוואסטאק. געהאט א זייער שווערע רע־וויזיע ביי דער גרעניץ. מען האט מיר צוגענומען מיינע אויירינגלעך און א פינגערל, לאזארס גאלדענע פעדער און אונדז ארויסגעגעבן א קוויט, אז מיר וועלן צוריקפארן, וועלן מיר דאס צוריק באקומען. עס איז נישט דערלויבט ארויסצופירן ווערט זאכן. שפעט אין דער נאכט האט מען אונדז ארויפגעפירט אויף דער שיף, וואס דארף אונדז פירן צום יאפא־נישן פארט „צורוגא".

VII

אויף דער יאַפּאַנישער „שיף"

3. מערץ.

ווען איך האָב דערזען די שיף, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אַן אַלטער צעבראָכענער יאַפּאַנישער קלאָץ. קליין און ענג, מיר האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן. אָבער וווהין? סיידן אין ים אַריין. עס שטייען צונויפגעדריקט 550 יידישע פּליטים, נישטאָ וווּ זיך אַוועקצו־זעצן, מען פּרוווט זיך אַדורכשטופּן, זוכן אַ בעסער אָרט. מען שלעפּט דאָס ביסל אָרימקייט פון איין שלעכט אָרט אויף אַ צווייטן, אַ נאָך ער־גערן, מען לויפט ווידער צוריק, אָבער דאָס ערשטע אָרט איז שוין פאַר־נומען. מען מאַכט שותּפות, מען פאַרלייגט חלילה נישט קיין באַנק-געזעל־שאַפט מיט „באַשרענקטע מיטלען", נאָר צוויי פּליטים מאַכן שותּפות, איינער בלייבט שטיין היטן דעם צווייטנס „פאַרמעגן", און דער צווייטער גייט דערווייל אויסזוכן אַ בעסערן פּלאַץ. מען קריגט זיך: „וואָס איז דאָ אַ טעאַטער מיט נומערירטע פּלעצער, וואָס הייסט, איר זאָגט, אַז עס איז פאַרנומען". איך היט מיין פריינטס זאַכן, דאָס איז זיין פּלאַץ. מיינט מען דאָך אודאי, אַז דאָס רייסט מען זיך צוליב אַ פיינעם ווייכן פּאָטעל, האָבן מיר אַ טעות, דאָס רייסט מען זיך וועגן אַ שטיקל אָרט אויף דער בלויזער פּאַדלאָגע. אָט הויבט גאָר אָן צו רינען וואַסער פון דער הויך, אַ מאַמע, די אָרימע פרוי אָרענשטיין, כאַפּט איר קראַנק קינד אויף די הענט. ס'האָרץ ציטערט איר, ווייל זי האָט מורא, מען זאָל געוואָר ווערן, אַז זי פירט אַ קראַנק קינד... זי האָט גענוג האַרץ קלאַפּעניש געהאַט פאַרנ־דיק אויפן באַן, אַז מען זאָל זי נישט אַראָפּנעמען צוליב דעם אויפן וועג...

מען טאָר דאָך נישט פירן קיין קראַנקן, אפשר איז דאָס אַנשטעקיק... זי וואַרט מיט אומגעדולד, די שיף זאָל זיך שוין רירן פון אָרט... דעמאָלט וועט זי שוין זיין זיכער.

מיר דרייען זיך אַרום זוכן אַ פּלאַץ. דערציִ פיר איך נאָך ביי דער האַנט אַ פרעמד קינד. די מאַמע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן באַגאַזש און איז נאָך נישט אַדורכגעגאַנגען די רעוויזיע, האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיטנעמען אויפן שיף איר קינד, וואָס האָט איר געשטערט ביים אויפּפּאַקן די זאַכן. דאָס יינגל האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען פאַר זיך אַזויפיל נייע זאַכן... אַ ים, אַ שיף מיט יאַפּאַנער, וואָס זענען געגאַנגען אָנגעטון אַזעלכע „נאַמאָרדניקעס", וואָס האָבן פאַרשטעלט נאָז און מויל. אפילו איך האָב זיך דערשראָקן, ווען איך האָב דערזען דעם ערשטן „נאַמאַרדניק".

דאָס יינגעלע האָט נישט געקענט איינרוען... איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין ים. די מאַמע איז אַלץ נישט צוריקגעקומען... עס איז שוין פאַרטאָג. מען גרייט שוין די שיף צום אָפּפאָרן און די מאַמע איז נישטאָ. פּלוצלינג דערזעען מיר דעם בונדיסט אַלבערט און דעם רעליגיעזן אַדוואָקאַט זאַקהיים. זיי זענען גאַנצע באַלעבאַטים אויף דער שיף... זיי פאָרן שוין דאָס דריטע מאָל אַהין און צוריק... מען לאָזט זיי נישט אַריין קיין יאַפּאַן, ווייל די וויזעס זענען ביי זיי נישט אין אָרדענונג און אין וולאַדיוואָסטאָק קענען זיי נישט אַראָפּ, ווייל זיי זענען נישט קיין רוסישע בירגער... שפּאַצירן זיי זיך אַזוי דערווייל אַהין און צוריק אויף דער שיף און די דרויסנדיקע פריינט באַמיען זיך שוין, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג...

ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי אונדז באַלד מיטגענומען צו זייערע ערטער. עס איז געוואָרן אַ טומל פון די דייטשע פּליטים: „קיין פּלאַץ מעהר... קיין פּלאַץ... ביטע, ביטע נעהמען זי די ביינע צו"... אונדזערע יידישע יונגעלייט שפּעטן זיי נאָך: „די ביינע, די ביינע". זאָגט אויף פּראָסט מאַמע־לשון די פּיס. בכלל קריגט מען זיך כסדר מיט די דייטשע פּליטים. מען קען נישט פאַרטראָגן אַ דייטש וואָרט. די דייטשע יאַהודים קענען אונדז אויך נישט פאַרטראָגן. מען רעדט נאָך וועגן דייטש-

לאנד מיט ליבע. יעדער פון זיי האט נאך מיט זיך א פיינעם באגאזש... מען וויל זיך נישט צונויפקוועטשן, כדי ארייננצולאזן א „פאלנישן אדער איין ליטוואק"... מיר ליגן זיך אוים ווי די הערינג צוזאמענגעפרעסט... מענער און פרויען צוזאמען. עס קומט אן א שוואנגערדיקע פרוי, זי בעט זיך ביי דער דייטשער גרופע, אז זיי זאלן זיך אביסעלע צונויפרוקן, וועט זי זיך קענען זעצן. זיי ווילן אפילו נישט הערן דערפון. אונדזער גרופע רוקט זיך נאך מער צונויף און מען גיט דער פרוי אויך א שטיקל פלאץ. מיר זענען 11 און זיי 7.

עס קומט אריין א גאנצע גרופע יאפאנער מיט די שווארצע „נא־מארדניקעס" אויף די מיילער. מיר קוקן זיי אן מיט וווּנדער. מיר קוקן אויף די קליינע לעבעלעך אין די „נאמארדניקעס", דורך וועלכע זיי אטע־מען, מיר באוווּנדערן די ווייסע זאקן, וועלכע פארמאגן נאר איין פינ־גער, מיר באטראכטן די הויכע סאנדאלן, וואס זיי טראגן אין אזא פראסט. אבער מיר זענען פאר זיי נישט קיין קלענערע סענסאציע... באזונדערס די באבערדלטע יידן. מען ציילט אונדז איבער, מען הערט פייפן און די „שיף" רירט פון ארט.

עס איז געווארן א פרייד, א געזאנג. א גרופע פועלי־ציוניסטן, וואס האבן שוין געהאט אלע פאפירן אין ארדענונג און געהאפט גלייך אוועק־צופארן קיין ארץ־ישראל, האבן גענומען טאנצן אויף זייער שטיקעלע ענגן פלאץ און די פרייד האט אויך אלע אנדערע אנגעשטעקט... מען טאנצט און מען זינגט...

מען האט יעדן דערלאנגט אן עפל און א שטיקל רייז ברויט, דאס האט געהייסן אונדזער ערשטער פרישטיק.

16. יוני.

נעכטן איז געווען א זייער גרויסער שטורעם, אלע זענען געלעגן קראנק. ביינאכט איז מען געקומען ציילן די קינדער. דאס הייסט, אז עס איז שלעכט. דער צעבראכענער קאסטן קאן נישט בייקומען דעם גרויסן שטורעם... עס איז געווען שרעקלעך צו הערן די הילף סיגנאלן „ס.א.ס." א טייל פאסאזשירן האבן נישט פארשטאנען די געפערלעכע סיטואציע

אונדזערע. כמעט אלע זענען דאך געלעגן קראנק פון ים קראנקהייט און זיך נישט געקענט רירן פון ארט... די וואס פארשטייען די לאגע, ברעכן די הענט און שוייגן, נישט ארויסצורופן א פאניק. מיר האבן דאך שוין געזאלט היינט אינדערפרי זיין אין „טשורוגא"... עס איז שוין געווען אביסל רואיקער, איצט איז ווידער שרעקלעך, עפעס קומט פאר... כ'קען מער נישט שרייבן. די פעדער האלט זיך נישט מער אין האנט. די שיף ליגט זיך איינגאנצן אום, מ'זאל נאר בשלום אריבערקומען...

5. מערץ.

ענדלעך דערלעבט! גאט זיי דאנק זענען מיר שוין איבערגעקומען די שרעק אויך, מיר זענען אנגעקומען אין דעם פארט „טשורוגא". איצט ערשט האבן מיר זיך דערוווסט, אין וואס פאר א געפאר מיר זענען געווען, אונדזער שיף האט זיך געטרונקען, אבער זיך ארויסגעראטעוועט דורך פארן מיט אומוועגן. אזוי זענען מיר אנשטאט געווענלעכע 36 שעה געפארן 60 שעה. וועגן דער געפאר אויף דער שיף האט מען שוין געוווסט אין קאבע און מיר האבן גלייך דערהאלטן טעלעגראמען. ווי גוט עס איז. גלייך אויף דער שיף איז ארויפגעקומען א דעלעגאציע פון דעם „דזשוקאם" אין קאבע. דער סיבירער ייד גוטערמאן און דער שעדלעצער ייד סטאלאווי. מען האט אונדז געהאלפן, איינגעצאלט פאר אונדז דאס טראנזיט געלט, געהאלפן דורכפירן אלע פארמאליטעטן און אונדז אראפגעלאזן פון שיף, ווארטן אויף א באן וואס וועט אונדז פירן קיין קאבע. מיר קוקן אלע מיט אזעלכע דאנקבארע אויגן צו די קאבער יידן. קען מען דען באשרייבן דאס געפיל צו זיי. ווי וואנדערבאר אלץ זעט דא אויס... אלץ אזוי שטיל. די יאפאנישע פארט-ארבעטער, מיט גרויסע שטרויענע היט אויף די קעפ, כאטש עס ליגט א שניי אויפן גאס, טוען זייער ארבעט אזוי שטיל... גאר אז אנדער וועלט ווי ביי אונדז... עס לויפן פארביי אזוי פיל באנען אזעלכע שמאלע, אנגעפאקטע. אט שמעלט זיך אפ א באן. עס שיטן זיך ארויס אזוי פיל מענטשן. פרויען מיט קאלירטע קימאנאס, אויף דער פלייצע הענגט א קינד אין אזא בענקעלע פון סאמעט, עס שטעקט ארויס אזא קליין שווארץ קעפעלע, אין קליינעם פנימל שטעקן שווארצע פינטעלעך אנשטאט אויגן.

מען האָט אונדז אריינגעזעצט אין א וואַגאָן און מיר פאָרן. עס זיצן זייער א סך זעלנער, אלץ אזעלכע קליינטשינקע, זעען אויס ווי קינדער. קיינער רעדט נישט צווישן זיך. אין וואַגאָן איז ענג אָבער זייער שטיל. עס לויפן פארביי סטאַציעס כמעט פון בלויז גלאָז געמאכט. און שטענדערם מיט פרוכטן. אזוי פיל פרוכט, שוין אזוי לאַנג נישט געזען קיין פרוכט. אויף די סטאַציעס ביי די פענסטער פון וואַגאָן שטייען יונגע יאַפאַנערינס און פאַרקויפן געקאָכט עסן.

עס לויפן פארביי פעלדער, וואָס טונקען זיך אין וואַסער, דאָס זענען רייז־פעלדער וואָס מוזן תמיד זיין נאַס. מיר לויפן פארביי פאַר אזעלכע שייניניקע קליינינקע הייזעלעך; ווי שיין איז גאָטס וועלטל... עס לויפן פאַרביי די אויגן גאַנצע שטחים מיט קאַרשן ביימער, אזעלכע וואונדערבאַרע בליטן, העל ראָזע פאַרבן. גאַנצע מחנות מיט פאַלמען ביימער, מיט ריזיק גרויסע אליאַנדערס. עס לויפן פאַרביי הויכע בערג.

VIII

קאָבע

6. מערץ.

נעכטן צוויי ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָבע. ווען איך האָב דערזען, אַז עס וואַרטן אויף אונדז אייניקע חברים, מיט בעלאַ ראָזן אין דער שפּיץ, האָב איך זיך צעוויינט פאַר פרייד... וואָס פאַר אַ טייער געפיל דאָס איז: מען קומט אין אַ פרעמד לאַנד און עס וואַרטן דיך אָפּ אייגענע... מען האָט אונדז אוועקגעפירט אין אַ פיינעם האָטעל. ווען איך בין שפּעטער אַרויס אויף דער גאַס, בין איך געבליבן שטיין מיט אַ פאַר-כאַפּטן אָטעם. אַזאַ שיינקייט האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז אַ דעקאָראַציע, אַזעלכע פאַרביקע קליינינקע הייזעלעך באַצירט מיט לאַמפּיאָנען... אַזוי ווי פון פּאַפּיר.

12. מערץ.

איך פיל מיך נאָך אַלץ שלעכט. די נאַכט האָבן מיר געהאַט אַ סך שרעק. עס איז געווען אַ טייפון. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס גאַנצע הייזל וועט אוועקגעטראָגן. כסדר קומען אונדז באַזוכן פריינט. די זעלבע, מיט וועלכע מיר זענען געווען אין ווילנע: שעפנער, ווייגגאַרטען, קאַזש-דאַן, פישמאַן, אַריה, ראָזען, ביין, קאַרלינסקי. לייביטשקע, מלאַטעק, יו-ווילער.

איך בין אַנטציקט פון קאָבע. כאָטש עס איז מערץ און עס איז זייער קאַלט און ווינטיק, זעט מען אַזוי פיל גרינס, אַזוי פיל בלומען און זון.

17. מערץ.

איבערגעלעבט אַן ערד־ציטערניש. אַ סעקונדע האָט עס געדויערט. עס זענען אַראָפּגעפאַלן די בילדער פון וואַנט.

דינסטיק, 18. מערץ.

היינט איז ביי אונדז פארגעקומען א באנקעט לכבוד שעפנערן, ער פארט קיין נארד אמעריקע.

19. מערץ.

עס זענען אנגעקומען זייער טרויעריקע דעפעשן פון אונדזערס א גרופע חברים פון וולאדיוואסטאק. עס זענען אהין געקומען פון ווילנע די ח״ח י. ראפאפארט, מ. עלבוים, פעלא קאסעל, ראיא זאמינא און זינגער, מען וויל זיי נישט לאזן פארן קיין יאפאן, ווייל דער יאפאנישער קאנסול אין וולאדיוואסטאק אנערקענט נישט די קיראסאא־וויזעס. לאזאר איז געלאפן אין קאמיטעט אינטערווענירן.

25. מערץ.

מיר האבן אלע פארדרוס, ווייל אונדזער גרופע, וועלכע געפינט זיך אין וולאדיוואסטאק, קען נאך נישט קומען, כאטש מיר טוען אלץ. מיר פארשטייען, אז דאס איז צוליב דעם, וואס די אלע פליטים, וועלכע זענען שוין דא אין קאבע, רירן זיך כמעט נישט פון ארט. ווהין זאלן זיי פארן, אז אמעריקע איילט זיך נישט.

29. מערץ.

די יאפאנישע מאכט האט באשלאסן נישט אריינלאזן מער קיין פליטים. די ידיעה האט אונדז אלעמען געגעבן א שטארקן קלאפ. ערשטנס, וואס וועט טון די גרופע אין וולאדיוואסטאק? דאן די אנדערע פרייגט, וועלכע מיר האבן זיך באמיט ארויסצוראטעווען פון נאצישע הענט?

5. אפריל.

דערהאלטן פון מיין טאכטער 200 דאלאר. היינט האבן מיר א גרופע חברים געמאכט אן אויספלוג קיין קיאטא, זען די קארשן בליעכץ, עס איז געפארן: אריה, בער און בעלא ראזען, איך און לאזאר. עס האט גראד שטארק גערעגנט, אבער דאך האבן מיר געזען וואונדערלעכע זאכן. עס זענען געפארן א סך מענטשן. מיר האבן געזען ווי די פרומע יאפאנער, זענען עולה רגל צו די קברים פון הייליקן בודא אדער שינטא. פאר די גע־

מער שטעלט מען אוועק די טייערסטע פּרוכטן, עופות און אז״וו. דאָס זענען קרבנות פאַר גאָט, מען טוט אָן די געטער אין נייע פּאַפּירענע מלבושים. אויף יעדן טריט אַ קבר. אין די בערג געפינען זיך הונדערטער קברים.

.9 אַפּריל.

אַ פּאָר טעג צו פּסח. דאָס האַרץ טוט וויי. ווידער אַ פּסח אין דער פרעמד. און מען זעט גאָר נישט, אַז דאָס וואַנדערן זאָל נעמען אַ סוף. אַלע זענען היינט אומעטיק. די געגאַרטע וויזעס האָט מען נישט באַקומען. אמת, דאָס לאַנד איז וווּנדערבאַר שיין, אָבער מיט בלויזע נאַטור שיינ-קייט קען מען דאָך נישט לעבן... און די טעג פאַרגייען מיט קלאַפּן דע-פּעשן... און עס איז שוין שווער צו פאַרלענגערן דעם אויפהאַלט דאָ.

זונטיק, .13 אַפּריל.

עס איז ענדע פון די ערשטע טעג פּסח. מיר האָבן דאָך געפּראַוועט סדרים. פרייטיק ערב פּסח. איך בין ווי תמיד געקומען צום קאָמיטעט, טרעפן באַקאַנטע, לייענען די בריוו־ליסטע... אפשר דאָ אַ בריוו. עס דרייען זיך אַרום גאַל אויסגעמוטשעטע פּנימער, וועלכע זאָגן עדות פון שווער איבערגעלעבטע טעג. מיט אויגן צעשראָקענע ווי שעפּסן פאַרן שעכטן... דרייט מען זיך אַרום ווי שאָטנס נעבן די מויערן פון קאָמיטעט, מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער „ליסטע", וואָס דער קאָמיטעט הענגט יעדן טאָג אַרויס אויף דער וואַנט פון פאַרקאַן מיט נעמען פון די, פאַר וועלכע עס איז אָנגעקומען בריוו און טעלעגראַמעס.

שטייען זיי, די מחנה פּליטים, באַלאַגערן די „ליסטע" מיט קלאַפּנ-דיקע הערצער, לויפן די אויגן מיט שרעק איבער די שורות און מ׳זוכט, מען זוכט איינמאָל און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל לייענט מען די ליס-טע, אפשר האָט מען נישט באַמערקט דעם אייגענעם נאָמען. מען לייענט די ליסטע פון די טעלעגראַמען, אפשר איז פּאָרט אָנגעקומען די אויסגע-קוקטע ידיעה פון קרוב אין אַמעריקע, אַז ער שיקט אַרויס אַן „אַפידייו-וויט" און ראַטעוועט אים אַרויס פון דאַנען. אָבער עס העלפט נישט לייי-דער דאָס זוכן, דער נאָמען איז נישטאָ... און מען איז ווידער דערשלאָגן און צעבראָכן...

און דער ערב פסח איז אזא שיינער, אזא זוניקער, גאַרנישט צוגע־פּאַסט צו אונדזער געמיט...

צווישן די זוכנדע אין דער בריוו־ליסטע שטייען אויך אייניקע לי־טעראַטן. זיי, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג געווען די יידישע קולטור־טרעגער, מיט וועלכע דאָס גאַנצע יידישע פּוילן האָט זיך גערעכנט, איצט קוקן זיי אויס און וואַרטן, אז עמיץ פון אַמעריקע זאָל זיך מרחם זיין, עס זאָל שוין אַ סוף נעמען צו דעם וואַנדערן... ווען וועט מען שוין אויס־פּאַקן די וואַליזקעס? ווען? עס איז שוין באַלד נישטאָ וואָס אויסצופּאַקן ווען וועט מען שוין שלאָפן רואיק, נישט מורא האָבן, אז מען וועט חלילה נישט וועלן פאַרלענגערן דעם טראַנזיט.

דער טערמין פון די יאַפּאַנישע טראַנזיטן האָט זיך שוין לאַנג גע־ענדיקט, דרייען זיך אַרום פּליטים מיט דער פראַגע אויף די ליפּן: וואָס וועט זיין? וואָס?

ווידער אַ טאָג אַוועק. קיין טעלעגראַמע פון פעטער אין אַמעריקע איז נישט געקומען. ווידער געווען אומזיסט דאָס האָפן, דאָס וואַרטן... ס'איז שלעכט.

— שוין דער צווייטער פּסח אין גלות — רופט זיך אָן איינער.

יאָ, דער צווייטער יום־טוב, וואָס ווערט פאַרשטערט דורכן נייעם צורר היהודים, און אַ שווערער קרעכץ ווי אַ כאָר רייסט זיך אַרויס פון אַלעמענס הערצער. און די געלע פּנימער ווערן נאָך פינסטערער און די נעזער לענגער אויסגעצויגענער. די רוקנס איינגעבויגענער, אַזוי ווי מען וואָלט וועלן איינשרומפּן אין זיך...

ווידער פּסח אַליין אָן די קינדער.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — רופט זיך אָן קלמן קאַרלינסקי — לאָמיר גאָר מאַכן אַ בשותּפותדיקן סדר.

יאָ, טאַקע. עס וואָלט געווען נישט שלעכט, כאַפּן אייניקע אונטער.

— עס וועט נישט זיין אַזוי אומעטיק... פאַרט אַביסל אָנגענעמער צו זיין אין אַזאַ טאָג צוזאַמען... עס איז דאָך פאַרט יום־טוב, לאָמיר סדרן צוזאַ־מען.

— אָבער וווּ? בײַ וועמען? ווו נעמט מען אזא גרויסע שטוב? נו און געלט? רופט זיך אָן דער סקעפּטיקער.

— ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר הײַנט נישט עסן קיין מיטאָג און יעדער וועט געבן איין יען (אומגעפער 20 סענט אמעריקאנער), וועלן מיר האָבן אַ סדר.

— וואָס? פאַר איין יען ווילסטו אַ סדר? — לאַכט מען אים אויס. וואָס וועסטו פריער קויפן פאַר איין יען?

איך שטיי און הער דאָס געשפּרעך, איך בין אַליין זייער דערשלאָגן... שוין באַלד געהאַט די וויזעס קיין אַרגענטינע. געפילט זיך ממש גליקלעך און אין קאָבע איז אַן אַנטיסעמיטישער קאָנסול, ער טראַכט יעדן טאָג אויס עפּעס אַנדערש, אַבי צו מאַכן שוועריקייטן... איך שיק טעלעגראַמעס. די גאַנצע 200 דאָלאַר, וואָס מײַן טאַטע האָט געשיקט, איז שוין אַוועק אויף טעלעגראַמעס און קיין ענטפער איז אַלץ נישטאָ... פאַר די אויגן לויפן בילדער פון אַמאָליקע פּסחס אין אַן איינגענער ליכטיקער היים... די קינדערלעך ביים טיש... די קינדער? כ'האָב גאָר מורא צו טראַכטן וועגן זיי. ווער ווייסט ווו זיי זענען? דאָס האַרץ טוט אַזוי וויי. און דאָ לאָזט מען אויך נישט בלייבן. ס'איז שלעכט.

איך הער זיך צו צום געשפּרעך, עפּעס דערוועקט זיך אין מיר אַ מוטערליך געפיל צו די אַלע אומגליקלעכע, פאַרוואָגלטע, מיר ווילט זיך זיי טרייסטן, זאָלן זיי באַטש יום-טוב נישט זײַן אַזוי עלנד.

— יאָ, פאַר אַ יען אַ מענטש קען מען מאַכן אַ סדר — רוף איך זיך אָן.

מען רינגלט מיך אַרום פון אַלע זייטן:

נו אדרבה, שושנה, נעם זיך דערצו. און זאָלן מיר די סדרים פאַרברענגען צוזאַמען.

דריי פרויען: בעלאַ ראָזען, ווײַנגאַרטען און איך, האָבן מיר פאַרקאַטשעט די אַרבל, אײַנגעשפּאַנט זיך צו דער אַרבעט, צוזאַמענגענומען צו איין יען, פון אַ פערזאָן (וואָס האָט באַדאַרפט זײַן אויף צוויי מיטאָגן) און צוגעגרייט אַ סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס. קיין מצה מעל קריגט מען נישט אין יאַפּאַן. מצה האָבן מיר געקריגן פון קאָמיטעט, ווי

א גרופּע שרייבער־פּליטים אין די יאפּאנישע בערג

(פון רעכטס צו לינקס) בער י. און בעלא ראזען, אריה ניימארק, שושנה און לאזאר קאהאן

מאכט מען דאס א סדר אן קניידלעך? קיין שטויסן איז יאפאן נישט פאראן. איז וואס טוט מען? דא איז אונדז געקומען צו הילף א דייטשע פליטקע און אונדז אויסגעלערנט מיט א פלאש וואלגערן איבער דער מצה און מיר האבן שוין מיט מזל מצה מעל. טאקע. זייער דיקע שטיקלעך, אבער עס איז פיין. ווידער באציען זיך אונדזערע פנימער מיט טרויער, צו קניידלעך מוז מען דאך האבן אייער, אין יאפאן אייער איז א שווערע זאך, עס מאכט זיך אמאל, אז מען קריגט צו קויפן איין איי (אין יאפאן איז נישטא קיין שווארצער מארק. מען באהאלט נישט קיין פראוויאנט פאר דעם וואס צאלט מער. איז פאראן אן ארטיקל אין שטאט, ווערט עס פארקויפט אין קליינע פארציעס צו אלעמען. דאס זעלבע אויך מיט אייער, ווען מען קריגט איין איי איז מען גליקלעך...). איצט דארף מען דאך אייער צו די קניידלעך, צום זאלץ וואסער, צו די געפילטע פיש און אונדזער גאנצע גרופע, אלע ווי איינער שטעלן זיך אוועק אין דער ריי נאך אייער. מיר האבן נאך געהאט גליק אויך, וואס עס איז פונקט געווען אין שטאט אייער, דאס האט אונדז דאס מזל צוגעשפילט לכבוד פסח. עס האט נישט לאנג געדויערט און אלע זענען געקומען צו לויפן מיט שטראלנדע פנימער און יעדער האט געטראגן אן איי אין האנט.

נישט שייך צו זאגן, אז יידן זענען אן איינגעשפארט פאלק און טוט אונדז עפעס... עס איז געווארן קניידלעך און טאקע שיינע, געראטענע, פולכיקע, גרויסע קניידלעך.

דער סדר איז פארטיק... אן אמת פסחדיקער סדר, מיט חרוסות, און כרפס (דאס פעלט אונדז נישט) און אייער מיט זאלץ־וואסער און געפילטע פיש און די הויפטזאך קניידלעך.

אלע קוקן מיט זשעדנע בליקן אויפן שיין געדעקטן טיש... שוין לאנג נישט געגעסן אזעלכע פיינע מאכלים... מיר באקומען דאך נאר איינגאנצן איין יען מיט צוואנציק סען (21 סענט אמעריקאנער) פון קאמיטעט. אויף וואס זאל דאס פריער זיין? אויף עסן? אויף בריוו צו די קרובים אין דער גאנצער וועלט, אז זיי זאלן זיך מרחם זיין אונדז אהין נעמען... צי אויף טעלעגראמעס מיט באצאלטן ענטפער (דער קרוב וועט

דאַך נישט וועלן אַריינלייגן זיינע פּאָר דאָלאַר אויף צו ענטפערן טעלע־גראַפיש, ער איילט זיך נישט ווי מיר... ער האָט צייט צו שרייבן אַ גע־וועגלעכן בריוו, אפילו נישט לופט פּאָסט), נו און רייזעס קיין טאָקיאָ צו די קאָנסולן פון פּאַראַגוויי, אורוגוויי, טשילע אא״וו, נו און צורעכט מאַכן שיך... וואָס פון דעם אַרומלויפן ווערן זיי נישט געשווינט.

און איצט אַזאַ שיין־געדעקטער טיש, באַשטעלט מיט אַזעלכע פּיי־נע מאכלים. די סלינע קומט אין מויל אַריין. עס רייצט דעם גומען... די אויגן ווערן גרעסער, מען וואַרט שוין מיט אומגעדולד צוצוכאַפּן זיך צום געפילטן שטיק פיש, וואָס שמייכלט צו דיר פון טעלער אַראָפּ... די קניידלעך ווינקען צו דיר און לאָזן דיך נישט שטיין גלייכגילטיק...

מען זעצט זיך צום טיש.

און מיטאַמאָל ווערן אַלע טרויעריק.

פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ מאָלצייט?.. אונדזערע נאָענטסטע און ליבסטע שמאַכטן אין די תפיסות אין די געטאָס... פאַרוואָס זענען מיר דאָס די אויסדערוויילטע?.. פאַרוואָס קומט אונדז פיש און פלייש? ווען יענע האָבן אפילו נישט קיין שטיקל ברויט...

לאַזאַר קאהאַן עפנט דעם סדר, מיט אַ פּאָר רירנדע ווערטער וועגן אונדזער צווייטן ביטערן יום־טוב אין דער פרעמד. בעט איבעררייסן דאָס עסן דורך איין מינוט שווייגן... צו זיין צוזאַמען מיט יענע... טויזנ־טער געדאַנקען טראָגן אונדז אַוועק קיין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, סיביר... עס גיסן זיך הייסע טרערן אין די טעלערס אַריין און זאַלצן צו דאָס עסן...

אַ פּאָר מינוט שטילע, שווערע, און יעדער פון אונדז האָט וואָס צו דערמאַנען, יעדער האָט דאָך דאָרט איבערגעלאָזט עפּעס נאָענטעס, וואָס לאָזט אים נישט רוען... אַ ווייב, קינדער, עלטערן... און מען דערמאָנט זיך אין דעם שווער מיטגעמאַכטן פּליטים-וועג... מען טראַכט נישט פון דעם יציאת מצרים פון אַמאָל, נאָר וועגן די גרעניצן, די פאַרבאָטענע, דורך וועלכע מען איז געלאָפן און... ווער ווייסט וואָס עס שטייט אונדז נאָך איצטער פאָר... ווו וועלן מיר איצט מוזן לויפן? סיידן אין ים אַריין...

און א הייסע תפילה באוועגט אונדזערע ליפן צו די פעטערס אין אמעריקע, אז זיי זאָלן זיך מרחם זיין און אונדז אויסלייזן פון ערגערע הענט ווי פרעהס.

מען הויבט אויף די קעפּ. יעדער וויל אויסמיידן דעם צווייטנס בליק, אזוי, ווי מען וואָלט נישט וועלן אָנשטעקן דעם שכן און ווייזן די פאַרוויינטע אויגן...

„ס'איז יום-טוב!" — רופט אוים לאזאר קאהאן. „ס'איז יום-טוב!"... זיין שטימע ציטערט פון געוויין... שוין דעם צווייטן פּסח הערן מיר די ווערטער! „ס'איז יום-טוב!"

יאָ, „ס'איז יום-טוב" — כאַפּן אַלע אונטער און ווילן מיט געוואַלד פאַרטרייבן די טרערן, וואָס שטיקן אין האַלדז און וואָס זוכן אַן אָרט, ווו אויסצוקלאָגן זיך... מען לאָזט גיך אַראָפּ די קעפּ אין די טעלער אַריין... כדי איינצוהאַלטן דעם שטראָם טרערן...

אָבער גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה... עס איז געקומען א פאָטאָגראַפיסט פאָטאָגראַפירן דעם סדר און אונדז אויסגעלייזט פון א ביטער געוויין...

פרייליכע פּנימער, חברים... ס'איז פּסח! און מיר האָבן זיך צעשמייכלט אין א מאָדנע גרימאַסע. און אזוי האָבן מיר געפּראַוועט ביידע סדרים אין קאָבע.

25. אפּריל.

מען וויל שוין נישט פאַרלענגערן דעם טראַנזיט. היינט זענען שוין א סך פּליטים אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין שאַנכיי...

1. מאַי.

ווי רואיק, ווי שטיל... ווו ביסטו, וואַרשע, מיט דיינע דעמאָנסטראַציעס... ווו זענען די אַרבעטער מאַסן מיט די רויטע שלייפעלעך און די רויטע בלומען אין די לאַצן... „פּשעיאַזד" און „קאַרמעליצקע" גאַס... און דאָ איז אַזוי רואיק... מען האָט דער שרייבער-גרופּע פאַרלענגערט דאָס וווין-רעכט. אונדזערע לינקע גרופּן זענען יום-טובדיק געשטימט... א מאָדנע בילד האָב איך היינט געזען, וואָס איז אזוי כאַראַקטעריס-

טיש פאר דער שטילקייט פון יאפאנישן פאלק... עס איז פארבייגעפארן א גרויסער אויטאבוס מיט פארוואונדעטע יאפאנישע מיליטערלייט; אלץ אין גאס, אפילו פון די ארומיקע גאסן בלייבט שטיין... מיט אראפגע־בויגענע קעפ. די טראמוויען, די ריקשעס, אלץ שטעלט זיך אפ. פון די געשעפטן טראגט מען גיך ארויס טאוולען מיט אויפשריפטן. אלע פון די געשעפטן לויפן ארויס, שטעלן זיך אוועק שטילשווייגנד, מיט אראפ־געלאזענע קעפ, דאס גיט מען אפ כבוד דעם מיליטער. ווען דער אוי־טאבוס פארט פארביי, הויבט זיך צוריק אן דער פארקער.

10. מאי.

די וועלט האט דאך אונדז נאך אין גאנצן נישט פארגעסן... היינט איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון ארגענטינע, אז מען באמיט זיך וועגן וויזעס פאר שושנה און לאזאר קאהאן, ראזענ׳ס, פלאקסער, פישמאן און ארבאך. די פרייד איז גרויס, אלע האבן זיך געקושט... מען האט זיך אפגעזאגט פון דער ריי אויף וויזעס קיין קאנאדע, וואס דער פויליש־ער אמבאסאדאר, גראף ראמער, האט געשאפן אויך פאר די שרייבער, זאלן אויף די וויזעס פארן אנדערע אונדזערע חברים, וואס האבן דער־וויל נישט קיין אנדער אויסוועג... עס האט אריינגעבראכט אביסל פרייד אין אונדזער וויסט לעבן.

25. מאי.

מיר האבן פון קאמיטעט באקומען אן אייגענע „היים" פאר די שרייבער. היינט האבן מיר געמאכט חנוכת הבית.

28. מאי.

היינט איז פארגעקומען ביי אונדז אין „היים" א באנקעט צום אפ־פארן פון ל. ביין און ארבאך קיין ארץ־ישראל.

4. יוני.

כ׳בין געקומען קיין טאקיא. אבער טאקיא, איז נישט אזוי ראמאנ־טיש און פאעטיש ווי קאבע. זי פארמאגט אן אנדער שיינקייט... זי איז דער שטאלץ פון יאפאן.

14. יוני.

היינט א גאנצן טאג זענען מיר אלע שרייבער געזעסן און געפאקט פאקעטן טיי צו שיקן אונדזערע אומגליקלעכע חברים און קרובים, קיין פוילן, ליטע, און אויך פאר ארטיסטן, מאלער און גזעלשאפטלעכע טוער. איך האב באקומען א בריוו פון מיין מאמען, אז פון איין פעקל טיי לעבט זי א גאנצע וואך... דאס הייסט, זי פארקויפט עס. נו, האבן מיר זיך גענומען ענערגיש צו שיקן אלעמען טיי. מען קען נאר ארויסשיקן 500 גראם, שיקן מיר א פאר פעקלעך א טאג.

22. יוני.

אויסגעבראכן דער דייטש־סאוועטישער קריג. מיר ווייסן אליין נישט, צי מיר זאלן זיך פרייען צי וויינען... א טייל זאגן, אז איצט וועט דער קריג גיך נעמען אן ענדע. איך ווייס אבער איינס, אז איצט זענען מיינע קינדער אין א גרויס געפאר... ניין, איך קען מיך נישט פרייען.

25. יוני.

היינט איז ווידער ביי אונדז אין היים פארגעקומען א באנקעט. פאר אריהן און קארלינסקין. זיי פארן קיין קאנאדע. איך בין זייער בייז אויף די ארגענטינער חברים, וואלטן זיי נישט צוגעזאגט די וויזעס, וואלט דאך אפשר לאזאר אויך געפארן קיין קאנאדא. אזוי זיצן מיר אוןווארטן און מען הערט נישט און מען זעט נישט... און די ערד ברענט שוין ווידער אונטער די פיס... מען קען נישט ווייסן, וואס מארגן וועט זיין...

25. יולי.

כ׳בין קראנק. די דאקטוירים זאגן, אז איך מוז שוין האבן אן אפעראציע. עס איז א געוויקס אויף דער לעבער... עס פארגרעסערט זיך אין א שנעלן טעמפ. ווייניק צרות האב איך, איז נאך א צושפיל... ארימער לאזאר... טאמער מוז מען טאקע גלייך אפערירן און דא קען נאך אויסברעכן א מלחמה אויפן פאציפיק... די צייטונגען זענען פול מיט פולווער... איז ער איינפאך אומגליקלעך... איך האב דאס אלץ נישט גענומען אזוי ערנסט... ווען אבער דער בארימטער פראפעסאר שמידט, האט

היינט נאָך אַ קאָנסיליום געזאָגט דעם פּליטים דאָקטער פּאַלאַקעוויטש, אַז דאָס געוויקס איז זייער געפערלעך און איך קען נישט וואַרטן לאַנג ביז צום אָפּערירן, האָט מיך אַפילו אָנגעכאַפּט אַ מאָדנע אַפּאַטיע. מיר איז שוין אַלץ איינס, איך האָב נישט אַזוי פיל כוח צו קעמפן פאַר דעם ביסל נישטיקן לעבן... לאַזאַר אָבער און די חברים האָבן מיך אָנגעהויבן צו יאָגן קיין טאָקיאָ און דערציילן די גאַנצע געשיכטע פאַר דער גרעפין ראָמער, דעם אַמבאַסאַדאָרס ווייב. זענען מיר, איך און בעלאַ ראָזען, אַוועקגעפאָרן קיין טאָקיאָ. איך האָב דער גרעפין ראָמער געוויזן די בריוו פון די שטאָטישע דאָקטוירים... כ'האָב איר דערקלערט, אַז איך קאָן זיך נישט לאָזן דאָ אין יאַפּאַן אָפּערירן. ווייל דאָס איז אַ געפערלעך ריזי־קאַלישע אָפּעראַציע, אַז איך וואָלט די אָפּעראַציע געוואָלט מאַכן אין קאַנאַדע, און דער הויפּט־מאָטיוו, לאַזאַר איז אַ זשורנאַליסט, ווען די לאַגע וועט זיך ענדערן, וועט מען דאָך די זשורנאַליסטן אינטערנירן... און נאָך אַזאַ שווערער אָפּעראַציע (אויב איך וועל זי אויסהאַלטן) דאַרף איך דאָך אַ לאַנגע צייט ליגן. אַזוי ווי איך ווייס, אַז זיי האָבן וויזעס צו זייער דיספּאָזיציע, בעט איך זי, אונדז געבן די וויזעס. און זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז לאַזאַר וואַרט אויף אַרגענטינער וויזעס, ער האָט שוין לאַנג געקענט האָבן קאַנאַדער וויזעס... זי האָט געזאָגט, אַז זי גייט שוין איבעררעדן מיט איר מאַן... עס האָט נישט געהאָלפן, מיר האָבן קיין ווי־זעס קיין קאַנאַדע פון אַמבאַסאַדע נישט געקריגן... נאָר אויף די וויזעס, וואָס זענען געוואָרן צוגעטיילט, זענען געפאָרן אַלע קריסטלעכע פּליטים, אַלע משומדים און ערשט שפּעטער אַביסל אַנדערע פּליטים... איך האָב מורא צו גיין צו דער אָפּעראַציע... וואָס האָט יאָ געטון די גרעפין ראָ־מער? זי האָט מיר צוגעשיקט אַ בריוו, אַז איך זאָל קומען זיך אָפּערירן אין טאָקיאָ, אויף דעם רעכענונג פון דער אַמבאַסאַדע און זי וועט פאַר מיר זאָרגן... איך האָב מורא... און דאָס געוויקס וואַקסט. איך האָב איר אָפּגעזאָגט. איך וויל שוין נישט איר טובה.

10. אויגוסט.

מען וועט מוזן פאָרן קיין שאַנכיי... כאָטש עס קומען אָן פון דאָרט שרעקלעכע בריוו. מען פאַרלענגערט נישט מער דעם טראַנזיט דאָ צו

בלייבן. היינט איז אוועקגעפאָרן א גרויסע גרופע. עס איז דאָ א שטארקע מלחמה־שטימונג. ווידער זיצן מיר אין דער פינצטער. מען מאכט אי־בונגען... ווידער קאַלעמוטנע... מען לויפט שוין ווידער זען, צי אונדזערע געמען זענען דאָ אויף דער ליסטע ארויסצופאָרן. פריער, אז מען האָט גע־זען דעם נאָמען ארויסצופאָרן, האָט מען זיך געפרייט. היינט, ווען מען זעט, אז מען איז אויפן צעטל צו שיקן קיין שאנכיי, וויינט מען.

20. סעפּטעמבער.

צוויי טעג פאַר ראש השנה... ווי לאַנג נאָך? און איך וואַרט... איך פיל נישט קיין וויטיקן... אפשר וועט מיר בעסער... כ'האָב מורא פון מויל ארויסצוברענגען...

25. סעפּטעמבער.

היינט איז דאָ געוועזן זינגאָלד, דער גאַנצער מאכער פון גראף ראַ־מער. ער האָט דערציילט, אז צוליב דעם, וואָס איך האָב רעדנדיק מיט דער גרעפין ראַמער אויך געבעטן וויזעס פאַר די ראָזענס, דערפאַר האָט מען מיר גאָרנישט געגעבן...

10. אָקטאָבער.

מען האָט געשלאָסן די פּוילישע אמבאַסאַדע... דעם 20טן פאָרן מיר שוין אויך קיין שאנכיי. מיר זענען כמעט פון די לעצטע. מיר זענען איינ־געלאַדן געוואָרן פון סעטא, א יאַפּאַנישער שרייבער־מיסיאָנער, אויף „סאַ־קויאקי", א יאַפּאַניש עסן, וואָס ווערט געמאַכט פאַר דעם גאַסט אין די אויגן, ביי דעם טיש וווּ ער זיצט. זייער א פיין עסן. זיין פרוי האָט מיר געבראַכט א פּעכערל אַלס אָנדענקען.

15. אָקטאָבער.

איך בין היינט איינגעלאַדן געוועזן ביי דער יאַפּאַנישער פאַמיליע, וועלכע האָט מיר אויסגעבאָרגט א שאַנק פון זייער מעבל־געשעפט, פאַר וועלכן איך האָב די גאַנצע צייט געצאָלט חודש־געלט. ווען איך בין גע־קומען זיי מיטטיילן, אז זיי זאָלן צונעמען די שאַנק, האָבן זיי מיך זייער באַדויערט, וואָס איך מוז פאָרן קיין שאנכיי. מיך איינגעלאַדן אויף היינט

זיי צו באזוכן און עסן מיט זיי נאכט־עסן. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געווען אין אַן עכט יאַפּאַנישער שטוב. ווען מען גייט אריין אין שטוב, טוט מען אויס די שיך. עס שטייען אָנגעגרייט שטעק־שיך פון שטרוי. די שטרויענע מאַטע אויף דער ערד איז זייער זויבער, ביי אַ נידעריק טישעלע, ארום אויף דרערד ליגן אייניקע קישעלעך. אַלע זעצן זיך אויף די קישעלעך אויף דרערד, די פיס געקרייצט אונטער זיך. דאָ שטעלט מען מיך פאָר די איבעריקע פאַמיליע-מיטגלידער. איך האָב אַ לייכטן נאָמען: אַ „רעפּודזשי", זיי אָבער האָבן שווערע נעמען.

22. אָקטאָבער.

ווידער שלעפּט מען די פּעקלעך. ווידער זיצט מען אין אַן ענג געפּאַקטן צוג. אַ גאַנצע מחנה פּליטים, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן יאַפּאַן און זענען ארויסגעשיקט געוואָרן קיין שאַנכיי. אַלע זענען דערשלאָגן, וואָס מען טרייבט אונדז ווידער. און פון שאַנכיי האָבן מיר געהאַט שרעקלעכע בריוו. מען האָט אונדז געשריבן, אַז אין שאַנכיי איז שרעקלעך היים, אַז מען שלאָפט אין אַ וואַנע מיט קאַלט וואַסער. און מיר האָבן אַלץ געוואַרט אויף אַן ענדע־וויזע, אָבער זיך אויף גאָרנישט דערוואַרט. איצט וואַנדערט מען ווידער. אַ גאַנצן טאָג געפאָרן אין באַן. אָנגעקומען אויף אַ סטאַציע און געדאַרפט מיט אַ פאַראַם אריבערפאָרן אַ טייך צו אַן אַנדער סטאַציע, קיין נאַגאַסאַקי... איז אָבער געווען אַ „בלעקוויט" אין דערצו אַ חושכדיקע נאַכט, אַזוי ווי ביי אונדז אויפן געמיט. מען האָט נישט געקענט זיך רירן, נישט געזען ווו מיר זענען. מיר שטייען צוגעטוליעט, די גאַנצע גרופּע, איינער האַלט זיך אָן אין צווייטנס קלייד, מען זאָל זיך נישט פאַרלירן... איינער אַ דרייסטער טאַפּט אין דער פינצטער און גייט געוויר ווערן, ווו מיר דארפן גיין. עס קומט אַ קאָנדוקטאָר און פירט אונדז דורך פאַרשידענע טרעפּ... יעדע מינוט פאַלט אום אַן אַנדערער. עס איז שטאָק־פינצטער... אַז מיר זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, זענען אונדז אַקעגנגעקומען גאַנצע מחנות זשאַנדאַרן. אויסגעפרעגט, ווען די מאַמע האָט אונדז געהאַט, קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אונדז, געוווּנדערט זיך אויף די

רבנים מיט די בערד און ווידער אונדז אריינגעפירט אין א באן... ווידער א גאנצע נאכט געפארן און אין דער פרי אנגעקומען קיין נאגאסאקי. דא האט מען ווידער געהאט א שפאר ביסל צרות צו דערקענען דעם באגאזש און אים עפענען צו דער רעוויזיע. אלע אונדזערע באגאזשן האבן אויסגעזען אלצאיינס. אלע פליטים האבן ארומגעבונדן דעם באגאזש מיט די זעלבע שעניקעס און אלע פליטים האבן געפירט קיין שאנכיי דעם זעלבן פאליר אנגעפולטן שטרוי-זאק און די זעלבע קאלדרע מיטן שטרויענעם קישעלע, ווייל מ'האט אונדז געשריבן פון שאנכיי, אז מען זאל אלץ מיטברענגען. און אזוי ווי די היימען ווערן ליקווידירט, מיר זענען דאך כמעט די לעצטע שוין, וואס פארן אפ, האבן די שאנכייער אונדז געבעטן אז מיר זאלן אין זיי געדענקען און מיטברענגען די טעפ און די שיסלען און די עמערס. נו, נו, האבן מיר דאס געפירט א „באגאזש" קיין שאנכיי... אלטע שעניקעס מיט שטרוי, אלטע טעפ, טעפלעך און אויערן. אלץ... און אויף דער גרעניץ, איידער מיר גייען ארויף אויף דער שיף, דאס אלץ אויפפאקן און יעדער שרייט, אז דאס איז נישט זיינס... ס'איז געווען דער אמתער יאריד. און איצט זענען מיר שוין גאט זיי דאנק אויף דער שיף „נאגאסאקי מארו". אויך דא זענען נישטא קיין בעטן צו שלאפן, אויך דא וועלן מיר מוזן זיך לייגן אויף דער ערד, אבער ביז נאכט איז נאך ווייט. דאס וואסער איז העסלעך... געל. א געלער ים.

XI

שאַנכײַ

25. אָקטאָבער.

אָנגעקומען קיין שאַנכײַ דעם 23טן. אַלע חברים האָבן אונדז אָפּגעוואַרט בײַם פּאָרט מיט בלומען. ווען מיר זענען געווען נישט ווײַט פון פּאָרט, האָט מען אַלע פּאַסאַזשירן געהייסן גיין אין אונטערדעק און נישט אַרויפקומען ביז מען וועט אונדז דערלויבן. מען האָט אויך אונטן פאַרשטעלט די פענצטערלעך, אַז מיר זאָלן גאָרנישט זען. שפּעטער זענען מיר ערשט געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס זענען מיר פאַרבײַגעפאָרן מיליטערישע אָביעקטן. ווען מיר זענען אַרויס אויפן דעק, האָב איך שוין פון ווײַטן דערזען אונדזערע אַלע חברים וואַרטן אויף אונדז. באַלד, נאָך אויפן שיף זײַענדיק, דערזעט מען אַ גוואַלדיקן קאָנטראַסט פון יאַפּאַנער. דער יאַפּאַנער אַרבעט גיך און שטיל, דער כינעזער — לאַנגזאַם און מיט אַ גרויסן ליאַרעם. איר הערט קיינמאָל נישט זײַנע טריט, ווײַל ער גייט אָנגעטון אין ווייכע לאַטשן און שטרויענע סאַנדאַלן, אָבער איר הערט תּמיד זײַן געשריי. סײַ ער טראָגט די קלענסטע משא, סײַ די שווערסטע, זינגט ער צו: „עהאָ, עהאָ". איינער וויל אויסכאַפּן בײַ דעם צווייטן דאָס פּאַרדינסטל און עס לויפן צו אַ 15 כינעזער אויף אַמאָל... זיי רעדן אַלע לשונות. יעדער האָט געכאַפּט אַ שטיקל באַגאַזש. איך האָב זיך איינפאַך געשראָקן און די חברים שרײַען: „האַלט אָפן די אויגן, גיט גוט אַכטונג!"... און יעדער איינער איז נאָכגעלאָפן אַ צווייטן טרעגער. מײַן גאָט, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטון... נאָך גוט וואָס אונדז האָט אויסגעלייזט אַ דײַטשער פּליט, אַן עקספּעדיטער, וואָס האָט צוגענומען די זאַכן. די חברים האָבן

געהאט פאר אונדז צוגעגרייט א צימער אויף סעווארד-ראד אין האנקין. מיר זענען נישט געגאנגען אין די דייטשע „היימען".

26. אקטאבער.

מיר זענען אוועק אויף א באזוך אין „האיאס". געגאנגען צופוס. גאט מיינער, וואס פאר אן עקלהאפטע שטאט עס איז שאנכיי... איצט פארשטיי איך, פארוואס אלע האבן געקעמפט מיט אלע כוחות צו פארבלייבן וואס לענגער אין יאפאן און נישט פארן קיין שאנכיי... איצט פארשטיי איך די שרעקלעכע בריוו, וואס מיר האבן דערהאלטן פון די, וואס האבן געהאט דאס אומגליק ארויסגעשיקט צו ווערן די ערשטע קיין שאנכיי. א שמוציקע עקלהאפטע שטאט... סעווארד־ראד, וווּ מיר וווינען, איז די הויפט-גאס פון „האנקיו". „האנקיו" איז די ארימסטע און שמוציקסטע טייל פון שאנכיי. אמאל מיט יארן צוריק זענען דא אין „האנקיו" געוועזן די מייסטנס אייראפעאישע געשעפטן. כמעט אלע אויסלענדישע אונטערנעמונגען. אין דער מלחמה צווישן די יאפאנער און די כינעזער זענען די געשעפטן ליקווידירט געווארן דורך דער שטארקער באמבארדירונג. גאנץ „האנקיו" שטעלט מיט זיך פאר א שרעקלעך בילד: איינגעפאלענע הייזער, חרובע פון די באמבעס. סקעלעטן פון פאבריקן, פארברענטע געשעפטן א. אז. וו. און דא האט מען איינקווארטירט די פליטים. 20 טויזנט דייטשע פליטים, א טייל זענען געקומען אהער מיט זייערע פינאנסן און אפילו קאפיטאלן. א טייל פון די דייטשע קאנצענטראציע-לאגערן. די גרעסטע צאל פון זיי איז געקומען אין 1937, אנטלאפן פון היטלערן. מיר גייען איבער דער גאס, עס ווערט עקלדיק צו קוקן... עס ליגן אויסגעלייגט קרעציקע מענטשן און לויזן זיך. עסן אויף די לייז... ברררר... אט ליגט א יונגע כינעזערין, א גאנץ שיין פנים, מיט א פארך אויפן קאפ, שרייט מיט אלע כוחות: „טשא טשא, טשא טשא"... (עסן, עסן). אויף אלע גאסן ליגן אויסגעלייגט פארשידענע קאליקעס... מיט אפגעהאקטע הענט און פיס. מען קאלערט זיך אויפן בויך, נאקעט, איינגעשמירט דער גאנצער קערפער מיט דעם שרעקלעכן שמוץ פון גאס. אבער אממערסטן זענען פאראן קרעציקע מיט בלאטערן אויפן גאנצן קערפער.

מען זעט נישט ארויס דאָס פּנים... איך וויל אַנטלויפן. אָבער וווהין?... אויף דער צווייטער זייט גאַס איז דאָס זעלבע. אָדער נאָך ערגער... אין „האָנקיו" צי אין שטאָט. אַט זענען מיר אויפן „באַנד", דאָס עלעגאַנטסטע ווינקל פון שאַנכיי. דאָ געפינען זיך אַלע באַנקן, אַלע גרויסע ביוראָס, אַלע רייזע־ביוראָס און רעגירונגס־אַנשטאַלטן. אויך דאָ איז דאָס זעלבע בילד. פון איין זייט דער געלער טייך „וואַמפּו" מיט ריזיקע שיפן, פון בלערליי לענדער און פעלקער. אַט פלאַקערט די כינעזישע פאָן, איבער איר העכער פלאַטערט די יאַפּאַנישע און אַט זעט מען די קאָלירטע אַמע־ריקאַנער און דערנעבן די ענגלישע, אַט זעט איר דעם האַלבן סערפּ פון דער רוסישער פאָן און אַלערליי נעמען מיט ריזן אותיות: אַרגענטינע, קאַנאַדע, אינדיע, פּאָרט אַרטור, פּאַנאַמאַ, קובאַ, אויסטראַליע, יאָהאַ־נעסבורג, נאַנגאַסאַקי, טאָקיאָ, יאָקאָהאַמאַ, מאַנילאַ, סינגאַפּור, האָנאָלו־לו, א. אז. וו. איך שטיי, איך קאָן נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון אַזוי פיל פרעמדע און ווייטע לענדער. דאָס האַרץ וויינט אין מיר. אַזוי פיל לענ־דער און פאַר מיר איז נישטאָ קיין שטיקעלע אָרט אויף גאַנס וועלטל. איך לייען די אויפשריפט „אַמעריקאַ", דאָס האַרץ גיט אַ באַוועג זיך. „קאָנטי ווערדי" — זוניקע איטאַליע. דאָרט איז מיין טאָכטער לילי. „פּאַלעסטיין" — דיינע טויערן ווערן איצט באָמבאַרדירט דורך דייטשע באָמבעס... איך האָב מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דיר. איך האָב דאָך ערשט נישט לאַנג בייגעוווינט די באָמבאַרדירונג פון מיין געליבטער וואַר־שע. איך ציטער דאָך אויף, ווען איך הער דאָס וואָרט באָמבאַרדירונג...

מידע זענען מיר אָנגעקומען אין „האיאס"־ביוראָ. דער דירעקטאָר בירמאַן האָט זיך מיט אונדז זייער דערפרייט. באַזונדערס מיט לאַזאַרן. ער האָט אונדז געהאַט געשריבן נאָך קיין קאַבע זייער וואַרימע בריוו, ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער און ליבהאָבער פון לאַזאַרס אַרטיקלען אין דער אַרגענטינער און אַמעריקאַנער פּרעסע.

30. אָקטאָבער.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן מיר באַזוכט די דייטשע „היימען", וואָס געהערן צו דעם אַזוי גערופענעם „שפּילמאַן קאָמיטעט". קיינער פון

די פוילישע פליטים האט נישט געוואלט געניסן פון דעם שפילמאן-קאָ־מיטעט, וואס האט באטראכט די פליטים ווי א חברה שנאָרער און כאָטש שפילמאן-קאמיטעט האט זיך אויסגעהאלטן פון „דזשאינט"-געלטער", איז יעדער באמטער געווען דער האר און דער אומגליקלעכער פליט א „גאָרנישט", א נידעריקע באשעפעניש. די פוילישע און ליטווישע פלי־טים, וועלכע האבן זיך געהאלטן מאראליש און קולטורעל העכער פון די באאמטע, האבן נישט געוואלט זיך אזוי דערנידעריקן, זיי זענען אין די היימען נישט געגאנגען שלאפן און נישט געגאנגען עסן אין די קיכן... אבער ליידער האבן מיר געמוזט אנקומען צו דער גראשנדיקער הילף, וואס איז באשטאנען פון א קלעפיק ליימיק שווארץ ברייטל יעדן טאג, פון אביסל אלטע פאסאליעס, וואס מען האט געדארפט א פאר שעה קאכן און פון א פאר פארפוילטע אויסגעוואקסענע קארטאפל, אויף וועלכע עס האבן זיך געצויגן ווייסע לאנגע געוויקסן פון פרישע אויסגעוואקסענע זוימען. צוליב אט דעם אוצר מיט פארשטונקענעם פראוויאנט, וואס איז געקויפט געווארן אין גרויסע קוואנטומס און אפגעלעגן חדשים אין די פארשימלטע נאסע קעלערס. (ווער עס איז נישט געווען אין שאנכיי, ווייסט נישט וואס דאס איז פאר א ווארט „שימל". מען טוט אוים ביינאכט די שיך און אין דער פרי, ביים אנטון, קאן מען זיי נישט דערקענען פון שימל. מען לייגט אוועק דעם האנט-בייטל און אין דער פרי איז ער פול מיט שימל.)

דער שפילמאן-קאמיטעט האט געוואלט כאפן מציאות; מורא גע־האט, אז ס'וועט שטייגן, האט מען איינגעקויפט פראוויאנט. נישקשה, א פליט קאן דאס אויך עסן, ער טאר נישט זיין קיין איבערקלייבער. און מיר האבן געדארפט צוליב דעם „פראוויאנט" אפשטיין לאנגע שעהען אין א ריי. ווען מיר האבן באזוכט די היימען, איז אונדז ממש געווארן פינצ־טער אין די אויגן. ווי אזוי עס ווינען און לעבן די דייטשע און עסט־רייכישע „פליכטלינגע" און זיי לעבן דאך שוין אזוי יארן... זיי זענען דאך געקומען אהער יארן פריער פארן אויסברוך פון דער מלחמה. זיי זענען דאך אנטלאפן פון היטלערן.

גרויסע שמוציקע זאלן, מיט נארעס אנשטאט בעטן אין דער הויך. איבער דער נארע נאך א נארע, איינער שלאפט אונטן, דער אנדערער

אויבן. פון איין נארע צו דער צווייטער איז א גאר שמאלער דורכגאנג, קוים א מענטש גייט דורך, אונטער די נארעס שטייט דאס געפעס און די וואליזעס פון טעגלעכן געברויך, נישטא ווו אוועקצולייגן א מלבוש, ווו אוועקצולייגן עפעס פון האנט. ליגט אלץ אנגעלייגט אויפן נארע־בעט. דאס גרויסע געפעק שטייט א טייל אין די קארידארן און א טייל אין „גאדוין". די איינוווינער נעבעך, די פליכטלינגע, אויסגעדארטע, מידע, אלץ שוין פארקויפט פון דעם מיטגעברענגטן „גוטס". איצט האב איך פארשטאנען, פארוואס די „פאלנישע" און די ליטוואקעס האבן נישט גע־וואלט גיין אין די היימען[1].

ביים שפילמאן-קאמיטעט האבן די „פאלנישע" און ליטווישע רע־וואלוציאנערן ארויסגערופן אן אויפרעגונג: וואס הייסט זיי האבן גע־וואגט צו טון אנדערש ווי דער קאמיטעט וויל... די „פאלנישע" אבער האבן געטענהט מיט „חוצפה": אונדזערע ברידער פון גאר דער וועלט, פון אמעריקע און ארגענטינע, ווילן נישט אויסהאלטן א גרויסע צאל דייטשע משומדים-באאמטע. רעדוצירט אלץ אויף א פערטל און גיט דעם אויסגעמוטשעטן יידישן פליט א קליינטשיקע מעגלעכקייט נישט אויס־צוגיין פון הונגער. עס איז געלט, געגעבן געווארן פאר אונדז.

די פוילישע און ליטווישע פליטים זענען געווארן א שפין אין די אויגן פון דעם שפילמאן־קאמיטעט. א סך דייטשע פליטים זענען געווען בייז אויף די „פאלנישע", וואס זיי וואגן זיך צו שטעלן העכער און פא־דערן בעסערע באדינגונגען... די גרעסטע צאל דייטשע פליטים האבן אבער געקריגן פאר אונדז גרויס רעספעקט און געווען איינשטימיק מיט אונדז, מקנא געווען אונדז, וואס מיר האבן מוט צו זאגן, וואס מען האט אויפן הארץ.

1. נאוועמבער.

היינט בין איך געווען אין יידישן קלוב, אויף באבלינג ראד. א פראכטפול לאקאל. רייך, מיט א פארנעם. געטראפן א סך רוסישע רייכע יידן... און די רייכע פאמיליע טוקאטשינסקי, וואס האט געוווינט אין ווארשע, אויף נאוואליפקי עק קארמעליצקא, מיינע שכנים. זיי האבן אונדז

איינגעלאַדן צו קומען פרייטיק צו נאַכטס אויף פיש. דאָ אין קלוב האָב איך דאָס ערשטע מאָל, זייט איך בין אַוועק פון יאַפּאַן, געטרונקען אַ פריש גלעזל טיי. דאָ אין „האַנקיו" איז נישטאָ קיין גאַז, מען קאָכט אויף „היבאַטשען", אַזעלכע פייער טעפּ, מיט האָלץ־קוילן, אָדער מיט אַזעלכע שטויב־קוילן. מען מאַכט נאַס אַזאַ שטויב און מען דריקט עס צונויף, מען טרוקנט עס אויף דער זון און מען ברענט דעם „היבאַטש". אַחוץ דעם וואָס אַזאַ „היבאַטש" מוז מען אונטערצינדן אויף דער גאַס צוליב דעם רויך און שטיין מיט אַ פעכער און פעכערן ביז עס דערברענט זיך, קאָסט עס גענוג טייער. און קיינער וועט נישט אָנצינדן דעם „היבאַטש" צוליב טיי. קויפט מען „קיפּיאַטאָק". טרינקען מיר תמיד טיי פון אַ וואַרעמ־פלאַש, וואָס האָט תמיד עפּעס אַ בייגעשמאַק און איז תמיד קאַלט. איצט האָבן מיר זיך אמתדיק דערקוויקט. אַ היים פריש גלאָז טיי און ביליק דערצו. אין קלוב קאָסט אַלץ זייער ביליק. לאַזאַר האָט גערעדט מיט זיי, אַז מען זאָל מיר פאַרדינגען דעם זאַל צו מאַכן אַ וואָרט־קאָנצערט־אָוונט און אַזוי וועל איך האָבן די געלעגנהייט אויפצוטרעטן פאַר דעם שאַנכייער יידנטום.

6. נאָוועמבער.

הייגט איז פאַרגעקומען דער ערשטער ליטעראַרישער אָוונט, איינגעאָרדנט פון די יידישע שרייבער אין יידישן קלוב. עס איז געקומען דאָס גאַנצע יידישע כלל טועריש שאַנכיי. דעם אָוונט האָט געעפנט דער וואַרשעווער זשורנאַליסט מ. פלאַקסער, ס'זענען אויפגעטרעטן דער אַרטיקער רעדאַקטאָר פון דעם יידיש־רוסישן וואָכנבלאַט, ד. ב. ראַבינאָוויטש. לאַזאַר קאַהאַן האָט גערעדט וועגן שווערן דערנער וועג פון די פליטים. עס האָט גערעדט דער קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט, ב. ראָזען און פינעס. מיט לידער איז אויפגעטרעטן רייע זאָמינא און איך האָב פאַרענדיקט מיט דעקלאַמאַציעס. דער דערפאָלג איז געווען אַ גאַר גרויסער. לאַנג האָבן מיר נאָך פאַרבראַכט אין קלוב צווישן די שאַנכייער יידן.

7. נאָוועמבער.

פרייטיק ביינאַכט. מיר זענען געווען ביי די טוקאַטשינסקיס צום שבתדיקן נאַכט עסן. שוין לאַנג, לאַנג נישט געהאַט אַזאַ הנאה פון אַ

הויז. א טייער יידיש הויז. א ליבע יידישע הארציקע מאמע די מאדאם דארא טוקאטישנסקא, א טייערער ווילער באלעזנער ייד, וואס קען די גאנצע יידישע ליטעראטור און אלע יידישע בעסערע אקטיארן, דער הער סאול טוקאטשינסקי, מיט צוויי אינטעליגענטע זין, וועלכע נעמען א שטארקן אנטייל אין דער אויפבוי־ארבעט פון ארץ־ישראל; יוסף און מארי, מיט זייער יונג חנעוודיקער טאכטער דוסע, וועלכע קען נישט פאר־טראגן, ווען מען באעוולט אן ארימאן און לויפט גאנצע טעג צוזאמענגע־מען מלבושים פאר די נויטבאדערפטיקע. אט די גאנצע הארציקע משפחה, די אריסטאקראטן פון שאנכיי, פראווען דעם שבת אויפן אמאליקן אלטן שטייגער... ווי ליב און אנגענעם עס איז געווען צו פארברענגען אין דער דאזיקער סביבה די פאר שעה. נישט דאס גאר רייכע מאלצייט איז דא וויכטיק. ניין, כאטש גוט אפעסן איז ביי אונדז א גאר גרויסע זעלטנהייט, אבער פאר אלעמ איז דאס זיצן אין א שיינער ריינער שטוב, ליכטיק און שבתדיק.

20. נאוועמבער.

איך האב שוין געשפילט אין שאנכיי אויך. גאט זיי דאנק, אז איך בין שוין איבערגעקומען דעם אוונט. דער אוונט איז פארגעקומען מיט 3 טעג צוריק און איך בין נאך אונטערן איינדרוק פון דעם גרויסן דערפאלג, סיי דעם מאטעריעלן און סיי מאראלישן. מיר איז געבליבן 700 שאנכייער דאלאר, א פארמעגן איז דאס היינט פאר מיר. באלד האב איך געבארגט ראזענען 200 דאלאר, ער זאל זיך קויפן א ווינטער־מאנטל, עס גייט דאך צו ווינטער.

25. נאוועמבער.

מיר ווינען שוין מיט מזל אין דער פרענטש (פראנצויזישע קאנ־צעסיע). שאנכיי איז ווי באקאנט איינגעטיילט אויף קאנצעסיעס. אין „סעטעלמענט" געפינען זיך אמערסטן ביוראס און אין דער פראנצויזי־שער קאנצעסיע ווינען דער רוב אייראפעער, ד"ה ווייסע.

בין איך שוין פטור פון דעם עקלדיקן „האנקיו". אבער אויך דא זעט מען דעם שרעקלעכן שמוץ און ארימקייט. היינט ווידער געזען א טויט

קינדעלע אויף דער גאס. אַ שרעקלעך רחמנות־געפיל נעמט מיך ארום, ווען איך זע ווי טויטע וואלגערן זיך אויף די גאסן. אָבער מער פון אַלעם רירט מיך דאָס פיצעלע עופהלע...

אָבער עס איז אַלץ בעסער צו ווינען דאָ ווי אין „האנקיו". איך גיי אָפט אין קלוב און טרינק גוטן טיי.

8. דעצעמבער.

וואָס וועט איצט זיין? ווידער זענען מיר אין פייער פון מלחמה. רבנו של עולם, נאָך ווייניק „געליטן"? היינט אינדערפרי האָט אויסגעבראָכן די פאַציפיק־מלחמה. יאַפּאַן און אמעריקע. נישטאָ שוין קיין שטיקעלע ערד אויף גאָטס וועלט ווו עס איז רואיק. אַלע חברים לויפן ארום ווי פאַרסמטע מייז... איצט בלייבן מיר שוין דאָ איינגעזייפטע. פאַרשווונדן די לעצטע האָפענונג... אָן יעדער הילף. ביז אַהער האָט מען נאָך געקריגן אַ פּאָר גראָשן פון „דזשאָינט", זייט פרל. מארגוליעס פון דעם „דזשאָינט" איז געקומען, איז בכלל די לאַגע פאַר די פליטים אַביסל לייכטער געוואָרן. איבערהויפּט האָט „איסט־דזשוקאָם" איבערגענומען צו פאַרוואַלטן מיט די פוילישע און ליטווישע יידן, און מיר האָבן גאָרנישט צו טון מיטן שפּילמאַן־קאָמיטעט. נאָר מיט דעם קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון אַנגעזעענע בירגער. דער „איסט דזשוקאָם" שטייט אין קאָנטאַקט מיטן „דזשאָינט" און איצט וועט מען דאָך נישט קענען דערהאַלטן געלט פון אויסלאַנד. פאַרוואָרפן אין אַן אַזיאַטיש לאַנד... ווער ווייס וואָס עס וועט נאָך פאָרקומען מיט אונדז...

20. דעצעמבער.

ביטער! אַזוי ווי מען האָט פאָראויסגעזען. קיין הילף איז נישטאָ... איך האָב געמוזט דינגען אַ ביליקער צימער. נישט לאַנג געפרייט זיך אין מיין גרויס צימער. גענומען זייער אַ קליין צימערל אויף „בורזשא"-גאַס. מיין פאַרדינטער „אוצר" פון קאָנצערט־אָוונט הייבט אָן טאָגן... איך האָב שוין געהאַט בייגעקומען אַלע שוועריקייטן. שוין געהאַט געשמאַק פּראָבירט „דאָס גליק פון מאָרגן", האָט די נייע מלחמה אונדז אַלעמען דערלאַנגט אַ שרעקלעכן קלאַפּ און קיינער האָט שוין נישט געקלערט וועגן

שפּילן... איך דריי זיך אויף די גאַסן און זוך צו קויפן אַ פּאָר שאַכטלען דזשעם. מען מוז דאָך אויך עפּעס פאַרבערייטן. די געשעפטן זענען כסדר באַלאַגערט. מ׳קריגט שוין גאָרנישט צו קויפן. איך זע פאַר זיך וואַרשע... ווען איך האָבן כח נאָך אַמאָל דאָס דורכצולעבן? דאָרט בין איך אָבער געווען אין מיין אייגענער היים צווישן אייגענע און דאָ?... צווישן אַן אַזיאַטיש פאָלק... און מען מורמלט שוין, אַז אין אַלעם זענען שולדיק די ווייסע טייוולאָנים... זיי ברענגען קריג אויף דער וועלט... די „ווייסע״ ציטערן. נישטאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעמען. שאַנכיי איז אַ הפקר-שטאָט.

1. יאַנואַר 1942.

ווידער אַ נייַ יאָר. ווידער אַ טרויעריקער סך־הכל... מיר זענען געווען איינגעלאַדן צו די טוקאַטשינסקיס. אונדזער ליבע דאָרא טוקאַטשינסקא האָט דעם טאָג געבורטסטאָג. זייט מיר האָבן זיך באַקענט, זענען מיר איינגעלאַדן יעדן פרייטיק אָוונט און שבת צום עסן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך דאָרט געפילט ווי אַן אָרימער אורח, וואָס אַ רייכער באַלעבאָס נעמט אַהיים אויף שבת, באַלד אָבער האָב איך ליב באַקומען די דאָזיקע פריינטשאַפטלעכע שטוב און געפילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

מיר זענען היינט דאָרט געווען, אָבער עס האָט זיך געפילט די שרעק, וואָס די מלחמה האָט אויך אַרויפגעוואָרפן אויף די יידישע בירגער אין שאַנכיי.

20. פעברואַר.

מיטוואָך דעם 18־טן ד. ח. האָב איך געשפילט „מירעלע אפרת״. די פאָרשטעלונג איז דורך מיט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, הגם עס איז אָנגעקומען מיט אַזוי פיל שוועריקייטן די פאָרשטעלונג צוצוגרייטן.

25. פעברואַר

היינט בין איך אויפגעטרעטן פאַר דער רוסיש־יידישער צייטונג „אונדזער לעבן״. דעקלאַמירט אייניקע דעקלאַמאַציעס. די רוסישע אַקטיאָרן האָט מען באַצאָלט און זיך געצאַצקעט מיט זיי. איך בין דאָך אַ „ביעזשענקע״ און אַ יידישקע, נו דאַרף מען מיר נישט באַצאָלן. איך אָבער צאָל זיי יאָ פאַר אָנאָנסן. איי ווי ווערט מען שוין אויס „ביעזשענקע״... און פּטור פון „שאַנכאַי״...

8. מערץ.

מיך האָט די אַרבעט נישט אָפּגעשראָקן און שוין היינט פּורים האָבן מיר ווידער געשפּילט טעאַטער. און דאָס מאָל אַ רעווי. „המן־טאַשן מיט רייז" האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן דער היינטיקער פאָרשטעלונג, אַזוי אויף שאַנכייער אופן.

דער שרייבער משה עלבוים איז געווען קאָנפעראַנסיע און געשריבן נומערן; סווישלאַצקי און מארקוס האָבן געשריבן די „סקעטשן" און די געזאַנגס נומערן. דער באַרימטער מוזיקער פּראָפ. שיינבוים האָט געשריבן די מוזיק. דער ליטעראַרישער לייטער איז געווען לאַזאַר קאהאַן. דאָס טעאַטער איז געווען אויספאַרקויפט. דאָך דאַכט זיך, אַז קיין סך וועט נישט איבערבלייבן. און איך קריג שוין נישט קיין שום שטיצע פון „איסט־דזשוקאָם", עס הייסט, אַז איך „פאַרדין" שוין אַליין, מייך פרייט אָבער וואָס מיר האָבן די שאַנכייער יידן געגעבן די מעגלעכקייט צו הערן אַ יידיש וואָרט. אַ סך נומערן זענען פון דער יאַפּאַנישער מאַכט פאַרבאָטן געוואָרן: צווישן זיי דער הויפּט נומער: אַ רייזע אַרום דער וועלט פון ד. מאַרקוס.

6. אַפּריל.

ווידער פּסח, מיר זענען געווען צום ערשטן סדר ביי די טוקאַטשינס־קים. צום צווייטן סדר אין יידישן קלוב, וווּ עס איז געווען איינגעאָרדנט אַ סדר פון אונדזער פּליטים קיך. ווידער אַ סדר אין דער פרעמד און ווידער אָן די נאָענטע.

200 פּליכטלינגע זעצן זיך אַוועק ביי אַ זייער אָרימען טיש פראַוועןַ דעם סדר. אויפן האַרץ איז ביטער און מען דערמאָנט זיך אין אַ סך סדרים... מיר זענען שוין צוגעגעסענע „ביעזשענצעס".. די רעדעס זענען איינגעהאַלטענע, מ'טאָר שוין נישט רעדן. עס איז דאָך שוין דער פּאַציפיק קריג. מען האָט שוין מורא פאַר די יאַפּאַנער. און אָנשטאָט עסן און רעדעס גיט מען אונדז אַ סך... הגדה.

15. אפריל.

דעם 12טן האבן מיר אויפגעפירט דאס צווייטע פראגראם. אזוי ווי עס איז געווען פסח, האבן מיר דעם אוונט די רעווי אנגערופן „12 קניידלעך". עס איז געווען אויספארקויפט דאס טעאטער.

16. אפריל.

לאזאר איז היינט געקומען אין א גוטער שטימונג. ער איז געווען מיט דער דעלעגאציע פון שרייבער ביי דעם אמבאסאדאר ראמער, וועלכער האט אויך געמוזט אוועק פון יאפאן קיין שאנכיי. דער אמבאסאדאר האט זיי דערקלערט, אז די פראגע וועגן עוואקואציע שטייט אויף א זייער גוטן פונקט און די שרייבער, וואס זענען מער באדראט ווי אנדערע פליטים, וועלן עוואקואירט ווערן אין אן אנדער לאנד אריין, ווו זיי וועלן זיין זיכערער. הייסט עס, אז עס זענען דא האפענונגען ארויסגעראטעוועט צו ווערן פון שאנכיי... מיין גאט, זאלן מיר שוין דאס מאל נישט אנטוישט ווערן...

23. אפריל.

לאזאר איז שטארק קראנק געווארן. נעכטן האט ער געהאט 40 גראד היץ. איך האב געמוזט גיין אויפטרעטן אויף אן אוונט פאר דער יידישער שולע אין יידישן קלוב... זייער ביטער צו זיין עלנד... איך האב געמוזט שוין גיין, איך האב אבער געוואלט הערן, וואס וועט זאגן דער פליטים-דאקטאר שטיינמאן, ער איז נישט בלויז קיין דאקטאר, ער איז צו די פליטים א ברודער... ער האט מיך בארואיקט. ווען איך האב מיך צוריקגעקערט פון דער פארשטעלונג, האט זיך לאזאר געפילט בעסער.

10. מאי.

היינט איז פארגעקומען די פרעמיערע פון „טוביה דער מילכיקער". איך האב געשפילט גאלדע. איך האב געמוזט רעזשיגירן פון די רעוויפארשטעלונגען, ערשטנס דערפאר ווייל קיין גוטע יידישע רעווי־קרעפטן האבן מיר אין שאנכיי נישט געקאנט געפינען, און אין שאנכיי קען מען נאר יעדע פארשטעלונג שפילן איין מאל, ווייל אויף צוויי מאל איז שוין נישטא קיין פובליקום, און די רעווי האט געהאט זייער גרויסע אויס-

גאבן און איין אויספארקויפט טעאטער האט נישט געדעקט די אויסגאבן, האט מען רעזיגנירט פון דער קליין־קונסט און גענומען זיך צוריק צו פיעסן און דווקא יידישע פיעסן. אבער ווו נעמט מען זיי?

איך האב זיך אוועקגעזעצט מיט דער הילף פון מיין מאן לאזאר קאהאן און אנגעשריבן פון זכרון שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער", וואס איך האב געהאט געשפילט מיט מארים לאמפע הונדערטער מאל אין איראפע.

איך האב שוין געוווסט, ווו עס ווינען פעאיקע אמאטארן. איך האב געמוזט אהיימגיין צו זיי לערנען די ראלן מיט זיי אויף יידיש, שאפן אליין רעקוויזיט, רעזשיסירן, שפילן, אבער איך האב געהאט הנאה פון די אויספארקויפטע הייזער, סיי צוליב דער מאטעריעלער זייט און סיי צוליב דער קינסטלערישער זייט.

פרייטיק, 22, מאי.

דערהאלטן א דעפעשע פון מיין ליליען. וואס פאר א גרויס גליק דאס איז. מיר האבן ווידער אנגעקניפט א קאנטאקט. אזא לאנגע צייט נישט געוווסט וואס עס איז מיט איר. נישט געקענט זיך דערלויבן צו שיקן אן עקסטרא דעפעשע און געשיקט כסדר זאמל דעפעשן. ד. ה. דער „היאס" האט צוזאמענגענומען פון אלעמען דעפעשן און געשיקט אין דער צענטראלע אין דער שווייץ און פון דארט האט מען איבערגעשיקט די דעפעשן דורך בריוו. דאס האט נישט געקאסט קיין סך געלט.

3. יוני.

מיין ערשטער בענעפיס־אוונט. איך האב אויפגעפירט „דאס גליק פון מארגן". עס איז געווען א שלאקס רעגן. די פארשטעלונג האט זייער אויסגענומען. אבער צו דער פארשטעלונג האב איך צוגעלייגט. איך און לאזאר האבן דערביי א פאר וואכן געארבעט.

15. יוני.

כ'האב געהערט וועגן דעם, אז מאמעס פארקויפן זייערע קינדער. היינט האט מען מיך געפירט ווייזן אזא בילד... א שרעקלעכע שטאט

שאנכיי.... מאמעס פארקויפן דא זייערע קינדער אלס שקלאפן און על-טערע מיידלעך אלס געליבטע... ס'איז שרעקלעך...

10. יולי.

שוין צוויי וואכן ווי איך ליג אין שפיטאל אויף „בורזשא"-גאס. דעם 27-טן יוני איז פארגעקומען די פארשטעלונג פון „די שחיטה", דאס טעא-טער איז געווען אויספארקויפט, אבער איך האב געשפילט מיט זייער א סך היץ. דעם טאג פון דער פרעמיערע בין איך אין מיטן דער פראבע אומגעפאלן. נישט געקענט מער שטיין אויף די פיס, אבער די פארשטע-לונג איז אדורך מיט א דערפאלג. עס איז אונדז געבליבן 400 שאנכייער דאלאר. אבער באלד נאך דער פארשטעלונג האב איך געמוזט גיין אין שפיטאל אריין. דער ליבער דאקטאר שטיינמאן, דער הויפט-דאקטאר פון שפיטאל, האט אלץ געטון, מיך צו שטעלן אויף די פיס. אבער די ווערים קען מען פון מיר נישט ארויסטרייבן, איך בין צו שוואך און די היצן זע-נען צו גרויס. מען קען נישט אטעמען.

20. יולי.

איך בין נאך אלץ אין שפיטאל, אבער איך פיל זיך שוין א סך בע-סער. היינט איז דא ארויס א קלאנג, אז מען וועט אלע פליטים פארשיקן אין א קאנצענטראציע לאגער.

מיט א פאר טעג צוריק איז שוין אפיציעל מיטגעטיילט געווארן וועגן דער עוואקואציע פון ענגלישע בירגער און צוזאמען מיט די ענגלענדער פארן דאך אויך די פוילישע בירגער. ביי אלעמען קלאפן די הערצער, ווע-מען וועט דער פוילישער אמבאסאדאר מיטנעמען, מיט דער עוואקואציע? 50 פלעצער איז באשטימט פאר די פוילישע. פארשטייט זיך, אז אויפן ערשטן פלאן וועלן קומען דאס ביסל קריסטלעכע פליטים, דאן די משומ-דים און די בארימטע אסימילאטארן און דאן ערשט די איבעריקע פליטים און אינגאנצן זענען פאראן 50 פלעצער.

25. יולי.

מיר איז ווידער ערגער. לאזאר גייט ארום ווי א שאטן. עס איז שוין באקאנט, ווער עס איז אויף דער ליסטע פון עוואקואציע. זיין נאמען איז

נישטאָ. כאָטש ער איז דער פּרעזעס פון דער שרייבער גרופּע און כאָטש דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר האָט צוגעזאָגט, אַז די שרייבער וועלן זיין די ערשטע, ווייל זיי זענען מער באַדראָט. דאָך האָט ער קיין איין שרייבער נישט געשטעלט אויף דער ליסטע. ער איז בייז אויף די שרייבער, וואָס שטעלן זיך מיט ווירדע אַנטקעגן דאָס אַרויפּצווינגען אויף די פּליטים די הערשאַפט פון אַ פּאָר אַסימילאַטאָרן, וועלכע שטעלן מיט זיך פּאָר אַ זייער קליינעם פּראָצענט פון די פּליטים אין שאַנכיי. די פאָרשטייער פון די יידישע גרופּירונגען זענען דערפאַר, אַז זיי אַליין זאָלן האָבן אַ רעכט אויסצוקלייבן זייערע פאָרשטייער און נישט דער אַמבאַסאַדאָר זאָל באַשטימען. מען האָט נישט אַריינגענומען קיין איין פאָרשטייער פון די יידישע גרופּירונגען. אַזוי ווי לאַזאַר איז דער פאָרשטייער פון די שרייבער און ער איז געווען ביי ראָמערן דערקלערן דעם שטאַנדפּונקט פון דער שרייבער גרופּע, איז ער, דער אַמבאַסאַדאָר, געווען בייז אויף לאַזאַרן, און אים נישט פאַררעכנט אויף דער עוואַקואַציע־ליסטע... און מענטשן זענען דערווייל געקומען אין שפּיטאָל און מיר געווונטשן מזל טוב און געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ער מוז זען, איך זאָל אויפשטיין פון בעט, ווייל איך פאָר אַוועק... אָרעמער לאַזאַר, ווידער אַנטוישט, ווידער פאַרלוירן די האָפענונג...

31. יולי.

כ׳בין היינט אַרויס פון שפּיטאָל. עס קאָכט זיך אין פּליטים וועלט... איינער איז מקנא דעם צווייטן... ס׳הייסט די וואָס פאָרן, מען שרייבט בריוו. מען גיט איבער די באַקאַנטע וואָס פאָרן, אַז זיי זאָלן די בריוו מיטנעמען. זיי וועלן דאָך זיין פרייע מענטשן. עס רודערט זיך.

11. אויגוסט.

היינט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע פּליטים פאָרשטייער און געוויילט אַ בייראַט, וואָס זאָל שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער רעפּרעזענטאַנץ. לאַזאַר איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס פּרעזעס פון דעם בייראַט.

SHANGHAI JEWISH CLUB

R. SHOSHANO — L. GAIDAROFF

Sunday, February 22, 1942.

"MIRELE EFROS"

Play in 4 acts (5 Scenes) — by J. Gordin

THE CAST:

Mirele	R. Shoshano
Yosele	Joter
Donie	Brand
Shalmen	L. Gaidaroff
Mahle	Mme. Minina
Nohemtze	I. Vinogradoff
Hane - Dvoyre	Mme. Kosovsky
Sheyndele	Miss Mabas
Shloymele	Miss M. Lifshitz
Rabbi	Ryshevitz

Directed by R. Shoshano

יודישער קלוב אין שאנכיי

ר. שושנה — ל. גאידאראוו

„מירעלע עפראס"

פיעסע אין 4 אקטען (5 בילדער) פון יעקב גארדין

פערזאנען:

מירעלע	ר. שושנה
יאסעלע	יאטער
דאניע	בראנד
שלמון	ל. גאידאראוו
מאכלע	מינינא
נחומצע	י. ווינאגראדאוו
חנה דבורה	קאסאווסקא
שיינדעלע	מאבאס
שלמה'לע	מ. ליפשיץ
רב	ריזשעוויץ

רעזשי: ר. שושנה

Printed by J. M. ELENBERG—Shanghai

.16 אויגוסט.

מיר זענען אַלע זיך צוזאַמענגעקומען אין גאָרטן קאַפע „באַלעליי־קע”, זיך געזעגנט מיט אַפּפּאָרנדע... מען קושט זיך, מען וויינט, מען איז מקנא, און יעדער פילט זיך ווי באַליידיקט... די אַפּפּאָרנדע שיינען, אויס־געפוצטע, אויפגעלייגטע... אַ קליינינקייט, זיי פאַרלאָזן דאָך עפּעס שאַנ־כיי...

.17 אויגוסט.

היינט איז די גרופע עוואַקואירטע אָפּגעפאָרן. כ'האָב זיי אויך באַ־גלייט. ווען כ'בין צוריקגעגאַנגען, האָט דאָס האַרץ פאַרקלעמט. איך האָב זיך נאָר געטרייסט דערמיט, אַז גאָר אין קורצן פאָרט אַ גרעסערער טראַנספּאָרט. עס איז שוין אפילו געווען אין די צייטונגען געמאָלדן וועגן דער נייער גרויסער גרופע ענגלענדער, וואָס ווערן אויסגעטוישט אויף יאַ־פּאַנער און אין יעדער גרופע ענגלענדער, גייען אַריין אַ סך פּוילישע ביר־גער. זילבערפאַרב, די רעכטע האַנט פון אַמבאַסאַדאָר ראָמער, האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז מיר און י. ראַפּאַפּאָרט זענען די ערשטע אויף דער קו־מענדיקער עוואַקואַציע־ליסטע. הלוואי...

.27 נאָוועמבער.

היינט האָבן מיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון פּוילישן אַמבאַסאַ־דאָר ראָמער פון קויבישעוו, אַז ער קאָן נישט געפינען אונדזערע קינדער, אָבער ער וועט נאָך זוכן. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף דער טעלע־גראַמע, וואָס מיר האָבן געשיקט צו ראָמערן וועגן אונדזערע קינדער, ווען ראָמער איז געפאָרן קיין קויבישעוו אַלס אַמבאַסאַדאָר פון דער פּוי־לישער רעגירונג. איצט האָבן מיר דערהאַלטן דעם ענטפער. אַ טרויעריקער ענטפער.

.6 דעצעמבער.

דעם 27סטן נאָוועמבער האָט מען פאַרמאַכט דעם יידישן קלוב. די יאַפּאַנער האָבן צוגענומען דעם עלעגאַנטן פיינעם קלוב און געגעבן אַ לאָ־קאַל אויף „עווענױ ראָד”, דעם מאַסאָנען קלוב, וועלכער געפינט זיך אין אַ פאַרוואָרפענער כינעזישער געגנט. פאַר אונדז איז דאָס ממש אַ טויט־קלאַפּ.

1 יאַנואַר 1943.

ווידער אַ ניי יאָר. אנשטאט בעסער ווערט ערגער. מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו די צרות. מיר זענען געווען ביי די טוקאַטשינסקיס. עפּעס גייען אַרום שווידערלעכע קלאַנגען וועגן פּוילן, מיר ווייסן נישט וואָס און ווען... די לעצטע גראָשנס זענען שוין אויסגעגאַנגען. איך האָב גע־מוזט פאַרקויפן מיין קדושין־רינגל.

27. יאַנואַר.

די צענזור האָט געשטראָכן פון פּראָגראַם דעם איין אַקטער „מענ־טשן" פון שלום עליכם. ווייל... ווייל... עס איז נישט מאָראַליש... דאָס האָט דער יידישער צענזאָר געשטראָכן. לאַזאַר איז געגאַנגען אין צענזור מיט אַ דייטשער איבערזעצונג, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

31. יאַנואַר.

מיר האָבן דערהאַלטן פּעקלעך מיט פּראָוויאַנט, וואָס עס האָט אונדז צוגעשיקט ד"ר קויפמאַן, דער רעדאַקטאָר פון כאַרבינער וואָכנבלאַט „יעוו־רעיסקאַיאַ זשיזן". דר. קויפמאַן האָט בכלל אַרויסגעוויזן זייער פיל אינ־טערעס צו אונדזער שרייבער גרופּע.

18. פעברואַר.

דאָס, פאַרוואָס מיר האָבן זיך געשראָקן, האָט ענדלעך פּאַסירט. היינט איז אַרויס אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז די אַלע, וואָס זענען געקומען נאָכן יאָר 1937, מוזן זיך אַריבערקלייבן אין אַ ספּעציעל באַשטימטער געגנט. מען רופט עס אַן איידל „דערלויבטער דיסטריקט"... מען שעמט זיך עס אָנצורופן ביים אמתן נאָמען „געטאָ". הייסט עס, אַז מיר ווערן פאַר־שפּאַרט אין אַ געטאָ. צו דעם האָבן מיר געדאַרפט לויפן טויזנטער מיילן, כדי אַריינצופאַלן דאָ אין אַ געטאָ.

בכלל איז די לעצטע צייט אַ גאָר שווערע פאַר די פּליטים. מען הונ־גערט ממש. כמעט אַלע האָבן באַקומען בלאָטערן אויף דער צונג פון וויי־טאַמין־מאַנגל, און דער רעצעפּט, וואָס דער פּליטים־דאָקטאָר שטיינמאַן האָט פאַרשריבן, איז געווען כאָטש איין איי יעדן טאָג. דער גוטער, איי־דעלער דר. שטיינמאַן האָט געהאַט אַ סך צו קעמפן, ביז ער האָט אויס־געפּועלט דאָס איינע איי.

לאזאר האט אויך באקומען א רויטן גומען און א רויטע צונג. מען גיט אים הייוון צו עסן... וויטאמינלאזיקייט... מען גייט ארום פאר-חושכט. מען האט געגעבן צייט זיך אריבערצוציען ביז דעם 18טן מאי. דריי חדשים. און איך רעפעטיר די פיעסע „פון יענער וועלט" פון בער-קאוויטש. א פיינע שטימונג צו פראבירן...

.7 מערץ.

היינט איז פארגעקומען די פארשטעלונג „פון יענער וועלט". גע-שפילט אן דעקאראציעס און אן א פארהאנג. די פארשטעלונג איז געפעלן. געבליבן א פיינע סומע צום לעבן.

.20 מערץ.

דערוויייל האלטן מיר פוילישע זיך אפ פון רעגיסטרירן אויף צו גיין אין געטא. לויט דער פאראָרדענונג מוזן אלע פליטים זיך רעגיסטרירן. עס טומלט זיך, ווייל די פאראָרדענונג רירט אן בלויז די פליטים. די רייכע יידן, וואס זענען געקומען נאך 1937 רירט עס נישט אן... מען באשול-דיקט די רייכע יידן, אז זיי האבן זיך אויסגעקויפט פאר געלט און אונדז שיקן זיי אין געטא.

.24 מערץ.

די פוילישע רעגירונגס-פארטרעטער האבן מיט א פאר טעג צוריק געמאלדן, אז די פוילישע בירגער דארפן אויך גיין אין געטא, ווייל די פאראָרדענונג נעמט אונדז אויך ארום. די פארביטערונג איז שרעקלעך.. אבער מיר גייען נאך אלץ זיך נישט רעגיסטרירן...

.30 מערץ.

א שרעקלעכע לאגע. די „סאקרא" (א קאמיטעט וואס די יאפאנער האבן געגרינדעט פון די רייכע תושבים, אז זיי זאלן זיך פארנעמען מיט אריבערפירן די פליטים אין געטא) האט מיט א פאר טעג צוריק געמאלדן אין די צייטונגען, אז די פוילישע פליטים מוזן זיך רעגיסטרירן, ווייל זיי מוזן גיין אין געטא. די „סאקרא" איז פון אלע פליטים געהאסט, ווייל די פליטים האלטן, אז די „סאקרא" האט נישט באדארפט אננעמען די מיסיע, אויסצופירן אזא העסלעכע ארבעט און העלפן אריינשטופן אונדז אין

געטא... פארשטייט זיך, אז דער אנאנס אין דער צייטונג האט אויפגעבראכט די פוילישע פליטים. מען האלט אפ מיטינגען און באראטונגען, ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון געטא, דער גרעסטער טייל פליטים האלט, אז עס איז בעסער, אז מען זאל אונדז שיקן אין א קאנצענטראציע-לאגער, ווי מען האט עס געטון מיט די ענגלענדער און אמעריקאנער און אונדז אנערקענען פאר שונאים, אבער נישט שיקן אין א געטא. א סך האלטן, אז עס איז בעסער אין געטא ווי אין א לאגער, דא האבן מיר פארט די רייכע יידן ביי דער זייט. כאטש די הילף, וואס זיי האבן אונדז געגעבן, קאן מען זיי מוחל זיין... האט דער דזשאינט געשיקט גרויסע סומען, האט מען זיך געקהלט, האט מען אזוי ארום געקאנט ארויספירן די גרויסע סומעס דאלארן קיין אמעריקע און ארויסראטעווען דאס פארמעגן פון שאנכיי, ווען אבער דאס איז שוין געווארן אוממעגלעך, האט אויפגעהערט יעדע הילף. בלויז א קליין הייפעלע גוטע ערלעכע מענטשן, ווי טוקאטשינסקי, אפענהיים, דר. שטיינמאן, קלעבאנאוו, קראסנאוו, פאניעוועזשסקי, הרב אשכנזי, האבן ווייטער אומדערמידלעך געארבעט.

היינט האט דער „איס-דזשוקאם" פארמאכט די קיך, ווייל די פליטים האלטן דא אפ די מיטינגען וועגן נישט גיין אין געטא. ווען לאזאר איז ווי געוועגלעך געקומען מיטן טעפל נאך דעם ביסל רייז, האט ער געטראפן די קיך פארמאכט. און אזוי זענען געשטאנען די הונגעריקע פליטים מיט די טעפלעך פאר דער קיך, וואס זיי אליין האבן געגרינדעט מיט א קליינעם צושטייער פון „דעם איסט-דזשוקאם"-קאמיטעט. מען האט אונדז באשטראפט... נישט געגעבן אונדז צו עסן. עס איז געווארן א שרעקלעכער טומל, די לעצטע טעג קומען כסדר פאר סקאנדאלן, ווייל די געמיטער זענען אויפגעקאכט...

19. אפריל.

ערשטע סדר נאכט. ווידער א פסח אין שאנכיי. דאס מאל האט די פליטים-קיך קיין סדר נישט געמאכט. עס סדרט זיך נישט... עס קומען אן שרעקלעכע גריסן פון פוילן... זאל דאס זיין אמת... דאס איז דאך שרעקלעך. די „סאקרא" איז כסדר באלאגערט פון פליטים. גאנצע טעג שטייט מען אפ אין א ריי, ביז מען ווערט אויפגענומען. דאס לויפן אלע זיך פאר

זאָרגן מיט צימערן. נאָך איין חודש איז דאָך געבליבן... אַ פינצטערער פּסח...

2. מאי.

היינט איז פאַרגעקומען מיין אָפּשיד-אָוונט. איך האָב געשטעלט „דעם אומבאַקאַנטן" פון יעקב גאָרדין.

די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. אַלע האָבן דאָך געוווסט, אַז אין 16 טעג אַרום מוזן מיר שוין וואַלגערן אין געטאָ. עס איז געווען אַ יום-טוב און גלייכצייטיק אַ טרויער. דער קאָמיטעט האָט אַלע זייער שיין אַראַנזשירט... דערנאָך איז פאַרגעקומען אַ באַנקעט אין קלוב-רעסטאָראַן. געזעגן איך זיך שוין מיט יידיש טעאַטער אין שאַנכיי...

4. מאי.

לאַזאַר איז היינט אַוועק אין „סאַקראַ" וועגן אַ צימער פאַר אונדז אין געטאָ. ער איז אָפּגעשטאַנען 3 שעה אין דער ריי. געקריגן אַ נומער אויף אַ צימער. אייניקע פּליטים האָבן געקריגן אַ דערלויבעניש צו פאַר-בלייבן אַ ביסל לענגער אויסערן געטאָ. קלעבאַנאָוו, פון קאָמיטעט האָט צוגעזאָגט זיך צו באַמיען, אַז מען זאָל אונדז אויך געבן אַזאַ דערלויבע-ניש.

9. מאי.

היינט האָבן אַ גאַנצע רייע פּליטים באַקומען דערלויבענישן צו בלייבן נאָך 3 חדשים אויסערן געטאָ. מיר זענען אויך צווישן די גליק-לעכע. דריי חדשים נאָך אויף דער פריי. מיר זענען גליקלעך...

18. מאי.

היינט איז פאַרגעקומען זייער אַ גרויסער סקאַנדאַל אין „סאַקראַ" מיט די ישיבה-בחורים; אַלץ צוליב דעם געטאָ. צוליב מאַנגל אין צימערן. זיי האָבן אַלץ דעמאָלירט. מען האָט אַרעסטירט 33 ישיבה-בחורים. פאַר די ישיבה-בחורים האָבן די סאַדיסטן צוגעגרייט דעם „סאַלוועישאָן". דאָס איז געווען אַ לאַגער, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַלע כינעזישע שלעפּער — גנבים, פאַרברעכער וואָס זענען ערשט אַרויס פון תפיסה.

די ישיבה-בחורים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט גיין

אין „סאלוועישאן". זיי האבן דערקלערט, אז זיי וועלן נעמען וווינונגען פאר זייער אייגן געלט. אז זיי דארפן לערנען און קענען נישט זיצן אין אזא שרעקלעך הויז. ס'האט נישט געהאלפן. די יאפאנעזישע מערדער האבן נישט געוואלט אפטרעטן פון זייער פארלאנג. מ'האט דעם באפעל נישט געוואלט ענדערן. דעמאלט זענען די ישיבה-בחורים ארויף אין „סאקרא", וועלכע האט דעמאלט געהאט די אויפגאבע אריבערצופעקלען די פליטים אין געטא אריין. דארט איז זיך רואיק געזעסן דער באנדיט אין הענטשקעס, קובאטא, ארומגערינגלט פון די יידן, וועלכע האבן גע-ציטערט פאר אים.

די ישיבה-בחורים האבן געמאכט א גאנצע רעוואלוציע: מ'האט צע-בראכן אלץ וואס מ'האט געפונען אונטער די הענט, און די רייכע איינ-ווויגער האט געקאסט א סך מי און געלט צו פארטרייבן די געשיכטע. אבער די ישיבה-בחורים זענען אין „סאלוועישאן" נישט געגאנגען. די „רעוואלוציע" האט געהאלפן. די רעזידענטן האבן געפועלט ביים באנדיט קובאטא, אז מ'זאל די ישיבה-בחורים דערלויבן צו נעמען וווינונגען אויפן אייגענעם רעכענונג.

די ישיבה-בחורים זענען געווען די העלדן פון טאג. די גאנצע יידי-שע שאנכיי האט געקאכט מיט די „רעוואלוציאנערן".

25. יוני.

מיין געבורט און חתונה-טאג. עס רעגנט שוין א וואך צייט. די נאכט זענען מיר אויפגעוועקט געווארן פון א גרויסן שטראם וואסער, וואס האט זיך אריינגעריסן צו אונדז אין שטוב. מיר וווינען דאך פארטער. מען האט געמוזט גיך אויפשטיין פון בעט און מיר האבן דערזען א שרעקלעך בילד: אלץ אין שטוב איז ארומגעשווומען. מיר האבן אלץ גיך ארויפגע-לייגט אויף דער שאנק און מיר זענען ארויף צו אונדזער שכנה די זינגערין ראיא בערשאדסקי.

30. יוני.

א גאנצע וואך נישט געקאנט ארויסגיין פון הויז. די גאסן זענען פארפלייצט. אין שטוב גייט דאס וואסער ביז איבער די קני. מיר שלאפן ביי דער בערשאדסקי.

26. יולי.

ידיעות, אז מוסאָליני האָט דימיסיאָנירט... וואָס זאָל דאָס הייסן? גאָטעניו, אפשר ענדיקן זיך שוין אונדזערע צרות...

18. אויגוסט.

היינט בין איך געווען אין „סאקרא" ביים פּרעזעס דר. קאָהן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זענען אויפן צעטל צו קריגן פאַרלענגערט די דערלויבעניש צו וווינען אויסערן געטאָ. מען ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אונדז... מען שמועסט, אַז די פּוילישע קאָנסולאַר-קאָמיסיע האָט שוין באַקומען דעם צעטל פון דער עוואַקואַציע, מיר זאָלן זיין די ערשטע אויפן צעטל...

20. אויגוסט.

ביידע, איך און לאַזאַר, זענען מיר קראַנק אויפן מאָגן. ביידן מוז מען טרייבן ווערים. ביידע זענען מיר ווערעמדיק... שוין דאָס צווייטע מאָל אַזוי.

30. אויגוסט.

ווידער באַקומען די דערלויבעניש צו וווינען אויסערן געטאָ. אַ גאַנצן טאָג איז לאַזאַר אָפּגעשטאַנען אין „האַנקיו" ביי דעם פּליטים-ביוראָ, ביז קובאָטאַ האָט אים פאַרלענגערט די דערלויבעניש... ווידער דריי חדשים צו לעבן פריי...

9. סעפּטעמבער.

איטאַליע קאַפּיטולירט. אפשר קומט שוין דער סוף?... אפשר... אפשר...

11. סעפּטעמבער.

דערהאַלטן פון מיין טאָכטער לילקע אַ דעפּעשע פון וואַטיקאַן. הייסט עס, אַז זי איז אין וואַטיקאַן. קאָן איך דאָך וועגן איר זיין רואיק. זי האָט באַצאָלט אויף ענטפער, אָבער מען נעמט נישט אָן קיין טעלעגראַמען קיין איטאַליע.

29. סעפּטעמבער.

ווידער ערב ראש-השנה, ווידער אַ ניי יאָר. ווידער אַ פינצטערער

סך הכל. פונקט אין ערב ראש-השנה איז אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז די אַלע פּליטים, וואָס זענען געבליבן אין שטאָט צוליב מאַנגל אין ווינונגען, מוזן זיך שוין אַריבערציען. עס איז אַ טומל, אַ געשריי, מען האָט אַלץ געהאַפּט... אַלץ אָפּגעצויגן נאָך אַ טאָג. געמיינט, טאָמער ענדיקט זיך די מלחמה... מ׳זאָגט דאָך, אַז דאָס סאָוועטישע מיליטער האַלט אָפּ גרויסע נצחונות... אָבער דערווייל מוזן אַ סך אונדזערע פריינט זיך אַריבערציען אין געטאָ אַריין.

20. אָקטאָבער.

ווען עס קומט אַ גוטע בשורה, ווערט זי באַלד פאַרפינצטערט דורך אַ צווייטע — אַ ביטערע. מיר זענען געווויר געוואָרן אָפיציעל, אַז מיר זענען אויף דער עוואַקואַציע-ליסטע. אונדזער פרייד איז גרויס. אָבער גלייכצייטיק זענען דערשינען אין דער היגער פּרעסע אַ ריי אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. מיר האָבן דאָ זייער אַ ביטערן גאַסט: ווידעמייער איז דאָך געקומען פון סאַן פראַנציסקאָ. היטלערס רעכטע האַנט... אַלע פּאָר טעג ווערן אַרויסגעלאָזט סענסאַציעס צווישן די יידן, אַז דער מערדער היטלער איז געוואָרן דערהרגעט, אָבער תמיד לאָזט זיך אויס, אַז די ידיעה איז אַ פאַלשע...

18. נאָוועמבער.

עס איז היינט אָנגעקומען די עוואַקואַציע-ליסטע, באַשטעטיקט דורך דער יאַפּאַנישער מאַכט. די ליסטע איז אַרויסגעהאַנגען אין פּוילישן פאַראיין. מיר זענען אויף דער ליסטע... גאָט צו דאַנק. האָבן מיר ענדלעך אַ האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן... אַלע ווינטשן אונדז מזל טוב. מען האָט געהייסן זיין גרייט. אָנהויבן ליקווידירן, ווייל יעדן טאָג קאָן קומען אַ מיטטיילונג, אַז מען פאָרט. אַנדערע האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרקויפן די זאַכן, וואָס מען קאָן נישט מיטנעמען. מען קאָן נאָר מיטנעמען אַ קליינעם באַגאַזש.

4. דעצעמבער.

אַ שרעקלעכער פראָסט און אַ געפערלעכער ווינט. איך בין היינט געפאָרן קיין „האַנקיו" פאַרלענגערן אונדזער „עקסטענשן". דאָס מאָל איז

עס נישט געווען שווער. אלע וואס זענען אויף דער עוואקואציע־ליסטע, האט מען גלייך פארלענגערט. אבער נאר אויף צוויי חדשים. אפילו די יאפאנער ווילן זיין גוטע אויף ס'לעצט. איך בין אפגעשטאנען א פאר שעה אויף דעם פראסט און איך האב דאס ערשטע מאל געזען מיט מיינע אויגן דעם בארבאריזם פון די יאפאנער. איינער א דייטשער פליט האט זיך פארשפעטיקט מיט א טאג צו קומען אין געטא אריין. האט אים דער רוצח אקורא אוועקגעשטעלט אין דרויסן אויפן באלקאן אן א רעקל, מיט די הענט אין דער הויך. ער האט געמוזט אזוי שטיין און נישט באוועגן זיך. איך האב געזען, ווי ער איז שוין אין גאנצן בלוי פאר קעלט, דאס הארץ האט אזוי ווי געטון...

1. יאנואר. 1944.

ווידער א יאר. זאל כאטש גיכער קומען די עוואקואציע. אלע גרייטן זיך. אלע האבן זיך געפרייט, וואס דאס איז דאס לעצטע יאר אין שאנכיי. אלע האבן זיך געפרייט, וואס מיר פארן גאר אינגיכן אוועק, כאטש עס איז נאך נישט באשטימט די דאטע. די צייט איז דא געווארן שרעקלעך שווער. קיין הילף פון קיינעם נישטא, אלץ איז שרעקלעך געשטיגן און מען ריכט זיך אויף באמבארדירונגען. אלע פאר שעה ווערן אפגעשלאסן די גאסן און מען רעווידירט די פארבייגייער. דער פאל־רעליף האט שוין אויך נישט קיין געלט און די פליטים וואס פארדינען נישט הונגערן ממש. זייער א שווערע לאגע. קיין קוילן זענען נישטא אין דער שטאט, עס דראט ווידער צו פארמאכן די פליטים־קיך. אלע טאג פארשפעטיקט דאס מיטאג, צוליב מאנגל אין קוילן. אין שטוב ביי אונדז איז שרעקלעך קאלט, מען מוז ליגן אין די בעטן. און ווו נעמט מען צום עסן?..

20. יאנואר.

די עוואקואציע זעט מען אלץ נישט... עס איז דאך שוין נישטא קיין כח אויסצוהאלטן. דער געדאנק, אז אט אט פארן מיר, האט דאך אונדז געגעבן כח אויסצוהאלטן. מיר זענען הונגעריק און פארפרוירן, דאס מיטאג אין קיך איז טייערער געווארן, מיר צאלן שוין 6 דאלאר א מיטאג. די פליטים האבן ווידער אנגעהויבן באקומען אביסל הילף פון „דזשאינט".

מאנטיק, 24. יאנואר.

לאזאר האָט היינט פאַרדינט 30 רובל (שאַנכאַיער דאָלאַר רופן די יידן רובל). אַ גאַנצע וואָך איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די געשעפטן, כדי צו קריגן עפּעס סחורה צו פאַרקויפן. היינט האָט אים דער קאָלאָניאַל-סוחר ראָזענשטיין געגעבן סערוועטקעס און ער האָט פון די פּאַפּירענע סערוועטקעס אהיימגעבראַכט 30 דאָלאַר (שאַנכייער) פאַרדינסט. איך האָב זיך צעוויינט פאַר פרייד. ער איז געווען אַזוי גליקלעך... „זעסט", האָט ער צו מיר געזאָגט לאַכנדיק, און דו האָסט געזאָגט, אַז איך טויג נישט צו פאַרדינען אַ גראָשן. אָט האָב איך שוין היינט געברענגט אַזש 30 דאָלאַר.

28. יאַנואַר.

היינט בין איך דאָס ערשטע מאָל געווען אויפן שאַנכייער בית־עולם. אָרימער זיגמונט ראַפּאַפּאָרט! אפילו צו דער לויה האָט ער נישט געהאַט קיין מזל... אַ "שלאַקס-רעגן. געשטאָרבן אין תפיסה און פּונקט איז געוואָרן אַ „שפּערע", מען האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט אין רעגן, ביז די „שפּערע" איז געוואָרן געעפנט. כאָטש עס איז געווען אַזאַ שלאַקס רעגן, האָבן אַלע פּליטים געוואָלט אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אונדזערס אַ ליבן חבר און אַזוי אַרום באַווייזן, אַז מיר אַלע ווי איינער זענען זיכער, אַז דער ליבער, איידעלער חבר איז געשטאָרבן אַלס קרבן פון אַ בלבול. מען האָט באַגנבעט וואַראַנאַווס געשעפט, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער און אים האָט מען חושד געווען אין דער גנבה. קיינער האָט זיך פאַר אים נישט געקאָנט אָננעמען. דער פּרושקאָווער רב האָט אים מספּיד געווען. אַלע פּליטים האָבן שרעקלעך געוויינט; ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קערפּער אין דער בלאָטע פון שאַנכייער בית־עולם, האָב איך זיך געטראַכט: עס איז זייער ביטער צו לעבן אין שאַנכיי, אָבער אַ סך ביטערער איז צו ליגן אין דער בלאָטיקער ערד פון „בייקאַל ראָוד". איך בין אַהיימגעקומען צעבראָכן און דערשלאָגן און אין די אויערן קלינגען די ווערטער פון פּרושקאָווער רב: „מיר אַלע, דיינע ברידער פּליטים, גלויבן אין דיין אומשולד און דו גייסט אַוועק פון אונדז אָן דעם פלעק, וואָס מען האָט אויף דיר געוואָרפן". אָרימער ראַפּאַפּאָרט.

10. פעברואַר.

לאַזאַר קומט אַלע טאָג אַהיים אַ מידער און אַ צעבראָכענער. אַפּנים, אַז זיין אַ סוחר קומט אים אָן זייער שווער. ער נעמט אָן אַ באַשטעלונג און ווען ער גייט נעמען די סחורה, איז שוין דער פּרייז געשטיגן אויף טאָפּלט. עס איז אַ שרעקלעכע בהלה אויף פּראָוויאַנט. דער סוחר זאָגט אַ פּרייז, מען לויפט צום קונה, דער קונה וויליקט איין און ווען מען גייט צוריק נעמען די סחורה, איז שוין דער פּרייז אַ טאָפּלטער, די מאַדאַם בייזערט זיך, סטייטש, מען האָט דאָך ערשט געזאָגט אַ העלפט. און דער־ווייל פאַרדינט מען נישט. אַז עס מאַכט זיך עפּעס אַ באַשטעלונג, קויפט עס לאַזאַר און איך טראָג אָפּ די באַשטעלונג. די ווינדעס גייען נישט, מוז מען אָפּטמאָל גיין אויף אַ 12טן שטאָק צו פּיס. אַ ברירה האָט מען? מען מוז דאָך פאַרדינען. און די עוואַקואַציע זעט מען נישט. אַלע טאָג ווערט דער ענין אָפּגעלייגט.

18. פעברואַר.

גאַנץ שאַנכיי קאָכט איצט פון דער מעשה מיטן געפינען דעם גנב פון וואָראָנאָווס געשעפט, וווּ עס איז געפאַלן אַ קרבן דער אומשולדיקער טראַגיש־אומגעקומענער ראַפּאַפּאָרט. כאָטש מיר אַלע זענען געווען איי־בערצייגט אין זיין אומשולד, דאָך זענען אַלע צופרידן, אַז אויך פאַר דער עפנטלעכער וועלט איז ער געוואָרן ריינגעוואַשן פון אַזאַ שרעקלעכער באַ־שולדיקונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גנבה איז באַגאַנגען דער זון פון וואָראָנאָווס כינעזישער געליבטע, וועלכער האָט שוין אַ פּאָר מאָל באַגנבעט זיין מאַמעס געליבטן. וואָראָנאָוו, וועלכער האָט נישט געוואָלט, אַז די מעשה מיט זיין כינעזישער געליבטע (וועלכע איז ביי אים אין הויז אַ דינסט) זאָל קומען פאַר דער עפנטלעכקייט, איז צופרידן געווען, וואָס די אויספאָרשונג גייט אין אַן אַנדער ריכטונג. און דער אָרימער צאַרטער ראַפּאַפּאָרט, וועלכן מען האָט שטאַרק געשלאָגן אין תפיסה, אַז ער זאָל זיך מודה זיין, האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר דער אינטריגע. וואָ־ראָנאָוו איז אַ רייכער יידישער סוחר און פלעגט אַמאָל גערן העלפן פּלי־טים. איצט מיידן אים אַלע אויס.

28. פעברואר.

היינט האָב איך באַקומען פון איסט-דזשוקאָם אויסגעצאָלט די שטיצע 500 שאנכייער דאָלאַר. אויף דריי טעג לעבן וועט עס אפשר גענוג זיין... נאָך גוט וואָס לאַזאַר פאַרדינט עפּעס צו, ווען נישט וואָלט מען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער.

20. מערץ.

דער ענין געטאָ ווערט שטרענגער. אַ סך פּליטים, וואָס זענען אין שטאָט אומלעגאַל, ווילן שוין זיך אַריבערציען אין געטאָ, האָבן זיי אָבער מורא, פאַר די קלעפּ און פּאָלגן, וואָס דאָס קען ברענגען.

22. מערץ.

נישטאָ מער וואָס צו טראַכטן, קיין „עקסטענשן" וועלן מיר מער נישט קריגן. מען מוז זיך אַריבערקלייבן אין געטאָ אַריין. אָבער ווו נעמט מען דאָרט אַ צימער? קראַנקערהייט, מיט פיבער בין איך היינט געווען אין „האָנקיו" זוכן אַ צימער. אַהיים געקומען מיט גאָרנישט. אַ קליין צימערל דאַרף קאָסטן 50.000 דאָלאַר. נו ווו נעמט אַזאַ סומע? לאַזאַר האַנדלט שוין נישט און זיצט אָפּ גאַנצע טעג אין „סאַקראַ" וועגן אַ צימער. זיי זאָגן אים צו, זיי קויפן פרישע הייזער, ווייל אַלע פּליטים מוזן זיך דאָך איצט אַריבערציען. זיי הייסן מיך אַליין גיין זוכן, אָבער ווען איך קום און זאָג, אַז עס קאָסט אַזוי פיל געלט, לאַכן זיי זיך אויס. זיי וועלן אונדז באַזאָרגן מיט אַ צימער, מיר זאָלן זיין רואיק. אין גאַס קומען פאַר „אַבלאַוועס", מען אַרעסטירט אַ סך פּליטים, וואָס האַנדלען אויף סעטשען ראָד (די גאַס ווו עס געפינט זיך די בירזשע פון הענדלער). בסדר קומען פאַר לופט אַלאַרמען. מען גרייט זיך...

2. אַפּריל.

מיר האָבן באַקומען פון „סאַקראַ" אַ צימער. איך בין אַרויסגעפאָרן זען דאָס צימער, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן... אַ קליין שטיבל, אפילו פאַר איין מענטש צו קליין... שמוציקע אָפּגעריסענע ווענט. און דאָ דאַרפן מיר אַריין... דאָס איז דאָס צימער, וואָס די „סאַקראַ"-לייט האָבן אָנגעגרייט פאַר אונדז. עס איז נישטאָ קיין קונצן, מען מוז זיך

אריבערציען צום טערמין, ווען נישט דערוואַרט אַרעסטירט צו ווערן. און אַרעסטירט צו ווערן הייסט קראַנק ווערן אויף טיפוס... איך האָב געבעטן דעם חבר עלבוים, וועלכער וווינט שוין אין געטאָ, אַז ער זאָל זיך פאַר־נעמען מיטן אויסזוכן אַ מאָלער, מען זאָל דאָס צימער כאָטש אויסמאָלן, מיר זאָלן זיך נישט אַריינציען אין אַזאַ שמוץ.

11. אַפּריל.

זענען מיר שוין גאָט זיי דאַנק אין געטאָ אין „האָנקיו". היינט האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין יום־טוב פּסח. אַ שיינער פּסח... פאַר־מאָגס אויפגעשטאַנען פּאַקן די זאַכן. אָבער ווי פּאַקט מען אויס? אַז מען קאָן זיך נישט אויסדרייען. ווי וועט מען ביינאַכט אוועקשטעלן אַ בעטל? דאָס ווייס איך נישט.

20. אַפּריל.

די ענגשאַפט איז אַ שרעקלעכע. ביינאַכט עפענען מיר די טיר און שטעלן אויף דאָס צעלייג-בעטל, האַלב אין קאָרידאָר. די נאַכט איז גע־ווען אַן „אַלאַרם" ווען לופט שוץ־איבונגען, האָבן די שכנים פון די אויבערשטע שטאָקן נישט געקאָנט גיך אַראָפּלויפן, ווייל דאָס בעטל איז גע־שטאַנען ביי די טרעפּן, עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, ביז מען האָט צוזאַמענגענומען דאָס בעטל. מען האָט אַרעסטירט איינציקע פּליטים. ענ־געלמאַן און באַלעק זילבערבערג האָט מען היינט באַפרייט, זיי זענען גע־ווען אַרעסטירט פאַר נישט קומען צו דער צייט אין געטאָ אַריין. אונ־דזערע שכנים, ריף און י. ראַפּאַפּאָרט זענען אויך געוואָרן אַרעסטירט פאַר דעם זעלבן חטא. איצט גייען אוועק זיך מעלדן צו אָקורא אַ פרישע גרופּע פאַרשפּעטיקטע פּליטים.

22. אַפּריל.

מען האָט ווידער אַרעסטירט 9 פּליטים, וועלכע האָבן זיך צו שפּעט איבערגעצויגן אין געטאָ.

פּראַשקער, אַלטמינץ, מעסער, האַלפּערזאָן, אַבראַמאָוויטש, האַפּט־קע, דרילער, דעם אַלטן סוחר ראָזענבוים און יונגער אַדוואָקאַט ראָזנ־בוים. איך און לאַזאַר שטייען שוין דעם צווייטן טאָג אין דער ריי צום

מערדער אקורא, כדי צו קריגן א ספּעציעלע דערלויבעניש צו פאָרן אין שטאָט אריין. היינט בין איך אהער געקומען 6 פרי כדי צו קריגן א נומער. 12 אזייגער האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר קענען שוין גיין אהיים, אקורא וועט מער קיין מענטשן פּארמיטאָג נישט אויפנעמען. נאָך מיטאָג בין איך ווידער געשטאַנען, אָבער קיין נומער האָב איך שוין נישט געקריגן.

26. אַפּריל.

די לאַגע איז אַ שוידערלעכע. די פּליטים האָבן נישט ווו אַריבערצוציען זיך, עס וווינען שוין אייניקע פאַמיליעס צוזאַמען. נישטאָ קיין צימערן, אפילו דאָס קלענסטע קעמערל איז שוין פאַרנומען.

דער אַלטער ראָזענבוים האָט געקריגן פעטש פון דעם מערדער אקורא, און בלויז 24 שעה אַרעסט, אָרימער ראָזענבוים. דאָס האַרץ האָט מיר וויי געטון קוקנדיק ווי דער געוועזענער רייכער קראָקעווער פעלץ סוחר, איז אַרויס פון אקוראַן מיט אַ רויט פאַרפלאַמט פּנים פון די פעטש, אָבער אַ גליקלעכער, וואָס ער האָט נאָר באַקומען 24 שעה אַרעסט און נישט קיין 9 טעג, ווי די פּריערדיקע. מיטן רעליגיעזן עלטערן מאַן ביטענסקי און מיט דעם עלטערן פישמאַן איז אויך געשען דאָס זעלבע. די משפּחות זענען געשטאַנען אויף דער גאַס און הערנדיק דעם מילדן אורטייל: בלויז פעטש און 24 שעה אַרעסט — האָבן זייערע פּנימער געשיינט פאַר גליק...

אַ גאַנצן טאָג שטייען פּליטים און באַמיען זיך אַריינצוגעבן עפּעס צו עסן פאַר די אַרעסטירטע. זיי וועלן דאָך אויסגיין פאַר הונגער. דרייען מיר זיך אַזוי אַרום נעבן „מורהעד-ראַד" געביידע און קוקן אין די פאַרקראַטעוועטע פענצטער, אפשר וועלן מיר דערזען אונדזערע ברידער אָדער זיי וועלן אונדז דערזען און זיין אַביסעלע געטרייסט, אַז מיר זאָרגן זיך פאַר זיי. די דייטשע פּליטים זענען אונדז מקנא: „די פּאָלנישע האַלטן זיך צוזאַמען". אקורא אָבער איז זייער אין כעס אויף די פּוילישע פּליטים, וואָס זיי האָבן געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן און נישט געקומען אין געטאָ אַריין צו דער צייט... ער רופט אונדז רעוואָלוציאָנערן. נאָכן אָפּשטיין אייניקע טעג אין דער ריי אויף דער גאַס איז לאַזאַר היינט ענדלעך

אויפגענומען געוואָרן פון אַקורא, אָבער קיין פּאַס צו גיין אין שטאָט אַריין האָט ער אים נישט געגעבן.

28. אַפּריל.

היינט בין איך געווען ביי אַקורא, היינט האָט ער מיר געצאַפּט דאָס בלוט. ווען איך האָב אים דערלאַנגט די ביטע וועגן אַ ספּעציעלן פּאַס, האָט ער זיך געוויצלט אויף מיין רעכענונג און דאַן געגעבן אַזאַ געשריי, אַז מיין מאַמעס מילך איז מיר געגליווערט געוואָרן... איך האָב זיך גיך אַרויסגערוקט, ערשט אויף דער גאַס, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט. נו וואָס וועט זיין? וועלן מיר דאָ אויסגיין פאַר נויט? היינט האָבן זיך צו־געשטעלט צו אַקורא די לעצטע אויסבאַהאַלטענע 14 פּליטים, זיי האָבן באַקומען צו צוויי וואָכן אַרעסט.

2. מאַי.

מען שמועסט, אַז אין אייראָפּע זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן אַן אָפּענ־סיוו קעגן די דייטשן. מיר זענען דאָך אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט און מיר ווייסן גאָרנישט. מיר לעבן מיט אונדזערע צרות און ווייטיקן. אַ גאַנצע ריי פון אונדזערע פּליטים, וועלכע זענען אַרויס פון אַרעסט, זע־נען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, דאָס האָט אונדז אַלעמען שוין גאָר דער־שלאָגן. די אַנדערע פּליטים אין געטאָ הונגערן. און דאָך באַמיט מען זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אַריינצושמוגלען אַביסל עסנוואַרג פאַר די אַרעס־טירטע, עס איז אָבער נאָך נישט געלונגען. לאַזאַר לויפט אַרום, טעלע־פאָנירט אין שטאָט אַריין, מען זאָל זען העלפן, אַז די פּליטים זאָלן נישט אויסגיין פאַר הונגער. טוקאַטשינסקי האָט צוגעשיקט אַביסל געלט, אָבער וואָס קאָן דאָס העלפן אין אַזאַ נויט.

8. מאַי.

די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט אויף אַ פּאָר טעג. דער „איסט דזשוקאָם” האָט אויסגעצאָלט 800 דאָלאַר אַ פּערזאָן. אויף אַ פּאָר טעג וועט עס גענוג זיין. דערפאַר אָבער האָט זיך די פּליטים־פראַגע, ספּעציעל די פּוילישע, זייער פאַרערגערט. גאַיאַ, וועלכער רופט זיך דער „קינג אַף די דזשום” איז אַ פולשטענדיקער משוגענער. היינט האָט

ער געפּאטשט איינעם אַ פּליט אין גאַס, ווייל יענער האָט אַ „ספּעציעלן־פּאַס" צו פאָרן אַרבעטן, און צום סוף האָט ער אים געטראָפן מיט אַ מיידל שפּאַצירן. ער האָט ביי אים צוגענומען דעם „ספּעציעלן פּאַס". דער סאַ־דיסט האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געמאַכט אַן אַבלאַווע אויף אַ קאַפע אין געטאָ און אַרעסטירט אַ סך פּליטים. די קעלנערקעס וועלכע האָבן פּונקט דעם טאָג געהאַט אַ פרייען, האָט ער באַפוילן צו קומען צו זיך אין ביוראָ. צווישן די קעלנערקעס, האָט זיך אויך געפונען דאָס צאַרטע מיידל סאָניאַ איגלאַ, וועלכע איז געווען אַ גלענצנדע פּיאַניסטין. נישט האָבנדיק פון וואַנען צו לעבן, איז זי געוואָרן אַ קעלנערקע אין דעם קאַ־פע, וווּ עס זענען אַריינגעקומען פּוילישע פּליטים. ווען זי איז געקומען לויטן באַפעל אין ביוראָ פון גאַיאַ, האָט ער זי געמוטשעט מיט אַלערליי פראַגן, זעענדיק אַז ער קאָן גאָרנישט אַרויסבאַקומען פון איר, האָט ער, כדי זי איבערצושרעקן, אַריינגעפירט זי פאַר אַלעמען אין די אויגן אין קלאָזעט, פאַרשלאָסן זיך מיט איר און זי ווידער געמוטשעט מיט פאַר־שידענע פראַגן, אַלע פּליטים, וואָס זענען געשטאַנען אין דער ריי אַריינ־צוגיין צו אים, האָבן געהערט זיינע זידל־ווערטער און געשרייען, ער האָט בכיוון אויסגעקלערט דאָס, כדי דאָס מיידל צו פאַרשעמען. סאָניאַ אינ־לאַ איז דערנאָך קראַנק געוואָרן פאַר שרעק און אָפּגעלעגן אַ שפּאָר שטיקל צייט.

9. מאַי.

דער ערשטער קרבן פון אָקוראַס מעשים... היינט איז געשטאָרבן פון טיפוס דער ערשטער באַפרייטער פון אַרעסט, דער פּליט יוסף אַלט־מינץ. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און אַ טאָכטער. אַלע זענען צערו־דערט. די איבעריקע קראַנקע זענען אויך אין אַ זייער שווערן צושטאַנד. אַלע פּליטים ווי איין מאַן ווילן העלפן. מען לויפט, מען שאַפט אַ פּאָר פּאַמעראַנצן, די קאָנסולאַר קאָמיסיע זשאַלעוועט נישט קיין געלט, ד"ר שטיינמאַן, דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל, רוט נישט קיין מינוט. ווייל באַטש ראַטעווען די איבעריקע, וואָס ליגן אין שפּיטאָל. די, וועלכע ליגן אין דעם אָרימען, נעבעכדיקן שפּיטאָל אין געטאָ, ווערן באַהאַנדלט פון דער פרוי ד"ר לאַנדוי, וועלכע ליגט גאַנצע נעכט אין שפּיטאָל. דער ד"ר

פאַלאַקעוויטש, אַליין אַ פּליט, לויפט פון שטאָט אין געטאָ אַריין און פון געטאָ אין שטאָט אַריין... גישטאָ איין פּליט, וואָס זאָל איצט נישט זיין מיט לייב און לעבן אַריינגעטון אין דער הילפס־אַקציע פאַר די קראַנקע. אין שטאָט אַריין קאָנען די פּליטים נישט גיין, מוז מען זיך באַגנוגענען מיט בלויזע אינפאָרמאַציעס וועגן צושטאַנד פון די קראַנקע, וואָס געפינען זיך אין דער „פרענטש". אָבער דאָ אין געטאָ, זענען אַלע פּליטים פאַרזאַמלט אויפן שמוציקן ענגן הויף פון וואַרד ראַד שפּיטאָל און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ דאָקטאָר, וואָס וועט אַרויסגיין פון די חברים אונדזערע.

פרוי אַלטמינץ האָט פון אַקוראַן נישט באַקומען קיין פּאַס צו פאָרן צו איר טויטן מאַן. זי האָט געמוזט אַדורכגנבענען זיך... די גרעניץ.

.10 מאי.

בין איך שוין ווידער געווען אויף בייקאַל ראַד אויף דעם היגן בית־עולם. באַגלייט יוסף אַלטמינצען. דאָס מיטאָג אין פּליטים־קיך האָט מען צוגעגרייט פריער, כדי מיר זאָלן אַלע קאָנען גיין צו דער לוויה. שרעקלעך האָט אויסגעזען די שטילע פּראָצעסיע אָן דעם אָרון. אַלע כינעזער האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט פאַרוואונדערונג, אויף די הונדערטער מענטשן, וואָס גייען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. אויפן בית־עולם זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז עס איז שוין נאָך איינער פון די אַרעסטאַנטן קראַנק געוואָרן אויף טיפוס — דאָס איז דער פּליט זגאַמיראָווסקי.

.12 מאי.

היינט באַגלייט דעם צווייטן קרבן פון דעם מערדער אַקורא. דעם פּליט בעריש אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך אויך אָנגעשטעקט אין אַרעסט מיט טיפוס. די אַנדערע זענען אויך אין זייער אַ געפערלעכן צושטאַנד. און עס זיצן נאָך אַ גאַנצע ריי פּליטים. אינטערווענירן טאָר מען נישט. מען מוז שווייגן. היינט האָט מען ווידער אַרעסטירט דעם רעליגיעזן ייד האַראַוויטש. געקומען זיך צו שטעלן צו אַקורא איז נישט דער ריכטיקער, נאָר אַ ברודער, ווייל דער האָט שוין ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַ טיפוס. האָט ער פאַרביטן זיין ברודער. ער וועט זיצן אַרעסטירט 4 וואָכן.

15. מאי.

א טרויעריקע דאטע אין אונדזער לעבן אין שאנכיי. לאזאר רופט דאס אן „דער טרויעריקער מאנטיק" און דעם לעצטן שבת האט ער אנגערופן „דער שווארצער שבת".

שבת זענען געשטארבן: דער געזונטער יונגער בוים אלפערזאן און שפעטער מיט א פאר שעה איז געשטארבן אונדזער פריינט, דער ציונים־טישער עסקן, הערש פראשקער. ווען איך בין אריינגעגאנגען צו פראשקערן, האט ער מיך שוין נישט דערקענט, אבער נעבן אים איז געלעגן דער ריז שמואל האפטקע, א ברודער פון דעם ווארשעווער מיניסטעריאל באאמטן אלעקסאנדער האפטקע. ער האט מיך יא דערקענט און געזאגט אין זיין שטארקן פיבער: „מיר וועלן זיך דא נישט לאזן..." אין א פאר שעה ארום איז אויך האפטקע געשטארבן. אויפן הויף פון „ווארד ראד שפיטאל" האט זיך געטון חושך. מען האט ספאזמירט, מען האט געוויינט. שרעקלעך זעט אוים א לוויה אין שאנכיי. מען פירט דעם מת אויף א האנט־וועגעלע, צוגעדעקט מיט א שווארצן טוך. אבער די היינטיקע לוויות האבן געהאט א זייער טראגישן אויסזען. באלד אין דער פרי זענען אלע פליטים זיך צוזאמענגעקומען ביים שפיטאל פון ווארד ראד כדי צו באגלייטן די חברים.

טרויעריק, מיט א שווער געמיט, שטייט די מאסע פון פוילישע פליטים ביים טויער פון ווארד ראד פליטים־שפיטאל אין געטא. מען ווארט אויף דער לוויה פון אונדזערע חברים פראשקער, האפטקע און אלפערזאן. שוין 5 קרבנות פון דער פארלייזיקטער מיט באצילן אנגעשטעקטער צעלע, פון „מירהערד ראד תפיסה". פינף יונגע לעבנס זענען שוין אוועק פון אונדז אין פארלויף פון די לעצטע פאר טעג און א סך אנדערע ראנגלען זיך מיטן טויט.

עס עפנט זיך דאס טויער און ד"ר לאנדוי מעלדעט, אז נאר 30 פארשוין קאנען נאכגיין די לוויות. די מאכט האט נאר דערלויבט צו 10 פערזאן ביי א לוויה. פארביטערט און באליידיקט פילן זיך אלע. מען דערלויבט נישט אפילו אפגעבן דעם לעצטן כבוד א ברודער.

האבן זיך געצויגן אויף ווארד ראד דריי ארימע האנט־וועגעלעך, צו־

געדעקט מיט א שטיקל אלטן שווארצן טוך. דריי לוויות: פון אינזשי־ניער אלעקסאנדער אלפערזאן, פון שמואל האפטקע און הערש פראשקער, באגלייט פון א קליינער גרופע דערלויבטע 30 מענטשן, אבער פון ביידע זייטן טראטואר האבן זיך געצויגן הונדערטער מענטשן טרויעריק און און שווארץ ווי דער צודעק פון ארון. נישט דערלויבטע נאכגייער פון די לוויות.

אויך אויפן בית־עולם האבן אקורא און נאיא רעווידירט די אלע, וואס האבן זיך דארט געפונען. די תושבים און די פליטים, וועלכע האבן יא געמעגט זיין אויפן בית־עולם, האבן פונדעסטוועגן פארשטאנען, אז עס איז בעסער, אז מען זאל נישט אריינפאלן צו די סאדיסטן אין די הענט אריין. מען קאן קיינמאל נישט וויסן, וואס א משוגענעם און א באנדיט קען איינפאלן. זיי זענען געשפרונגען דורך פלויטן און דורך דעם הינטער־טויער. אזוי טראגיש האט אויסגעזען די לוויה פון די קדושים: פראשקער, אלפערזאן און האפטקע.

17. מאי.

דערוויי! זענען קראנק געווארן אויף טיפוס נאך איניקע פליטים פון די באפרייטע פון ארעסט: דער קאוונער פליט פינקעלשטיין און דער ווארשעווער טעאטער־פריינט ניזשינסקי.

20. מאי.

כ׳בין געווען אין שטאט. דאס ערשטע מאל זייט איך בין פאר־שפארט אין געטא. ביים ארויסגיין פון געטא שטייט א פליט א „פא א טשא״ און רעווידירט דעם „ספעציעלן פאס״, צי ער איז גילטיק און צי גיי איך חלילה נישט ארוים מיט א מינוט פריער פון דער שעה, וואס איז אויפגעגעבן אויפן פאס. אויף יעדן פאס שטייט געשריבן אין וועלכן ראיאן מען מעג גיין און פון וועלכער צייט אן ביז וועלכער שעה. איך בין געווען אין יודישן קלוב, געוואלט גיין צו די טוקאטשינסקים, אבער זיי וווינען דאך אין דער „פרענטש״, טאר איך דאך נישט גיין צו זיי. די הויפטזאך, וואס איך האב דערליידיקט, איז געווען אין „סאקרא״, מען זאל מיר געבן אן אנדער צימער. זיי זענען אלע געווען זייער גוט צו מיר

און מיך געהייסן זוכן א צימער, זיי וועלן באצאָלן. געוויס זענען זיי נאָך אונטערן איינדרוק פון די קרבנות. עס איז גוט צו זיין אין שטאָט; ווי גוט עס איז צו זיין פריי.

25. מאַי.

היינט האָב איך געהאַט אַביסעלע פרייד. א טעלעגראַמע פון מיין לילי. עס איז געקומען ווי א רפואה צו מיינע ווונדן. איז מיר איצט א טראָפּעלע פרייל̇עך אויפן הארצן. זי געפינט זיך אין וואַטיקאַן.

27. מאַי.

ווידער א קרבן. דער קאָוונער פּליט פינקעלשטיין איז געשטאָרבן פון טיפוס. א טרויעריקער שבועות. צו דער לוויה וועלן קאָנען גיין נאָר 10 פערזאָן. אָרימע פרוי פינקעלשטיין. אַזוי שטארק צוגעבונדן איז זי געווען צו איר מאַן. אַלע האָבן דאָס פּאָרל געשעצט און געאַכט.

5. יוני.

ווידער באַקומען פון אָקורא א „ספּעציעלן פּאַס" אויף 9 טעג. דריי טעג שטייט מען אין א ריי צו באַקומען אויף 9 טעג א פּאַס, כדי צו פּאָרן אויף דריי שעה אין שטאָט אריין, דערפון דויערט די רייזע אין שמור-ציקן טראַמוויי גאַנצע 2 שעה. די היץ איז שרעקלעך, מען פאַלט ממש ווי פליגן. איך מוז דאָך זען עפּעס צו טון. די חודשלעבע דזשאָינט-שטיצע איז אַפילו נישט גענוג אויף א וואָך טרוקן ברויט און וואָס טוט מען מיט די איבעריקע 3 וואָכן? אין שטוב קאָן מען זיך נישט אויסדרייען, די פּלאָג פון די מאָסקיטן איז שרעקלעך.

10. יוני.

שאַנכייער פּליטים לויפן ארום מיט א שמחה. די אַליאירטע האָבן שוין אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע, אָבער צי מיר וועלן דערלעבן צו הערן א סוף פון מלחמה... ווער ווייסט? נישטאָ שוין קיין כוח. דאָ אין געטאָ אין דער ענגשאַפט פיל איך די טראָפּישע היץ א סאַך שטאַרקער. איינ-פאַך נישט אויסצוהאַלטן.

14. יוני.

א גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. די סירענעס האָבן געריפן. עס איז

געווען אן אנפלי פון אליאירטע עראפלאנען. מיר זענען אין מיטן נאכט ארויסגעלאפן אויפן גאס. יעדער איינער איז געשטאנען גרייט מיט זיין קליינער וואליזע אין האנט. אביסל עסנווארג, אביסל וואסער און וועש. הייסט עס, אז מיך דערווארט נייע באמבארדירונגען. ווייניק געווען אין ווארשע. די עראפלאנען זענען זיך אבער רואיק פארביייגעפארן.

20. יוני.

ווידער באקומען פון אקורא א „ספעציעלן פאס" אויף 14 טעג. און היינט האב איך דאס ערשטע מאל זיך אדורכגעגנבעט צו דער פראנצוי-זישער קאנצעסיע... ווען איך בין געזעסן אין טראמוויי און געזען אריינ-קומען א יאפאנישן זעלנער, איז מיר דאס הארץ ארויסגעפאלן פון שרעק. איך האב אלץ געמיינט, אז מען וועט מיך באלד כאפן, אז איך האב נישט קיין פאס פאר דער „פרענטש". ווען איך בין צוריקוועגס אריבער די גרעניץ פון „פרענטש" צו „סעטעלמענט", האב איך איינפאך אויפ-געלעבט.

1. יולי.

אריבערגעצויגן זיך אין א נייע דירה. א גרעסער צימער, כאטש אן יעדער באקוועמלעכקייט. אבער מען וועט דא קאנען אויפשטעלן א בעט. איך האב זיך גוט אויסגעוויינט און גענומען אויספאקן די זאכן. דאך בעסער ווי דארט. עס איז דא א באלקאן און עס וועט נישט זיין אזוי מעטיק.

15. יולי.

די היץ איז שרעקלעך. מענטשן זענען היינט געפאלן אין חלשות פון היץ און אין אזא חמימה האב איך געמוזט שטיין אין א ריי ביי אקורא נאך א „ספעציעלן פאס". פינף פארטאג האב איך זיך אוועקגעשטעלט. 12 אזייגער איז די היץ געווען אומדערטרעגלעך און איך בין נאך אלץ נישט אנגעקומען. ערשט 5 פארנאכט האב איך ענדלעך ווידער באקומען א פאס אויף 10 טעג. כ'בין אבער אהיימגעקומען כמעט א קראנקע. אומ-געגעסן זיך געלייגט שלאפן. אבער שלאפן אויך נישט געקענט. דער טומל און די מאסקיטן לאזן נישט איינלייגן. זיץ איך איצט אין א ווינקעלע און

שרייב ביי א ליכטל. קיין עלעקטרי טאָר מען נישט ברענען, שרייב איך אויף די טרעפּ, ווו עס זענען נישטאָ קיין פענצטער און מען וועט די ליכט נישט זען.

20. יולי.

עס איז אָנגעקומען א ידיעה, אז א גרויסער טייל יידן זענען אין פוילן אומגעקומען, אַלע טרויערן און ציטערן צוליבן גורל פון אונדזערע נאָענטסטע. לאזאר פילט זיך זייער שוואך און האָט די גאַנצע צייט צו טון מיטן מאָגן, ווארשיינלעך ווידער ווערים, אָבער מען קען זיי אין אזא היץ נישט ארויסטרייבן. דאָס איז א שטארקער סם און ווירקט זייער שלעכט אויפן אָרגאַניזם. איך פיל מיך אויך זייער שוואך. ביידע גייען מיר אין שפּיטאָל צו מאַכן איינשפּריצונגען. אָבער די באַציאונג צו די פּליטים אין ווארד ראד שפּיטאָל איז א שרעקלעכע. די באַאמטע באַהאַנדלען די פּליטים ווי הינט.

25. יולי.

אין שטאָט קאָכט: די סאָוועטן זענען שוין אין לובלין. דאָס זאָגט דער סאָוועטישער ראדיאָ. לאזאר איז פריילעך. עס קומט דער סוף. דערווייל אָבער איז ער קראנק און איך באַמי זיך אים אריינצובאַקומען אין יידישן שפּיטאָל אין דער „פרענטש" אויף אָבסערוואַציע. נעכטן ביינאַכט האָבן מיר ווידער געמוזט ארויסשפּרינגען פון די בעטן צוליב א לופטאַליאַרם.

31. יולי.

קראַנקערהייט האָט לאזאר זיך באַמיט צו קריגן א הלוואה און היינט האָט ער באַקומען דעם טשעק פון דער לײַ־קאַסע. ער איז גלייך אַוועק צו אָקוראַ און האָט באַקומען א דערלויבעניש צו פאָרן אין שטאָט אין שפּיטאָל אריין. מיין איצטיקער פּאַס הייבט זיך ערשט אָן פון 3 נאָכמיטאָג, האָב איך נישט געקענט אים באַגלייטן אין שפּיטאָל אריין און ער איז אַליין געפאָרן.

2. אויגוסט.

איך בין אַוועק אין דער „פרענטש" אין שפּיטאָל צו לאזארן. ער

זעט זייער שלעכט אויס. כ׳מיין, אז דער פראכטפולער גארטן פון שפי־טאל און די לופט וועט אויך ווירקן אויף זיין געזונט. דאס ערשטע מאל איז ער דאך אין שטאט צווישן פרייע מענטשן. ארויס אביסל פון דעם געטא.

8. אויגוסט.

די היצן זענען נישט צום אויסהאלטן. איייניקע טעג האב איך נישט געקענט גיין צו לאזארן, ווייל דער מערדער אקורא איז עפעס שרעקלעך אויפגערעגט און האט מיר נישט געוואלט געבן קיין פאס צו באזוכן לא־זארן אין שפיטאל. „מען וועט אים דארט נישט אויסכאפן, עס איז נישט געזונט צו זען צו אפט דעם מאן”, האט ער ציניש צוגעגעבן. די בייזקייט איז געווים צוליב דעם דורכפאל פון די דייטשן אויף די פראנטן. אויך גאיא איז משוגע געווארן. פאטשט אין גאס מענטשן און נעמט ביי אלע־מען צו די פעסער. אין געטא איז די פארצווייפלונג גרויס, אבער מען טרייסט זיך, אז אפשר שוין נישט לאנג. פון דעם געלט, וואס מען האט געבארגט אין דער לייקאסע, האב איך שוין ווידער נישט קיין גראשן. באצאלט דירה־געלט און געקויפט פאר לאזארן אביסל פרוכטן אין שפי־טאל אריין און שוין אויס געלט.

15. אויגוסט.

לאזאר איז נאך אלץ אין שפיטאל און פילט זיך נישט גוט. די היצן דערהרגענען, קיין פאס צו גיין באזוכן אים האב איך נישט באקומען. אבער א פאס צו פארן אין קלוב אריין האב איך יא באקומען. נו, האב איך זיך שוין אויסגעלערנט אדורכצושמוגלען און גיין אין דער „פרעגנטש” אן א פאס. היינט איז פונקט פארגעקומען א רעוויזיע אין שטאטישן טראמוויי, האב איך זיך אביסל דערשראקן, אבער צו קיין פרויען זענען די יאפאנער נישט צוגעגאנגען און מיר זענען ווייטער געפארן. אפגע־קומען מיט בלויזע שרעק. די שטאט קאכט, א נייע רעגיסטראציע פאר אלע, וועלכע זענען געקומען פון 1937 אן. אלע תושבים און אלע פלי־טים, וועלכע האבן עקסטענשנס און עקזאמשענס מוזן זיך רעגיסטרירן. מען דערווארט נייע גזירות פאר די תושבים אויך. מען זאגט, אז פאר

אונדז פליטים פון געטא זענען אנגעגרייט פלעצער צו פארשיקן אונדז ערגעץ אויף אן אינדזל און די תושבים וועלן אריין אין געטא אויף און־דזער ארט. עס קאכט זיך, מען טומלט זיך, מען לויפט מיט געלט ווו מען דארף. געלט האט מען דאך און געלט מאכט אלץ.

20. אויגוסט.

נעכטן באקומען אין מיטן נאכט שטארקע היץ. איך האב מיך גע־פילט שרעקלעך איינע אליין אין צימער. איך האב געוואלט ארייגרופן א שכנטע; ווען כ'בין צוגעגאנגען צו דער טיר, איז מיר שלעכט געווארן און איך האב געחלשט. ווען איך בין צו זיך געקומען, האט שוין געטאגט. איך האב געבעטן די שכנה זאל רופן א דאקטער. מען האט אויפגעוועקט דעם פוילישן פליט ד"ר זעליקסאן. ווען ער איז געקומען, האט ער פעסט־געשטעלט, אז די גרויסע היץ איז געקומען פון א שלעכטע אמפולקע בי־נעזישע קלוקאז, וואס מען האט מיר נעכטן איינגעשפריצט. ער האט מיר געגעבן א מעדיקאמענט און מיר איז בעסער געווארן, אבער צו לאזארן קען איך שוין נישט פארן און ער האט גארנישט צו עסן.

27. אויגוסט.

עס טומלט זיך ביי אונדזער גרופע שרייבער. מען האט געקריגן פון אויסלאנד געלט. 1.200 פראנק פאר די יידישע שרייבער. מיר ווייסן נישט פון וועמען, אבער מען פארשטייט, אז געווים האבן דאס געשיקט אונ־דזערע חברים פון אמעריקע. די פרייד איז גרויס. א חוץ דעם וואס מיר וועלן האבן געלט, הייסט עס, אז די וועלט האט אין אונדז נישט פאר־געסן... זענען מיר שוין נישט אזוי איינזאם... וואס פאר א גרויסע פרייד עס איז צו וויסן, אז עמיץ טראכט וועגן דיר, נאך דערצו אין דעם איצ־טיקן צושטאנד אונדזערן.

מיר האבן מקנא געווען די ישיבה־בחורים, וועלכע האבן פון אויס־לאנד די ערשטע באקומען געלט. איצט זענען מיר אויך יחסנים. א קליי־ניקייט, געלט פון אויסלאנד. לאזארן לאזט מען נישט רוען אין שפיטאל. מען קומט כסדר געוויר ווערן, ווער און ווי אזוי מיר האבן דאס געלט באקומען. אויף דער טעלעגראמע איז געווען אנגעשריבן: 1.200 פראנק

פאַר דער לאַזאַר קאַהאַן־גרופּע. נו, נו, ווילן אַלע וויסן, ווי אַזוי לאַזאַר האָט דאָס געלט באַקומען. דער אָרימער לאַזאַר ווייסט דאָך אַליין נישט. דאָס געלט איז דאָך געקומען דורך דער שווייץ.

אַלע חברים גייען מיט די קעפּ הויך. די פּנימער האָבן גאָר באַקומען אַן אַנדער אויסזען. מען האָט געהאַט אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסן צעטיילן דאָס געלט גלייך צווישן אַלעמען. אַזוי ווי עס איז די ערשטע סומע פון אויסלאַנד, זאָלן אַלע גלייך זיך פרייען.

1. סעפּטעמבער.

פינף יאָר מלחמה. פינף יאָר פּלאָגן זיך. די היצן זענען דאָ שרעקלעכע און די נעכט נאָך שרעקלעכער. די לעצטע צייט גייט כמעט נישט אַוועק קיין איין נאַכט אָן לופט־אַליאַרמען. די שיסערייען זענען שרעקלעך. און מיר זיצן אויפן גאַס און ציטערן. אַז די באָמבעס זאָלן נישט דאָ אַריינפאַלן. ווען איין אַליאַרם האָט זיך געענדיקט און מיר זענען צוריק אַרויף אין שטוב, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטער אַליאַרם און מיר האָבן געהערט אויפרייסן פון באָמבעס. צו לאַזאַרן קען איך נישט גיין, איך האָב איבערהויפּט נישט קיין פּאַס אַרויסצוגיין אין שטאָט. שוין צוויי טעג ווי איך שטיי אין דער ריי אָנצוקומען צו אַקוראַ נאָך אַ פּאַס און איך קען זיך נישט דערשלאָגן.

12. סעפּטעמבער.

לאַזאַר איז היינט אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל. איך האָב אים געמוזט איבערלאָזן און לויפן צו אַקוראַ אָפּגעבן די אַפּליקאַציע. ווען איך בין געשטאַנען אין דער ריי שוין אין דער אָפענער טיר, האָט אַקוראַ געפּאַטשט דעם פּליט יורעק שאַפּירא. ער האָט אים אַזוי שטאַרק געפּאַטשט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און האָב אַ געשריי געטון. דער „פּאַ אַ טשאַ"־מאַן האָט מיך גיך אַרויסגענומען פון דער ריי. מיר איז געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז אַ פרעמדער פּליט איז גיך אַראָפּגעלאָפן און מיר געבראַכט אַ טעפּל שטאַרקע קאַווע. איך בין אַהיימגעגאַנגען און שוין נישט אַריין צו אַקוראַ. יורעק שאַפּירא האָט געקריגן געפּאַטשט, ווייל ער האָט מיט אַ טאָג שפּעטער מיטגעטיילט וועגן ענדערונג פון זיין אַדרעס.

15. סעפטעמבער.

לעבן זאָלן אונדזערע אויסלענדישע פריינט. היינט האָט זיך לאַזאַר פאַר דעם באַקומענעם געלט פון אויסלאַנד געקויפט אַ האַרבסט־מאַנטל, דעם ערשטן מלבוש אין אונדזער גלות... אַזוי ווי אַ קליין קינד האָט ער זיך געפרייט מיטן מאַנטל, ענדלעך אָנטון אַ זאַך וואָס איז אויף זיין מאָס. ווען נישט דאָס באַקומענע געלט, וואָלט מען אפילו נישט געקענט חלומען פון אַזאַ לוקסוס ווי אָנטון אַ נייעם מאַנטל.

17. סעפטעמבער.

ראש השנה אין געטאָ. יעדעס יאָר איז אַן ערגערס... פאַראַיאָרן איז אונדז געווען שלעכט. פאַרוואָרפן אין אַן אַזיאַטיש לאַנד, ווייט פון אייגענע, אָן אַ היים, אָן די קינדער, פּליטים... דאָס וואָרט אַליין איז שוין גענוג. אָבער מיר זענען געזעסן ביים שיינעם יידישן טיש פון די ליבע האַרציקע טוקאַטשינסקיס, מיט דער גאַנצער פאַמיליע מיט פריילעכע פּנימער אַרום און מיט אַ גאַר גוט יום־טובדיק מאָלצייט. דאָס יאָר זיצן מיר פאַרשפּאַרט אין געטאָ, חושבדיקע פּליטים, מיט ביטערע געמיטער און מיט ווייטיק וועגן גורל פון אונדזערע נאָענטע דאָרט אין פּוילן, גע־פּייניקט, באַליידיקט און דערנידעריקט פון אַ פּאָר יאַפּאַנישע סאַדיסטן־מערדער. מיר זיצן מיט קראַנקע אויגן פון די שלאָפלאָזע נעכט איבער די כסדרדיקע אָנפאַלן און כסדרדיקן טויטשרעק פאַר באָמבעס.

אין פּליטים־קיך, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַרמאַכט צוליב מאַנגל אין געלט און האָט זיך ערשט נישט לאַנג ווידער געעפנט, האָבן די פּליטים איינגעאָרדנט אַ בשותפותדיק נאַכט־עסן. לאַזאַרן האָט מען מכבד געווען מיט מאַכן קידוש.

28. סעפטעמבער.

נעכטן יום־כיפור איז מיין נאָמען געווען אַרויסגעהאַנגען אויף „מיר־העט ראָד", אַז איך זאָל קומען צו גאָיאַ וועגן מיין „ספּעציעלן פּאַס".

ווען איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין דער פרי אין אַ ריי צו גאָיאַ, בין איך געווען שרעקלעך נערוועז, איך האָב איינפאַך געציטערט אינ־גאַנצן. אַלע פּאָר מינוט האָט זיך געהערט פון זיין צימער געשרייען ווי

א ווילדער אָקס וואָלט געריטשעט... יעדעס געשריי האָט צוגענומען מיין געזונט. מיט ציטערדיקע טריט האָב איך זיך דערנענטערט צו זיין טיש. כ'האָב דאָך אַזויפיל אויסטערלישעס זיך אָנגעהערט וועגן אים. און איך האָב דאָך א סך מאָל באַגעגנט אין גאַס דעם אויסוווּרף, פאַר וועלכן גאַנץ „האַנקיו" ציטערט, נישט בלויז ווען מען דאַרף צו אים אָנקומען, נאָר ווען מען זעט אים אין גאַס.

אָט שטיי איך שוין פאַר גאָיא. איך רעד גאָרנישט, האַלט נאָר פאַר אים דעם נומער פון דער אַפּליקאַציע. מיט א ווונק ווייזט ער מיר, אַז איך זאָל צוגיין צו זיין סעקרעטאַר, דעם יידיש-טשעכישן פּליט פעדער. פעדער גיט מיר דעם „ספּעציעלן פּאַס", וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט און איך דאַרף מיט דעם פּאַס צוגיין צו גאָיא. ער פרעגט מיך עטלעכע זאַכלעכע פראַגן, איך האָב מורא צו ענטפערן, ער נעמט אָן, אַז איך פאַר־שטיי נישט קיין ענגליש, שרייבט אונטער דעם פּאַס, לייגט אַרויף א סטעמפּל און גיט מיר. איך בין געשטאַנען נאָענט נעבן זיין שרייבטיש און דערוויַיל מיט דער האַנט זיך אָנגעלענט אָן שפּיץ טיש. ער האָט אַראָפּגעשאַרט מיין האַנט און געזאָגט: „נעקסט". איך בין גיך אַראָפּ־געלאָפן פון די טרעפּ אַזוי ווי געיאָגט. אבי איך האָב שוין א פּאַס אויף א חודש... גאָט צו דאַנק...

.10 אָקטאָבער.

איך בין געווען אין קלוב, בעטן דעם זאָל אויף אַן אָוונט. איצט, אַז איך האָב שוין א חודש-פּאַס, קען איך דאָך שוין פון צייט צו צייט עפּעס טון און נישט אויסגיין פאַר נויט. דער קלוב האָט נישט אַזוי גיך איינ־געוויליקט צו געבן דעם זאָל. דער סעקרעטאַר, דער רעוויזיאָניסט זוביצקי, האָט זיך אָבער איינגעשטעלט און מען האָט ענדלעך איינגעוויליקט מיר צו געבן דעם זאָל. מוז איך זיך נעמען פאַרבאַרייטן א קליינקונסט־אָוונט. קיין פאָרשטעלונג איז מיר נישט מעגלעך צו שפּילן, איך האָב נישט די מעגלעכקייט צו קומען פון געטאָ פּראָבירן און נאָך אַליין צוגרייטן די טעכנישע און די געשעפטלעכע ענינים.

.28 אָקטאָבער.

היינט בין איך געגאַנגען מיט א לייכטער געמיט צו גאָיא, ווי דאָס

ערשטע מאָל. עס איז דאָך שוין אַריבער דער חודש. איך האָב אָבער גע-
טראָפן אויף מירהעד ראַד אַ שרעקלעכע מהומה. גאַיאַ האָט געשלאָגן ביז
בלוט, ער האָט כמעט פּאַרמיטאָג קיינעם נישט דערליידיקט, אַלעמען צו-
גענומען צוריק די פּעסער. מענטשן זענען שוין געשטאַנען פון נעכטן אָן.
ער האָט געפּאַטשט די דאָקטוירים פון שפּיטאָל, וואָס זענען געקומען
בעטן פּעסער. ער האָט געקאָפּעט אַ ישיבה־בחור מיט די פּיס. איך האָב
געוואָלט אַרויסגיין פון דער ריי, אָבער גאַיאַ איז דאָך געשטאַנען און
געשלאָגן אויף דער גאַס. ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, בין איך געווען
מער טויט ווי לעבעדיק. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיין פּאַפּיר פון
קלוב און געגעבן אַ געשריי: „גיי צו דיין גענגסטער קאָן". איך האָב נישט
פאַרשטאַנען, אָבער זיך גיך אָפּגעטראָגן, איידער ער וועט מיר דערלאַנ-
גען. „גענגסטער קאָן" האָט ער אָנגערופן דעם ד"ר קאָן, דעם פּרע-
זעס פון סאקרא. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס מיין פּאַס
איז געבליבן ביי מיר אין האַנט און ער איז דאָך נאָך אויף היינט געווען
גילטיק, בין איך גיך געפאָרן אין שטאָט אַריין, קודם אַריינכאַפּן אַ
שטיקל רעפּעטיציע, דאַן געלאָפן אין קלוב אָפּלייגן דעם אָוונט. איך האָב
דאָך שוין אויף מאָרגן קיין פּאַס נישט און איך מוז אָפּוואַרטן אַ פּאָר
טעג, ביז דאָס משוגעת פון גאַיאַ וועט זיך באַרואיקן. איך בין אויך
אַרויפגעלאָפן אין סאקרא צו ד'ר קאָן, איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל
זען, אַז דער יאַפּאַנער קובאָטאַ זאָל מיר געבן אַ פּאָר ווערטער צו גאַיאַ.
איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין ממש אומגליקלעך, אויב די פאָר-
שטעלונג וועט נישט קענען פאָרקומען. ד"ר קאָן האָט גענומען דעם בריוו
פון קלוב און צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער פון זיך צו גאַיאַ. איך האָב
נישט געוווּסט וואָס, ווייל ד"ר קאָן האָט געשריבן אויף יאַפּאַניש. איך
בין געבליבן שטיין אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, איצט האָט ער אויך
קאַליע געמאַכט דעם קלובס בריוו. איך האָב נישט געוואָלט זאָגן דעם
ד"ר קאָן, אַז גאַיאַ האָט אים אָנגערופן „גענגסטער", איצט האָט דער
„גענגסטער" נאָך צוגעשריבן צום בריוו. איך האָב אָנגעהויבן דיפּלאָמאַטיש
צו בעטן, אַז אַ בריוו פון יאַפּאַנער וואָלט געווען גאָר גוט. „עס שאַדט
נישט, זאָגט ד"ר קאָן, דער בריוו איז אויך גוט". עס איז געוואָרן שפּעט.

איך האָב געמוזט גיך אהיימפאָרן און באַשלאָסן צו בעטן עמיצן פון די פּליטים, וואָס האָבן פּעסער, אַז מען זאָל אַריינגיין אין קלוב און בעטן אָנשרייבן פאַר מיר אַן אַנדערן בריוו, ווייל דעם האָב איך פאַרלוירן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט אַרויסרופן ביי די קלוב־מענטשן פאַרדרוס, אַ קליינינקייט — מען וועט מוזן נאָכאַמאָל אָנשרייבן צען ווערטער אויף דער שרייבמאַשין און אַרויפלייגן דעם סטעמפּל. אָבער וואָס זאָל איך טון, אַז גאָיאַ איז אַ משוגענער און איך וויל לעבן.

11. נאָוועמבער.

פיר שעה האָט געדויערט דער הײַנטיקער אַליאַרם. די אויפרייסן זענען געווען שרעקלעכע. די הײַזלעך האָבן זיך געשאָקלט און אין האַנקיי איז געוואָרן אַ פּאַניק צווישן די כינעזער, מען איז געלאָפן אַהין און צוריק פאַר שרעק פאַר די פליענדע באָמבעס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין נישט געקענט פאָרן אין שטאָט אַריין און עס איז דריי טעג פאַר דער פאַרשטעלונג. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געפירט פאַרוווּנדעטע, עס זענען דאָ אַ סך טויטע. מען האָט באָמבאַרדירט דעם יאַפּאַנישן פלי־פּלאַץ און אַ פאַבריק פון אַמוניציע.

21. נאָוועמבער.

אַ שרעקלעכער טאָג און אַ שרעקלעכע נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג דויערן די אַליאַרמען און באָמבאַרדירונגען. מען האָט באָמבאַרדירט נאַנטאַ און דעם יאַפּאַנישן קוואַרטאַל יאַנציפּו. גאַנצע וועגענער און אויטאָס מיט פאַרוווּנדעטע פירט מען דורך. די שפּיטאָלן זענען פול געוואָרן מיט כינעזישע פאַרוווּנדעטע. איך האָב נאָך געהאַט מזל, אַזוי ווי די עראָפּלאַנען וואָלטן געהאַט זיך אָפּגערעדט מיט מיר.

דאָס טעאַטער איז געווען פול, איך האָב געהאַט אַ מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג, און עס וועט מיר בלייבן צו לעבן אַ שפּאָר שטיקל צייט. איך האָב געשפּילט שלום עליכמס „קאָנקורענטן“ און דעקלאַמירט פרונן, מאַני לייב, מאַנאַלאַגירט שלום עליכמען. עס האָט אָנטייל גענומען דער באַרימטער רוסישער אַקטיאָר סאַוועליעוו, ווינאָגראַדאָוו, מלאַטעק; קאָנפעראַנסיע איז געווען סאַוועליעוו. די שטימונג ביים עולם איז געווען

א געהויבענע, מען האט שוין לאנג נישט געהאט קיין יידישע אונטערנע־מונג און מען האט געהאט א געלעגנהייט זיך צונויפצוטרעפן. ווען מען האט זיך אנגעהויבן פונאנדערגיין, איז געווארן אן אליארם, א סך פון פובליקום האבן נישט באוויזן אהיימצוגיין פארן אליארם, זענען זיי גע־בליבן אין קלוב, אנדערע האבן זיך באהאלטן אין די מויערן און זענען, פארשטייט זיך, געווען בייז אויף זייער אוועקגיין פון הויז אין אזא צייט. איך בין אויך פארבליבן אין קלוב. אבער מיר איז געווען ערגער ווי זיי. איך האב נאר א פאס דאס מאל ביז 11, איך בין געווען זיכער, אז איך וועל נאך דער פארשטעלונג אהיימפארן מיט א פעדיקעפ (אזא מין וועלאסיפעד קאמבינירט פון א ריקשע, דער קולי, אנשטאט צו שלעפן די ריקשע און לויפן צופוס, פארט אויף א וועלאסיפעד). מען האט געענדיקט פרי, נאך ניין, אבער דער אליארם האט געדויערט גאנצע צוויי שעה, האב איך דאך געמוזט אהיימפארן נאך 11. מיט הארצקלאפעניש בין איך גע־זעסן אין דעם פעדיקעפ, ווען איך האב געזען א יאפאנער האב איך גע־ציטערט. ווען איך האב שוין דערזען די גרענעץ פון געטא, בין איך געווען גליקלעך. אהיימקומענדיק האט זיך ווידער אנגעהויבן א גרויסע באמבאר־דירונג און אזוי א גאנצע נאכט און א גאנצן טאג. איין באמבע האט גע־טראפן אין דער עלעקטראוועניע און מיר זיצן איננאנצן אן ליכט.

10. דעצעמבער.

בין איך שוין געווארן מיט מזל א הענדלערקע. עס איז זייער שווער און א סך „מאדאמען" קוקן אויף מיר פון אויבן אראפ, אבער עס איז פארפאלן. מען מוז דעם טאנץ אויך מיטמאכן. לאזאר פילט זיך נישט גוט, ער מוז האבן בעסערע שפייז, ער האט א רויטע צונג און א רויטן גומען. די דאקטוירים זאגן, אז דאס איז וויטאמין־לאזיקייט, ער מוז האבן בע־סערע פלעגע און דאס קאסט דא א פארמעגן. אפילו די הייוון, וואס ער עסט יעדן טאג, קאסט דא א סך געלט און עס איז דאך שוין 3 וואכן, זייט איך האב געהאט מיין אונט. די פרעסט זענען שרעקלעך גרויס. עס האט געקאסט אויסבארגן אן אייוועלע און קוילן קאסטן א פארמעגן. זייט עס קומען פאר די באמבארדירונגען, איז איינפאך אוממעגלעך עפעס צו

קויפן. מענטשן ווילן האָבן אביסל פּראָוויאַנט אין הויז. נו, האָב איך זיך גענומען צום האַנדלען. מאַכן פאַרשטעלונגען זיצנדיק אין געטאָ איז אוממעגלעך. שפּילן אין געטאָ איז אויך אוממעגלעך. די גרעסטע צאָל פּליטים זענען פון דייטשלאַנד און עסטרייך, זיי פאַרשטייען נישט קיין יידיש; פּוילישע פּליטים אין געטאָ זענען ביי אַ 800, די גרעסטע צאָל ישיבה־בחורים, איז נישטאָ פאַר וועמען צו שפּילן. ברויט קאָסט 200 דאָלאַר אַ פונט, איז דער האַנדל די איינציקע זאַך, וואָס ברענגט פּראָפּיט. כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל די תורה נישט קענען, אָבער עס איז נישט געפערלעך, מען לערנט זיך אַלץ אויס, אַז מען מוז, אַפילו קריכן אונטער באַמבעס. וואָלטן נאָר די פרעסט נישט געווען אַזוי שטאַרק.

20. דעצעמבער.

איך פאַרדין נישט שלעכט ביים האַנדלען, אָבער היינט בין איך אין שטאָט נישט געפאָרן. עס טוען מיר וויי די פיס פון גיין אויף די הויכע שטאָקן. כדי צו פאַרקויפן אַ קענדל אייל, דאַרף מען אַרויפגיין אויף אַ סך שטאָקן, אַלע וווינען הויך. איך בין נעכטן דריי מאָל געווען ביי מאַדאַם פּאַניעוויעזשסקע אויפן 8טן שטאָק. זי איז אַ גוטער קונה און איך האָב געוואָלט לייזן געלט; צוויי מאָל ביי ביטקער, אויפן 9טן, אָנגענומען די באַשטעלונג, אָפּליפערן די סחורה און אַמאָל טרעפט מען נישט און מען מוז גיין אַ דריט מאָל נאָכן געלט. איך בין נעכטן אין רעגן אַהיימגעפאָרן, האָב איך אויף דעם גאַנצן וועג געוויינט.

21. דעצעמבער.

לאַזאַר ליגט קראַנק, ער האָט זיך צוגעקילט. איך האָב זיך אויפגעהויבן פאַרטאָג, די פענצטער זענען געווען פאַרפרוירן, איך האָב איינגעהייצט די „וואַזקע" (אַזאַ מין כינעזיש אייוועלע), זיך גוט אָנגעמוטשעט ביז עס האָט געוואָלט זיך דערברענען, אַז נישט געדאַכט האָט געדאַרפט ווערן דאָס פאָלק מיט זייערע דערפינדונגען, היבאַטשען און וואַזקעס. איך האָב צוגעגרייט עפּעס עסן פאַר לאַזאַרן און בין געפאָרן אין שטאָט אַריין האַנדלען, מען טאָר דאָך נישט פאַרנאַכלעסיקן דאָס „געשעפט". ווען איך בין געפאָרן אין טראַמוויי, איז געוואָרן אַן אַליאַרם, האָבן מיר געמוזט

ארויסגיין פון טראמוויי און זיך באהאלטן אין א געוועלב. צוויי שעה בין איך אזוי געוועזן זייער אומרואיק צוליב לאזארן... די באמבעס זאלן נישט פאלן אין האנקיו. זענען דאך אין געטא אלע מיליטערישע אביעקטן... מען האט פארשפארט די יידן אין געטא, ווו עס געפינען זיך אלע אמוניציע־פאבריקן און בענזין־לאגערן... איין פונק נאר און גאנץ האנקיו וואלט געפלויגן אין דער לופטן. איך בין שוין געקומען צו שפעט אין שטאט אריין און שוין די מאדאמען נישט געטראפן. צוריקגעפארן מיט גארנישט. ערשט דא בין איך געוויר געווארן, אז עס זענען באמבארדירט געווארן די דאקן, עס זענען דא זייער א סך קרבנות.

25. דעצעמבער.

לאזאר ליגט נאך קראנק, ער האט היץ. איך בין נעכטן געוועזן פאר־לענגערן מיין פאס. מיר זענען שוין פטור געווארן גאיא, אויף זיין ארט איז האראדא, דאכט זיך נישט קיין שלעכטער יאפאנער, ער האט זייער העפלעך מיט מיר גערעדט. אויך האט ער צוריקגעגעבן די פעסער אלע־מען, וואס גאיא האט ביי זיי גענומען די פעסער צוגענומען.

26. דעצעמבער.

אויפגעשטאנען פארטאג, געמאכט דאס אייוועלע און געלאפן אין שטאט אריין. אנגעטראפן אויף א שלעכטן „פא א טשא", א דייטשער „פינקטלעכער" פליט, וואס האט נישט געוואלט מיך אדורכלאזן די גרעני־צע פאר 10. איך האב אים דערקלערט, אז איך וויל נאך אריינכאפן דעם טראמוויי, האט ער אויף מיר נאך אנגעשריגן, אז די „פאלנישע" מאכן „טראבל". באהיט זאלן מיר ווערן פאר אונדזערע יידישע הערשער. איך בין נעגאנגען דורך אן אנדער גאס און דער „פא א טשא" האט מיך אדורכגעלאזט. איך בין אבער געזעסן מיט שרעק אין טראמוויי. כ'פאר נישט אין דער שעה פון פאס און נישט אין דעם דיסטריקט, וואס איז מיר דערלויבט. איך מעג נאר פארן אין סעטעלמענט, אבער מיינע אלע קונדן וווינען אין דער „פרענטש", אבער איך האב זיך שוין צוגעוווינט שמוגלען און ציטער שוין נישט אזוי ווי פריער. דאס אומגליק איז אבער, וואס איך האב קיין כוח נישט, כ'קאן נישט גיין אזוי פיל טרעפן... קיין

טראמוויי אויף צוריק האב איך נישט פאר 5 פארנאכט. היינט בין איך געגאנגען פון באנד ביז האנקיו צופוס, ווייל איך האב דאך געוואלט ברענגען מיטאג פון דער פליטים־קיך. לאזאר ברענגט תמיד דעם מיטאג, אבער איצט איז ער דאך קראנק, ער קען נישט גיין נאך מיטאג און ער קען דאך נישט ליגן א גאנצן טאג אן אביסל ווארעמס. האב איך מיך געאיילט און דאך שוין געקומען אין קיך אריין זייער שפעט, באקומען א טראפעלע אויסקראצעכץ און אהיימגעקומען מיט געשוואלענע פיס. איצט ליג איך אויפן בעט און קען זיך נישט רירן. זייער א שווער לעבן. צו די באמבארדירונגען, וואס קומען פאר יעדע נאכט, האט מען זיך שוין צוגעוווינט און מיר בלייבן זיצן אין שטוב.

1. יאנואר 1945.

ווידער א נייע יאר, ווידער א יאר פון פיין און ליידן, און דער סוף קומט נישט. פון פוילן ביטערע גריסן, אז עס זאל אפילו 10 פראצענט זיין אמת, איז נישט כדאי צו לעבן. וועמען וועל איך דען האבן נאך אזא שחיטה? ארימע מאמע מיינע, עס קלינגען מיר אין די אויערן אירע לעצטע ווערטער פון דעם לעצטן קארטל: „מען האט מיך באגנבעט, אלץ, אלץ צוגענומען און איך מוז זיך איבערציען אין דער יודען־גאסע". אין געטא זי פארשפארט, צוערשט אלץ ביי איר צוגערויבט. עס האט מיך געוואונדערט, אז דאס קארטל האט די דייטשע צענזור אדורכגעלאזט... „די פעקלעך טיי, וואס דו שיקסט מיר פון יאפאן, ראטעווען מיך ממש." ארימע מאמע, ארימע קינדער מיינע, ווו זענט איר? ווער ווייסט... די שטימונג דא איז א שלעכטע, אפילו פון די די בינעזער צו די יידן. מען פארסמט זייערע מוחות. מען רעדט וועגן גאז־קאמערן און אויוונס, וואס מען גרייט פאר אונדז ביים טייך וואמפו. א שיין נייע יאר. דאך זענען די קאפעען און אלע לאקאלן געווען געפאקט. סילוועסטער... ווי אזוי דאס ביסל פליטים קען זיך נאך פרייען און הוליען סילוועסטערס, ווייס איך נישט.

10. יאנואר.

עס איז געווען א שרעקלעכער קאלטער רעגן, איך האב אבער געמוזט פארן אין אזא וועטער אין שטאט אריין. איך האב באקומען א גוטן

קליענט, וואס שיקט פעקלעך אין קאנצענטראציע-לאגער פאר אמעריקא־נער, עס איז דערלויבט יעדן חודש צו שיקן א פעקל שפייז. האב איך אין אזא גאס-רעגן געשלעפט דעם פאק פון האנקיו. האגיק, שאקאלאד און פלוימען, געגאנגען צופוס און דערנאך ערשט ארויפגעשלעפט אויפן 6טן שטאק. לאזאר האט מיר געהאלפן קראנקערהייט צו טראגן דאס פעקל ביז צו דער גרענעץ, ווייטער טאר ער נישט גיין. ער האט דאך קיין פאס נישט. איך האב גוט פארדינט, אבער איך בין צוריקגעקומען א שרעקלעך מידע און האב נאך געמוזט גיין צו קאזאקעוויטשן זיך אפרעכענען און באצאלן. מען קען היינט נישט האלטן יענעמס געלט קיין איין שעה, אלץ שטייגט דאך היינט שרעקלעך. האב איך פאר מידקייט שוין נישט גע־קענט עסן און געלייגט זיך שלאפן. פון צופיל מידקייט נישט געקענט שלאפן.

3. פעברואר.

איך האלט נאך אלץ די דאטעס אין קאפ. 3 פעברואר... מיין עלעקס געבורטסטאג. אויב ער לעבט, געדענקט ער דאך איצט אין אונדז. יעדעס יאר פלעגן מיר דאך יום-טובן די קינדערס געבורטסטאג. דאכט זיך ערשט נישט לאנג געווען א פיצעלע, אקעגנגעלאפן די געסט, זען די מתנות, וואס מען האט אים געבראכט צום געבורטסטאג. שפעטער ווען מען פלעגט עס דערמאנען, האט ער אזוי הארציק געלאכט דערפון. איצט ווו איז מיין עלעק? אפשר האב איך אביסעלע גליק און ער לעבט ערגעץ... האבן מיר דאך יעדן טאג „פריקאזן", דאס איז דאך איצט אונדזער איינציקע טרייסט, וואס די סאוועטן גייען פארווערטס. מען זאגט, אז זיי זענען שוין נישט ווייט פון בערלין. מיין גאט, ווען דאס זאל זיין אמת, וועל איך דאך פטור ווערן פון געטא, פון די „פא א טשא". היינט האט דער סוחר פאסטאר מיר געגעבן א בריוו, אז לאזאר ארבעט ביי אים, כדי ער זאל קענען קריגן א פאס. מיר זענען שוין אויך פטור געווארן דעם מערדער אקורא. איצט האבן מיר א נייעם יאפאנער, אסיאנא. מען זאגט, אז ער איז נישט קיין מערדער. היינט איז אין דער פליטים-קיך געווען א גוט מיטאג מיט גאלארעטע, צוליב די דערפאלגן אויפן פראנט.

10. פעברואר.

צוליב דער באגרענעצונג פון עלעקטרי, וואס ברענט נאר איין־קע שעה אין טאג, איז נישט טעטיק דער ראדיא און מיר ווייסן נישט, וואס עס טוט זיך אויפן פראנט. אויך די טראמווייען זענען נאך מער באגרע־נעצט געווארן. ווי אזוי וועל איך איצט האנדלען?

17. פעברואר.

ווידער לאזארן אפגעזאגט צו געבן א „ספעציעלן פאס”. און איך האב שוין נישט קיין קרעפטן צו קריכן אויף די שטאקן. אוי, ווי דערציט מען שוין צום שלום! איך וועל צוזאמענברעכן... איך פאר איצט אין שטאט אריין בלויז דריי מאל א וואך און קום אהיים א האלב טויטע. עס איז געווארן א פאניק צווישן די איינוווינער רעזידענטן, מען האט די לעצ־טע טעג געהיימן אפרייניקן א גרויסע צאל הייזער, די עלעגאנטסטע פון שטאט, די יאפאנער דארפן וווינונגען, רעקווייזירט מען די הייזער. לויפן די רעזידענטן ארום זוכן פאר זיך וווינונגען, האבן זיי נישט קיין קאפ איינצוקויפן, בין איך טאקע געבליבן אין דער היים זיך אויסרוען.

27. פעברואר.

די וואס זענען געבליבן אין די וווינונגען, האבן היינט געפראוועט א גוטן פורים, ווייל אויפן פראנט איז פראכטפול. די אליאירטע גייען פאר־ווערטס. איך בין געווען אויף מיטאג ביי די טוקאטשינסקים. די פליטים־קיך האט היינט געמאכט א יום־טובדיקן מיטאג. אפשר קומט שוין פארט די ישועה? די יאפאנער האבן אנגעהויבן עוואקואירן פון שאנכיי כינע־זישע פרויען און קינדער, דאס הייסט, אז מען ריכט זיך, אז עס זאל אונדז דא ווערן היים...

12. מערץ.

מזל טוב. לאזאר האט שוין אויך א פאס. ער האט זיך אזוי געפרייט, ווען ער איז דאס ערשטע מאל נאך אזא לאנגער צייט געווען אין שטאט. איצט וועט מיר זיין לייכטער, איך וועל שוין נישט דארפן כסדר ריזיקירן צו גיין אין דער „פרענטש” אן א פאס. עס האבן זיך אנגעהויבן גרויסע רעוויזיעס אויף די טראמווייען. מען האט געכאפט צוויי דייטשע פליטים

און זיי האָבן באַקומען צו דריי וואָכן אַרעסט פֿאַר פֿאָרן מיט אַ סעטעל־מענט־פּאַס אין דער פּראָנצוויזישער קאָנצעסיע. איצט וועל איך פֿאָרן אין סעטעלמענט און לאַזאַר אין „פֿרענטש", ער איין טאָג און איך איין טאָג, און מיר וועלן נישט דאַרפֿן אַזוי שווער האַרעווען. היינט איז מיין מולעקס געבורטסטאָג. אָרימע קינדער.

28. מערץ.

ערשטע סדר־נאַכט. אַ גאַנצן טאָג געפֿילט זיך שרעקלעך, געוויינט אין דער שטיל, לאַזאַר זאָל נישט זען. ווידער אַ פּסח. געוואַלד, וויפֿל דערמאַנערונגען... איך האָב פֿונדעסטוועגן געקליבן זיך צו גרייטן אַ בעסער נאַכט־עסן, פֿאַרט ערב יום־טוב. מען איז געקומען צולויפֿן פֿון קאַזאַקע־וויטשעס קאַנטאָר, אַז מאַדאַם טוקאַטשינסקאַ האָט טעלעפֿאָנירט פֿון שטאָט און געבעטן, איך זאָל אָנקלינגען צו איר. ווען איך האָב צו איר טעלעפֿאָנירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי וויל, מיר זאָלן אומבאַדינגט קומען צום סדר. מילא קומען קען מען, אָבער צוריקפֿאָרן אין געטאָ אַריין ביינאַכט קען מען נישט. האָט זי שטיל איינגערוימט אין טעלעפֿאָן: איר וועט בלייבן ביי מיר נעכטיקן. איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז זייער רי־זיקאַליש, נישט בלויז פֿאַר אונדז, נאָר נאָך מער פֿאַר זיי. לאַזאַר האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געוואָלט די ליבע פֿאַמיליע טוקאַטשינסקי גאָט באַ־היט מאַכן אַן אומגליק, זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָרן, אָבער די ליבע האַרציקע פֿרוי האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן, אַז מיר זאָלן יום־טוב בלייבן אָן אַ סדר און טאַקע נאָכאַמאָל טעלעפֿאָנירט, מיר זאָלן דורכאויס קומען. מיר זענען געפֿאָרן, געהאַט אַ פֿיינעם סדר. 10 אַזייגער איז אויסגעגאַנגען די עלעקטרי און מיר זענען געזעסן און געפּראַוועט דעם סדר ביי ליכט. די זאָגער פֿון דער הגדה זענען געווען סאָל טוקאַטשינסקי, לאַזאַר און ציר־רינסקי. ווען איך בין געלעגן אויפֿן געלעגער און געהערט אַ שאָרך אויף די טרעפּ, האָט מיר גוט געקלאַפּט דאָס האַרץ און איך האָב זיך געטראַכט, וואָס פֿילט איצט לאַזאַר? די יידן דאָ אין שטאָט האָבן געהאַט אַ פֿאַרבי־טערטן פּסח, מען האָט זיך געמוזט ערב יום־טוב אַרויסציען פֿון די וווי־נונגען און גיין צו אַ שכן אויף אַ העכערן שטאָק, ווייל די יאַפּאַנער האָבן

רעקווירירט נאר די אונטערשטע שטאקן און פון א סך הייזער האבן אלע געמוזט זיך אפוויסציען, ווייל מען האט פארנומען די גאנצע הייזער. די וואס זענען געבליבן וווינען אויף די העכערע שטאקן, האבן אויך געלעבט אין טויטשרעק, ווייל מען האט געהאלטן אין די הייזער אמוניציע... דער יידישער קלוב און די שיינע שול האבן אפגעגעבן א טייל פון זייערע צימערן פאר די רעזידענטן, וואס האבן נישט געקענט אזוי גיך באקומען קיין וווינונגען.

30. מערץ.

דעם צווייטן סדר זענען מיר געווען אין געטא. פארשטייט זיך, אז קיין סדר האבן מיר נישט געמאכט, מיר האבן גענומען דאס עסן פון קיך אהיים צו זיך און מיר האבן עס געגעסן מיט ווייטיק. ווער ווייסט, צי אונדזערע קינדער האבן בכלל וואס צו עסן?... ווער ווייסט, צי מיין מאמע, שוועסטער, ברודער לעבן?... מיר זענען דאך געווען אליין מיט אונדזער ווייטיק, האבן מיר געקענט זיך רואיק אויסוויינען...

10. אפריל.

עס גייט גוט. דער יאפאנישער קאבינעט האט זיך אנגעגעבן אין דימיסיע, דאס מיינט שוין עפעס. אין שטאט האט זיך היינט פארשפרייט א קלאנג, אז די דייטשן האבן קאפיטולירט. מען קושט זיך, מען ווינטשט זיך מזל־טוב, אבער דאס איז דאך נאר א ווונטש פון די פליטים. פארשטייט זיך, אז די פאנטאזיע ארבעט, טאקע, ווען עס איז אזוי שלעכט ביי די דייטשן, האט מען דאך טאקע געדארפט מאכן א סוף, אבער אפנים אז מען רעכנט זיך נישט מיט אונדזערע מיינונגען און ווילן. אין האנדל גייט מיר גוט און א סך לייכטער, לאזאר העלפט מיר זייער א סך.

13. אפריל.

פארנדיק אין שטאט אריין, האט זיך אין טראמוויי צווישן די פליטים שטילערהייט איבערגעגעבן די נייעס, אז רוזוועלט איז געשטארבן. איך האב עס אנגענומען ווי אלע פלאטקעס וואס מען דערציילט, אבער קומענדיק אין שטאט אריין, האט מען וועגן דעם גערעדט שוין גאנץ אפן. איך בין געפארן אין סעטעלמענט צו מיינע פריינט און קונה קראסנאוו.

גלייך קעגנאיבער זייער וווינונג אין סאמע הארץ פון דער „פרעזידענט״ אויף באבלינג ראד איז געהאנגען אן אמעריקאנער פאן איינגעהילט אין שוואר־צע קרעפ. עס זענען פארבייגעגאנגען כינעזער און געוואונדערט זיך, עס זענען פארבייגעגאנגען אייראפעער און גערעדט צווישן זיך, אז געווים איז שלום, ווען מען האט ארויסגעהאנגען אן אמעריקאנער פאן; עס זע־נען אדורכגעגאנגען יאפאנישע מיליטערלייט און געקוקט — און די פאן איז געהאנגען א שיינע פאר שעה. פלוצלינג איז צוגעפארן א יאפאנישער אויטא מיט מיליטער און מען האט די פאן אראפגעריסן און גלייך גע־מאכט אן אויספארשונג ביי די, וועלכע האבן געשעפטן אויף דער גאס ארוים, כדי געוואויר צו ווערן, ווער האט די פאן אויפגעהאנגען אין מיטן העלן טאג פאר אלעמען אין די אויגן. קיינער האט גארנישט געזען און גארנישט געוווסט. עס איז טאקע אמת, אז פרעזידענט רוזוועלט איז גע־שטארבן. פאר אונדז איז דאס א טויט־קלאפ.

24. אפריל.

אויף די גאסן קושט מען זיך. בערלין געפאלן. די דייטשע פליטים זענען אין א פארלעגנהייט. זיי ווייסן נישט, צי זיי זאלן זיך פרייען צי נישט? היטלער האט זיין סוף... די ספעקולאציע איז צוליב דעם געווארן נאך גרעסער. מעןווארט אז אויך דא וועט קומען די מפלה.

שבת, 28. אפריל.

מען האט זיך גענומען שטארק צו שאנכיי. א גאר גרויסע באמבאר־דירונג געווען. אבער די פליטים זענען שיכור מיט היטלערס מפלה. דער יום־טוב איז ביי אלעמען גרויס. נאך א טאג, נאך א טאג און אויך מיר וועלן ווערן אויסגעלייזט. דאס גיט נייע ענערגיע, ניי געדולד און ניי אויסדויער. מיר וועלן אויך ווערן פריי. כ׳קען מיר נישט גלויבן, אז איך וועל דאס דערלעבן.

2. מאי.

דער האנדל איז געווארן שווער. נישטא קיין סחורה. צוליב דעם שטייגן פון די פרייזן ווילן די סוחרים נישט פארקויפן. די וועלט האט

גרויסע איבערלעבונגען פון באפרייאונג. מיר דא ליגן אין געטא און האבן אלע נאכט נייע באמבארדירונגען.

30. מאי.

די פליטים האבן אנגעהויבן אויסגיין. די היצן און דאס אפגע־שוואכטקייט האט פאלגן. א סך טויט-פאלן. נעכטן געשטארבן דער פליט פון פוילן, זמיגראד. ביינאכט אנפליען מיט באמבארדירונגען, בייטאג היצן און הונגער. מען קען שוין צו גארנישט קומען. צוקער קאסט 5.000 א פונט. רייז איז טייערער ווי גאלד.

14. יוני.

מיין לילקעס געבורטסטאג. דאסמאל קען איך איר אפילו קיין טע־לעגראמע נישט שיקן. האנדלען טו איך כמעט נישט. עס איז היים. מען קען נישט שלעפן קיין סחורה, נישטא קיין כוח. די טראמווייען גייען איצט נאר איינציקע שעה אין טאג און דער יקרות איז שרעקלעך. מיר און צעבראכן פון די באמבארדירונגען. איך פיל זיך שלעכט, דאכט זיך, אז איך בין שוין ווידער ווערעמדיק. איך וועל די טעג מאכן אן אנאליז. און אפשר איז דאס בלויז אפגעשוואכטקייט.

25. יוני.

מיין געבורט און חתונה־טאג. צוויי יאר אין געטא. מיט ביטערע געדאנקען וועגן דער קעגנווארט און מיט גוטע דערינערונגען פון דער פאר־גאנגענהייט. מיר לעבן מיט דער פארגאנגענהייט. געוועזענע מענטשן. דאס איינציקע פארגעניגן אונדזערס איז, ווען מען רעדט וועגן דער פארגאנגענ־הייט. לאזאר האט מיר אינדערפרי געבראכט בלומען. מיר האבן ביידע זיך צעוויינט... ווו זענען איצט אונדזערע קינדער?

27. יוני.

נעכטן האט מיר בירמאן פון „האיאס" געלאזט וויסן, אז איך זאל קומען צו אים וועגן א דעפעשע, וואס איז אנגעקומען וועגן מיר. איך בין א גאנצע נאכט נישט געשלאפן און איבערגעקלערט גאט ווייסט וואס... ווען איך האב דערלעבט, אז איך זאל שוין קענען פארן אין „האיאס" אריין, האב איך זיך דערוווסט, אז עס זענען אנגעקומען פאר מיר 90 פראנק.

פון וועמען ווייסט מען נישט. די סומע איז דא זייער א קליינע, אבער דאס איז נישט וויכטיק... וויכטיק איז, אז עמעצ געדענקט אין מיר. גאט מיינער, וואס פאר א גרויסע פרייד דאס איז. ווען די מענטשן דארט אין אויסלאנד וואלטן וויסן, ווי מיר פרייען זיך מיט יעדן גרוס, וואלט מען זיכער אונדז אפטער אנגעטון דאס פארגעניגן. ליידער קענען מיר נאר פילן די נייטיקייט פון א טרייסט־ווארט. א גרויסער שאד, וואס איך ווייס נישט ווער דאס איז...

1. יולי.

ווידער אויפגעטרעטן אין געטא. אין קאדורא שולע, אויף א ביאליק און הערצל געדענק־אוונט. דער אוונט איז פארגעקומען אין גארטן. איך האב דאס ערשטע מאל דעקלאמירט ביי א מיקראפאן. עס זענען געווען אנוועזנד איבער טויזנט מענטשן. איך האב דעקלאמירט ביאליקס „לעצ־טע ווארט" און מארים ראזנפעלדס „אויפן בוזים פון ים" (אביסל מא־דערניזירט). די נאכט איז קיינער אין געטא נישט געשלאפן, די דושנע־קייט איז געווען שרעקלעך און די באמבארדירונג נאך שרעקלעכער...

אין האנקיו איז מען ארומגעגאנגען מיט פרייד, עס עפנט זיך דאס געטא. מיר וועלן זיך נישט טארן אריבערציען צוריק אין שטאט, אבער מיר וועלן זיך מעגן פריי באוועגן. וואס האט זיך אויסגעלאזן פון די רע־דערייען — נאך גרעסערע באגרענעצונגען... מען האט די לעצטע טעג ארעסטירט א סך פליטים, וואס האנדלען און מען מאכט רעוויזיעס אין די טראמווייען, צי פליטים פארן נישט אין אן אנדער דיסטריקט ווי עס איז זיי דערלויבט. היינט האט מען פאר אזא „פארברעכן" ארעסטירט אלדאקן. ווער ווייסט, וואס פאר א שטראף ער וועט קריגן. מיט א פאר טעג צוריק האט מען ביינאכט געמאכט א רעוויזיע ביים רב ר' חיים שמו־לעוויטש, וועלכער וווינט אין שטאט. האט מען געטראפן נעכטיקן א פאר פליטים, מען האט אלע ארעסטירט. עס האט נישט געהאלפן דעם רבס פארענטפערונג, אז עס איז שבת, האבן די פליטים ישיבה־בחורים נישט געקענט אהיימפארן און געבליבן נעכטיקן. דאס איז געווען א מסירה זעט אויס.

17. יולי.

דער טאָג ווערט ווי אַ טרויער-טאָג באַצייכנט ווערן פאַר אונדז פּליטים אין שאַנכיי. אַ סך יידישע קרבנות האָט אונדז געקאָסט דער היינטיקער אָנפאַל אויף דער שטאָט. דער אָנפאַל איז פאָרגעקומען אין האַנקיו. מען האָט געוואָלט פאַרניכטן די יאַפּאַנישע ראַדיאָ-סטאַנציע און די מיליטערישע אַמוניציע-פאַבריקן. איך בין פונקט געווען אין שטאָט, צו מיטאָג ביי די טוקאַטשינסקים. פלוצלינג איז געוואָרן דער אָנפאַל פון זייער אַ סך עראָפּלאַנען. דער הימל איז ממש געווען באַדעקט מיט די פליענדיקע פייגל.

איך האָב נישט געקענט איינזיצן, איך בין געוואָרן שטאַרק אומרויִק צוליב לאַזאַרן, איך האָב טעלעפאָנירט צו קאַזאַקעוויטשן, אָבער נישט געקריגן קיין פאַרבינדונג. ווען עס האָט זיך אַביסל באַרויִקט, האָב איך ווידער טעלעפאָנירט קיין האַנקיו צו קאַזאַקעוויטשן און דערהאַלטן אַ טרויעריקע נאַכריכט, אַז די באָמבאַרדירונג איז טאַקע פאָרגעקומען אויף האַנקיו אין סאַמע מיט פון געטאָ. עס זענען דאָ זייער אַ סך קרבנות צווישן די יידישע פּליטים. הונדערטער כינעזער זענען פאַרשיט געוואָרן אין די חורבות און געהרגעט פון באָמבעס. איך בין אַן אויפגערעגטע געלאָפן צום טראַמוויי, עס איז נאָך געווען צו פרי, דער טראַמוויי הייבט אָן גיין ערשט 4 נאָך מיטאָג. איך בין איינגעזעסן אין אַ ריקשע און געפאָרן. דער קולי, וואָס האָט געשלעפּט די ריקשע, האָט מיר דערציילט, אַז עס זענען פאַראַן אין האַנקיו טויזנטער קרבנות. ווען איך בין אָנגעקומען אין „באַנד", האָב איך געטראָפן פאָרן די פייערלייט-וועגענער אָנגעלאָדן מיט פאַרוואונדעטע. איך האָב אויך באַגעגנט אויפן וועג אַ סך אויטאָס מיט מענטשן, וואָס זענען געלאָפן צו הילף. ווען איך האָב באַגעגנט אַ גרויסן לאַסט-אויטאָ מיט טויטע, האָט זיך מיין בלוט אין מיר געגליווערט. די אָרויסגעהאַנגענע הענט און פיס פון די מענטשן, וואָס האָבן ערשט געלעבט, האָט מיך דערמאַנט אין וואַרשע. דער גאַנצער וועג פון באַנד ביז האַנקיו איז געווען אַ שרעקלעכער, מען האָט כסדר געפירט פאַרוואונדעטע. ווען איך בין צוגעקומען צו דער גרענעץ און אויסגעשטיגן פון דער ריקשע, האָט קיינער

נישט קאָנטראָלירט מיין פּאַס, איך בין אַריין אין געטאָ און דערזען אונדזערע פּליטים מיט פאַרחושכטע פּנימער. מען האָט מיר אָנגעהויבן אויסרעכענען די פּוילישע קרבנות: דער בונדיסט קושניר טויט, זיין זון אויפן טויטן־בעט. דער ביאַליסטאָקער באָרים איגלאַ, טויט, צעריסן אויף שטיקער. פרוי ווילנער, דעם טעאַטער־דירעקטאָר דוד צעלמייסטערס טאָכטער, איז אויפן טויטן־בעט. הונדערטער אַנדערע פּליטים זענען שטאַרק פאַרוווּנדעט. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער „פּאַ אָ טשאַ", דער דייטשער פּליט ד"ר באדער, איז געשטאָרבן פון די ווונדן. איך האָב לענגער נישט געוואָלט הערן, איך האָב געוואָלט לויפן אַהיים זען, וואָס מאַכט לאַזאַר. אין שטוב האָבן מירביידע זיך צעוויינט, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פּונקט געווען אין קיך צו מיטאָג און דער אויפרייס איז פאָרגעקומען ביי דער קיך, ווו עס געפינט זיך די ראַדיאָ־סטאַציע. דאָס „סאַקראַ"־הויז, ווו עס וווינען בלויז פּליטים און וואָס עס געפינט זיך אויך ביי דער ראַדיאָ־סטאַציע, איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן און אַלע זענען פאַרוווּנדעט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ גאַנצן פאַרנאַכט האָט מען געפירט פאַרוווּנדעטע. האָט דאָס געטאָ געהאַט אַ בלוטיקן טאָג. דער 17טער יולי. די דאַטע וועט אייביק בלייבן ביי אונדז אין זכרון.

18. יולי.

מען האָט זיך נאָך נישט באַרואיקט פון דער נעכטיקער שווערער באָמבאַרדירונג. היינט איז ווידער פאָרגעקומען אַ זייער שטאַרקע באָמבאַרדירונג. ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפגעהערט, האָט מען ווידער געפירט אַ סך לאַסט־אויטאָס מיט פאַרוווּנדעטע. דאָסמאָל זענען די באָמבעס געפאַלן אויפן סעטעלמענט און אין נאַנטאַאָ. דער חורבן פון נעכטן איז אַ שרעקלעכער. פאַראַן אַ סך טויטע, די צאָל דערגרייכט אין די הונדערטער. 40 יידן. טויזנטער פאַרוווּנדעטע פון נעכטן און טויזנטער פון היינט. צעלמייסטערס טאָכטער, רוטא ווילנער, איז געשטאָרבן; דער יונגער קושניר געשטאָרבן; דער צווייטער יונגער קושניר שטאַרק פאַרוווּנדעט. דעם בונדיסט בערל אמבאראַס קינדער, פאַרוווּנדעט. די יידישע דאָקטוירים אַרבעטן טאָג און נאַכט, כדי צו באַנדאַזשירן און אָפּערירן די פאַרוווּנדעטע, אָן מעדיקאַמענטן, אָן אינסטרומענטן, מיט געווענלעכע מע-

סער מאַכט מען אָפּעראַציעס. די פּליטים אַרבעטן מיט איבערמענטשלעכע כוחות אַרויסצוראַטעווען די פאַרשיטע פון אונטער די חורבות. מען איז זייער אויפגערעגט, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן באָמבאַרדירט דעם געטאָ.

איצט איז פאָרגעקומען די לוויה פון די פּוילישע הרוגים. אַלע פּוי־לישע פּליטים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול אויף וואַרד ראָד. עס זענען געקומען אַלע ישיבה־בחורים און רבנים, אַ סך רעזידענטן, פּריינט פון פּליטים, הרב אשכנזי און הרב ר' חיים האָבן מספּיד געווען די קרבנות. ווען דער רב לעווינסאָן (דער טזשיזשעווער רב) און יאַנע פיין (בונד) האָבן גערעדט, האָט זיך געהערט אַ האַרצרייסנדיק געוויין.

די היץ איז געווען שרעקלעך. ווען מען האָט צוגעפירט דעם לאַסט־אויטאָ מיט די מתים, וואָס זענען געווען צוגעדעקט מיט אַ פּאַרבלוטיק־טער שמאַטע און די טויזנטער פליגן זענען אַרומגעקראָכן אויף די טויטע פאַרבלוטיקטע קערפּער, איז געוואָרן אַ שרעקלעך געיאָמערײ. מען איז גיך אַוועקגעפאָרן פון שול מיט די מתים, ווייל די קערפּערס האָבן זיך שוין שטאַרק געפילט. די פרוי קושניר, וועלכער מען האָט געמאַכט אַן איינשפּריצונג איידער זי איז געגאַנגען אויפן בית־עולם, האָט אַבסאָלוט נישט געוווּסט וואָס דאָ קומט פאָר. אַז מען האָט אַראָפּגעלאָזט איר מאַן מיט איר זון אין טאָפּלט־קבר, האָט זיך די אָרימע צוגעקוקט אַזוי ווי דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין שייכות צו איר. מענטשן האָבן שרעקלעך געוויינט און זי איז געשטאַנען קאַלטבלוטיק, נישט געוווּסט איר בראָך געבעך. מידע און צעבראָכענע זענען מיר צוריקגעגאַנגען פון בית־עולם. מען האָט גערעדט וועגן אָרימען איגלאַ, וועלכער איז געווען אין קיך און געגומען מיטאָג פאַר זיך און פאַר זיין פרוי און טאָכטער. אַלע האָבן אים געוואָרנט, אַז ער זאָל איבערוואַרטן די באָמבאַרדירונג און דאַן גיין, דער אָרימער האָט אָבער געזאָגט, אַז זיין פרוי וועלכע אַרבעט שווער, איז געקומען פון שטאָט אַ הונגעריקע און מידע, ער וועט גיך אַהיימלויפן מיטן מיטאָג. ער איז שוין אַהיים נישט דערגאַנגען... מען האָט געפונען זיין קערפּער נישט ווייט פון קיך צעוואָרפן אין טיילן אויף אייניקע ערטער, אויסגעמישט מיט דער זופּ פון פּליטים־קיך און מיטן טאָפּ ביי דער זייט. דער אָרימער איגלאַ, דער געוועזענער ביאַליסטאָקער גביר, האָט נישט

באקומען קיין ספּעציעלן פּאס און זיין פרוי חוה, אַן ענערגישע פרוי, וועל־כע איז געווען געווינט צו וווילטאָג, האָט יאָ באַקומען אַ ספּעציעלן פּאַס. איז זי יעדן טאָג געפאָרן אין שטאָט אַריין האַנדלען. געשלעפּט אַ פּאָר פונט צוקער צו די גבירים; אויף יום־טובים פארקויפט וויין, געקראָכן צענדליקער שטאָקן אַ טאָג, כדי צו דערנערן איר פאמיליע. ער, באַרים איגלא, פלעגט פאַרטאָג שטעלן זיך אין דער ריי, אין פרעסט צי אין היץ, פאַרנעמען אַ פּלאַץ פאַר זיין ווייב, וועלכע האָט געמוזט אַלע 10 טעג פאַרלענגערן איר ספּעציעלן פּאַס. ער האָט תמיד זיך געפילט שלעכט, וואָס זיין ווייב אַרבעט און ער נישט, פלעגט ער וועלן כאָטש העלפן אין שטוב מיט וואָס עס איז געווען מעגלעך. ער פלעגט ברענגען דאָס מיטאָג פון פּליטים־קיך... האָט ער דאָ געפונען דעם טויט... ווען מיר זענען אַהיים־געקומען פון בית־עולם, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע קאַנאָנען־שיסע־ריי, מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן, מען האָט נישט געוווסט וווהין. צווישן די כינעזער איז געוואָרן אַ פּאַניק. ערשט שפּעטער האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז געווען אַזאַ אַרט דונער. עס איז געוואָרן אַ שטורעם, אַ טייפון, אַ שלאַקס־רעגן און מיר האָבן זיך דערמיט געפרייט: עס וועלן נישט פליען קיין אַעראָפּלאַנען.

22. יולי.

מען האָט זיך געוווינט צו אונדז... אַלע טאָג, טאָג און נאַכט. עס איז דאָך שרעקלעך, מיט יעדן טאָג איז ערגער, יעדן טאָג גרעסערע און מוראַ־דיקערע באָמבאַרדירונגען און די פּאַניק איז שרעקלעך, טאָג און נאַכט ציען זיך די וועגעלעך מיט כינעזער. ביי זיי איז די פּאַניק שרעקלעך. מען קען נישט אויסהאַלטן די שרעקלעכע פּאַניק. עס איז היינט אַוועק אַ דע־לעגאַציע פון יידישע אינסטיטוציעס צו דער יאַפּאַנישער מאַכט, אַז מען זאָל עפענען דאָס געטאָ. ערשטנס דערפאַר, ווייל אַ גרויסע צאָל פּליטים, וועלכע זענען געבליבן אָן אַ דאַך צוליב דער באָמבאַרדירונג, זאָלן קענען געפינען אַ צייטווייליק אָפּרו־אָרט ביי פריינט אין שטאָט. דאָ אין האַנקיו קען מען דאָך נישט געפינען קיין וווינונגען; צווייטנס צוליב דעם, וואָס דאָ זענען אַלע הייזלעך קליינע און עס איז אַ גרויסע פּאַניק, דאַקעגן אין שטאָט קען מען געפינען שוץ אין געמויערטע הייזער.

25. יולי.

די באמבארדירונגען און די פאניק זענען יעדן טאג גרעסער. עס איז איינפאך אוממעגלעך צו זיין אין האנקיו. אין שטאט זעט זיך דאס אזוי נישט אן. שפיז איז שוין אוממעגלעך צו קריגן אפילו פאר געלט. יעדער וויל דאך האבן פארגרייט עפעס עסן אין שטוב. איז געווארן א שרעקלעכע האסע.

היינט בין איך אוועק צו ד״ר קאן און געבעטן, ער זאל פועלן ביי דער יאפאנישער מאכט, דאס הייסט ביי דעם אנטיסעמיט קובאטא, אז ער זאל אונדז געבן א דערלויבעניש צו וווינען אין דער שטאט, ווייל מיין מאן האט געקריגן א שאק ביי די באמבארדירונגען און בייגעלייגט א בריוו פון מר. טוקאטשינסקי, אז זיי גיבן אונדז אפ א צימער, ביז לאזאר וועט צו זיך קומען. ד״ר קאן האט מיר צוגעזאגט זיך צו באמיען, אז מיר זאלן קריגן א דערלויבעניש צו בלייבן א צייט אין שטאט.

29. יולי.

די היצן זענען שרעקלעכע, אבער דערווייל האבן זיך די באמבארדירונגען נישט ווידערהאלט. מיר פארן ווידער יעדן טאג אין שטאט אריין. אפזיצן ביז פארנאכט ביי די טוקאטשינסקיס.

אין שטאט האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז א ליאדע טאג וועלן מיר דא האבן די אליאירטע. אוי, זאל כאטש דאס מאל די פלאטקע זיין אן אמתע.

1. אויגוסט.

איינציקע טעג רואיקע גאט צו דאנקען. היינט האב איך אבער געזען א מוראדיק בילד פון אינקוויזיציע צייטן. אין גארטן פון ווארד־ראד היים (א לאגער פון דייטשע יידישע פליטים) האבן געהאנגען דריי מענטשן צוגעבונדן ביי די הענט צו ביימער מיט עמערס שמוץ אויף די קעפ. קינדער זענען געשטאנען ארום און געלאכט. דאס איז געווען עפעס שרעקלעכעס, איך האב געמיינט, אז איך וועל קריגן א הארץ אטאק. איך בין געווארן געוואר, אז די דריי מענטשן — עקשטיין, בעזנשטיין און דער דריטער וועמענס נאמען איך ווייס נישט, זענען דייטשע פליטים פארברע-

בער, וועלכע האָבן בעת די באָמבאַרדירונגען באַראַבעוועט די טויטע און פאַרוואונדעטע. נו, האָט זיי דער פּליטים־הערשער פון די דייטשע היימען אזוי באַשטראָפט... לאזאר און י. ראַפּאַפּאָרט זענען אוועקגעלאָפן אינטערווענירן צום דייטשן פּליטים קאָמיטעט, אַז זיי זאָלן זייערע מיטגלידער באַשטראָפן מיט אַ מער הומאַניטאַרער שטראָף און נישט מיט קיין אינקוויזיציע מיטלען.

7. אויגוסט.

אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן הערן די סירענע פון אַלאַרם, האָבן מיר אָנגעהויבן גיך צוצולויפן צום תפיסה־שפּיטאָל. עס זענען געלאָפן הונדערטער מענטשן פאַר אונדז און הונדערטער הינטער אונדז. אַמערסטן כינעזער. די טירן פון דעם תפיסה-שפּיטאָל זענען שוין געווען געעפנט, ווען מיר זענען צוגעקומען. דאָס געדראַנג איז שרעקלעך, כינעזער מיט די קינדער, מיט פּעקלעך, שטופּן זיך, קריכן ממש איבער די קעפּ כדי וואָס פריער אַריינצוקומען אינעווייניק. קינדער וויינען, איינער רופט דעם צווייטן, מען וויל זיך צוריק געפינען. מיר לויפן אַראָפּ אין קעלער, די מויערן שטאַרק און דיק. מען הערט נישט די עראָפּלאַנען און דאָס איז שוין גוט, עס באַרואיקט די נערוון. עס איז אַריינגעלאָפן אין קעלער דער בונדיסט אמבאראם מיט זיין טאָכטער חייקע, וועלכע איז ערשט אויפגעשטאַנען פון אירע ווונדן, וואָס זי האָט באַקומען ביי דער באָמבאַרדירונג אין דעם טרויעריקן 17טן יולי. חייקע הויבט אָן פּלוצלינג שטאַרק צו שרייען און ווילד צו לויפן, זי קאָן זיך נישט אַדורכשטופּן צוליב דער ענגשאַפט. די מאַמע לויפט איר נאָך. זי כאַפּט די מאַמע פאַר דער האַנט און שלעפּט זי, דאָס אָרימע איבערגעשראָקענע קינד האָט דערהערט רויש דעם מאָטאָר, וואָס איז געשטאַנען אין קעלער, האָט זי געמיינט, אַז דאָס פליען עראָפּלאַנען... ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז מען האָט זי געקאָנט באַרואיקן.

מיר דערוויסן זיך, אַז דער „דזשאַינט" האָט געגעבן אַ גרעסערע סומע דער תפיסה־וואך, אַז מ'זאָל די פּליטים דערלויבן אַריינצולויפן אין תפיסה שפּיטאָל בעת אַן אָנפלי און דערפאַר קאָנען מיר דאָ זיצן. אָפּגע-

זעסן אין דעם טורמע־קעלער ביז 4 פארנאכט, איך האב אבער געמוזט גיין צו קובאטא וועגן דעם „עקסטענשן". די גאס איז נאך געווען פוסט, די געשעפטן פארהאמערט, אלץ טויט, דער אלארם איז נישט געווען אפ־גערופן, מען האט געהערט ערגעץ ווייט, ווייט אפהילכן פון אויפרייסן. די באמבארדירונג איז פארגעקומען ערגעץ ווייט, הייסט עס. באלד אבער איז טאקע געווארן אפגערופן דער אלארם, עס האבן זיך אנגעהויבן ארויס־לאזן די מענטשן פון זייערע באהעלטענישן. די געשעפטן האבן אנגע־הויבן ארויפנעמען די לאדנס פון די טיר און פענצטער. איך בין צוגע־לאפן אויף מירהעד ראד. איך האב געהאט גרויס גליק, מען האט מיך גע־הייסן קומען מארגן, וועל איך קריגן פאר אונדז די דערלויבעניש צו פארן אין שטאט. אביסעלע מזל הייסט עס איז פאראן.

8. אויגוסט.

היינט אינדערפרי האבן מיר באקומען פון מירהעד־ראד דאס פאפיר אריבערצופארן אויף צוויי וואכן אין שטאט. ארויס פון געטא אויף גאנצע צוויי וואכן, מענגן זיך פריי באוועגן... וואס פאר א גרויס גליק עס איז צו זיין פריי! באלד אינדערפרי, ווי נאר לאזאר האט אפגענומען די דערלויבעניש, האבן מיר גענומען א „פעדיקעב", גענומען אביסל מל־בושים און געפארן אין שטאט אריין צו די טוקאטשינסקים.

9. אויגוסט.

איי, ווי גוט עס איז צו זיין אין שטאט. עס קאכט די שטאט מיט א נייעס: אטאם באמבע! מען האט אראפגעווארפן אויף יאפאן אן אטאם־באמבע און א גאנצע שטאט איז חרוב געווארן... אפשר איז דאס א פאנ־טאזיע... מיט וואס מען עסט אזא אטאם באמבע ווייס איך נישט, אבער די שטאט רעדט. און די שטאט האט דאך האדיאס, געהיימע... און נישט געהיימע...

10. אויגוסט.

הייסט עס אז די מעשה מיט אטאם באמבעס איז ריכטיק. מען האט שוין ווידער אפגעווישט א יאפאנישע שטאט. אבער די גרעסטע סענ־סאציע האבן מיר היינט צוליב דעם, וואס די סאוועטן האבן דערקלערט

קריג יאפאן. עס הויבן זיך אָן גרויסע געשעענישן. די סאָוועטישע צייטונגען, דער ראַדיאָ און קלוב זענען פאַרמאַכט געוואָרן. אין שטאָט איז צווישן די סאָוועטישע בירגער געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק. די אַלע יידן, וואָס האָבן גענומען „ספּראַווקעס", כדי אָפּצוהיטן דאָס פאַרמעגן פון יאַפּאַנישע הענט, ציטערן איצט, אַז מען זאָל זיי נישט אַרעסטירן און רעקווירירן דאָס פאַרמעגן, זיי זענען דאָך איצט שונאים... פריער האָט מען מיט אַ סאָוועטישער „ספּראַווקע" געקאָנט זיך פריי באַוועגן, אָבער איצט איז ביטער...

שבת, 11. אויגוסט.

הוראַ! הוראַ! דאָס שפּיל גייט צו ענדע... הוראַ!

פּרייטיק האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. מיר האָבן אָפּגעגעסן ביי די טוקאַטשינסקיס דאָס פיינע פּרייטיק-נאַכט עסן, ווידער אין אַ ליכטיקער פריילעכער שטוב, מיט הארציקע מענטשן, 10 אזייגער, ווען מען מוז אויסלעשן דאָס ליכט, זענען מיר אַראָפּגעלאָפן אין אונדזער „זומער וווינונג", גיך זיך אויסטון, איידער עס ווערט פינצטער. איך בין געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט: „ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען דאַרף שוין נישט צוריקגיין אין געטאָ אריין", געטראַכט וועגן דעם, אַז אַ פּאָר טעג זענען שוין אוועק, אז מען מוז אויסקלערן עפּעס אַ תירוץ פאַר דעם אנטיסעמיט קובאַטאַ, אַז ער זאָל אונדז נאָך אַמאָל פאַרלענגערן דעם „עקסטענשן", אז מען וועט זאָגן אים, אַז לאַזאַר איז קראַנק, וועט ער אים הייסן ליגן אין שפּיטאָל אריין און מיך וועט ער הייסן צוריקגיין אין געטאָ אריין... איך טראַכט און טראַכט און קאָן גאָרנישט אויסטראַכטן, וואָס זאָל רירן דעם רוצחס האַרץ. פּלוצלינג דערהער איך אַ שאָרך... עס גייט עמיץ אין גראָז... איך הער מיך גוט צו. יאָ איך הער דייטלעך, מען גייט...

— פרוי שושנה, עפנט — דערהער איך יוסף טוקאַטשינסקיס שטימע. איך האָב זיך דערשראָקן. ווען איך האָב געעפנט, האָב איך דערזען ביידע יונגע טוקאַטשינסקיס זין, יוסף און מאַרא ווי אויך יאַנעק גאָלדשטיין, דעם בונדיסט „בערנאַרדס" זון, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין צימער ביי דער באָמבאַרדירונג און די טוקאַטשינסקיס האָבן אים

אריינגענומען צו זיך. אלע דריי זענען געקומען. וואס איז דאס? דאס הארץ קלאפט שטארק, אבער יוספס שטימע רייסט איבער די געדאנקען:

— שרעקט אייך נישט, די מאמע בעט, איר זאלט נעמען אויף זיך עפעס און ארויפקומען.

איז עמיץ קראנק? — וואקסט מיין שרעק...!

— ניין, נאר...

— וואס נאר?

— עס איז דאכט זיך שלום...

ער האט ווי מורא ארויסצוזאגן די ווערטער, אז ער זאל חלילה נישט קיין עין־הרע געבן...

הא. וואס האט איר געזאגט? שלום?

איך פאל ארויף אויף אלע דריי, באדעק זיי מיט קושן, שלום!! דערווייל איז לאזאר צוגעקומען, געהערט וועגן וואס מען רעדט, האט מען זיך אויפסגיי אנגעהויבן קושן. מיר זענען גלייך ארויף צו די טוקאטשינסקים. אין דער שטוב איז פינצטער, אלע האבן געוויינט און געפרייט זיך. די יאפאנער שטייען דאך אויפן הויף, מ'האט מורא, אז אונדזער פרייד זאל זיך נישט ארויסטראגן דורך די אפענע פענצטער: באזונדער מר. טוקאטשינסקי, ער האט מורא, אז אפשר איז די ידיעה נישט קיין הונדערט פראצענטיקער אמת. מיר זיצן אין דער פינצטער, ליכטיק מאכן טאר מען נישט. כסדר קלינגט דער טעלעפאן, מען טוט צו וויסן די פריילעכע נייעס און מען פרעגט אן וועגן דעם. באזונדערס דאס יונגוואַרג, אלע יידישע סטודענטן קלינגען איינער צום אנדערן, מען וויל זיך פארזיכערן, אז מען זאל חלילה נישט אנטוישט ווערן. עס איז שוין 1 בייינאכט, אט ווערט ליכטיק אין איניקע פענצטער פון א דערנעבנדיקן הויז, מען שרייט אריבער אויף רוסיש: מיר! מיר! (שלום! שלום!). עס ווערט איינציקווייז ליכטיק אין א סך פענצטער, מען קוקט שוין נישט, אז מען טאר נישט אנצינדן קיין ליכט נאך 10 אזייגער. באזונדערס אין די סאוועטישע הייזער. מען ווינטשט זיך, מען קלאפט אין פרעמדע טירן און אונטן אויפן הויף דרייט זיך ארום דער יאפאנישער סאלדאט, מיט דער ביקס אויף דער פלייצע ווי נישט אים מיינט מען.

מיר ווילן שוין דערלעבן ביז מאָרגן... מאָרגן וועט דאָך די צייטונג אונדז זאָגן דעם אמת... געזעסן אזוי אַלע ביז 6 פאַרטאָג, מיר זענען אַראָפּ־געגאַנגען שלאָפן, איך האָב געגעבן אַ בליק אויפן גאַס. שטיל ווי גאָר־נישט, די יאַפּאַנישע וואכן שטייען ווי פריער ביי אַלע הייזער. נאָר אויף דער גאַס פאָרן עפּעס מער מיליטערישע אויטאָס.

מיר האָבן נישט געקאָנט שלאָפן. אויפגעהויבן זיך, אָנגעטון און אַרויס אין גאַס, זוכן אַ צייטונג. אין גאַס איז שוין געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג... מענטשן פרעמדע האָבן זיך געקושט, געווונטשן מזל־טוב. אַ ייד מיט אַ כינעזער, אַ רוס מיט אַ ייד אַלע, אַלע, ווי איין פאַמיליע. קיין אָפיציעלע מעלדונג וועגן שלום איז אין די צייטונגען נישט פאַראַן, עס איז בלויז געמאָלדן, אַז יאַפּאַן קאַפּיטולירט, אויב די קייזערלעכע פאַמיליע וועט בלייבן ביי איר מאַכט. אָבער די פרייד איז גרויס, קיינער דרינגט נישט אַריין אין די איינצלהייטן... מען איז שכור פון בלויזן וואָרט שלום! אזוי פיל יאָרן געוואַרט אויף דעם איינעם קליינעם וואָרט: שלום. געחלומט וועגן דעם אין שלאָף, געטראַכט וועגן דעם אין מיין וואָך, געאָטעמט מיט מיר צוזאַמען... „שלום"... איצט הער איך דאָס וואָרט פון אַלע זייטן. ווי גוט עס איז צו הערן דאָס וואָרט...

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אין האַנקיו. איך מוז היינט זיין מיט זיי, מיט די אין געטאָ. אין טראַמוויי זענען כמעט קיין מענטשן נישט געווען, דאָס איז שוין אַ גרויס געשעעניש פאַר שאַנכיי. דאָס איז דערפאַר, ווייל די טראַמווייען קאָנען נישט פאָרן, צוליב די דעמאָנסטראַצ־יעס. מען גייט מיט פענער. אַלע פענצטער זענען באַצירט מיט כינע־זישע פענער, כאָטש די יאַפּאַנישע וואכן שטייען נאָך ביי די הייזער. אָבער פאַר אַלע הייזער, וואָס זענען פאַרנומען פון יאַפּאַנער, שטייען גרויסע לאַסט־אויטאָס און מען טראָגט אַלץ אַרויס, מען ציט זיך. מען טראָגט קעסטלעך מיט אַמוניציע. ערשט איצט זעט מען, ווי געפערלעך עס איז געווען צו וווינען אין אַ הויז וואָס איז געווען פאַרנומען פון יאַפּאַנער. זיי האָבן פאַרמאַסקירט זייער אַמוניציע און עס אַריינגע־שטעלט אין הייזער, וווּ עס האָבן געוווינט פּריוואַטע מענטשן. דערפאַר

האָבן זיי איבערגעלאָזט אין יעדן הויז וווינען אביסל מענטשן, כדי מען זאָל נישט וויסן, אַז דאָס זענען מיליטערישע אָביעקטן...

12. אויגוסט.

היינט איז דער טאָג עפּעס אַ מאָדנער... דאָס האַרץ קלאַפּט, אַז עס זאָל חלילה נישט זיין אומזיסט די פרייד. די יאַפּאַנישע מאַכט האָט פאַראָרדנט אַראָפּצונעמען צוריק אַלע כינעזישע פענער... נעכטן האָב איך געזוכט אין האַנקיו אַ יאַפּאַנער, כ'האָב געוואָלט זען, ווי עס פילט זיך אַ יאַפּאַנער איצט אין געטאָ צווישן די יידן... איך האָב געוואָלט טרעפן גאיא, אָדער אָקורא, מען האָט נישט געזען קיין יאַפּאַנער פאַר קיין רפואה... אין שטאָט האָבן פאַסירט פאַלן, ווי די כינעזער האָבן צע-שלאָגן יאַפּאַנישע זעלנער, היינט איז נישט מער אַזאַ יום-טובדיקע שטי-מונג... וואָס עס איז געשען ווייס מען נישט. די יאַפּאַנער פּאַקן זיך, דאָס איז קלאָר. אָבער די יאַפּאַנישע פּאַטרולן גייען כסדר אַרום, די וואַכן זענען זייער פאַרשטאַרקט געוואָרן...

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין דעם געטאָ אין דער פּליטים קיך. מר. טוקאַטשינסקי האָט געוואָלט שטעלן אַ לחיים די פּוילישע פּליטים, איינגעקויפט בראָנפן און אַלע גוטע זאַכן און אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, פון וועלכער דער אָנפירער איז געווען גרישאַ צירינסקי, האָבן מיר זיך אַראָפּ-געלאָזט גיין צו די „פּעדיקעבס" פאָרן קיין האַנקיו, פרייען זיך מיט די געטאָ-פּליטים. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט רעזידענטן, וועלכע האָבן אָפּגערעדט צו טון איצט אַזאַ זאַך. „עס ווייעט עפּעס אַן אַנדער ווינטל", האָט געזאָגט מר. ריווקין, אַ סאָוועטישער בירגער, — „גייט בעסער נישט, וויל עס קאָן זיין, אַז אונדזער פרייד איז אַביסל צו איי-בערגעאיילט". אַזוי ווי אונדזער פריינט ריווקין האָט געהאַט קאָנטאַקט מיט אַ סך סאָוועטישע פירער, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז ער ווייס עפּעס... אַ קעלט איז אַרי-בער איבערן לייב. מיר זענען צוריקגעגאַנגען אין שטאָט.

14. אויגוסט.

די שטימונג איז אַ שטאַרק געדריקטע. אין האַנקיו האָט מען באַ-

שטראָפט די אַלע פּליטים, וועלכע האָבן זיך געוואַגט צו פּרייען צוליבן שלום... עס איז ווידער אַ שטאַרקער קאָנטראָלביים גרעניץ פון געטאָ. אין מירהעד־ראָד זיצן ווידער די יאַפּאַנישע הערשער הייראַדאַ און אָסאָנאַ. דער מערדער קובאַטאַ איז פאַרשוווּנדן... אויף דער „גאַרדען־ברידזש" שטייט ווידער אַ יאַפּאַנישע וואַך און ווידער מוז מען זיך בוקן פאַר זיי, ווידער מוז זיך דער טראַמוויי, וואָס גייט קיין האַנקיו, אָפּשטעלן ביי דער בריק וואַך. היינט האָט מען אַרעסטירט אַ סך ווייכ־טיקע סאָוועטישע בירגער. ביי די פּליטים האָט מען אַלס שטראָף צו־גענומען די ספּעשל־פּעסער. און קיינער קאָן נישט פאָרן אין שטאָט אַריין. אין די גאַסן רעווידירט מען די אייראָפּעער, אַפילו אין די טראַמווייען מאַכט מען רעוויזיעס. אָבער דאָך זעט מען ווי די יאַפּאַנער פּאַקן זיך. ביי אַלע הייזער פּירט מען אַרויס גאַנצע פּעק מיט אַמוניציע און פּראָ־וויאַנט. אין שטאָט זענען כמעט אַלע געשעפטן פאַרמאַכט. מען וויל גאָרנישט פאַרקויפן.

15. אויגוסט.

היינט האָט זיך די שטימונג אַביסל געהויבן. דער יאַפּאַנישער קייזער האָט איינגעוויליקט אויף די קאַפּיטולאַציע באַדינגונגען. דער סאָ־וועטישער קלוב, איז געעפנט געוואָרן און אויך די צייטונג „נאַוואַסטי דניא" האָט אָנגעהויבן צוריק דערשיינען. אייניקע אַרעסטירטע האָט מען באַפרייט, אָבער דאָס געטאָ איז נאָך אַלץ נישט אָפן. די יאַפּאַנישע וואַכן ביי די הייזער זענען נאָך אַלץ פאַרשטאַרקט.

16. אויגוסט.

היינט האָט מען געעפנט די קאָנצענטראַציע לאַגערן פון די אַמע־ריקאַנער און ענגלענדער, טויזנטער מענטשן, זענען געלאָפן באַזוכן זייע־רע אָנגעהעריקע אין די לאַגערן. עס פאָרן קעפּס און ריקשעס מיט פּראָ־וויאַנט פאַר די לאַגערן. עס פאָרן וועלאָסיפּעדן מיט אויפגעהאָנגענע כי־נעזישע פענער. ווידער האָבן זיך באַוויזן פענער אויף די געשעפטן, אָבער זייער פאָרזיכטיק. מען האָט שוין מורא פאַר אנטוישונג.

17. אויגוסט.

ביי די געטאָ גרעניצן שטייען נישט מער קיין וואַכן, אָבער די יידן זענען אַזוי איבערגעשראָקן געוואָרן פון פריער, אַז איצט רירט זיך קיינער נישט אַרויס פון געטאָ, כאָטש די געטאָ איז אָפן. אין גאַס איז איצט דערלויבט צו גיין בלויז ביז 10 אין אָוונט.

17. אויגוסט.

מיר וואַרטן אויף דער טשונקינגער אַרמיי, וואָס דאַרף אַריינמאַרשירן און אויך אויפן אַמעריקאַנער מיליטער. איך גלויב שוין נישט, אַז דאָס וועט געשען...

18. אויגוסט.

וואָס פאַר אַ שפּיל עס קומט דאָ פאָר ווייס מען נישט... די יאַפּאַנער גייען אַוועק, דאָס איז קלאָר. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען דאָ אין טוקאַטשינסקיס הויז אין „וואַשינגטאָן"-אַפּאַרטמענט געפּאַקט. די כינעזישע קולים, וואָס טוען אַלץ מיט געזאַנג, האָבן געשלעפּט די קאַסטנס אַמוניציע און זיך צוגעזונגען: עהאָ, עהאָ, און דער טומל איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר זענען די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דאָך איז היינט אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז דער „דיסטריקט" איז געשלאָסן און מען דאַרף ווידער פּעסער כדי אַרויסצוגיין פון געטאָ. מען זאָגט, אַז דערביי איז דאָ אַ ספּעציעלער מיין... און שולדיק זאָל זיין אין דער מעלדונג, דער „פירער" נאַטמאַן, אַ קרוב למלכות. וועגן דעם דאָזיקן פירער פון די פּליטים, וואָס איז גלייכצייטיק אַ פירער פון „דזשאָינט", וועט מען דאַכט זיך אַ סך קענען דערציילן... ער האָט נישט איין חטא אויף זיין געוויסן...

היינט האָבן זיך אויף די גאַסן באַוויזן די פּאָרטרעטן פון טשאַנג־קיי־שעק.

אויך פאַרקויפט מען כינעזישע און אַליאירטע פענדלעך אויף די גאַסן. אַלע מענטשן גייען מיט פענדלעך אין האַנט.

20. אויגוסט

די לאַגע דאָ איז אַלץ נישט קיין קלאָרע. דאָס געטאָ איז פאַרמאַכט.

ארויסצוגיין פון געטא מוז מען נאך אלץ אנקומען צו מירהעט-ראד. און יעדער, וועלכער האט אפילו א גילטיקן פאס, מוז זיך מעלדן, ווייל אלע פעסער זענען אנערקענט געווארן פאר אומגילטיק. יעדער, ווער עס קומט בעטן א פאס, ווערט שטרענג אויסגעפארשט און מען האט מורא צו גיין... אויך וועגן מיין זיין אין שטאט ווערט שלעכט... ערשטנס, ענדיקט זיך באלד אונדזער „עקסטענשן", מיר מוזן דעם 20סטן דעם חודש זיין צוריק אין געטא. ד"ה אין צוויי טעג ארום... ווי גיך זענען אנטלאפן די צוויי וואכן. איצט זאל איך אפשר ווידער פרווון מזל און גיין בעטן אן „עקס-טענשן"?... עס ווילט זיך נישט גיין אין אזא טאג צו די יאפאנער... א ליאדע מינוט קאנען מיר דאך ווערן אפיציעל אויסגעלייזט...

21. אויגוסט.

דער ערשטער אעראפלאן פון די אליאירטע, וועלכער איז געקומען צו די קאנצענטראציע-לאגערן, איז געפלויגן איבער דער שטאט גאנץ נידעריק... מען האט געמאכט די פליער אוואציעס און די יובל-געשרייען זענען געוועז ביז אין הימל... און מיר יידן זיצן נאך פארשפארט אין געטא...

22. אויגוסט.

היינט האט די „נאוואסטי דניא" אפגעדרוקט א שארפן ארטיקל קעגן דעם „שאנד-פלעק" פון שאנכיי, וואס נאך היינט איז נישט אפ-געשאפט געווארן דאס יידישע געטא. כאטש אין שטאט געפינט זיך שוין א קאמיסיע פון די אליאירטע, וועלכע באשעפטיקט זיך מיט דער ליק-ווידאציע פון די קאנצענטראציע-לאגערן, לאזט מען יידן נאך היינט זיין פארשפארט אין א געטא פון די יאפאנער. מיר זיצן איצט אין שטאט אומלעגאל, די דערלויבעניש האט זיך געענדיקט, אבער מיר מוזן איינ-שטעלן... יעדע מינוט קאן דאך ברענגען אויך פאר אונדז יידן א דער-לייזונג...

23. אויגוסט.

דערוואַרט זיך אויף דעם ערשטן שוועלבעלע. די פליטים מעגן זיך פריי באוועגן. מ'דארף מער נישט קיין פעסער ארויסצוגיין פון „דיס-

טריקט". אין די גאַסן טוט זיך חושך. די פּליטים וועלכע האָבן אַזוי פיל יאָרן נישט געזען די שטאָט, געווען תּמיד פאַרשפּאַרט אין דעם געטאָ, האָבן זיך אַ לאָז געטון אין דער שטאָט אַריין.

24. אויגוסט.

די גאַסן זענען באַלייגט מיט יאַפּאַנישע סחורות, וואָס זיי פאַר־קויפן אויס פאַרן אַנטלויפן. אויף אַלע גאַסן בויט מען טריאומף־טויערן צום נצחון־טאָג, וואָס וועט די טעג איינגעאָרדנט ווערן. מען גרייט עלעקטרישע לעמפּעלעך, עס איז לעבעדיק.

30. אויגוסט.

מיר זענען אינדערפרי געפאָרן צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער שרייי־בער־גרופּע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין האַנקיו. אויפן באַנד זענען געשטאַנען צענדליקער טויזנטער מענטשן, עס זענען אָנגעפלויגן עטלעכע אעראָפּלאַנען, די שיפן פון באַנד אין פּאָרט האָבן אָנגעהויבן פייפן, די גלאָקן האָבן אָנגעהויבן קלינגען, מען האָט געשריגן און געפּאַטשט בראַוואָ, די אעראָפּלאַנען זענען געווען אַ „קוריער" אַ פאָר־פּאָסטן, איידער עס וועט אַריינמאַרשירן דאָס מיליטער.

3. סעפּטעמבער.

היינט איז געקומען אַן אַמעריקאַנער קאָמיסיע באַזוכן דאָס געטאָ. דאָס פּראָגראַם איז געוואָרן אויסגעאַרבעט, אַזוי אַז די קאָמיסיע, וועלכע איז געוואָרן אָנגעפירט פון דעם נאַר־וואָס פון לאַגער באַפרייטן „דזשאָינט"־פאַרשטייער, מר. סיגאַל, האָט באַדאַרפט באַזוכן אַלע פּלי־טים־אינסטיטוציעס. עס איז אָבער געווען אַ שרעקלעך הייסער טאָג און נאָכן באַזוכן אייניקע אינסטיטוציעס זענען די קאָמ. מיטגלידער געוואָרן אַזוי מיד פון די טרויעריקע איינדריקן, פון דעם שרעקלעכן פּליטים לעבן, אַז זיי זענען נישט שוין געגאַנגען אומעטום לויטן פּלאַן. אין אונדזער פּליטים קיך, ד"ה אין דער פּוילישער, זענען זיי געקומען, מען האָט זיי באַ־גריסט און זיי זענען שנעל אַוועק. די פּליטים זענען אָבער אין אַ זייער יום־טובדיקער שטימונג, צוליב די צוזאָגן, וואָס די אַמעריקאַנער דעלע־גאַטן האָבן געגעבן... ביי אונדז אין קיך האָט דער דעלעגאַט פייערלעך

דערקלערט, אז גאר אינגיכן וועלן מיר קאנען פארלאזן שאנכיי און פארן ווו דאס הארץ וועט גלוסטן. עס איז געווארן א הורא, מען האט געוויינט פאר פרייד, אז מען וועט האבן די געלעגנהייט צו פארלאזן שאנכיי. אין סעווארד־ראד היים (אין האנקיו, אין געטא זענען איינגעארדנט היימען פאר די פליטים, וועלכע רופן זיך לויט דעם נאמען פון דער גאס) האט דער דעלעגאט בעתן מיטאג געזאגט: „היינט עסט איר א נעבעכדיקן מי־טאג, אבער גאר אין קורצן, וועט איר עסן א מיטאג פון 4 מאכלים". די ארימע היים-איינוווינער נעבעך איז געקומען די סלינע אין מויל אריין... עס איז אויך נישט אדורך אן אינצידענטן... ווען די קאמיסיע איז אין איר גאנצן צוזאמענשטעל אדורכגעגאנגען דעם הויף, איז צוגעגאנגען א פליט מיטן נאמען כאצקל און אנגעוויזן אויף דעם יידישן רעזידענט פון פוילן, איינער פון די רייכסטע יידן אין שאנכיי, אויף וועלכן די פליטים האבן תמיד געטראגן א בייז הארץ, מר. ביטקער, און אויסגעשריגן צו דער אמעריקאנער קאמיסיע: „אט דער מר. ביטקער איז דער גרעסטער גענגסטער, וואס שאנכיי פארמאגט, ער באגנבעט כסדר אלע פליטים". די דאזיקע ווערטער האבן געמאכט א שטארקן איינדרוק, ווייל אלע דייטשע און פוילישע פליטים, האבן זיך ארומגעטראגן די גאנצע צייט מיט א בייז הארץ אויף ביטקערן... דער אינצידענט האט געשטערט אביסל די שמחה, די פארזארגער אונדזערע האבן מורא געקריגן פאר נאך מער ערגערע אויסברוכן. עס איז אויך פארגעקומען א בונט אין „אלקאק היים". „אלקאק היים", איז די ארימסטע היים, ווו עס זענען איינקווארטירט פליטים. גרויסע שמוציקע זאלן, בעטן איבער בעטן, צו הונדערט און מער מענטשן אין איין צימער, אנגעשטעלט מיטן ביסל ארימקייט פון די פלי־טים, פון איין בעט ביזן צווייטן קאן מען כמעט פאר ענגשאפט נישט דורכגיין און דארט געפינען זיך א סך, א סך הונדערטער פליטים אין שמוץ, קיינמאל ווערט נישט גערייניקט, קיינמאל האט די אויפזיכט פון די פליטים נישט געפונען פאר נויטיק צו רעמאנטירן די ווענט פון וועל־כע עס פאלט שטיקער. פליטים קאנען לעבן אזוי אויך... מען האט אויס־געגעבן מיליאנען „דזשאינט"־געלטער, אויפצוהאלטן א שטאב מיט אנ־געשטעלטע, וועלכע זאלן אכטונג געבן, אז דער פליט זאל חלילה נישט

געמען זיך נאך א טעלערל וואסערדיקע זופ... מען האט אויסגעגעבן מיל־יאנען אויף א שטאב, וואס האט געהיטן, אז עס זאל חלילה נישט אריינ־גנבענען זיך א זייטיקע פערזאן אנצוקוקן די פאלאצן. ביים דורכגיין האט מען געהיטן די ארימע פליטים, אז זיי זאלן נישט עפעס ארויסטראגן... יעדער איין און אויסגייער האט געדארפט זיך לעגיטימירן... מען האט אויסגעגעבן טויזנטער, כדי אפצוהיטן די פארפוילטע קארטאפל, די פאר־דומפיצטע בעבלעך, וועלכע זענען קיינמאל נישט געווען ווייך געקאכט, צוליב זייער אלטקייט... אבער אויסצוגעבן א פאר דאלאר, אויסצושייערן די פאדלאגע און נישט בלויז אויסווישן מיט א נאס טוך, אז מען זאל אויס־מאלן די שרעקלעך שמוציקע ווענט, מען זאל אויסוואשן די טואלעטן, די פענצטער און אזוי ווייטער, אויף דעם האט מען קיין געלט נישט געהאט... „דער ביודזשעט דערלויבט נישט"...

עס זענען דא קאמיסיעס און קאמיסיעלעך, מען פרייט זיך, מען איז גליקלעך, אבער די מערדער, וועלכע האבן די גאנצע צייט געצאפט אונ־דזער בלוט, די יאפאנער קובאטא, אקורא, און גאיא, זענען נישט ארעס־טירט, זיי דרייען זיך ארום פראנק און פריי. אמת, זיי באווייזן זיך נישט אין געטא, מ'וואלט זיי דארט פארטיק געמאכט אן אן ארעסט... אבער די אמעריקאנער מאכט האט זיך נישט אנגענומען אונדזער קריוודע... קיינער האט זיך דערוייל פאר אונדז נישט אנגענומען... איי, ווי דאס הארץ טוט וויי... מיר זענען הפקר... צו די אלע, וואס געהערן צו די אלי־אירטע און זענען געווען אין לאגערן, ברענגט מען אלדאס גוטס און מיר?... מיר געהערן דאך אויך צו די אליאירטע, אבער מיר זענען יידן... איין טרייסט האבן מיר: די קאמיסיע נעמט אן בריוו קיין אויסלאנד... האב איך היינט געשריבן דעם ערשטן בריוו צו דעם שרייבער פישל בימקא, אריינגעלייגט א קליין בריוועלע, ער זאל איבערשיקן קיין איטאליע צו מיין טאכטער. לאזאר זיצט און שרייבט וועגן געטא, ער וויל אז די וועלט זאל זיך דערוויסן, וואס מיר האבן דא מיטגעמאכט... עס וועט דאך זיכער אינגיכן זיין א מעגלעכקייט צו שיקן בריוו דורך פאסט. ער שרייבט אויך בריוו, כדי אוועקצוטראגן אין „היאס", וועלכע דארף די בריוו איבערגעבן דער קאמיסיע.

8. סעפטעמבער.

ראש השנה. ווידער א ניי יאר אין שאנכיי. אבער דאסמאל מיט האפענונגען גיך זיך פון דאנען ארויסצובאקומען. מיר האבן אבער א ביטער ניי יאר. עס קומען אן ידיעות, עס ברענגען זיי די אמעריקאנער קאמיסיע, אז אלע קלאנגען, אז מען האט אומגעבראכט אלע יידן אין פוילן זענען אמת. דאס געוויין און יאמער אין שול איז היינט געווען שרעקלעך. די פוילישע פליטים אונדזערע גייען ארום פארווייינט און פארצארנט, האבן מיר דאך אלעמען געלאזן פון יענער זייט. א סך מאכן זיך פארווורף, וואס זיי זענען געבליבן לעבן, ווען די נאענטסטע זענען אומגעקומען מיט א שרעקלעכן טויט... אזוי זעט אויס אונדזער באפרייאונגס־פרייד...

9. סעפטעמבער.

איך שרייב בריוו. וואס פאר א מאדנע געפיל דאס איז, נאך אזא לאנגער צייט אנצוהייבן שרייבן בריוו. עפעס די גאנצע פארם פארגעסן, יעדן בריוו מוז מען א פאר מאל איבערשרייבן, דאכט זיך אלץ, אז מ'האט צופיל געשריבן און גארנישט געזאגט. איך שרייב דורך אלע וועגן און מוז זוכן מעגלעכקייטן די בריוו אוועקצושיקן. איך זוך אויס אן אמעריקאנער, איך זוך אויס אן ענגלענדער, א שווייצאר און בעט יעדן אוועקשיקן א בריוו..דעם זעלבן אינהאלט דורך פארשידענע וועגן. אפשר... אפשר וועט פארט איינער דערגיין. א גאנצן טאג בין איך פארנומען מיט שרייבן און מיט זוכן געלעגנהייטן. ווי אזוי די בריוו אוועקצושיקן.

היינט האב איך געשריבן צו מר. גוסקין, דעם מענעדזשער פון אקטיארן־פאראיין, צו מארים שווארץ, געבעטן אים א קאנטראקט, א פיקטיוון, אבי זיך ארויסצוראטעווען פון דאנען. געשריבן צו אונדזער קוזען אדוואקאט דזשארזש איירא, געבעטן באנייען דעם אפידעוויט, וואס ער האט אונדז געשיקט אמאל, ווען מיר זענען געווען אין יאפאן און וואס איז שוין היינט נישט גילטיק. זיי האבן דאך אלע הערצער, זאלן נאר אונדזערע בריוו דערגיין, וועט זיך דאך זיכער א שיט טון קאנטראקטן מיט אפידעוויטס. דאס זענען דאך פריינט. ווי דערלעבט מען שוין צו דערהאלטן ענטפער און זיין זיכער, אז די בריוו זענען דערגאנגען. ווארטן... ווארטן... 6 יאר ווארטן...

אין שטאט איז היינט אומרואיק. יאפאנישע סאלדאטן האבן גע־וואָרפן גראנאטן אויף דער הויפטגאס, עוועניו זשאפר. עס זענען פאראַן זייער א סך דערהרגעטע און פארוואונדעטע. דאס האט ארויסגערופן א פא־ניק און שטארקע אויפרעגונג ביי די כינעזער, מען האט שוין איצט מורא פאר גאסן־קאמפן.

10. סעפטעמבער.

היינט זענען ווידער פארגעקומען אומרועו, ווידער האט מען געוואָרפן א באמבע. אלע גאסן זענען אפגעשלאסן, די טראמווייען אפגעשטעלט. לאזאר ארבעט בייטאג און נאכט, ער שרייבט וועגן שאנכיי, האט כסדר זיצונגען פון פארשידענע קאמיסיעס און פארט כסדר קיין האנקיו. אויף א פארזאמלונג פון אונדזער שרייבער־גרופע האב איך פארגעלייגט, אז די יידישע שרייבער מוזן ביי אלע שוועריקייטן דאך לאזן זיך הערן מיט א וואָרט צו די פליטים. מיר מוזן געפינען א מעגלעכקייט און ארויסגעבן א שטיקל צייטונג, דאס וואלט אויפגעמונטערט די פליטים און מען וואלט מיט אלעמען געהאט א קאנטאקט. איך ווייס, אז דאס איז זייער א שווערע אויפגאבע ביי די שאנכייער באדינגונגען, עס איז נישטא קיין שריפט. אויף איין פלאץ איז דא אביסל יידישע שריפט, אבער עס איז אזוי טייער, אז עס איז אוממעגלעך דאס צו באקומען, אבער מיר דארפן זיך באמיען, יא צו באקומען.

17. סעפטעמבער.

נעכטן, ערב יום־כפור, האט א פליט פון פוילן געפאטשט דעם סא־דיסט גאיא. גאיא האט זיך אזוי פראנק און פריי ארײנשפאצירט אין געטא אריין. דעם „קינג אף די דזשוס" האט זיך פארבענקט נאך זיין קעניגרייך און ער איז זיך אביסעלע געקומען א קוק טון, ווי עס לעבן זיינע אמאליקע קרבנות... איז פונקט אנגעקומען דער פליט ווייזער און האט אים געגעבן די אמתע „אויפנאמע", ווי עס פאסט פאר א קעניג... ער האט גאיאן שטארק צעשלאגן. און די פליטים האבן געהאט אביסל פרייד.

די שול האט אויך געהאט א שטיקל סענסאציע. אמעריקאנער יידישע פליער און א פאר אמעריקאנער מיליטערלייט זענען געקומען דאווענען אין

שול אריין. מען האָט זיי איינפאַך צעריסן און באַוואָרפן מיט פראַגן. אַלע האָבן געוואָלט זיך אונטערהאַלטן מיט זיי. ביינאַכט צום עסן זענען זיי געווען פאַרבעטן פון אַלע נגידים. זיי זענען אָבער געגאַנגען צום רב אשכנזי. כ'האָב אָנגעשריבן אַ פּאַק בריוו אַוועקצושיקן, ווייזט זיך אַרויס אַז די קאָמיסיע נעמט שוין נישט אָן קיין בריוו. מוז מען זוכן אַנדערע געלעגנ־הייטן.

19. סעפּטעמבער.

שאַנכיי גייט אויף רעדלעך. צוויי געשעענישן. די יאַפּאַנער מוזן אין פאַרלויף פון צוויי טעג פאַרלאָזן זייערע דירות און אַריבערציען זיך אין אַ טייל פון האָנקיו. זאָלן זיי אויך פילן אונדזער טעם, וואָס עס הייסט אין צוויי טעג אַריבערציען זיך און געפינען אַ וווינונג. מען באַהאַנדלט זיי נאָך לייטיש, ווייל אַ סך פון אונדז און איך צווישן זיי האָבן נאָר באַקומען 24 שעה צו ליקווידירן זייער וווינונג אין שטאָט און אויסגעפינען פאַר זיך אַ וווינונג אין געטאָ. די צווייטע סענסאַציע איז, וואָס עס איז אָנגעקומען אַן אַמעריקאַנער עסקאַדרע פון קריגסשיפן. אויפן באַנד טוט זיך חושך, מענטשן זענען געלאָפן אָנקוקן דאָס וווּנדער און עס האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער שאַנכיי אַמעריקאַנער מאַטראָזן. אַלע געשעפטן זענען פול מיט זיי. די ווייסע קליינע היטלעך אויף די שפּיץ טשופּרינעס זעט מען שוין אָן פון ווי ווייט. די מיידלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט דער גאַנ־צער פאַרע באַגעגענען די מאַטראָזן. עס רודערט זיך אין שטעטל.

23. סעפּטעמבער.

מיר זענען געווען אין סאָוועטישן קינאָ זען דאָס בילד „אָשוויענ־טשים". מיין גאָט! וואָס פאַר אַ שוידערלעכער פילם! איך האָב זיך קוים באַהערשט, אַז איך זאָל נישט חלשן... איין פרוי האָט מען אַרויסגעפירט פון קינאָ, זי האָט געקריגן ספּאַזמען. ווער ווייסט, וועמען זי האָט נעבעך איבערגעלאָזט ביי די מערדער אין די הענט. איך האָב זי פאַרשטאַנען.

27. סעפּטעמבער.

די גאַסן זענען פול מיט שיכורע „סיילערס", וועלכע האַלטן זיך אַרומ־גענומען מיט מיידלעך. אַלע ריקשעס, פּעדיקעפּס פאָרן מיט די מאַטראָזן,

וועלכע זענען כסדר שיכור. זיי זענען אויסגעהונגערט נאָך פאַרוויילונג. אַזויפיל צייט געזען דעם טויט פאַר די אויגן, לויפט מען איצט פון באַר צו באַר. אויף יעדן שריט האָבן זיך געעפנט באַרן. פון אַלע געוועלבער און וווינונגען אין האנקיו האָט מען געמאַכט באַרן. אַלע שאַנכייער מיידלעך זענען געוואָרן באַר־דאַמען... יונג און אַלט, אפילו אַזעלכע וואָס האָבן שוין אייניקלעך, פוצן זיך אויס און ווערן באַר־דאַמען. אַלץ לויפט באַדינען די „סיילערס". איך פּראָיעקטיר צו מאַכן אַ פאָרשטעלונג אין קלוב, שטעלן „מירעלע אפרת". איך האָב דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געשפּילט קיין טעאַ־טער. לאַזאַר איז אַוועק דינגען דעם טעאַטער־זאַל פון קלוב און איך נעם זיך שוין צו גרייטן די פאָרשטעלונג.

28. סעפּטעמבער.

האָבן מיר גאָט זיי דאַנק דאָס אויך דערלעבט. בינעזער גייען איבער די הייזער, ווו עס וווינען דייטשן און מען אַרעסטירט זיי. די וווינונגען פאַרחתמעט מען. דאָס איז כאָטש אונדזער נקמה. פאַר אונדזערע פאַרשני־טענע קרובים... קיין בריוו דערהאַלט מען נישט. מען האָט איינפאַך מורא פאַרן אמת. קיין בריוו אַוועקשיקן קען מען נישט. מען מוז אויסזוכן באַ־קאַנטע, וואָס זענען געווען אינטערנירט און זיי בעטן אַוועקשיקן בריוו צו אונדזערע קרובים אין אַמעריקע. די קאָמיסיע נעמט אָן בריוו, נאָר פון אַמעריקאַנער, אָדער ענגלישע געוועזענע אינטערנירטע. מוז מען מאַכן אַלערליי קאָמבינאַציעס, מ'זאָל קענען אַוועקשיקן אַ בריוול... מ'זאָל קענען געבן צו וויסן וועגן זיך. דאָס ערגסטע איז אָבער, וואָס עס איז אַ שטרייק פון די טראַמווייען און ווי קען מען דען לויפן אַזעלכע גרויסע שטרעקעס צופוס.

3. אָקטאָבער.

איך האָב צוריק אָנגעהויבן פאַרקויפן פּראָדוקטן, ד. ה. זיסקייטן פון „קאָנקאָרדיאַ". מען מוז עסן... זומער האָט מען נישט געקויפט קיין שאָ־קאָלאַד. צוליב די היצן האָב איך זיך טאַקע שטאַרק געמוטשעט. אַז מען האָט אונדז נישט גערופן צו מיטאָג צו די טוקאַטשינסקים האָבן מיר טאַקע

געהונגערט. אָבער איצט איז ווידער דאָ אַ פּאָר גראָשן און איך נוץ אויס מיין גאַז־קיך.

4. אָקטאָבער.

ווידער אַוועקגעשיקט 5 בריוו. צו לילקען, צו מיין ברודער אין לאָנ־דאָן, צו בימקאָ און צו מיכאַלעסקאָ קיין אַמעריקע, אפשר וועט זיך עמיץ אָפּרופן. איך האָב אַלעמען געבעטן געוויר ווערן וועגן מיינע זין. עס איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז מיינע קינדער זוכן אונדז, זיי ווייסן דאָך נישט, אַז מיר זענען אין שאַנכיי.

16. אָקטאָבער.

איך האַנדל. פון האַנקיו פיר איך וורשט אין שטאָט אַריין און פון „קאָנקאָרדיא" שאָקאָלאַד. מיט שאָקאָלאַד איז געוואָרן זייער שלעכט. די באַלעבאָסטעס רעדן זיך איין, אַז די אַמעריקאַנער שאָקאָלאַדע, וואָס עס ברענגען מתנות אָדער עס פאַרקויפן די אַמעריקאַנער זעלנער, איז גע־שמאַקער; אַזוי זענען די אַמעריקאַנער געוואָרן מיינע קאָנקורענטן און שטערן מיר מיין „פּרנסה", אָבער איך פאַרדין און מאַך אַ לעבן. מען גייט אין גאַסט און מען מוז נעמען באָמבאָניערקעס שאָקאָלאַד און דאָס קען מען שוין ביי די אַמעריקאַנער זעלנער נישט באַקומען. דאָס גאַנצע געלט אָבער גייט אַוועק אויף פּאָסט־מאַרקעס. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט אַ בריוו געקאָסט 19 וואַפּי און היינט קאָסט 250 וואַפּי. און בריוו מוז איך דאָך שרייבן, דאָס איז דאָך איצט מיין איינציקע האָפענונג אַרויסצו־קריגן זיך פון דאַנען... איך אַרבעט שווער, אָבער כ'בין צופרידן. לאַזאַר העלפט איצט אַ סך, כאָטש ער שרייבט אַ סך און שיקט אין „פאָרווערטס". אָבער ער פאָרט אין שטאָט אַריין איינקאַסירן און דאָס פאַרלייכטערט מיר אַ סך די אַרבעט, עס איז זייער שווער צו קריכן אויף די שטאָקן. די ווינדעס גייען נאָך נישט.

23. אָקטאָבער.

מען האָט מיר צו וויסן געטון, אַז אין „היצעם" איז דאָ אַ טעלע־גראַמע פאַר מיר. מיט גרויס פרייד בין איך געלאָפן און אָפּגענומען אַ טעלעגראַמע פון מיין ברודער פיל פון לאָנדאָן. פון לילי אַליין נישטאָ קיין

לעבנס־צייכן. אפילו דער רואיקער לאזאר גייט ארום וועגן דעם באזאָרגט.

27. אָקטאָבער.

מען רעגיסטרירט אונדז שוין ווידער. „אונרא" רעגיסטרירט, שוויי־צער קאָנסול רעגיסטרירט, פּוילישע פּאַטריאָטן רעגיסטרירן... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה רעגיסטראַציעס און לויפעניש צו קאָנסולן.

די אַמעריקאַנער רעגיסטרירן אויף אַרבעט און אַ גרויסער טייל פּליטים וואָס האָבן קאָנטשאַפּט און פּראַקטיקע האָבן טאַקע באַקומען אַרבעט. באַזונדערס אַלע שיינע מיידלעך.

30. אָקטאָבער.

אינדערפרי האָט מען אונדז צוויסן געטון אַז עס איז דאָ אין „היי־צעם" אַ טעלעגראַמע פאַר אונדז. לאַזאַר איז באַלד אַוועקגעלאָפן אין שטאָט אַריין און געוואַרט ביז מ'האָט געעפנט דאָס ביוראָ. די טעלעגראַמע איז פון וואַטיקאַן. עס שטייט אין איר געשריבן אַז לילי איז געזונט. זי האָט דערהאַלטן אונדזער בריוו און אויך געענטפערט. אונטערגעשריבן איז דער סעקרעטאַר פון וואַטיקאַן. הייסט עס אַז מיין קינד איז געווען אין געפאַר, זי האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין וואַטיקאַן... אָבער פאַרוואָס שרייבט עפּעס אונטער די טעלעגראַמע דער וואַטיקאַן־סעקרעטאַר און נישט זי אַליין? זאָל זי זיין אַרעסטירט? דער קאָפּ ווערט צעבראָכן קלערנדיק... לאַ־זאַר איז באַלד אַוועק און געשיקט אַ טעלעגראַמע צו לילי און אַ טעלע־גראַמע צו אונדזער קוזען דזשאָרדזש אייראַן וועגן שיקן אונדז אַפידע־וויטס. איצט אַרבעטן מיר נאָר פאַר דער פּאַסט, אַזוי ווי מיר האָבן אַ פּאָר גראָשן, שיקט מען בריוו און טעלעגראַמען. זאָלן זיי כאָטש ברענגען ענטפער.

3. נאָוועמבער.

נעכטן ביינאַכט בין איך נאָך דער פּראָבע געלאָפן אין סיימורראָד שול, וווּ עס קומען פאַר גאָטעסדינסטן פון יידישן אַמעריקאַנער מיליטער. איך האָב געהערט, אַז אין שאַנביי געפינט זיך אין דער אַמעריקאַנער אַר־מיי אַ יונגער אַדוואָקאַט מ. האַניג, וועלכער האָט עפּעס אַ גרויסע שייכות צום אַרטיסטן־פאַראיין אין ניו־יאָרק. מען האָט מיר דערציילט, אַז ער

טרעט אויף אלס חזן פארן מיליטער און מאכט עס זייער שיין. די שול איז געווען געפאקט מיט מיליטערלייט און זייער א סך ציווילע רעזידענטן, מען איז געקומען הערן דעם ראביי גארדאן און דעם חזן האניג. פאר מיר איז דאס אלץ עפעס אזוי מאדנע. זעלנער אין דער פרעמד, קומען אין דער שיינער ספרדישער שול, אלע ווי איין מאן, מאטראזן, אפיצירן און געוועגלעכע זעלנער, אלע פאראייניקט דורך זייער גלויבן. ברידער, יידישע ברידער, צונויפגעפירט דורך דעם „יידישן וועלפייר בארד", קומען דאווענען פרייטיק צונאכטס אין שול אריין.

אויף דער עסטראדע שטייען צוויי אנגעטון אין אוניפארמען: דער ראביי גארדאן און דער חזן האניג. ביידע איין הויך, ביידע שווארצע שיינע מענער. גארדאן דאוונט, זאגט דערביי גלייכווערטלעך, און חזן האניג זינגט מיט א פיינער הארציקער שטימע און דאס זיין אין שול ווערט טאפלט אנגענעם פאר די אנוועזנדע. נאכן דאווענען שטייען א גרופע באלעבאטישע יונגעלייט און פרייליינס, אונטער דער אנפירונג פון די סטודענטן יוסף און מארא טוקאטשינסקי און מען פארבעט די אמעריקאנער מיליטערלייט אין די רייכע הייזער אויף א פרייטיקדיק נאכט-עסן. אין יעדן הויז אריין שיקט מען אוועק א 6 אדער מער זעלנער און מען דערמאנט זיי אין דער היים. איך האב זיך באקאנט מיט מר. האניג, מיר האבן געהאט אזויפיל צו רעדן, אז מען האט איינפאך נישט געוווסט ווי אנצוהייבן און ווי צו ענדיקן. דאס ערשטע וועגן מר. גוסקין, וועמען ער קען אזוי גוט, וועגן א גאנצער ריי אקטיארן פריינט, וועלכע האבן מיך אינטערעסירט. ביי די טוקאטשינסקיס זענען געווען פארבעטן 8 מיליטערלייט. אלע האבן זיך געפרייט מיט די געפילטע פיש, אלע האבן דערמאנט זייער היים, אלע זענען דאך אזא לאנגע צייט נישט געזעסן ביי קיין יידישן טיש, אלע האבן גערעדט וועגן זייערע מאמעס. א קליין באחנט מאטראזל, א קינד כמעט, האט געהאט טרערן אין די אויגן, ווען ער האט גערעדט וועגן זיין מאמע. מאקס האלבער פון ברוקלין האט געלויבט די פיש און שטילערהייט צו מיר א זאג געטון: „די פיש זענען אויסגעצייכנט, אבער מיין מאמעס פיש זענען בעסער". אלע, אלע רעדן וועגן די מאמעס... מיר לויפט דורך א געדאנק אין מוח, אויב מיינע זין לעבן, מוזן זיי איצט אויך

דערמאנען זייער מאמען. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפעט אין אָוונט. אהיים קיין האנקיו בין איך נישט געפאָרן, עס איז נאָר דערלויבט צו גיין אין גאַס ביז 12 ביינאַכט. בין איך געבליבן ביי די טוקאַטשינסקים נעכטיקן.

7. נאָוועמבער.

היינט איז אין יידישן קלוב פאָרגעקומען אַ פאַרווייַלונג־אָוונט פאַר דעם אַמעריקאַנער יידישן מיליטער, איינגעאָרדנט פון „יידישן וועלפער באָרד". מר. הערבערט, דער דירעקטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט מיך איינגעלאַדן אנטיילצונעמען אין דעם אָוונט. עס האָט אויפגעטרעטן ראָיאַ זאַמינע מיט יידישע לידער און קאָנפעראַנסיע פון אָוונט איז געווען משה עלבוים, וועלכער איז אויך אויפגעטרעטן מיט צוויי אייגענע הומאָריסטישע נומערן. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז ווען די יידיש־דייטשישע זינגערין ראָזאַ אלבאך־גערסטל האָט געזונגען ענגלישע לידער, האָבן די זעלנער געשריגן: יידיש! יידיש! זיי איז איצט געווען נענטער יידיש, נאָך וועלכן זיי האָבן געבענקט. יידיש האָט אויף דעם אָוונט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. ווען נאָכן אָוונט איז נאָך צוגעקומען צו מיר קעפטען הערבערט און דערלאַנגט אַ 10 דאָלאַר שיין און אַ האַרציקן דאַנק, בין איך שוין געווען גאָר אין הימל־הויך.

אהיימגעפירט קיין האנקיו האָט אונדז אַ מיליטערישער טראַק. האָט מען אונדז טאַקע נישט פאַרהאַלטן, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך 12 ביינאַכט, ווען מ'טאָר שוין נישט זיין אין גאַס.

14. נאָוועמבער.

ענדלעך אָפּגעאָטעמט. די פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת" איז שוין אַדורך. עפּעס אַראָפּ אַ דאגה, אַזאַ שווערע מאַסע פון קאָפּ. יעדעס מאָל פאַר אַ פאָרשטעלונג קען איך נישט שלאָפן. איך טראַכט נאָר ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די פאָרשטעלונג זאָל האָבן דערפאָלג, סיי אַ מאָראַלישן און סיי אַ מאַטעריעלן.

די פּלעצער זענען געוואָרן פאַרנומען פון אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און מאַטראָזן. דער „וועלפייר באָרד" האָט געקויפט אַרום 80 בילעטן פאַר די

„בוים" (ווי זיי רופן דאָס מיליטער) און איך האָב געהאַט אַן אמתע פרייד צו שפּילן פאַר זיי טעאַטער. די פּיעסע „מירעלע אפרת" איז געווען זייער צוגעפּאַסט פאַר זייער בענקעניש צו דער מאַמען. געשפּילט האָבן אַלע מיט פייער, מען האָט זיך באַמיט צו געפעלן די „בוים" און מען איז געפעלן. די אָוואַציעס זענען געווען אויסערגעוועגלעך, די „בוים" האָבן זיך אַריינגעלאָזט אונטער די קוליסן מיט התפּעלות.

אויף דער פאָרשטעלונג האָב איך אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אַ פּאָר גאָענטע פריינט פון אַקטיאָרן, מיט וועלכע עס איז געווען אנגענעם זיך צו טרעפן. איין פאַל איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען. אין דעם גרויסן שאַנביי גייען אַ פּאָר יידישע פּליטים און רעדן יידיש, פאַר זיי גייען אַ פּאָר אַמעריקאַנער זעלנער, איינער שטעלט אונדז אָפּ און זאָגט: איך הער, איר רעדט יידיש, איך בין אויך אַ ייד. אַ ייד, זאָג איך דערפרייט, דאַן קומט מאָרגן צו מיין פאָרשטעלונג „מירעלע אפרת". איר זענט אַן אַרטיסטין? אַ יידישע אַרטיסטין? זענען מיר דאָך קרובים. איר קענט אַ נאָמען דזשייקובסאָן? געוויס קען איך, ענטפער איך. היימי דזשייקובסאָן און אורווינג דזשייקובסאָן האָבן געשפּילט ביי אונדז אין פּוילן. איך בין העגריעטע דזשייקובסאָנס זון. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז שוין געקומען צו דער פאָרשטעלונג און מיר האָבן זיך געפרייט מיט אים.

18. נאָוועמבער.

אונדזער שרייבער־גרופּע האָט דערהאַלטן אַביסל געלט פון אונדזערע חברים אין אויסלאַנד. די פרייד איז ווידער גרויס. און איך האָב דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו פון אַמעריקע, אַ בריוו פון דעם אַרטיסט מישא פישזאָן. איך האָב דעם בריוו באַגאָסן מיט טרערן. די ערשטע שוואַלב. ער שרייבט: „כאָטש דער בריוו דיינער איז געווען געשריבן צו אַן אַנדערן און נישט צו מיר, געדענק איך אונדזער פריינטשאַפט מיט דיר און לאַזאַרן און איך וויל אייך אָנפרעגן מיט וואָס קען איך אייך העלפן, כדי פאַרלייכטערן אייער שווער לעבן". ליבער מישא, ווייסטו וויפל פרייד האָט אונדז פאַרשאַפט דיין בריוו? ווייסטו אַז דיינע פאַר ווערטער האָבן אין אונדז אַריינגעגעבן נייע האָפענונגען... מיר האָבן געוווסט, אַז די פּאָסט

איז נישט נאָרמאַל, מיר האָבן אַלץ געגוי באַטראַכט, אָבער דאָך האָט מען זיך געפילט אַזוי פאַרגעסן און פאַרלאָזן... איז דאָך שוין מער ווי דריי חדשים פון שלום־טאָג און מיר האָבן נאָך נישט קיין שום לעבנס־צייכן פון קיינעם. איך וועל דיינע ווערטער און דיין איידעלע האַנדלונג קיינמאָל נישט פאַרגעסן. באַלד שוין שרייב איך אים אָן אַ גרויסן בריוו און וועל געבן מר. האַניג אַוועקצושיקן אים.

20. נאָוועמבער.

מען דערהאַלט בריוו. גאָט מיינער, ווייסן זיי די בריוו־שרייבער, וואָס עס הייסט פאַר אונדז אַ לעבנס־צייכן פון עמיצן? איך האָב דאָך געשריבן אַן אומצייטיקע צאָל בריוו. וועגן אַזאַ וויכטיקער זאַך ווי וועגן העלפן אויסגעפינען מיינע קינדער, ווי וועגן העלפן אונדז אַרויסראַטעווען פון דאַנען, ווייל מיר גייען אונטער און ערשט היינט דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו פון שרייבער פישל בימקאַ. ער איז לײדער שווער קראַנק, ער טוט אַלץ כדי אויסצוגעפינען אונדזערע קינדער.

24. נאָוועמבער.

אַ שרעק צו הערן. אַ שרעק צו לייענען. אַדאַנק דעם יידישן „וועל־פער באָרד" זעט מען אַ שטיקל צייטונג, זעט מען אַ געדרוקט יידיש וואָרט. ווען האַרי הערבערט האָט אונדז געגעבן דעם זשורנאַל „צוקונפט", האָבן מיר זיך איינפאַך געשלאָגן, ווער עס זאָל פריער לייענען. אַזוי פיל יאָר נישט געזען קיין יידיש וואָרט. אַזוי פיל יאָר געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישע געשעענישן און די „צוקונפט" האָט אונדז געבראַכט אויך אַ סך האַרץ־ווייטיק. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אונדזער גאָר נאָענטער פריינט יצחק קאַצענעלסאָן לעבט נישט מער. אָט זע איך אים פאַר די אויגן מיט זיין שטענדיק לאַכנדיק פנים. אַ סך מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט אים צוזאַמען אויף אַ זומער־וווינונג אין דעם באַקאַנטן קוראָרט שטשאַווניצע. אָט זע איך אים מיטן שטעקן און מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס צוריקקערן זיך פון אַן אויספלוג אין די קאַרפּאַטן־בערג. ער האָט ליב געהאַט לעבן, ליב געהאַט באַוועגונג, ליב געהאַט ספּאָרט, אַזוי ווי אַ יונג יינגל איז ער געקראָבן אויף די גרעסטע

בערג, אָבער מער פאַר אַלעם אין דער וועלט האָט ער ליב געהאַט זיין פאַ־מיליע, זיין ווייב, זיינע קינדער. איז יצחק קאַצענעלסאָן אומגעקומען פון די דייטשע מערדער? שמייכלען שוין נישט זיינע ליבע אויגן? א סך דעראַי־נערונגען וועגן אונדזער האַרציקן פריינט און שכן, מיט וועלכן מיר האָבן לאַנג געוווינט א הויז איבער א הויז, קומט מיר איצט פאַר די אויגן. לאַזאַר האָט געוויינט ווי א קליין קינד.

30. נאָוועמבער.

מיר קריגן ברויט פון ווייס מעל פון דער „אונרא", ווייס ברויט פון אַמעריקאַנער מעל.

2. דעצעמבער.

דער יידישער „וועלפער באָרד" האָט היינט איינגעאָרדנט א חנוכה־אָוונט פאַר די אָרימע פּליטים פון „אלקאַק היים". איך האָב דעקלאַמירט מאָרים ראָזנפעלדס „חנוכה־ליכטלעך, ביאַליקס „א פריילעכס" און א הומאָריסטישן נומער וועגן די „באַר־דאַמען" געשריבן פון מיר אליין. באַ־קומען צען דאָלאַר און איך פריי זיך.

3. דעצעמבער.

מיר שרייבן בריוו. איך און לאַזאַר, ביידע גייען מיר אויף געיעג, ווער עס וועט מער שרייבן בריוו. איך האָב געשריבן צו מר. גוסקין, צו קאַליך און פיקאָן, צו בימקאָ, צו מיין ברודער פיל אין לאָנדאָן; אין אַלע בריוו אַריינגעלייגט בריוועלעך אוועקצושיקן צו מיין טאָכטער. לאַזאַר האָט געשריבן צו מענדל מאַזעס, צו זלמן זילבערצווייג, צום „פאָרווערטס". איך בין געווען פאַרנומען מיט מאַכן לאַטקעס. עס איז דאָך חנוכה. אין מיין געסט־צימערל האָבן זיך פאַרזאַמלט א פאָר אַמעריקאַנער: הערי הערבערט פּויל גאַרפינקל און מאַקס האַלבער. דער לעצטער האָט מיר פאַרשעמט געזאָגט, אַז זיין מאַמעס לאַטקעס זענען בעסער. איך האָב דעם בחור ליב געקריגן צוליב דער גרויסער ליבע צו זיין מאַמע.

6. דעצעמבער.

איך האָב דערהאַלטן א טעלעגראַמע פון מר. גוסקין, אַז ער האָט דערהאַלטן מיין בריוו, ער האָט מיר געשיקט א מתנה.

9. דעצעמבער.

מיר האָבן געלעבט אין אומוויסנהייט. נישט געהאַט קיין בריוו און במילא נישט געוווסט וועגן חורבן... איצט דערהאַלט מען בריוו. ליידער אָבער אויך זייער טרויעריקע בריוו. מיר האָבן דערהאַלטן אַ בריוו פון ישראל קאהאנס טאָכטער לילי סענאר פון אַמעריקע, לאַזארס שוועסטערן־טאָכטער. זי שרייבט וועגן דעם אומקום פון אונדזערע נאָענטע. איר שוועס־טער אַלינע, וועלכע איז נאָך געווען אַ קליין מיידל, ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען פוילן, געפינט זיך איצט אין שוועדן. דאָס יונגע קינד, וועלכע איז געווען אין די לאַגערן פון אָשוויענטשים און טרעבלינקע, האָט געזען ווי מען האָט אַוועקגעפירט איר מוטער אין גאַז־קאַמער, איר פאָטערס שוועסטער אין קאַלך־אויוון... אַלע אונדזערע נאָענטע אומגעבראַכט. איר פאָטער, דעם רעדאַקטאָר ישראל קאהאן, האָבן די נאַציס אַרעסטירט, באַלד ווען ער איז צוריקגעקומען פון וואַרשע און זיי האָבן אים מער נישט געזען. אַרימער ישראל קאהאן... אָפּגעלעגן ביי דער באָמבאַרדירונג אין וואַרשע און צוריקגעפאָרן די מערדער אין די הענט אַריין. לאַזאר האָט אַ גאַנצן טאָג באַוויינט זיינע נאָענטע.

16. דעצעמבער.

די מירער ישיבה האָט אַרויסגעהאנגען אַ ליסטע פון געראַטעוועטע יידן אין וואַרשע. מיר האָבן אַלע באַלאַגערט דאָס הויז פון דער ישיבה. יעדער שטופּט זיך אַ קוק צו טון, אפשר האָט ער דאָרט עפּעס עמיצן פון די נאָענטע. אַ סך פּליטים ווילן נישט צוגיין צו דער ליסטע, זיי ווילן נישט וויסן דעם אמת, אַז זיי האָבן שוין קיינעם נישט... איך לייען. אַ פרייד־געשריי רייסט זיך אַרויס פון מיין ברוסט: געפונען איין נאָמען: יאָנאַס טורקאָוו און זיין ווייב דיאַנא בלומענפעלד. זיי האָבן זיך אָפּגע־ראַטעוועט. לייענענדיק ביי די „ק" האָב איך אויך געהאַט אַביסל האַרץ־קלאַפּונג. איך האָב דערזען אַ נאָמען סאַמועל קאהאן. מיין זונס נאָמען. אָבער באַלד האָב איך דערזען, אַז דער סאַמועל קאהאן איז אַלט 70 יאָר, זאָל ער לעבן און געזונט זיין, ער האָט געווים קינדער, וואָס פרייען זיך מיט דעם נאָמען, אָבער מיין זון איז דאָס נישט. איך האָב באַלד אַוועק־

געשיקט א טעלעגראַמע צו יאַנאָס טורקאָוון, מיט א באַגריסונג און גע־בעטן געוויר ווערן וועגן מיינע קינדער. איך האָב געשיקט בריוו און טע־לעגראַמען צו יעדן גאַענטן און וויטן באַקאַנטן אין יעדן לאַנד און יעדער שטאָט, אָבער ליידער דערוויל קיין שום ענטפער נישט דערהאַלטן, אפילו נישט אויף די טעלעגראַמען.

18. דעצעמבער.

וועט מען שוין זיין פּליטים דאָס גאַנצע לעבן לאַנג? היינט האָט מען זיך דערוווסט, אַז עס איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג וועגן די פּליטים, מען וועט זיי שיקן צוריק קיין דייטשלאַנד און עסטרייך. די ביגעזישע מאַכט וויל נישט האָבן קיין פּליטים ביי זיך. די ידיעה האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע פאַרביטערונג און אומרואיקייט ביי די פּליטים, אפילו ביי די פּוילישע, וועלכע זענען אין דער פאַראָרדענונג נישט דערמאַנט. אָבער הייבן זיך נאָר אָן פאַרפאָלגונגען, גייט עס שוין ווייטער. דאָס זעלבע איז געשען מיטן גיין אין געטאָ, צוערשט האָט מען די פּוילישע נישט דער־מאַנט, אָבער גיין אין געטאָ האָבן מיר געמוזט. אויף דער וועלט איז שלום, דאָס מיליטער פאָרט אַהיים, אַלע קומען זיך צוזאַמען. נאָר מיר פּליטים האָבן קיין רו נישט. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס רעגיסטרירן זיך קיין אויסטראַליע, צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אין ערגעץ לאָזט מען נישט אַריין, אין ערגעץ נישט. און עס איז געוואָרן שרעקלעך קאַלט. גע־מיינט, אַז מען וועט שוין נישט דאַרפן זאָרגן פאַר אַן אייוועלע און אָנ־גרייטן קוילן, אָבער אַפּנים מען האָט שלעכט געמיינט און מען מוז זיך איבערבעטן מיטן ווינטער.

21. דעצעמבער.

מיר זענען געוואָרן קעסט־קינדער ביי „אונרא”. היינט האָבן מיר באַ־קומען אַ קאַסטן מיט טינגען. 18 פּושקעס מיט קאָנסערוון פאַר אַ פּערזאָן. עס איז זעלנעריש עסן, פּושקעס מיט זייער געפעפערט און זייער שאַרף פלייש, אָבער אויך פּושקעס מילך און מיט אַרבעס. אין אייניקע וואָכן אַרום וועלן מיר קריגן קעז און פּוטער. אייניקע פּליטים האָבן זיך אַזוי אָנגעגעסן מיט די פּושקעס, אַז היינט האָט דאָס פּליטים־שפּיטאָל גע־

האט זייער א סך צו טון. ארימע, מען איז נישט געוווינט צו עסן, האט מען זיך צוגעכאפט. דעם שאקאלאד מיט די פאפיראסן פארקויפט מען, א שאד אליין אויפצועסן, מען פארגינט זיך נישט. בעסער קויפן זיך א פאר זאקן. אבער דאס פלייש און מאקאראנען עסט מען אליין. ביי די פליטים איז א יום־טוב, א גאנצן טאג רעדט מען נאר וועגן די „טען און וואן" ווי עס הייסט דאס קעסטל מיט די פראדוקטן און איינער פרעגט ביים צווייטן, וואס האט זיך געפונען אין זיין קעסטל, כאטש אלע קעסטלעך זענען די זעלבע, ווייל מען דאך זיין איבערצייגט, אז מען איז נישט באעוולט געווארן. מיין שכנטע, די פרוי גלאבאך, א פליטה פון ווין, זיצט א גאנצן טאג און שפילט זיך מיט די פושקעס, אזוי ווי א קליין קינד פרייט זי זיך.

25. דעצעמבער.

היינט האט אונדזער שרייבער־גרופע אפגעהאלטן א פארזאמלונג וועגן ארויסגעבן א וואכן־צייטונג אין שאנכיי. עס איז אנגענומען געווארן לאזארס פארשלאג, אז די צייטונג זאל זיין אן אומפארטייאישע, עס איז אויסגעוויילט געווארן א רעדאקציע־קאמיטעט פון לאזאר קאהאן, יעקב פישמאן און משה עלבוים. אלע חברים האבן זיך פארפליכטעט צו ארבעטן פארן ווייל פון דער צייטונג. די קאנצעסיע דארף ארויסנעמען לאזאר אויף זיין נאמען. איך בין זייער גליקלעך, וואס עס איז ענדלעך אנגענומען געווארן דער באשלוס, וועלכן איך האב פארגעלייגט די ערשטע טעג נאכן שלום. עס איז אבער זייער שווער צו רעאליזירן.

27. דעצעמבער.

געהאט אביסל פרייד. ווי גוט עס איז מיר געווען נאך אזוי פיל יארן צו לייענען דעם ערשטן בריוו פון מיין קינד, פון מיין טאכטער. לאזאר האט געוויינט און איך האב געקושט יעדעם ווארט. לילים האנט האט געשריבן. דער בריוו איז נישט געקומען דירעקט, פון איטאליע גייט נאך נישט קיין פאסט, דעם בריוו האט אונדז איבערגעשיקט דער שרייבער פישל בימקא פון אמעריקע. זי האט געשיקט צו אים דעם בריוו, וועלכן ער האט באלד איבערגעשיקט. אוי, פישל בימקא, ווייסטו וואס פאר א

טאט דו האָסט געטון, קען מען דען דיר דאַנקען, קען מען דיר דערקלערן, וויפל ברכות דו האָסט פון אונדז געקריגן.

איך בין אהיימגעקומען א מידע און א פארפרווירענע פון מיין האנדל. לאזאר איז מיר אקעגנגעלאָפן מיט א לאכנדיק פנים, איך האָב פארשטא־נען, אז ער וויל מיר זאָגן עפּעס גוטס. „דו דארפסט שטעלן בראָנפן״, זאָגט ער און זיין גאנצער קאָפּ לאכט פאר פרייד. איך האָב שוין גאָר־נישט געפרעגט און אויסגעשריען: א בריוו פון לילקען! פון וואנען ווייס־טו? פרעגט ער דערשטוינט. דיין פנים זאָגט עס! ער האָט מיר דערלאנגט דעם בריוו. מיט וואָס פארא ציטערדיקע הענט איך האָב געהאלטן דאָס אזוי טייערע פּאפּירל איז שווער אויסדריקן אין ווערטער. בראָנפן האָב איך געשטעלט. די שמחה איז ביי אלעמען געווען גרויס, אלע האָבן גע־קריגן נייעם מוט, נייע האָפענונגען צו הערן נאכריכטן פון די נאָענטע.

1. יאנואר, 1946.

7 יאָר פּליטימשאפט. 7 שווערע יאָר. נו, האָבן זיך דאָך שוין גע־דארפט אָנהייבן אונדזערע פעטע יאָר? אָבער ווער ווייסט... איך האָב נעכטן דערהאלטן א בריוו פון מישא פישזאָן און א בריוו פון יעקב קירשנבוים. זיי שרייבן, אז זיי וועלן אלץ טון, כדי מיר צוהעלפן ארויס־קריגן זיך פון שאנכיי. ליידער קענען זיי אליין גאָרנישט אויפטון, זיי וועלן פועלן ביי אנדערע. דער וואָס קען, וויל נישט און דער וואָס וויל, קען נישט... אזוי זעט אויס די לאגע. איך האָב היינט ווידער געשריבן בריוו צו מאָריס שווארץ, געבעטן אים ארויסשיקן א קאָנטראקט, דער־קלערט אים, אז מיר דארפן נאָר פאָרמעל דאָס פּאפּיר, אפשר וועט ער שיקן... דאָס איז דאָך איצט די איינציקע אויסזיכט. קיין אנדער אויס־וועג זעען מיר נישט. לאזאר האָט געשיקט בריוו צו בימקאָ און קיין קא־נאדע. ווו עס איז נאָר דאָ א פריינט, כאפּט מען זיך אָן, אָבער נישט אלע פריינט כאפּן זיך אָן אין אונדז, אפנים אז נישט אלע זענען פריינט אין א צרה...

3. יאנואר.

מען רעגיסטרירט זיך שוין ווידער. היינט האָט דער אמעריקאנער



לאזאר קאהאן ביי דער ארבעט

קאנסול אנגעהויבן צו רעגיסטרירן אויף א קוואָטע. נו, זענען אלע געלאפן. מיר האָבן דאָך נאָר איין אויפגאַבע: זיך רעגיסטרירן... האָט זיך געטון חושך. ממש געמוזט מיט פאליציי צעטרייבן דעם עולם. לאזאר איז אוועק באלד אינדערפרי און אזוי ווי ער איז געבוירן אין גאלדינגען, לעטלאנד, און די אמעריקאנישע קוואָטע גייט לויט דעם שטאט, וווּ מען איז געבוירן, האָט לאזאר געקריגן דעם נומער איינס פון דער לעטישער קוואָטע. איצט דאַרף מען אָנהייבן צו טעלעגראפירן, אז מען זאָל אונדז שיקן אן אפידייוויט. אונדזער גאַנצע האַרעוואַניע גייט אוועק אויף טעלעגראַמען און לופט־פאָסט און אונדזער גאַנצע צייט אויף רעגיסטרירן זיך און שטיין אין די רייען נאָך מעל, נאָך די ברויט־קאַרטן, נאָך די „אונראַ"־פעקלעך, אריינצוקומען אין טראַמוויי, א. אז. וו.

9. יאַנואַר.

היינט איז לאזארס געבורטסטאָג. אָבער ליידער האָבן מיר היינט דעם טאָג פאַרבראַכט אין זייער א טרויעריקער שטימונג. מיר האָבן דערהאַלטן א בריוו פון לאזארס ברודערן־טאָכטער לעלא סעגאַר, אז איר ברודערס ווייב בעלא, וועלכע איז געווען מיט אונדז צוזאַמען אין ווילנע און האָט געבוירן דאָס ערשטע פליטים־קינד, שמעון, איז אומגעקומען מיט איר קינד אין ווילנער געטאָ. בעלאס מאַן, עלעק קאַהאַן, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין טיף־רוסלאַנד אין קאַמפּ, איז איצט אין ארץ־ישראל. א שטראַל פון האָפענונג איז אדורך אונדזער געדאַנק, אפשר האָבן זיך אונדזערע קינדער אויך געראַטעוועט. זיי זענען דאָך געווען צוזאַמען אַרעסטירט מיט זייער קוזען עלעק קאַהאַן. אפשר??

שבת, 12. יאַנואַר.

ווידער א ביטערע בשורה. מיין שוועסטער חוה, די איינציקע שוועסטער מיינע איז אומגעקומען אין לאַנדאָן. מיין פעטער אהרן אומגעקומען. אזוי דערוויסן מיר זיך איין שלעכטע בשורה נאָך דער אַנדערער.

13. יאַנואַר.

א גאַנצן טאָג האָט לאזאר און עלבוים געהאָרעוועט צו פאַרענדיקן די צייטונג „אונדזער וועלט", וואָס אונדזער גרופּע הייבט אָן אַרויסצו־

געבן. די אַרבעט איז אַ שווערע, מען מוז אַלץ שרייבן אויף אַ מאַשין און דאַן פאָטאָגראַפירן און דאַן ליטאָגראַפירן. צו דרוקן אַ נאָרמאַלע צייטונג קען מען זיך אין קיין פאַל נישט אונטערנעמען, נישטאָ קיין יידישע דרו־קערייען און דאָס ביסל שריפט וואָס איז יאָ פאַראַן דאַרף קאָסטן אַזויפיל געלט, אַז אונדזער אָרימע גרופּע קען אַפילו נישט חלומען וועגן דרוקן נאָרמאַל. האָבן אייניקע חברים, מיט עלבוים, פישמאַן און לאַזאַרן אין דער שפּיץ פאַרקאַטשעט די אַרבל און מען האָרעוועט. ביי מיר אין די „אַפּאַרטאַמענטן" געפינט זיך די רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און דער גאַנצער „פאַרלאַג". איך העלף מיט וואָס איך קען, גרייט צו אַביסל קלעבעכץ פון „אונרא"־מעל, כדי מען זאָל קענען דאָס געשריבענע אויף דער מאַשין אָנקלעבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר. כ'גרייט צו עפּעס צו עסן, ד. ה. איך עפן אויף פון מיין אוצר „אונרא" טינס די קאָנסערוון, אַז על־בוים זאָל נישט דאַרפן אהיימלויפן עסן און נישט פּטרן צייט... מיט איין וואָרט, כ'העלף. עלבוים אַרבעט אַ סך.

פאַרנאַכט בין איך אַוועקגעלאָפן אויפטרעטן אין איסטערן טעאַטער מיט רעציטאַציעס אויפן אָוונט, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט דער יידי־שער „אַמעריקאַנער וועלפייר באָרד". די דייטשן האָבן ליב געקריגן יידיש, אָדער אפשר ווירקן אויף זיי די איצט אַקטועלע דעקלאַמאַציעס.

16. יאַנואַר.

זיך צוגעקילט אין טעאַטער. עס איז געווען שרעקלעך קאַלט. אָפּגע־לעגן אַ פּאָר טעג מיט היץ. היינט איז די היץ אַביסל געפאַלן, אָבער איך קען נישט גיין אויף אַ פוס, עס טוט מיר שרעקלעך וויי דער פוס. בין איך געלעגן און געשריבן בריוו צו פישזאָנען און קירשנבוימען, דאָס זענען דאָך די איינציקע, וועלכע שרייבן זיך מיט מיר איבער. יעדער בריוו וועקט נייע האָפענונגען...

20. יאַנואַר

כ'בין קראַנק. „איסיאַש" און דאַכט זיך לונגען־אָנצינדונג אויך... כ'האָב היץ און קען נישט אויפשטיין פון בעט. איך מוז גיין אין שפּי־טאָל אַריין, אָבער איך וויל נישט גיין אויף „וואַרד־ראַד" אין פּליטים־

שפּיטאָל, נאָר אין יידישן שפּיטאָל אין שטאָט. עס איז דאָ אַ סך פּאָר־מאַליטעטן דורכצופירן און מיר ווערט ערגער... איך קען שוין אפילו נישט האַלטן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שרייבן.

22. יאַנואַר.

נעכטן איז געקומען מאַדאַם טוקאַטשינסקאַ מיט איר זון יוסף קיין האַנקיו מיט זייער אויטאָ און מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. בין איך שוין ווידער אַ פּאַציענטין פון ד״ר שטיינמאַן.

25. יאַנואַר.

לאַזאַר איז געווען ביי מיר אַ יום־טובדיקער צוליב דעם דערשיינען פון דער צייטונג „אונדזער וועלט״. זייער שווער איז אָנגעקומען, ביז מען האָט דערלעבט צו זען דעם ערשטן נומער. אָבער זיין פרייד איז גרויס, ווידער אַ רעדאַקטאָר, ווידער קען ער זאָגן עפנטלעך זיין וואָרט... פאַרשטייט זיך, אַז די צייטונג זעט אויס זייער נעבעכדיק, אָבער אונדזער גאַנץ לעבן איז דאָך אַ נעבעכדיקס... אַלע חברים גייען אַרום פריילעכע. זיי האָבן אַ צייטונג, זאָל זיין געשריבן און ליטאָגראַפירט, אָבער מען האָט אַ יידיש וואָרט. מיר אָבער גייט עס נישט גוט, איך האָב מורא, אַז עס איז עפּעס ערנסטס... איך קען נישט באַוועגן מיט דעם לינקן פוס און איך הוסט שרעקלעך. ווייל איך הייסט עס אפשר שוין נישט אַרויס־קומען פון שאַנכיי... איצט, ווען די וועלט איז פּאָרט אַביסל רואיקער געוואָרן...

30 יאַנואַר.

אין מיין וויטיק און פאַרצווייפלונג האָב איך היינט אָנגעשריבן 6 בריוו צו ר. גוסקין, י. בימקאָ, דזשאָזש אייראַן, מ. מאזעס, מיין לילקען און צו אהרן צייטלין. אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ.

3. פעברואַר.

מיין עלעקס געבורטסטאָג. היינט פיל איך מיך בעסער. אפשר דער־פאַר ווייל מיר האָבן היינט דערהאַלטן צוגעשיקט אַן אפידייוויט, וואָס עס האָט אונדז געשיקט פ. בימקאָ אַ פריינט, מ. סוקעניק. ווייסט דען דער מר. סוקעניק, וואָס ער טוט פאַר אַ גרויסע זאַך?... נישט מורא גע־

האָט, אַז מיר וועלן אים פאַלן צו לאַסט, אַזוי ווי עס האָבן מורא מיינע חברים אַקטיאָרן... ער מעג זיין זיכער דער אומבאַקאַנטער רעטער, אַז מיר וועלן אים צו לאַסט נישט פאַלן. פישל בימקאָ, לאַניא, אַ האַרציקן דאַנק אייך.

עס איז כינעזישער ניי יאָר. פון דרויסן הערן זיך די פעטאַרדע־אויפרייסן, ווי עס איז דער מנהג ביי אַ כינעזישן יום־טוב. מיר דאָ, די קראַנקע, שרעקן זיך נאָך ביי יעדן שאָס, אָבער עס איז פריילעכער אויפן האַרצן. מען האָט מיר געמאַכט איינשפּריצונגען קעגן לונגען־אָנצינדונג און מיר איז אַ סך בעסער געוואָרן. אויך אויפן פוס איז מיר בעסער און עס טוט מיר שוין נישט אַזוי ווי, אָבער דער דאָקטאָר דערלויבט מיר נישט אויפצושטיין פון בעט. אַ שאָד, איך האָב איצט ביים כינעזישן יום־טוב געקענט פאַרקויפן אַ סך פּראָדוקטן.

4. פעברואַר.

היינט איז אַ פּליט, א. שפּירא, געפאָרן קיין לאָנדאָן. דאָס איז די סענסאַציע פון טאָג, ווייל וועגן פאָרן קיין ענגלאַנד וואָגט מען גאָרנישט צו חלומען. אין דעם געיעג נאָך וויזעס האָב איך זיך אויך דערמאָנט, אַז בעת מיין זיין אין לאָנדאָן צו גאַסטשפּילן, האָב איך זיך דאָרט אַמאָל באַקענט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון ד"ר יוסף קרוק, מיט דעם פאַר־לאַמענט־מיטגליד פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פעקין בראַקוויי. איך האָב צו אים געשריבן און דערמאָנט אים וועגן זיך און צוגעגעבן, אַז כאָטש ער האָט מיך וואַרשיינלעך שוין לאַנג פאַרגעסן, בעט איך אים מיר העלפן אַרויסראַטעווען זיך פון שאַנכיי. איך האָב היינט געקריגן אַ ווונדערבאַרן פיינעם בריוו אַלס ענטפער. ער שרייבט: ער געדענקט מיך גוט און געדענקט אַפילו דעם באַנקעט, וואָס מען האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט. ער וועט טון אַלץ מעגלעכעס כדי אונדז צו העלפן, אָבער אַזוי ווי ער איז נישט מער קיין פאַרלאַמענט־מיטגליד, וועט ער אָנווענדן זיין באַקאַנטשאַפט, אָבער ער בעט אונדז נישט לייגן אויף דעם קיין גאָר גרויסע האָפענונג, ווייל „ענגלאַנד איז פאַרשפּאַרט אויף טויזנט שלעסער".

12. פעברואר.

היינט בין איך אהיימגעקומען פון שפיטאל. איך בין אריינגעקומען אין שטוב, האב איך זיך איינפאך דערשראקן. א פולע שטוב אנגעלייגט מיט פאפירן, מיט „אונדזער וועלט", מיט קליי פון מעל. מיין שטוב-מעבל, וואס באשטייט פון בלויז קעסטלעך פון דזשעם, איז געווארן אנטפלעקט פאר דער „עפנטלעכקייט". אלע פארהענגלעך, וועלכע האבן פארדעקט די ארימקייט, עס זאל אויסזען אביסל לייטישער אין שטוב, זענען געווען אראפגעריסן. לאזאר ארבעט שרעקלעך שווער און דער איינציקער, וועלכער איז זיך איינפאך אויך מקריב צוזאמען מיט לאזארן פאר דער צייטונג, איז משה עלבוים. די איבעריקע זענען געשטימט לויט די ארטיקלען, וואס ווערן געדרוקט. איז זייער ארטיקל געווען געדרוקט, איז גוט, טאמער איז זייער ארטיקל געווארן בראקירט, טויג שוין נישט, וויל מען שוין גארנישט טון פאר דער צייטונג.

23. פעברואר.

מען איז פארנומען מיט דער צייטונג. שוין 4 נומערן זענען ארויס און דער 5טער דרוקט זיך שוין. לאזאר און עלבוים האבן זיך געוואלט אפזאגן פון רעדאקציע-קאמיטעט, ווייל מען האט אויף זיי ארויפגעווארפן די גאנצע ארבעט. לאזאר הארעוועט ביז שפעט אין דער נאכט אריין, כדי דער נומער זאל זיין צו דער צייט; עלבוים גייט נישט אהיים עסן און כאפט א בים מיט אונדז, כדי נישט צו פארלירן קיין צייט און צו-איילן דעם נומער. די אנדערע אבער, קומען זאגן מבינות.

איך בין היינט אויפגעטרעטן אין „שאפאנג-היים" (א לאגער פון דייטשע פליטים). יידיש איז געווארן א שלאגער.

27. פעברואר.

היינט איז געווען ביי אונדז צו מיטאג מר. האניק, וועלכער איז דא מיטן אמעריקאנער מיליטער, וועגן וועלכן איך האב שוין פארצייכנט, אז ער האט געדאוונט און געזונגען פארן אמעריקאנער מיליטער אלס חזן אין דער „סיימעראד" שול. א טייערער הארציקער מענטש. איך האב פאר אים צוגעגרייט א היימיש מיטאג, וואס ער האט נישט אין מיליטער.

ער האָט מורא געהאַט צו קומען, אַז ער זאָל מיך חלילה נישט בדלות שטעלן; איך בין דאָך אַ פליכטלינג, פאַרשפּאַרט געווען אין געטאָ.

28. פעברואַר.

היינט איז פאָרגעקומען אַ טרויער־טאָג, אַ הזכרה נאָך אונדזערע קדושים. אַלע זענען מיר אוועק אין שטאָט אריין. עס האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס, דער הימל האָט אויך געקלאָגט אויף אונדזער בראָך. אָבער אַלע זענען געפאָרן אין שטאָט אריין צו דער הזכרה, אַלטע און קראַנקע. אַלע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. דער טרויער האָט זיך אָנגעזען אויף אַלעמענס פּנימער, כאָטש מיר ווייסן נאָך נישט דעם גאַנצן ביטערן אמת. אָבער יעדער פון אונדז האָט פאַרוואָס טרויעריק צו זיין. די שול „דע־לאַ־טור" איז געווען געפּאַקט. ווען דער אמשינאַוווער צדיק האָט גערעדט און געוויינט, האָבן אַלע הויך מיטגעוויינט. דער פּאַטריאַרכאַלער מאַן האָט נישט געקענט רעדן, די טרערן האָבן אים געשטיקט און דער עולם האָט געכליפּעט. עס איז געווען אַ הייליקע שטימונג.

פרייטיק, 1. מערץ.

זייט עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה, האָב איך מיך ביי אַלע מיינע פריינט געבעטן: „האָט גאָט אין הארצן און שיקט מיר נישט קיין פּעקלעך פון אַמעריקע". איך פלעג זען, וואָס פאַר אַ שמאַטעס מען דער־האַלט פון קרובים; קליידער, וואָס מען טראָגט שוין נישט 10 יאָר, קליי־דער באַלאָווע, כאָטש גיי און אָרדן דאָ איין טאַנגאָ־אָוונטן. שיכעלעך מיט קלעצער אַזוי ווי שטאָלצן, וואָס עס איז אוממעגלעך צו טראָגן. גיי קויף דיר כאָטש אַן אויטאָ צוליב די שיכלעך, אָדער מ'שיקט גאָר אַ זעלנערישן מונדיר. און דאָס שיקן די קרובים, אַז זייערע אייגענע זאָלן אויסזען ווי קלאָאונס. באַהיט מיך גאָט פון אַ „פּעקל". אָבער גאָט האָט מיך נישט באַהיט. אַפּנים די דערנידערונג און ווייטיק האָב איך נאָך אויך געדאַרפט מיטמאַכן. היינט איז לאַזאַר גענאַנגען אָפּנעמען צוויי פּעקלעך, וואָס מען האָט אונדז געשיקט פון אַרבעטער־קאָמיטעט. אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין אַ ריי ביים פּאָסט, באַצאָלט אייניקע טויזנט בינעזישע דאָלאַר, גע־מוזט נעמען אַ ריקשע, כדי די פּעקלעך אַהיימצוברענגען און אַז מיר האָבן

געעפנט די פעקלעך, איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן און איך האָב מיך פאַר בושה צעוויינט... האַלט מען אונדז ווירקלעך פאַר אַזעלכע קלאָאונען?... אין לאַזאַרם פעקל איז געלעגן אַ לאַנגע פּאָר לאַקערקעס צו גיין אויף אַ באַל, אַ קינדער-העמדל (וואָס מיר האָבן עס אוועקגעגעבן אַ בייען-יעריק קינד), אַ קליין מענטעלע און אַ פּאָר שקאַרפּעטן, איינער אַן אויסבלאַקירטער זאָק (געלעגן געווים אין דער וויסטאַווע), דער צווייטער אַ ברוינער און צוויי שרייענדיקע קאָלירטע קראַוואַטן פון אַלערליי בלומען און אַ ספּאָרט-בלוזע פון אַ אַ באָקסער... דאָס האָט מען געשיקט פאַר דעם סאָלידן עלטערן זשורנאַליסט און פאַר מיר האָט מען געשיקט אַ פּאָר שיכעלעך נומער 2 מיט קלעצער ביזן הימל (איך טראָג 7), אַ קאָלירטע קורצע ספּאָדניצע מיט רויטע גרינע קראַטן פאַר אַ קינד, אַן אַלטער, אין אייל פאַרשמירטער מאַנטל, וואָס שטאַמט נאָך פון ווילנער פּליטים-קאָמיטעט פון פאַר זיבן יאָר צוריק... דאָס זענען די מלבושים, וואָס מען האָט מיר געשיקט פון אַמעריקע... נישט בחינם האָב איך עפּעס אַזוי געציטערט, אַז מען זאָל מיר נישט שיקן קיין פּעקלעך. 7 יאָר טראָג איך אַלטע שמאַטעס... מיינע אייגענע זאַכן זענען שוין לאַנג געוואָרן שמאַטעס. פון שאַנכייער פריינט באַקום איך אויך אַלטע שמאַטעס. 7 יאָר ווי איך גיי געוויקלט אין אַלטע שמאַטעס, האָט מען מיר צוגעשיקט נאָך אַביסל אַזש פון אַמעריקע. מיר זענען ביידע געשטאַנען, געקוקט אויף די שמאַטעס מיט טרערן אין די אויגן...

אַ געשעעניש אין אונדזער שרייבער וועלטל: די אַמעריקאַנער חברים האָבן צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז זיי זענען באַגייסטערט פון דער צייטונג „אונדזער וועלט". שיקן אַ באַגריסונג און אויך 330 דאָלער פאַר דער צייטונג. הוראַ! עס איז לעבעדיק... לאַזאַר איז אין אַ יום-טובדיקער שטימונג. עלבוים קוועלט און שרייט: אַהאַ! אַהאַ!... די גאַנצע שטאָט קאָכט שוין פון דער ידיעה.

2. מערץ.

היינט האָב איך דערהאַלטן די מתנה, וואָס דער אַרטיסטן פאַריין האָט מיר געשיקט — 100 דאָלאַר. דאָס געלט איז שוין לאַנג צוריק געוואָרן אַרויסגעשיקט, אָבער צוליב געוויסע סיבות ערשט היינט אויסגעצאָלט.

דאָס איז דאָ פאַר מיר אַ פאַרמעגן... אָבער מיט אַ קליין פּאַפּירן קאָנ־טראַקטל וואָלט איך מיך מער געפרייט.

3. מערץ.

דערהאַלטן אַ בריוו פון דעם אַמעריקאַנער זעלנער מאַקס האַלבער, וועלכער איז דאָ געווען אין שאַנכיי. ער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך פאַר־שטענדיקט מיט אונדזער קוזין דזשאָרדזש אייראַן און דזשאָרדזש האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג אונדז ארויסגעשיקט אַן אַפידייוויט צום אַמעריקאַנער קאָנסול... נאַ דיר אַ מעשה, ווען מיר וואָלטן דאָס גע־ווּסט, וואָלטן מיר זיך דאָך פאַרשפּאָרט אַ סך פאַרדרוס. אוי ווי מען קאַרגט אַ פּאָר ווערטער... באַלד מאָרגן אינדערפרי וועל איך לויפן צום אַמעריקאַנער קאָנסול פרעגן, צי זיי האָבן שוין עס דערהאַלטן.

פּורים, 17. מערץ.

אַזוי ווי אַלע יום־טובים און שבתים האָבן מיר דעם פּורים אויך געגעסן דאָס גוטע מאָלצייט ביי די טוקאַטשינסקיס. איך האָב זיך אָבער געאיילט, ווייל איך האָב געמוזט צוריקפאָרן אין געטאָ, כדי אָנטיילצו־נעמען אין פּורים יום־טוב, וואָס עס האָט איינגעאָרדנט דער „יידישער וועלפער באָרד" אין איסטערן טעאַטער. איך בין געווען די איינציקע, וואָס האָב מיט מיין דעקלאַמאַציע דערמאָנט, אַז די פייערונג איז פאָרגע־קומען צוליב פּורים... נאָכן דעקלאַמירן איז אריינגעקומען אין די קוליסן אַ יידישער טשעפּעלען, מאַיאָר מאַרקוס ברענער, ער איז געווען אַזוי גערירט פון דעם יידישן לשון אויף דער בינע, אַז ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מיר צו דאַנקען. ער איז געקומען צו פליען פון אינדזל אָקינאַוואַ אהער קיין שאַנכיי, כדי צו באַזאָרגן די יידישע זעלנער פון אָקינאַוואַ מיט כשר פליייש אויף פּסח. ער רעדט אַזאַ פליסיקן יידיש דער דאָזיקער מאַיאָר, אַז מיר האָט זיך גאָר נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע אַן אַמעריקאַנער מיליטערמאַן. נאָכן דעקלאַמירן בין איך געפאָרן ארויס־טרעטן אויף אַן אָוונט אין „אַטאָמיק"־זאַל איינגעאָרדנט פון די רעוויזיאָניסטן. ווידער געווען דער איינציקער פּורים נומער, דער איינציק יידי־שער נומער. דאָ קאָן מען שוין הערן אַלע לשונות, רוסיש, ענגליש, נאָר נישט יידיש.

24. מערץ.

היינט בין איך אויפגעטרעטן אויף אן אוונט, איינגעאָרדנט פון די „זבאנשיניאקעס", דאָס רופן מיר דאָ די פּליטים, וואָס שטאַמען פון פּוילן, וועלכע דער קאָנסול האָט נישט אָנערקענט פאַר פּוילישע בירגער, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט באַנייט זייערע פּעסער, בעת זיי זענען געווען אין אויסלאַנד. דעם נאָמען „זבאנשיניאקעס" האָט מען זיי געגעבן דערפאַר, ווייל די גרעסטע צאָל פון זיי זענען געוואָרן פון דער דייטשער מאַכט אַרויסגעטריבן צו דער פּוילישער גרעניץ, זבאנשין.

30. מערץ.

מ'לעבט מיט בריוו. איך שרייב און דערהאַלט שוין אויך בריוו דורך אַמעריקאַנער מיליטער, דורך מאַרק האניק, דורך האַרי הערבעלט. אָבער די בריוו וועלכע קענען מיך אַרויסראַטעווען — די דערהאַלט איך נישט.

2. אַפּריל.

דערהאַלטן אַ סך בריוו, אָבער דעם בריוו צווישן די בריוו, דער אויסגעחלומטער קאָנטראַקט. ראובן גוסקין שיקט מיר אַ קאָנטראַקט, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן דזשעני גאָלדשטיין און איר מאַן טשאַרלס גראָס. איך האָב געוויינט און געגלעט דאָס שטיקל פּאַפּיר. דזשעני גאָלדשטיין האָט מיך קיינמאָל נישט געזען, איך זי אויך נישט און דאָך האָט זי אַזוי פיל געטון פאַר אַ פרעמדן מענטש, נאָר ווייל מר. גוסקין האָט זי וועגן דעם געבעטן. לאַזאַר גייט אַרום אַ שטראַלנדיקער... ביי דער גרויסער היינטיקער היץ איז ער געלאָפן אין עמיגראַציע ביוראָ און דאַן צו מר. האָניק באַראַטן זיך מיט אים, ער איז דאָך עפּעס אַן אַדוואָקאַט. דאַן צו דעם פאָרשטייער פון „דזשאָינט", מר. יאָרדאַן, אָפּגערעדט צו גיין מיט אים צום אַמעריקאַנער קאָנסול. אַ גאַנצן טאָג זענען געקומען באַקאַנטע אָפּגעבן מזל־טוב, כאָטש עס איז נאָך ווייט צום ריכטיקן מזל־טוב, אָבער די טיר איז געעפנט... איך בין שוין נישט געפאָרן האַנדלען... איך דאַרף עס איצט אויף כפּרות... אַ פּאָר גילדן פון אַרטיסטן פאַראיין איז דאָ. „אונרא" פּעקלעך זענען דאָ. אַ גרויסן קופער האָבן מיר שוין געקויפט... איז וואָס דאַרף מען מער. מיר זענען גליקלעך!

4. אַפּריל.

שוין געשטעלט זיך „פּאַלשע" היצן. אַביסל צו פרי. היים, זייער היים... היינט האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון זלמן זילבערצווייג, ער איז פול מיט אָפּטימיזם וועגן אונדזער קומען. דער בריוו איז אַ האַרציקער און איך האָב געמיינט, אַז ער האָט אין אונדז פאַרגעסן... ער האָט אַ סך בייגעשטייערט, צוצואיילן דעם קאָנטראַקט. איצט וואַרט מען נאָר, וואָס עס וועט זאָגן דער אַמעריקאַנער קאָנסול. אין אים ווענדט זיך עס אינגאַנצן...

6. אַפּריל.

היינט זענען מיר געווען ביים וויצע-קאָנסול מר. ראָזען, ווו מען האָט געדאַרפט שווערן און באַשטעטיקן דעם קאָנטראַקט. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פעלער, וואָס מען האָט געמאַכט אין אַמעריקע, וואָס דער קאָנטראַקט איז נישט אונטערגעשריבן פון אַ נאָטאַר, ווען לאַזאַר האָט אונטערגעשריבן זיין נאָמען לייזער איציק, איז דעם קאָנסולס פּנים געוואָרן פול מיט פרייד און ער האָט אָנגעהויבן רעדן אויף אַ צעבראָכענעם יידיש: „איך, איך איציק טו. איציק נאָמען מיין אויך איציק". ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט זיין נאָמענס חבר, אַז ער האָט שוין געלייגט דעם זיגל אויפן קאָנטראַקט, כאָטש ער איז נישט געווען באַשטעטיקט פון קיין נאָטאַר. מיר האָבן גלייך די צווייטע באַשטעטיקטע קאָפּיע צוריקגעשיקט קיין אַמעריקע צו ראובן גוסקין. און איצט וואַרט מען מיט האָפענונג...

13. אַפּריל.

היינט איז מר. יאָרדאַן געווען ביים קאָנסול וועגן אונדזערע וויזעס, דער קאָנסול האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין גילטיקע פּעסער. עס איז דאָך נישטאָ דאָ קיין פּוילישער קאָנסול, וואָס זאָל אונדז די פּעסער פאַרלענגערן. וועלן מיר מוזן זוכן עפּעס אַ מיטל. ווי אַזוי צו האָבן גילטיקע פּעסער. מר. יאָרדאַן האָט אונדז געגעבן אַ בריוו צו דעם „אונראַ" דירעקטאָר מר. מייער.

15. אפריל.

די ערשטע סדר נאכט, דעם יום-טוב פון פרייהייט, געפראוועט פריי, ביי די טוקאטשינסקיס. עס זענען געווען זייער א סך אמעריקאנער מיליטערלייט צום סדר. מיר זענען געבליבן נעכטיקן און פארבראכט זייער פיין.

17. אפריל.

געווען היינט ביים קאפיטאן מייער, ער האט מיר צוגעזאגט צו פרווון פארשאפן פאר אונדז ארגענטינער וויזעס, כדי דער אמעריקאנער קאנסול זאל אונדז געבן אויך די אמעריקאנער וויזע. ער האט מיך זייער פיין אויפגענומען. מען מוז צוווארטן, א פאר טעג זען וואס עס וועט דערפון ווערן.

20. אפריל.

כמעט גאנץ יום־טוב געווען ביי די טוקאטשינסקיס, דער ערשטער באפרייאונגס יום-טוב, נו, האבן מיר אים געפייערט די גאנצע וואך מיט פאראד. איך און לאזאר לעבן אין א פיבערהאפטער דערווארטונג, וואס עס וועט זאגן קאפיטאן מייער וועגן אונדז פארשאפן די וויזעס.

24. אפריל.

היינט בין איך מיט קאפיטאן מייער געגאנגען צום ארגענטינער קאנסול, אז ער זאל אונדז געבן די ארגענטינער וויזעס, וועלן מיר אזוי ארום קענען אויך באקומען די אמעריקאנער וויזע. דער אמעריקאנער קאנסול וויל זיך פארזיכערן, אז מיר וועלן האבן ווו ארויסצופארן, ווען די אמעריקאנער וויזע וועט זיך ענדיקן...

דער ארגענטינער קאנסול האט צוגעזאגט צו געבן די וויזע און גע־היסן איינגעבן אן אפליקאציע.

30. אפריל.

מיר האבן ווידער באקומען זייער פיינע פראוויאנט פאקעטן פון אויסטראליע. זייער פיינעם קעז, קאקאא, האניק. ווידער וועט מען עסן פיינע זאכן. אבער מיין קאפ איז ביי די קאנסולס. מיר ווארטן מיט אומגעדולד.

2. מאי.

איך בין היינט געווען מיט קאפיטאן מייערס סעקרעטאר מר. לייב ביים ארגענטינער קאנסול. באלד גייענדיק האב איך געזען, אז ער גייט עפעס מיט איינציקע פערזאנען באזונדער, עפעס רעדט מען באזונדער, ס'איז מיר נישט געפעלן דער ענין. ווען מיר זענען אנגעקומען צום קאנסול, האט ער מיך געלאזט זיצן אין ווארטע־זאל און ער איז אריין צום קאנסול. מיר איז דאס אויך עפעס נישט געפעלן... ער איז ארויס־געקומען צוריק און געזאגט, אז איך דארף קומען דעם 6טן מאי.

7. מאי.

היינט אינדערפרי האב איך זיך געפילט זייער גוט, איך האב זיך אויפגעהויבן און בין מיט א „פעדיקעפ" אוועקגעפארן אין „אונרא", אז מר. לייב זאל מיט מיר גיין צום קאנסול, איך בין אבער צוריקגעקומען מיט גארנישט... היינט נעמט דער ארגענטינער קאנסול נישט אויף. איך פיל זיך איצט ווידער נישט ווי אמבעסטן און איך גיי צוריק אין בעט אריין.

8. מאי.

אינדערפרי בין איך ווידער געווען זייער שווער קראנק, געהאט אויך זייער א שווערע נאכט מיט 40 גראד היץ, אבער איצט פיל איך מיך בעסער. געווען ווידער דער דאקטאר. לאזאר פילט זיך אויך שלעכט, ער איז אינדערפרי אנשטאט מיר צוגעפארן צו „אונרא" און איז צוריקגע־קומען מיט גארנישט, דערפאר מיט א סך היץ און איצטער ליגט ער אין איין בעט און איך אין צווייטן. אבער איך מוז אוועקלייגן דאס שרייבן, עס שווינדלט אין קאפ.

X

אין פליטים-שפיטאָל

12. יולי.

א שוואַרץ בלעטל. א טרויעריקס. נישטאָ מער לאַזאַר. נישטאָ מער מיין מאַן. איך בין צומאָל אויף זיין לוויה נישט געווען, איך בין צומאָל ביי זיין קראַנקן בעט נישט געווען. ער איז געשטאָרבן איינזאַם, פאַר־לאָזן... עלנט ווי א שטיין... נישט קיין קינד, נישט דאָס ווייב, האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, נישט געהערט זיין לעצטן פאַרלאַנג. געשטאָרבן אָן א וואַרעם טרייסט-וואָרט, אָרימער לאַזאַר...

זיי האָבן מיך גענאַרט די גאַנצע צייט, געשווויגן, אז לאַזאַרן גייט עס בעסער, אויף אַלע מיינע פראַגן געענטפערט, אז נאָך א פּאָר טעג און ער וועט אַריינקומען צו מיר, דערביי מיך באַלד געבעטן נישט רעדן, ווייל עס איז פאַר מיר געפערלעך... איך בין קראַנק. איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז איך בין קראַנק אויף טיפוס און אויך לאַזאַר איז קראַנק אויף טיפוס... זיי האָבן געמיינט, אַז איך גלויב זייערע ליגנס, אָבער מיין האַרץ האָט געפילט. ווי נאָר איך בין געקומען צום באַוווּסטזיין, האָב איך באַלד געפילט אַז מיין לאַזאַר איז מער נישטאָ...

איך בין ליידער באַלד צוריק אַריינגעפאַלן אין א באַוווּסטלאָזן צו־שטאַנד און ווידער פאַרגעסן... די דאָקטוירים זאָגן, אַז איך בין שוין אַרויס פון געפאַר, שוין די 8טע וואָך און איך קאָן זיך נאָך נישט רירן, קאָן נאָך נישט זיצן.

איך בין געווען זייער שווער קראַנק. א טיפוס און דאַן א קאָמ־פּליקאַציע, א ריפּן־פעל אַנטצינדונג.

איך האָב גאָרנישט געפילט, נאָר טיילמאָל פלעגט זיך מיר אויס־

דאכטן, אַז איך פֿלי אַזוי הויך, הויך... און דאַן פֿאַל איך אַראָפּ, כ׳פֿאַל און פֿאַל און עס האָט מיך אַזוי שטאַרק געאיבלט נישט צום אויסהאַלטן, נאָר צום חלשן... האָט מען מיר געמאַכט אַן איינשפּריצונג און מיר פֿלעגט לייכטער ווערן... איך געדענק, אַז איך האָב דערזען אַ שוועסטער גייט פֿאַרביי מיט אַ שפּריץ, האָב איך אויפֿגעשריִען, ווען אָבער זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען און צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערע האָט מיך פֿאַרדראָסן...

איינמאָל האָב איך געעפֿנט די אויגן און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע ליכט אָנגעצונדן און נעבן מיר איז געשטאַנען עמיץ אָנגע־טון אין שוואַרצן און האָט געוויינט, איך האָב דאָס פּנים דייטלעך נישט געזען, נאָר אַזוי ווי דורך אַ נעפּל האָב איך דערקענט פֿרוי טוקאַטשינס־קיס סילוועטקע. איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין געשטאָרבן, אַז דאָס האָט מען אָנגעצונדן ליכט נאָך מיין נשמה, איך האָב אָבער אָנגעהויבן רעדן אין פּויליש און בעטן זיך, אַז מ׳זאָל מיך נישט באַגראָבן, ווייל איך פֿיל דאָך אַלץ, איך בין נישט געשטאָרבן... אָט דעמאָלט האָט דער אָרי־מער לאַזאַר זיך געראַנגלט מיטן טויט. עס איז געווען פֿרייטיק פֿאַר־נאַכט. אין שפּיטאָל צינדט מען אָן ליכט, לכבוד שבת. עס קומען פֿרויען, פֿון „פֿרויען פֿאַרבאַנד" און ברענגען אַביסל פּרוכטן פֿאַר די קראַנקע און מען צינדט ליכט... דעם פֿרייטיק פֿאַרנאַכט האָט זיך לאַזאַר גע־ראַנגלט מיט די לעצטע כחות, דאָס איז געווען דעם 24סטן מאַי פֿאַרנאַכט און דעם 26סטן בייטאָג האָט ער אויסגעהויכט זיין איידעלע, גוטע נשמה.

אַלע קראַנקע, אַלע דאָקטוירים און אַלע שוועסטער, האָבן זיך באַ־מיט דאָס צו באַהאַלטן פֿון מיר.

ווען איך בין געקומען צום באַוווּסטזיין און אָנגעהויבן פֿאָדערן דעם אמת, האָט מען מיך נאָך אַלץ אויף אַ קונציקן אופֿן גענאַרט. יעדן אינדערפֿרי פֿלעגט מען מיר אַריינברענגען אַ בלימל, אַ פּאָמעראַנץ, וואָס עס שיקט מיר אַריין מיין מאַן.

לאַזאַר איז קראַנק געוואָרן מיטוואָך דעם 7טן מאַי. דער דאָקטאָר האָט באַלד געזאָגט, אַז מען מוז אונדז ביידן אַוועקפֿירן אין שפּיטאָל אַריין, ווען איך האָב דערהערט, אַז מען מוז גיין אין שפּיטאָל אַריין, האָב איך געזאָגט לאַזאַרן, אַז מיר מוזן זיך באַמיען, אַז מען זאָל אונדז

No. 16.

(…) OUR WORLD

אונזער וועלט

ארויסגעגעבן דורך דער פאראייניקונג פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן, פליטים פון פוילן, אין שאנכאי

SHANGHAI, FRIDAY, MAY 31. 1946 — שאנכאי, פרייטיק, ד. 31טן מאי (א׳ סיון, תש״ו)

אונזער לאזאר קאהאן

[illegible]



[illegible]

זיין לעצטער וועג

[illegible]

די לוויה

[illegible]

די יידישע שרייבער-משפחה באוויינט דעם טויט פון איינעם פון אירע ליבסטע און טייערסטע, דעם פארדינסטפולן פובליציסט און רעדאקטאר לאזאר קאהאן. כבוד דעם אנדענק פון דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאר יידישע רעכט, פאר דער יידישער קולטור און נאציאנאלער ווידעראויפלעבונג, דעם געטרייען דינער פון יידישן פאלק!

אריינגעמען אין יידישן שטאָטישן שפּיטאָל, דאָרט איז דאָך דער הויפּט דאָקטאָר שטיינמאַן, אונדזערס אַ זייער גוטער פריינד, איך האָב נישט געוואָלט גיין אין פּליטים שפּיטאָל, עפּעס אַ מאָדנע פאָרגעפיל האָב איך געהאַט. לאַזאַר אָבער האָט געענטפערט, אַז ער וויל קיינעם נישט באַ־לעסטיקן, ער האָט נישט וועמען צו באַמיען, וועמען עס זאָל זיך דאַרפן זאָרגן פאַר דעם, עס איז זייער שווער אריינצוקומען פאַר פּליטים אין יידישן שפּיטאָל, דערצו וויל ער זיין נאָענט נעבן די חברים, ער זאָל קאָנען ווייטער אכטונג געבן אויף דער צייטונג... איך בין געווען צו שוואַך צו שטרייטן מיט אים, אָבער אויך אין פּליטים-שפּיטאָל האָט מען אונדז נישט גענומען... מיר זענען געלעגן אָן אַ טראָפּן וואַסער, אליין אין שטוב, מענטשן האָבן שוין מורא געהאַט אריינצוקומען, מען האָט פאַרדעכטיקט אַ טיפוס, כאָטש מיין בלוט אַנאַליז האָט גאָרנישט ארויס־געוויזן. די שכנטע אונדזערע, פרוי גלאַבאַך, האָט רחמנות געקריגן אויף אונדז, וואָס מיר ליגן נישט-געגעסן און זי האָט געקויפט אַ הינדל און אָפּגעקאָכט פאַר אונדז אַ יויך, מיר אָבער זענען שוין אַפּנים דעמאָלט געווען גוט קראַנק. ביידע האָבן מיר זיך נישט געקאָנט צורירן צום עסן. באַמיען די פרוי גלאַבאַך, אַז זי זאָל זיין נעבן אונדז, האָבן מיר נישט געקאָנט, זענען מיר געלעגן ביידע איינזאַם, פאַרלאָזן, פאַרנאַכט איז ארויפגעקומען ה׳ ראַזען, איז ער אַוועק און געבראַכט אַ ספּעציאַליסט אַ דאָקטאָר. וועלכן טאָג דאָס איז געווען געננוי, ווייס איך נישט, נאָר ווען דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן עפּעס אַזוי באַטראַכטן גוט די הענט, האָב איך געפרעגט: דאָקטאָר, איך האָב אַ פלעק-טיפוס? „מ׳ווייסט נאָך נישט" — האָט ער געענטפערט. שפּעטער איז מען געקומען זאָגן לאַזאַרן, אַז פאַר אים איז שוין דאָ אַ פּלאַץ אין שפּיטאָל, פאַר מיר נאָך נישט.

לאַזאַר האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּראַזירט, איך האָב נאָך אויף אים געשריגן, צו וואָס ער טוט עס... דו ביסט דאָך צו שוואַך, האָב איך גע־שריגן, האָט ער געענטפערט: „ווי קאָן איך גיין צווישן מענטשן מיט אַזאַ באָרד?..." ער איז צוגעגאַנגען צו מיין בעט, זיך געזעגנט מיט מיר און איז ארויס פון שטוב... איך האָב נאָך געהערט ווי די פרוי גלאַבאַך האָט

אים אראפגעפירט פון די טרעפן... מער האב איך שוין מיין מאן נישט געזען. איך זע פאר מיר דאס בלאסע, אויסגעצערטע פנים, די אויגן, וואס האבן אן ווערטער געזאגט: „איצט בלייבסטו אליין"... מיר איז עפעס אזוי מאדנע שווער געווארן אויפן הארצן, ווען ער איז ארויס... איך האב זיך צעוויינט און באלד אריינגעפאלן אין א באוווסטלאזן צושטאנד... מער האב איך שוין גארנישט געזען, מער האב איך שוין גארנישט געפילט. איך האב נישט געפילט ווי עס איז אין א טאג אדער צוויי געקר מען נאך מיר דאס האנט-וועגעלע און מען האט מיך איינגעוויקלט אין א קאלדרע און אוועקגעפירט אין שפיטאל אריין. איך האב נאר אויפגעוואכט אויף א מינוט, ווען עמיץ האט מיך געטראגן און איך האב זיך דערשראקן און דער עמיץ האט געזאגט: „שרעקט אייך נישט, האלט זיך פעסט אן מיין האלדז אזוי ווי איר וואלט ארומגענומען א געליבטן". איך געדענק געגנוי, ווי איך האב געוואלט זען דעם, וואס רעדט צו מיר, אבער פאר די אויגן האט זיך געדרייט א ראד...

דערנאך האב איך ווידער געעפנט די אויגן און געזען אויפן בעט אזוי פיל רויטע נעלקן-בלומען און ביים בעט איז געשטאנען דוסיא טו-קאטשינסקי און געזאגט: „שושנה, מיר זענען געקומען אייך נעמען אין שטאטישן שפיטאל, דעמאלט האב איך זיך ערשט ארומגעקוקט און דערזען, אז איך בין שוין אין א שפיטאל. איך האב זיך צעוויינט און געזאגט: „איז לאזאר אויך דארט?" „ניין", האט זי געענטפערט, „לאזאר איז דא". „דאן וויל איך אויך דא בלייבן". זי האט מיר דערלאנגט א גאר גרויסן פאק מיט בריוו, וואס עס איז אנגעקומען פון מיין טאכטער. און ווי-דער האב איך גארנישט געהערט און גארנישט געזעז... איך האב געמיינט. אז דאס איז א חלום, ערשט שפעטער בין איך געווארגעווארן, אז דאס איז געווען ווירקלעכקייט... לאנג האב איך זיך אפנים געראנגלט מיטן טויט...

איך בין געווען זייער שווער קראנק. דעם 14טן יוני זענען אריינגע-קומען א סך פריינד, עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז איך האב אין מיין גרעסטער קראנקהייט געבעטן, מ'זאל אוועקשיקן א באגריסונגס-טעלעגרא-מע צו מיין טאכטערס געבורטסטאג, קיין רוים. אין דער גרעסטער היץ

האָב איך געדענקט וועגן מיין קינדס געבורטסטאָג, אַזוי איז מען וועגן דעם געוואָר געוואָרן. גו זענען אַלע פריינד געקומען ווינטשן, מען האָט מיר אַריינגעבראַכט בלומען, וואָס לאַזאר האָט כלומרשט געשיקט צו אונדזער לילקעס געבורטסטאָג. מען האָט מיך אַזוי גענאַרט. פרוי עלבוים האָט געבראַכט אַ גרויסן בוקעט ווייסע ליליען... איך האָב עפּעס געזען אַ טרויער אין די פּנימער, כאָטש יעדער האָט זיך באַמיט צו זיין אין מיין קעגנוואַרט פריילעך... ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין די שטאַרקייט און אויפּאָפּערונג פון מארישאַ סווישלאַצקאַ. זי איז געקומען צו מיר יעדן טאָג. געזעסן ביי מיר און יעדן טאָג געזאָגט אַן אַנדער אויסרייד וועגן לאַזארן. היינט פילט ער זיך אַ סך בעסער, ער שיקט מיר גריסן, דעם אַנדערן טאָג האָט זי געזאָגט, אַז איצט זענען אינעווייניק ביי אים די דאָקטוירים, קאָן זי נישט גיין צו אים. יעדעס מאָל אַן אַנדער אויסרייד... איך האָב געפילט אַן אומרואיקייט, מיין האַרץ האָט עפּעס געפילט... איינמאָל האָב איך געבעטן דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל מיך אַריינפירן צו מיין מאַן מיטן בעט, געוויינט פאַר אים, האָט ער מיך איינגענומען ווי מען נעמט איין אַ קליין קינד: „ווילט איר, אַז אייער מאַן זאָל ווערן ערגער? איר זענט געווען זייער קראַנק, זייער שווער קראַנק, איר זעט אויס שלעכט, עס וועט אויף אים ווירקן זייער שלעכט און ער קאָן נאָך מער קראַנק ווערן... דאָס האָט מיך באַרואיקט אויף אַ פּאָר שעה און באַלד האָט מיך ווידער גענומען פּייניקן אַ פאַרלאַנג צו וויסן דעם אמת... ביי מיין בעט איז תמיד דאָ אַ „שוועסטער", מען האָט פאַר מיר גענומען אַ פּריוואַטע שוועסטער. איך האָב זי אָנגעהויבן כסדר שיקן צו מיין מאַן און זי אויסגעפרעגט, אין וועלכן צימער עס ליגט מיין מאַן? צי עס איז ווייט פון מיין צימער? א. אַז. וו. איך האָב געוואָלט ביינאַכט פּרווון אַרויסגיין פון בעט און אַריינגיין צו מיין מאַן... איך האָב אָבער אַליין נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין פוס. אינדערפרי, ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָב איך מיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט, אַז איך מיין. איך בין אַ קאַליקע, שוין באַלד 8 וואָכן און איך ריר נישט מיט קיין פוס. איך קען נאָך נישט זיצן. „פונוואַנען ווייסט איר, אַז איר קענט נישט גיין? איר האָט דאָך נישט פּרובירט... איר טאָרט נישט פּרובירן, — האָט

דער דאָקטאָר געזאָגט, און ער האָט עפּעס פאַרשטאַנען... פּלוצלינג אַליין גענומען רעדן וועגן מיין מאַן. דאָס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז איך האָב נישט דערמאָנט מיין מאַנס נאָמען, זענען זיי געווען צופרידן. און דאָס מאָל האָט דער דאָקטאָר אַליין גענומען רעדן: „אייער מאַן האָט באַקומען אַ פאַרהאַרטונג פון די אָפטע איינשפּריצונגען און מען האָט אים געמוזט איבערפירן אין דער כירורגישער אָפּטיילונג, אַדורכצופירן אַ קליינע אָפּעראַציע". איך האָב זיך צעוויינט, אָרימער לאַזאַר, נאָך דאָס פעלט אים צו זיין שוואַכקייט. איך האָב אָנגעהויבן פרעגן, פון וואַנען נעמט מען אַזוי פיל געלט אויף אַ פּריוואַט שוועסטער?... אויף אַמעריקאַנער מעדיקאַמענטן?... מאַרישאַ האָט געענטפערט: אַמעריקע שיקט... מען האָט אויפגעהערט צו מיר צו קומען. מיט יעדן טאָג וואָס מיר איז בעסער געוואָרן, האָבן מיך באַזוכט וויניקער פריינד, איינפאַך געלאָזט מיך ליגן איינע אַליין, בלויז מאַרישע איז געקומען יעדן טאָג, רעגולער און יעדן טאָג געזאָגט אַן אַנדער מעשה וועגן לאַזאַרס געזונט. וועגן אַרויסגנבענען זיך ביינאַכט צו באַזוכן לאַזאַרן איז שוין קיין רייד נישט געווען... ערשטנס ליגט ער נישט אין דער זעלבער געביידע, צווייטנס היט מען מיך צו שטאַרק און די הויפּט־זאַך, איך קען נישט אַראָפּשטעלן אַ פוס. ווען איך האָב דערזען, אַז עמיץ האַלט אַ צייטונג מיט אַ נעקראָלאָג, האָב איך פון דער ווייטנס באַמיט זיך זען דעם נאָמען. קיין צייטונגען האָט מען מיר נישט דערלויבט צו לייענען. איך האָב געפילט מיין אומגליק... געפילט.... איך האָב אַמאָל געפרעגט מאַרישאַן, פאַרוואָס קומען נישט מיינע פריינט צו מיר? האָט זי אויך געענטפערט, אַז מען לאָזט נישט אַריין צו מיר קיין סך מענטשן, איך בין געווען זייער שווער קראַנק, איז ווען זי קומט, קען שוין קיין אַנדערער נישט קומען... איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז אַ שלעכטער אויסרייד... מען קומט נישט, ווייל מען האָט מורא, אַז מען וועט זיך נישט קענען באַהערשן און מען וועט זיך צעוויינען...

איך ווייס נישט, וועלכן דאַטום עס איז געווען, אָבער קורץ פאַר מיין געבורטס- און חתונה-יאָרטאָג איז דאָס געווען, איך האָב געפּלאַנעוועט ווי [illegible] דעם מאַן [illegible] אַריינצוגיין צו לאַזאַרן... עס איז געקומען מאַרישאַ,

געזעסן נעבן מיין בעט, נערעדט פון אלעם, אבער נישט דערמאנט לא-זארס נאמען, איך האב אויך גארנישט געפרעגט, איך האב זי דעם טאג אויספרובירט... די ארימע מארישא איז געווען גליקלעך, וואס איך פרעג זי גארנישט וועגן לאזארן און איז גיך אוועק... איך האב זיך אויך דער־מאנט, אז בעת איינער, וואס איז געקומען באזוכן א קראנקע, איז צו־געגאנגען צו מיין בעט, געפרעגט מיך ווי איך פיל זיך, האב איך געענט־פערט, אז מיר גייט עס שוין גוט, נאר לאזארן נישט, האט מיין „שוועס־טער" עפעס מאדנע איבערגעווינקען צו יענעם... אט די אלע זאכן האב איך גוט אבסערווירט.

ווען מארישא איז ארויסגעגאנגען, האב איך אנגעהויבן שטארק צו וויינען, עס זענען געקומען צו לויפן די דאקטוירים, דער הויפט־דאקטאר מאנהיים האט זיך אוועקגעזעצט נעבן מיר, געבעטן מיך בארואיקן... „דאקטאר, מיין מאן לעבט נישט מער. איך בעט אייך, זאגט מיר דעם אמת... מיין מאן לעבט נישט". ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף מיין בעט און געשווירן, אז מיין מאן לעבט... ער איז זייער שווער קראנק, זייער שווער, אבער ער לעבט און איר טארט אזוי נישט רעדן. אנגע־שריגן אויף מיר און מיך אביסל בארואיקט. אפנים, אז דעם טאג האב איך ווידער געקריגן א סך היץ און די דאקטוירים האבן ווידער מורא גע־קריגן פאר מיין געזונט... איך האב זיך דעמאלט אנגעהויבן בעטן, אז איך וויל דורכאויס זען מיין מאן... האט גאט אליין די דאקטוירים געגעבן א גוטן תירוץ... עס זענען געווען א פאר כאלערא-פאלן אין שפיטאל און מען האט איבערהויפט פארבאטן יעדע פארבינדונג פון איין צימער מיטן צווייטן. עס הייסט „שפערע", מען האט נישט געטארט ארייַן, אדער ארויסגיין פון שפיטאל, דעם טאג האב איך געבעטן איין דאקטאר, ער זאל אריבערגיין צו מיין מאן זען, וואס ער מאכט. א דאקטאר מעג דאך גיין... ער איז געקומען, געזאגט, אז עס גייט אים פיל בעסער, ווען דער דאקטאר איז ארויס און עס איז אריינגעקומען א צווייטער, האב איך אים געפרעגט, צי ער גייט נישט פון דער כירורגישער אפטיילונג? יא האט ער געזאגט. ווי גייט עס מיין מאן, פרעג איך... נישט גוט, זייער שלעכט... איך האב ווידער אויסגעבראכן אין א געוויין. ווען עס איז מיט א פאר

מינוט שפּעטער אַריינגעקומען פרוי ד"ר לאַנדוי, וועלכע האָט מיך באַהאַנדלט אַזוי ווי אַ נאָענטע שוועסטער, האָב איך צו איר געזאָגט: „ד"ר לאַנדוי, איך רעד צו אייך ווי אַ פרוי צו אַ פרוי... איך ווייס, אַז די גאַנצע צייט נאַרט מען מיך... מיין מאַן לעבט נישט... איך ווייס, אַז אַ ליגנט פון אַ דאָקטאָר, כדי צו ראַטעווען זיין פּאַציענט, איז דערלויבט, אָבער איך מוז דאָך שוין וויסן דעם אמת... איך פרעג אייך נישט צי עס איז אמת... איך ווייס שוין מיין אומגליק. איך וויל נאָר וויסן ווען? ווען? מער גאָרנישט, זאָגט מיר, ווען איז מיין מאַן געשטאָרבן?"

זי האָט נישט געענטפערט, אַ מוטערלעכן גלעט די האָר און איז אוועק צו אַ צווייטן פּאַציענט.

יאָ, זי האָט מיר נישט געדאַרפט ענטפערן... כ'האָב אַלץ געוווּסט... דעם טאָג פון „שפּערע" בין איך געווען מיט מיין אומגליק אַליין... כ'האָב געוווּסט, אַז איך בין געבליבן איצט איינע אַליין... אַז לאַזאַר לעבט נישט מער...

אַזוי איז אוועק מיין לעבנס פריינט, מיט וועלכן איך האָב פאַרבראַכט מיין גאַנץ, גאַנץ לעבן... ער איז געווען מיין לערער, מיין חבר און מיין פריינד...

אין די שווערע מלחמה־יאָרן איז אונדז אויסגעקומען אַ סך מיטצומאַכן צוזאַמען... ער האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב... נישט געהאַט טענות, ווען מען האָט זיך געלייגט שלאָפן נישט געגעסן, אין קעלט, פאַרפרוירן און פאַרחושכט... נישט באַקלאָגט זיך אויף זיין שווערער לאַגע, ווען ער האָט געמוזט גיין אויף די 12טע שטאָקן, כדי צו פאַרקויפן אַ פּאָר פונט קאַשע... נישט באַקלאָגט זיך, ווען אַ „מאַדאַם" האָט געבייזערט זיך, וואָס ער קומט פּונקט, ווען זי עסט מיטאָג... ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָנקומען צו יענעם מיט קיין טובה, פיינט געהאַט זיך צו בעטן און אויסנעגאַנגען איינזאַם, אויך דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט בעטן, מעז זאָל אים מאַכן פּריווילעגיעס און אַריינגעמען אין יידישן שפּיטאָל, ווו עס איז געווען אַ סך מער הילף ווי אין פּליטים שפּיטאָל. נישטאָ מער לאַזאַר... נישטאָ.

מען האָט שוין אָנגעהויבן אין שפּיטאָל מיר דערציילן ווי אַזוי לאַ־

יאר איז אוועק פון דער וועלט. ווען עס איז געוואָרן אוים „שפּערע",
האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו מיר באַווייזן מענטשן, מען האָט שוין גע־
ווסט, אַז איך וויים פון מיין אומגליק... מען האָט מיר דערציילט, ווי
ער האָט אַ פּאָר טעג פריער געזאָגט: „חברים, איך דאַרף אַ רפואה שלמה".
ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים ברענגען די קאָרעקטורן פון דער
ציימונג, ער וויל אַדורכקוקן. געפּרעגט כסדר, פאַרוואָס איך קום נישט...
וואָס איך מאַך... איך בין נישט געשטאַנען ביי זיין בעט, ווען ער האָט
אויסגעהויכט זיין כשרע נשמה... איך האָב נישט געלאָזט קיין טרער אויף
זיין פרישן קבר... אַזוי איז אוועק פון מיר מיין טייערער, ליבער פריינט.

איין טאָג פאַר די שלושים האָב איך זיך דערוווסט מיין אומגליק. אין
דעם טאָג פון די שלושים האָט מען מיך אַרויסגענומען דאָס ערשטע מאָל
פון בעט און אוועקגעזעצט אויף 5 מינוט אויף אַ שטול. ווען אַלע פריינט
האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן בית עולם, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער־
פילט, אַז איך האָב פיס, כאָטש זיי זענען נאָך נישט געגאַנגען, אָבער
איך האָב דאָס ערשטע מאָל זייט מיין קראַנק זיין באַוועגט מיט מיינע
פיס.

ווען מען איז צוריקגעגאַנגען פון בית עולם, זענען צו מיר אַרויפ־
געקומען אַ סך פריינט, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט מיך צו
באַזוכן, נאָכן טויט פון מיין אָרימען לאַזאַר.

25. יוני.

מען האָט מיר היינט געבראַכט ציימונגען „אונדזער וועלט" מיט
די אַרטיקלען וועגן לאַזארס טויט... מען האָט מיר היינט געגעבן טעלע־
גראַמען פון מיין טאָכטער, זי האָט זיך דערוווסט וועגן איר פאָטערס
טויט אין טאָג פון איר געבורטסטאָג. אָרים קינד מיינס... זי האָט גלייך
טעלעגראַפירט וועגן מיין געזונט, אָבער מען האָט מיר נישט געוואָלט
ווייזן די טעלעגראַמע, ווייל דאָרט איז פאַראַן אַ מיטגעפיל צו לאַזארס
טויט. מען האָט איר נישט געענטפערט וועגן מיין געזונט און זי איז גע־
ווען זייער אומרואיק און ווידער טעלעגראַפירט... ערשט איצט גיט מען
מיר אָפּ אַלע טעלעגראַמעס און אויסשניטן פון די ציימונגען וועגן לאַ־

זארס טויט... את דאס האב איך געלייענט, את דאס זענען די טעלעגרא־מען, וועגן וועלכע איך האב גארנישט געוווסט... את דאס זענען די אר־טיקלען...

16. יולי.

כ'בין געווען אויף לאזארס קבר... כ'האב נישט געהאט קיין רו, עס האט מיך געצויגן צו גיין אויפן קבר. צוערשט האבן די דאקטוירים נישט געוואלט הערן דערפון, איך בין נאך צו שוואך, אבער אזוי ווי מען שיקט מיך היינט איבער אין יידישן שפיטאל אין דער פרענטש, כדי זיך אביסל דערהאלן און קאנען זיצן אין גארטן, האב איך געבעטן, אז מען זאל מיר דערלויבן אויף א פאר מינוט צוצופארן אויף לאזארס קבר. ד"ר לאנדוי האט מיר דערלויבט צו פארן 7 פרי, ווען די היץ איז נישט זייער גרויס און איך זאל באוויזן צוריקצוקומען איידער עס קומט פאר דער וויזיט פון די דאקטוירים, איך זאל זיך קאנען אויסרוען, טאמער וועל איך זיך פילן שלעכט. עס איז געקומען נאך מיר מארישא און עלבוים. ווען איך האב אנגעטון דאס ערשטע מאל דעם שווארצן טרויער אויפן קאפ, האב איך זיך שטארק צעוויינט, די שוועסטער האט מיר געמאכט אן איינ־שפריצונג און מיטגעגעבן מארישאן עפעס א מעדיצין, מען האט מיך אראפגעפירט פון די טרעפן, אריינגעזעצט אין אן אויטא און געפארן אויפן בית עולם... עס איז געווען אויסערגעווענלעך שטיל. אזוי פרי איז עפעס א:א הייליקע שטילקייט אויף די קברים. איך האב זיך געשטארקט מיט אלע קרעפטן צו זיין רואיק און קענען צוגיין צום קבר.

ביים וועג פון קבר איז געשטאנען א ברעטל מיט דער אויפשריפט „לאזאר קאהאן". מארישא און עלבוים האבן מיך צוגעהאלטן, געמיינט, אז איך וועל זיין היסטעריש... אבער זיי האבן א טעות געהאט... איך האב מיר שטילערהייט אויסגערעדט דאס הארץ און האב שטילערהייט געלאזט פאלן די ערשטע טרער, אויף דעם בערגל זאמד, וואס איז מיין מאנס קבר... כ'האב לאנג נישט געקענט שטיין דאס ערשטע מאל אויף די פיס. מיר זענעי צוריקגעפארן אין שפיטאל אריין. איך האב זיך גע־פילט א סך רואיקער. איך בין געווען אויף מיין מאנס קבר... מיך האט נאר א גרויסער רחמנות ארומגענומען אויף דעם ארימען לאזאר, וואס

מוז ליגן אין דער בלאָטע פון שאַנכיי. אַז איך פלעג אַמאָל ארויסגיין אויפן הייליקן אָרט, פלעג איך תמיד אַ מאָדנע רחמנות האָבן אויפן מת, וואָס עס קומט אים אוים צו ליגן אין דער שאַנכייער בלאָטע און איך פלעג תמיד זאָגן: „לעבן אין שאַנכיי איז ביטער, אָבער שטאַרבן אין שאַנ־כיי איז נאָך ביטערער...” איצט האָט די ביטערקייט געטראָפן מיין מאַן...

איך בין געלעגן אַ פּאָר שעה אין בעט. דער וויזיט פון די דאָקטוי־רים איז אריבער און איצט האָב איך זיך אויפגעהויבן צוגרייטן זיך צו פאָרן אין נייעם שפּיטאָל, צו ד״ר שטיינמאַן.

פאָרן ארויסגיין פון שפּיטאָל האָב איך דערהאַלטן אַ בריוול פון פריינט זייד פון ארץ־ישראל. דאָס בריוול איז געשריבן צו לאַזאַרן. פריינט זייד טיילט מיט, אַז ער האָט אין אַ ליסטע פון די פאַרשיקטע אין קאָמי אין טיף רוסלאַנד, געפונען דעם נאָמען סאַמועל קאַהאַן. די יאָרן און דער נאָמען שטימען. איך האָב גענעבן עלבוימען געלט, אַז ער זאָל אָוועקשיקן אַ טעלעגראַמע קיין קאָמי, כאָטש עס קאָסט אַ פאַרמעגן, דאָך מוז איך עס טון. אפשר, אפשר האָב איך אַ האָפענונג צו געפינען מיין זון.

נעהאָט אַ זייער אויפרעגנדן טאָג. געשריבן בריוו קיין קאָמי, טעלע־גראַמען און ווער ווייס... ווידער וואַרטן...

20. יולי.

איך בין שוין 4 טעג אין יידישן שפּיטאָל. ד״ר שטיינמאַן האָט נישט דערלויבט מיר אויפצושטיין פון בעט. איך שטיי אויף 5 פאַרטאָג כדי זיך צו וואַשן, עסן די מאָלצייטן, הער אוים די מעשיות, וואָס עס דערציילן די אַנדערע קראַנקע וועגן זיך.

איידער איך בין אהער געפאָרן אין דעם שפּיטאָל, בין איך צוזאַמען מיט מארישאַן און פישמאַנען ארויף אין מיין שטוב. מאָדנע האָט אוים־געזען מיין שטוב, עפּעס גאַנץ אַנדערש... איך האָב דאָך אַלץ איבערגע־לאָזן אין אַן אומאָרדענונג... און נאָך דער דיזענפעקציע האָט זיך עפּעס געפילט אַזאַ אַנדערשקייט אין מיין היים. אַנדערש, ווי מיין גאַנץ לעבן איז געוואָרן אַנדערש, עפּעס איינגעשרומפּן האָט אַלץ אויסגעזען, אפשר

דערפאר, ווייל איך האב זיך אזא לאנגע צייט געפונען אין א גרויסן זאל. און דא וועל איך איצט דארפן צוריקגיין איינע אליין.

21. יולי.

היינט האט מען מיך אראפגענומען אין גארטן אריין. דאס ערשטע מאל, געזעסן אין א גארטן, געהאט צייט צו טראכטן וועגן מיין גורל. נו און וואס ווייטער? ווו וועל איך מיך קערן און ווו וועל איך מיך ווענדן? וועל איך באלד מוזן צוריקגיין אין מיין צימער אין געטא... האנדלען וועל איך נישט קענען, כ׳בין צו שוואך. שפילן, געווים נישט... נאך אזא שווערער קראנקהייט מוז איך זיך גוט פלעגן. מיין קראנקהייט האט אפגעקאסט די טוקאטשינסקים א סך געלט. נאך אלעם זענען זיי דאך מלאכים, סוף כל סוף פרעמדע מענטשן, וואס פאר א פליכטן, אחוץ ריין מענטשלעכע, האבן די מענטשן לגבי מיר?

אלע מעדיצינען האבן געגעבן די ראזענבוימס, דעם בארימטן מוזיקער ראזענבוים׳מס ברודער און דער ליבער שוואגער זייערער דער אינזשעניר א. שאפירא, וועלכער איז ארומגעלאפן אין דער גאנצער שטאט קריגן פאר מיר אמעריקאנער מעדיצינען, וואס איז געווען זייער שווער צו קריגן און האבן געקאסט א פארמעגן, אבער איצט בין איך דאך שוין געזונט. וואס טוט מען איצט? כ׳קען נאך נישט גיין, אפשר וואלט איך איצט יא געקענט קריגן די אמעריקאנער וויזע — עס איז דאך איצט שוין דא א פוילישער קאנסול, וואס קען פארלענגערן מיין פאס, אבער איך קען דאך נישט גיין.

28. יולי.

היינט האט מיך באזוכט דער פארשטייער פון „דזשאינט", מר. טשארלס יארדאן, ער וועט מארגן גיין אין אמעריקאנער קאנסולאט וועגן מיין וויזע. איך קען זיך קוים דערווארטן דעם מארגן. איך פיל זיך שוין א סך בעסער. איך האב אויך געקריגן א נייע נשמה צוליב דער טעלעגראמע פון מיין לילקען, זי שרייבט, אז זי באמיט זיך א וויזע פאר מיר און איז זיכער, אז גאר אינגיכן וועלן מיר זיך זען. בלויז דער געדאנק וועגן דעם מאכט מיך געזונט.

5. אויגוסט.

דער אמעריקאנער קאנסול האט געזאגט, אז מיין קאנטראקט איז איצט נישט גילטיק. ער איז אויף מיין מאנס נאמען און אפשר וויל דאס טעאטער נישט מיך אן מיין מאן, און דאן איז שוין אדורך דער טערמין. ער האט אבער צוגעזאגט יארדאנען, אז אויב ער וועט דערהאלטן א טע-לעגראמע, אז מען וויל מיך אליין און מען פארלענגערט דעם טערמין, וועט ער גלייך געבן מיר א וויזע, ווייל ער האט רחמנות אויף מיר, צוליב דעם אומגליק, וואס מיך האט געטראפן. מר. יארדאן האט מיר צוגעזאגט גלייך צו געבן א טעלעגראמע צו מר. גוסקין וועגן דעם. מוז איך ווידערווארטן...

15. אויגוסט.

מר. א. שאפירא איז געקומען און גענומען מיין פאס צו פארלענגערן, ער האט געפועלט ביים פוילישן קאנסול, אז ער זאל דאס טון אן מיין אנוועזנהייט, ווייל איך בין אין שפיטאל, אבער קיין ענטפער פון אמערי-קע אויף דער טעלעגראמע איז נישטא. איך זיץ א גאנצן טאג ביים טע-לעפאן און דערווארט די טעלעגראמע. יעדעס מאל ווען דער טעלעפאן קלינגט, שפרינג איך אויף, אבער אומזיסט... היינט האט מיר עלבוים געברענגט די צייכענונג אויף לאזארס מצבה, וואס מען גייט שטעלן.

20. אויגוסט.

נו, ווי אזוי לעבט מען און מען האלט דאס אויס. דער דאקטאר שרייט כסדר, אז איך טאר זיך נישט דענערווירן. ווי אזוי דענערווירט מען זיך נישט, אז איך דערהאלט נישט קיין ענטפער אויף אזא דרינ-גענדער טעלעגראמע. צוריק גיין איצט אין מיין צימער הייסט פאר מיר דער טויט... דער דאקטאר קען דאך מיך נישט האלטן תמיד אין שפי-טאל. איך האב שוין נישט קיין כח צו לעבן... און צו וואס? אלע האפע-נונגען פארשווינדן, מען ענטפערט נישט...

27. אויגוסט.

מארגן גיי איך אהיים פון שפיטאל. אהיים?.. איך שרעק זיך פאר מיין „היים”. קיין ענטפער פון אמעריקע איז נישטא. כאטש גיי אוים דא

אין שאנכיי... דעם שווערן טיפוס האָב איך אויסגעהאַלטן, אָבער נאָך אַ קראַנקייט זיכער נישט. פאַרפאַלן... איך בין שוין גלייכגילטיק צו אַלעם. מיך פרייט שוין נישט די נאַכריכט, אַז יאָרדאַן האָט היינט אַוועקגעשיקט אין מיין ענין צוויי טעלעגראַמען, איינע ווידער צו מר. גוסקין און אַ צווייטע צום „דזשאָינט" אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן זען געוואָר ווערן, פאַרוואָס מען ענטפערט נישט.

28. אויגוסט.

היינט איז אָנגעקומען פון גוסקינען דער אויסגעהלומטער ענטפער טעלעגראַמע, ער איז געווען אין קאַליפאָרניע און דערפאַר נישט באַלד געענטפערט. מאָרגן וועט מר. יאָרדאַן אַרויפגיין צום קאָנסול מיט דער טעלעגראַמע.

29. אויגוסט.

איך בין שוין אין דער היים. אַרויס פון שפּיטאָל און איך מוז זאָרגן פאַר מיין קעסט... דריי איך זיך אַרום אין די טרויעריקע ווענט פון מיין שטוב אין געטאָ, וועלכע מען פילט נאָך אַלץ פון דער דיזענפעקציע. אָט דאָס איז מיין דערהאָלונג, נאָך אַזאַ שווערער קראַנקהייט... עס איז שפּעט אין אָוונט, כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל מורא האָבן צו שלאָפן אַליין אין שטוב, אָבער ניין, וואָס זאָל איך מורא האָבן? איך קען מיר גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז לאַזאַר לעבט נישט מער, אַז איך בין געבליבן אַליין... מיר דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז באַלד וועט ער עפענען די טיר און ער וועט אַריינקומען... איין זאַך איז נאָר שלעכט, וואָס ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך געטראָפן וווינען כינעזער אין מיין צווייטער טיר. די באַלעבאָסטע, אַן עסטרייכישע פּליטה, האָט דערווייל אין מיין אָפּוועזנהייט פאַרקויפט דאָס הויז צו כינעזער און אין אַזאַ היץ, מוז איך האַלטן די טיר פאַרמאַכט... און איך בין אַליין מיט מיין אומעט. פאַר איך יעדן טאָג צו אויפן בית־עולם אויסוויינען דאָס האַרץ.

5. סעפּטעמבער.

כ'בין געווען ביים אַמעריקאַנער קאָנסול. איך האָב מיך באַמיט צו זיין גלייך און שטייף, ער זאָל נישט זען, אַז איך קען נאָך נישט גיין.

ער האָט מיך זייער פיין אויפגענומען, פארשטייט זיך, אז צוליב מר. יאר־דאן. געהייסן מיר ברענגען א באשטעטיקונג, אז די פוילישע אמבאסא־דע האָט גאָרנישט קעגן מיין אוועקפאָרן, ווי אויך פאר 500 דאָלאר „טרעוול טשעקס״ כדי צו זיין זיכער, אז איך וועל האָבן פון וואנען צו לעבן, ווען מיטן טעאטער וועט געשען אן אומפאָראויסגעזעענע שטערונג און א באשטעטיקונג, אז די שיף וועט מיך צושטעלן פארן ערשטן נאָוועמבער קיין ניו־יאָרק, ווען עס הייבט זיך אָן די גילטיקייט פון מיין קאָנ־טראקט. כ׳בין שוואך, כ׳גיי קוים, אבער א מאָדנע קראפט יאָגט מיך צו לויפן דערליידיקן די אלע אָנגעלעגנהייטן.

.6 סעפטעמבער.

מר. יארדאן האָט מיך הייגט בארואיקט און מיר צוגעזאָגט צו געבן די 500 דאָלאר טשעקס אויפצוווייזן און איך וועל זיי צוריקגעבן אין אמעריקע. מיין גאָט, ער האָט דאָך אין מיר אריינגעהויכט א נייע נשמה. ער טרייסט מיך און איז זיכער, אז איך וועל דערהאַלטן די וויזע. דער קאָנסול האָט מיך געהייסן קומען אין 10 טעג ארום און אויך מיט־ברענגען א באשטעטיקונג פון דער פאָליציי.

.10 סעפטעמבער.

איך לויף ארום. געווען הייגט אין „אונרא״ אָפנעמען די באשטע־טיקונג, וואָס זיי נעמען ארויס פאר די פליטים פון דער פאָליציי. גע־בענטשט זאָלן זיי זיין, האָבן מיר ווייניקער לויפעניש. אויך דעם בריוו פון פוילישן קאָנסול האָב איך שוין און איצט האָב איך דערהאַלטן א בריוו פון מיין טאָכטער, אז אויך זי וועט שוין די טעג האָבן פאר מיר א וויזע. אפשר וועט זיך דאָך פון דעם אלעם עפּעס אויסלאָזן. די חברים האָבן צוגעזאָגט, אז די מצבה פאר לאזארן, וועט זיכער א ליאדע טאָג ווערן געשטעלט.

.15 סעפטעמבער.

געווען ביים קאָנסול. דער, וועלכער האָט מיך שוין געקאָנט, איז אין אורלויב און וועט ערשט צוריק קומען אין צוויי וואָכן ארום. מיך האָט אויפגענומען א פרוי־קאָנסול. זי איז נישט געווען זייער העפלעך,

ווען איך האב איר געוויזן די אלע פאפירן, וואס דער קאנסול האט גע־הייסן זיך ברענגען, האט זי אויסגעפונען, אז מיין פאס מוז נאך אמאל ווערן פארלענגערט, ער איז נאר גילטיק ביז ענדע דעצעמבער און אזוי ווי עס איז א שטרייק פון די שיפן, קען איך נישט פארן.

איך בין מיט א געוויין געלאפן אין דזשאינט צו מר. יארדאן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז מר. יארדאן איז געפארן אין האנגקאנג צו באזארגן די פליטים, וואס זענען געפארן קיין אויסטראליע און געבליבן שטעקן אין האנגקאנג, ווייל זיי האבן נישט קיין שיפן ווייטער צו פארן. מוז איךווארטן, ביז ער וועט צוריק קומען.

30. סעפטעמבער.

ווידער געווען ביים קאנסול, מיך האט ווידער אויפגענומען די פרוי די פארטרעטערין. איך האב איר דערקלערט, אז דער פוילישער קאנסול איז נישטא אין שאנכיי און איך קען נישט קריגן מיין פאס איצט פאר־לענגערט, אז איך וועל דאך זיין שוין אין דעצעמבער לאנג אין אמעריקע און דארט פארלענגערן. זי האט גארנישט געוואלט וויסן, איך קען נישט פארן, ווען איך וועל נישט ברענגען דעם פאס נאך אמאל פארלענגערט.

3. אקטאבער.

מר. יארדאן איז געווען אין קאנסולאט און געזאגט, אז ער שיקט מיך מיט אן עראפלאן, אלזא דארף איך צושטעלן דעם פאס פארלענגערט, א באשייניגונג פון א דאקטאר, א רענטגען באשייניגונג, א באשייניגונג פון פאקן שטעלן, כאלערא-איינשפריצונג א. אז. וו.

10. אקטאבער.

איך האב שוין מיט מזל א באשטעטיקונג פון דער עראפלאן גע־זעלשאפט, אז עס איז פאר מיר רעזערווירט א פלאץ אויף די פיליפינען־עראפלאן־געזעלשאפט, אויך אלע פאפירן פון די דאקטוירים, מען מוז זיך געבן אנלויפן... דער פוילישער קאנסול קומט מארגן אויף איין טאג, וועל איך האבן פארלענגערט דעם פאס אויך, ער קומט פריוואט, אבער ראזענבוים איז מיט אים באפריינדעט און וועט שוין אפהיטן, אז מיין פאס זאל זיין פארלענגערט.

11. אקטאבער.

איך האָב שוין דעם פּאַס און אַלץ אין אָרדענונג. איך דאַרף מאָרגן זיין ביים קאָנסול. מיין האַרץ קלאַפּט מיר, אָבער מר. יאַרדאַן האָט צוגע־זאָגט צו גיין מיט מיר און איך טרייסט זיך דערמיט. אזוי ווי א ברודער איז ער צו מיר... און דאָס בארואיקט מיך.

12. אקטאבער.

געווען ביים קאָנסול. די פרוי קאָנסולטע האָט געזאָגט יאַרדאַנען, אז אַלץ איז אין אָרדענונג און געהייסן מיך קומען אין צוויי טעג ארום, כדי צו מאַכן דעם פינגער־אָפּדרוק און געבן די וויזע. יאַרדאַן האָט מיר געווונטשן מזל־טוב, אָבער איך גלויב נאָך נישט. שווער וועט זיין די צוויי נעכט צו שלאָפן. איך בין אַוועק צו לאַזאַרס קבר זיך גוט אויסגעוויינט...

14. אקטאבער.

איך האָב די וויזע! אַן אמעריקאַנער וויזע, איך וועל קענען פאָרן. עס גלויבט זיך מיר נישט... איך וועל אַוועקפאָרן פון דעם אומגליקלעכן שאַנ־כיי. איך האַלט דעם פּאַס און גלעט די וויזע, א קאַלט שטיקל פּאַפּיר, עס פאַרנעמט נישט מיין פרייד. איך האָב גלייך טעלעפאָנירט צו טוקאַ־טשינסקיס. זאָלן זיי זיך פרייען מיט מיר... אויך צו די עלבוימס גלייך טעלעפאָנירט. אין א פּאָר טעג ארום וועל איך פאָרן, איך מוז זיין אין ניו־יאָרק פאַרן 1טן נאָוועמבער. אויף דעם באַדינג האָב איך געקריגן די וויזע.

געקומען פון קאָנסול, בין איך אַוועק מיט בלומען אויף לאַזארס קבר. איצט פיל איך ערשט, אַז דער אָרימער לאַזאר וועט בלייבן פאַרלאָזן אויף א פרעמדן באָדן, ווייט פון אייגענע און קיינער וועט זיין קבר נישט בא־זוכן. אזוי גיי איך כאָטש יעדן טאָג אויסוויינען דאָס האַרץ אויף דעם שטומען קבר... די גרויסע שיינע מצבה איז מיין טרייסט, און דאָס האָב איך צו דאַנקען דער שרייבער גרופּע, וועלכע האָבן מיט אַלע מעגלעכ־קייטן געמיט זיך, אַז לאַזאר זאָל האָבן א מצבה, איידער איך פאָר אַוועק.

17. אקטאבער.

דעם 20סטן וועל איך פאָרן. פאַרקויפט אביסל שמאַטעס און האָב

א פאר דאלאר צו שיקן טעלעגראמען קיין ניו־יארק, אז איך קום. מען פרעגט מיך, צי איך האב נישט מורא צו פארן מיט קיין עראפלאן נאך די ריי קאטאסטראפעס, וואס זענען די וואך פארגעקומען מיט עראפלא־נען. ניין, איך האב נישט מורא און ווען מ׳פרעגט מיך נישט, וואלט איך אפילו נישט געטראכט וועגן דעם... אז מען לויפט פון שאנביי, אז מען לויפט פון מיינע אלע איבערגעלעבטע צרות, טראכט מען נישט און מען האט נישט קיין מורא פאר קיין זאך...

20 אקטאבער.

היינט פארן מיר נישט. עס איז א טייפון, מוזן מיר איבערווארטן. נעכטן האבן די שרייבער מיר איינגעארדנט א באנקעט. א חוץ אלע שרייבער זענען אויך געווען מר. יארדאן און הערי הערבערט פון „וועל־פאר בארד".

22. אקטאבער.

אויך היינט אינדערפרי זענען מיר נישט געפארן, ערשט פארנאכט וועלן מיר אפפליען. דאס נישט אוועקפארן שבת צוליב דעם טייפון איז געווען פאר א טובה. שבת פרי דעם 21סטן האט דער איטאליענישער קאנסול מיר געלאזט וויסן, אז עס איז דא פאר מיר א וויזע פון איטא־ליע. איך בין געלאפן און באקומען די וויזע, כאטש קיין איטאליע וועל איך שוין איצט נישט פארן.

אלע, וואס זענען אינדערפרי געקומען מיך באגלייטן, האבן געמוזט צוריק גיין. איך בין אבער נישט צוריקגעגאנגען מער אין שטאט. איך בין געבליבן ווארטן ביז פארנאכט, ווען דער אוויאן איז ענדלעך אפגע־פלויגן. אזוי האב איך געזעגנט שאנביי... 5 ביטערע יאר... און איבער־געלאזט מיין מאן אויפן בית עולם.

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויכפארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויכפארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תּל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאָן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד איינס
49) ש. איזבאָן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד צוויי
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלום אש: פּעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.

יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן

דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן)

בעלכאטאָוו (זאמל־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

פנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן

מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע

נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)

ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן

אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך

קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...

ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע

יוסף אקרוטני: אין קלעם

רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער

פּרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

יוסף מענדעלסאָן שרייבט אין זיינע איינדרוקן פון ישראל וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" אין מדינת ישראל („די יידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 24טער יוני 1949):

אין מיינע רייזעס איבער די שטעט און דערפער פון מדינת ישראל, איבער קיבוצים און קאָלאָניעס, אין צפון און אין דרום, אין שפלה ווי אין עמק, איז מיר גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו באַגעגענען נאָענטע, היימישע... ביכער; אין די ביבליאָטעקן פון די קבוצים אָדער אין די ביכער־שראַנקען פון פּריוואַט־הייזער האָב איך, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, געפונען ביכער פון דער ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס ווערט דאָ ביי אונדז אַרויסגעגעבן פון דעם צענטראַלן פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע; ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: „וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אַדאַנק דער אומדערמידלעכקייט, אַדאַנק דעם ענטוזיאַזם און שפּרודלענדיקער ענערגיע פון צוויי מענטשן, פון מאַרק טורקאָוו און אַברהם מיטעלבערג".

ביבליאָטעקן אין פּריוואַטע הייזער זענען פאַראַן אין תל־אביב און ירושלים, און אין צפת און חיפה אַ סך, גאָר אַ סך; כמעט אין קיין הויז פון די, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן, האָט נישט געפעלט אַ גרויסער און גוט־פאַרפולטער ביכער־שראַנק: ביכער העברעאישע, יידישע, אין פיל פאַלן אויך ענגלישע; אין די קיבוצים איז דאָך אָפּגערעדט; דאָרטן זענען פאַראַן ביבליאָטעקן אומעטום. אין ישראל לייענט מען אַ סך, נישט נאָר צייטונגען און זשורנאַלן, נייערט ביכער; העברעאיש, נאַטירלעך, אין דער ערשטער רייע; אָבער אויך יידיש לייענט מען אַ סך, גאָר אַ סך; עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אין ישראל לייענט מען יידישע ביכער אַ סך מער ווי ביי אונדז אין אַרגענטינע, ווו די „ליבהאָבער" פון יידיש זענען אַממיינסטן יוצא זייער חוב דורך דעם, וואָס זיי קעמפן קעגן... העברעאיש. און ווי געזאָגט, האָב איך זעלטן־ווו געטראָפן אַ ביכער־שראַנק, ווו עס זאָלן פעלן לחלוטין די ביכער פון „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס האָט געמאַכט דעם נאָמען פון אונדזער ישוב זייער פּאָפּולער אין די

ווייטסטע ווינקעלעך פון מדינת יש־
ראל.

ווו איך האָב געטראָפן שוין אַ
פּאָר צענדליק פון די עטלעכע און
דרייסיק ביכער, וואָס די דערמאָנטע
ביבליאָטעק האָט געהאַט אַרויסגעגע־
בן ביז מיין רייזע קיין ישראל. און
ווו איך האָב געטראָפן נאָר געצייל־
טע, געקליבענע עקזעמפּליאַרן, אַמ־
מיינסטן די, וואָס האָבן אַ דאָקומענ־
טאַרן אינהאַלט, אָדער, אויב אַ בעל־
לעטריסטישן, איז יענע, וואָס גיבן
שילדערונגען און געניוע באַשרייבונ־
גען אָדער דערציילונגען פון דער
טראַגעדיע און אומקום אין פּוילן און
פון דעם קאַמף קעגן די נאַצים. למען
האמת מוז איך אָבער זאָגן, אַז אור־
מעטום, ווו מען האָט מיט מיר פאַר־
פירט אַ שמועס וועגן די ביכער, איז
אויסגעדריקט געוואָרן דער הייסטער
ווונטש — וועגן די קיבוצים און
עפנטלעכע ביבליאָטעקן גייט עס —
צו קענען האָבן אַ פולע קאָלעקציע
פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק, ווייל
„דער נאָכפרעג פון די לייענער אויף
די ביכער איז גרויס".

את חטאי אני מזכיר: איך האָב
בטבע אַ שוואַכקייט צו ביכער און די
דאָזיקע שוואַכקייט קען איך, משמ־
עות, נישט פאַרבאָרגן. מענטשן אין
מדינת ישראל, מיט וועלכע מיר איז
אויסגעקומען צו קומען אין קאָנטאַקט
מער ווי איינמאָל, פלעגן די דאָזיקע
שוואַכקייט מיינע תיכף באַמערקן.
און אונדזערע שמועסן פלעגן דערום
זייער אָפט האָבן אַלס הויפּט־טעמע
ביכער, פאַרלאַגס־וועזן, לייענער א.
א. וו. אין אַזעלכע שמועסן איז מיר
זייער זעלטן אויסגעקומען צו זיין

דער, וואָס אינטערוויואירט; אַמ־
מיינסטן בין איך געווען דער אינ־
טערוויואירטער; און די סיבה פון
דעם איז געווען די ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע יידנטום". מען פלעגט
מיך גאַנץ ערנסט פרעגן וועגן דעם,
פאַרוואָס ווערן נישט באַקומען אין
ישראל די אויסגאַבן פון אַנדערע
פאַרלאַגן ביי אונדז און אַז איך האָב
אָנגעשטעלט אויף די „פרעגער" אַ
בליק פון דערשטוינונג, ווי איך
וואָלט געוואָלט ענטפערן מיט אַ
פראַגע: „ווי קומט צו אונדז, צו אַזאַ
קליינעם ישוב ווי אונדזערער, פאַר־
לאַגן?" האָבן מיינע מיטשמועסער
געגעבן מיר צו פאַרשטיין זייער „לאָ־
גישן" געדאַנקען־גאַנג: אויב עס קאָן
עקזיסטירן ביי אונדז אַזאַ פאַרלאַג,
טאָ ווי שיקט זיך עס, אַז ער זאָל זיין
דער איינציקער? ווי שיקט זיך עס,
אַז דווקא נאָר דער צענטראַל־פאַר־
באַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטי־
נע זאָל אַרויסגעבן ביכער און נישט
קיין אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אָדער
סתם אָרגאַניזאַציעס? און ווי שיקט
זיך עס, אַז עס זאָל זיין אַן אָפּגאַנג
נאָר פאַר ביכער פון דעם פאַרלאַג?
איז נאַטירלעך, אַז אין בוענאָס־איי־
רעס זענען פאַראַן מסתמא נאָך ביי־
כער-פאַרלאַגן, נייערט אין מדינת
ישראל זענען זייערע אויסגאַבעס ביז
איצט נישט דערהאַלטן געוואָרן.

האָב איך געמוזט, צי איך האָב יאָ
אָדער נישט געוואָלט, אויפקלערן דעם
ענין. דאָס איז דער איינציקער פאַר־
לאַג, וואָס איז פאַראַנען ביי אונדז;
און די פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן
נישט „פאַרוואָס זענען קיין אַנדערע
נישטאָ?", נייערט עס איז צו באַ־

וואונדערן, ווי אזוי ער, דער דאָזיקער פאַרלאַג, עקזיסטירט און ווי אזוי ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן קרוב צו פערציק ביכער (דאָן) אין אַ משך פון דריטהאַלבן יאָר... און אַז מען האָט ביי מיר געוואָלט וויסן דעם סוד פון דעם דאָזיקן וואונדער, האָב איך קיין אַנדערן ענטפער נישט געוואָלט צו־געבן ווי אַז דאָס איז, מסתמא, דער־פאַר, וואָס דער פאַרלאַג איז גע־שטעלט געוואָרן נישט אויף די אַר־גענטינער קונים אליין.

באַזונדערס גרויס איז געווען דער אינטערעס צום פאַרלאַג און צו אַלעם, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, צווישן שרייבער, דיכטער און זשורנאַליסטן, אַ גאַר גרויסער טייל פון וועלכע שטאַמט פון פוילן און איז אין פאַר־שידענע צייטן אַריבערגעקומען פון פוילן. די פראַגע, וואָס מען פלעגט אָמאָיינסטן שטעלן — און אויף וועלכער איך האָב נישט געהאַט און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן — איז געווען: ווי קומט עס, וואָס דווקא אין דער ווייטער און אין ייִדישן זי־נען, פראָווינציעלער בוענאָס־איירעס, דערשיינען אַזוי פיל ביכער, וויכטיקע פאַר דער דאָקומענטאַציע פון דער אידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע, און בעיקר אין פוילן און וואָס זענען אַן אוצר פון כל המינים מאַטעריאַלן פאַר דעם ייִדישן לעבנסשטייגער, איינגעפונדעוועט געוועזענעם זינט דורות אין פוילן, וואָס איז אויף איי־ביק פאַרשוווּנדן? און דווקא אין בוע־נאָס איירעס... דאָן ווען די גרויסע און רייכע ייִדישע ניו יאָרק האָט ביז איצט נישט באַוויזן צו קענען דערגרייכן אַזאַ אויפטו?

עס זענען געווען שרייבער אַנדערע, וואָס אין די שמועסן מיט מיר פלעגן זיי מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט וועלן, איך זאָל זיי אינפאָרמירן וועגן די באַדינגונגען, אויף וועלכע דער פאַרלאַג נעמט־אָן ביכער צו אַרויס־געבן, וועגן דעם באַטרעף פונעם האָ־נאָראַר, וואָס ער צאָלט. פון דעם אופן און אינסיסטענץ, מיט וועלכע די דאָזיקע פראַגעס פלעגן מיר געשטעלט ווערן, איז לייכט געווען צו דרינגען, אַז דאָס זענען שרייבער, וואָס האָבן, וואַרשיינלעך, מאַנוסקריפּטן, אין העברעאיש צי אין ייִדיש, און זיי וואָלטן גערן געווען צו געפינען פאַר דעם אַ פאַרלעגער. עס איז פאַר־שפּאָרט צו זאָגן, אַז ביי מיין בעסטן ווילן האָב איך נישט געקאָנט באַ־פרידיקן די דאָזיקע מער ווי נייגע־ריקייט, פּשוט ווייל איך בין אַליין נישט אינפאָרמירט וועגן די דאָזיקע ענינים.

אין אַ פּאָר קיבוצים, ווו איך האָב געטראָפן כמעט פולע דריי סעריעס ביכער פון דער ביבליאָטעק „דאָס פוילישע יידנטום", האָט מען מיר דערציילט, אַז די ביכער זענען אַרי־בערגעבראַכט געוואָרן אַהער מיט די עולים פון די לאַגערן, מיט די עולים פון ציפּערן, ווו די ביכער זענען דער־האַלטן געוואָרן רעגולער און ווו מען האָט זיי אָפּגעהיט ממש ווי אַ הייי־ליקייט; אָבער ווי נאָר זיי זענען אָנ־געקומען אין דער ביבליאָטעק פון דעם קיבוץ, אַזוי זענען זיי געוואָרן דער הויפּט-נאָכפרעג פון די לייענער. און דער נאָכפרעג איז אַזוי גרויס אויף זיי, אַז עס איז נישט מעגלעך צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון אַלע חברים, כאָטש די צאָל פון די ביכער איז גאַנץ באַדייטנד.

איך האָב נאָך מיט דעם ענין וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון אונדזערע בוענאָס איירעסער ביכער — וועגן דעם יידישן לעבן, ליידן און קאַמף פון פוילישן יידנטום — צווישן די עולים און אויסגעוואָרצלטע זיך באַ־זונדערס פאַראינטערעסירט; און בעת מיין באַזוך אין פרדס חנה, ווו עס פונקציאָנירט איינער פון די גרעס־טע לאַגערן פאַר די עולים האָב איך נאָכגעפרעגט זיך וועגן דעם. עס מיר זייער געשמייכלט פעסטצושטעלן אַז פון דער בוענאָס־איירעס זענען די דאָזיקע ביכער זייער פּאָפּולער גע־וואָרן צווישן די אויסגעוואָרצלטע: עס איז היינט נישט צו געפינען קיין אָרגאַניזירטע גרופּע עולים, וואָס זאָל אין איר באַגאַזש נישט ברענגען אַ צאָל ביכער פון דער ביבליאָטעק „דאָס פוילישע יידנטום". און פון

פרדס חנה — און מסתמא אויך פון אַנדערע „עולים-הייזער" אין ישראל — ווערן די ביכער פאַרשפּרייט צו־זאַמען מיט די עולים, אין די קיבו־צים, אין די באַוועגלעכע ביבליאָטעקן פון דער צבא הגנה, אין די ביבליאָ־טעקן פון די פאַרשידענע „גרעינים" א. א. וו.

איך האָב פון דעם געדרונגען אַז די אַרויסגעגעבער פון דער ביבליאָטעק „דאָס פוילישע יידנטום" האָבן אויך געזאָרגט פאַר דעם, אַז די ביכער זאָלן רעגולער אָנקומען אין די פאַר־שידענע לאַגערן, אַז די ביכער זאָלן, הייסט עס, פאַרשפּרייט ווערן צווישן די שארית הפליטה. אין ישראל האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער זאָרגפעליקייט פונעם פאַרלאַג, פאַר וועלכן עס קומט זיי אַ באַזונדערער



יישר כוח, ווייל דורך דעם איז גע־
געבן געוואָרן א וויכטיקע הילף, א
גייסטיקע, א קולטור־הילף די אויס־
געוואָרצלטע, אין די לאַגערן; די בי־
כער האָבן געדינט און דינען פאַר זיי
אלס טרייסט און אלס פאַרבינדונג
מיט דער היים, וואָס איז אויף איי־
ביק חרוב געוואָרן און ווען זיי גייען
איבערבויען זייער לעבן, פונדאַסניי,
אין מדינת ישראל איז דאָס בוך, וואָס
זיי האָבן דערהאַלטן פון בוענאָס־
איירעס ווען זיי זענען געוואָרן איינ־
קוואַרטירט אין די לאַגערן, א מין
קאָנקרעטער איבערבלייב פון יענער
היים, וואָס זיי ציען מיט, וואָס זיי
ברענגען מיט קיין ישראל.

**
*

ווי איך האָב אויבן געזאָגט זענען
די ביכער פון דער ביבליאָטעק „דאָס
פוילישע יידנטום" גאַנץ ברייט פאַר־
שפּרייט אין די פאַרשידנסטע קרייזן
פון מדינת ישראל; אין א גרויסער
מאָס צווישן די עולים וואָס קומען
פון די לאַגערן, אָבער אויך אין די
קרייזן פון די אַלט איינגעזעסענע אין
ישראל. אין די פּריוואַט־ביבליאָטעקן
פון די ישובים פאַרנעמען די ביכער
פון „דאָס פוילישע יידנטום" א
בכבודיקן פּלאַץ און באַזונדערס גרויס
איז דער אינטערעס צו די דאָזיקע
ביכער אין די אינטעלעקטועלע
קרייזן.

די פאַרשפּרייטקייט פון די דאָזיקע
ביכער איז גרעסער, ווי פון אַנדערע
יידישע ביכער, וואָס זענען לעצטנס
דערשינען, און דער אינטערעס וואָס
ווערט אַרויסגעוויזן צו די דאָזיקע
ביכער, איז, ווי מיר דאַכט זיך, גרע־
סער ווי דער אינטערעס וואָס ווערט
געוועינלעך, אַרויסגעוויזן בכלל צו בי־
כער אין יידיש אין מדינת ישראל.
די דאָזיקע דערשיינונג האָט דעם
אמת געזאָגט, זייער געשמייכלט מיין
אייגנליבע, אלס „לאַנדסמאַן" אזוי
צו זאָגן פון דער געשעצטער און זיי־
ער געלייענטע ווערנדיקער ביכער־
סעריע. עס האָט מיך אָבער, אויך,
באַוויגן צו אַריינטראַכטן זיך אין
דעם ענין, כדי צו אָפּגעבן זיך חשבון
וועגן די מאָטיוון פון דער דאָזיקער
דערשיינונג.

מיר דאַכט זיך, אז פאַר דעם אינ־
טערעס צו די ביכער פון „דאָס פוי־
לישע יידנטום" אין די קרייזן, נישט
פון די נייע עולים, נישט פון די געקו־
מענע פון די לאַגערן — אז דאָרטן זאָל
אזוי פּאָפּולער און פאַרשפּרייט זיין
די דאָזיקע ביכער־סעריע איז א
זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך —

האָבן מיטגעווירקט צוויי פאַקטאָרן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט צוזאַמען.

ערשטנס — דער פאַקט וואָס די ביכער דערשיינען אין... יידיש, אין ארץ־ישראל איז מען דורשטיק נאָך אַ בוך אין יידיש; מען האָט ליב צו לייענען ביכער אין יידיש (הגם נישט אַלעמאָל און אומעטום וויל מען עס מודה זיין); און דאָרטן, וווּ עס דערשיינען אין די פיל הונדערטער אַ יאָר ביכער אין העברעאיש, שיין אַרויסגעגעבענע, אָריגינעלע און איבערזעצטע, און אויף די פאַרשידנסטע טעמעס, פון בעלעטריסטיק ביז לערנביכער, פון טעכנישע האַנט־ביכער פאַר די פאַרשידנסטע פאַכן און אַרבעטן ביז וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און מאָנאָגראַפיעס אויף געביטן פון זעלטענער ספּעציאַליטעט — איז סוף כל סוף נישט אַזוי לייכט צו באַקומען אַ ניי יידיש בוך.

די דאָקומענטאַציע, שילדערונגען, באַשרייבונגען און מעמואַרן פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע אין פוילן; דאָס לעבן אין די געטאָס, די לײַדן פון די קינדער, דער קאַמף קעגן די נאַצים אין די געטאָס פון פוילן, דער פּאַרטיזאַנען־קאַמף, דאָס פאַרשוווּנדענע יידישע לעבן אין פוילן —

פאַר וועלכן עס איז געווידמעט (מיט אַ זייער קליינעם יוצא מן הכלל) די צענדליקער ביכער פון דער ביבליאָטעק „דאָס פּוילישע יידנטום" — די דאָקומענטן פאַר מאָרגן וועגן דער שרעקלעכער געשיכטע פונעם נעכטן — זענען דער הויפּט פאַקטאָר פאַר דעם גרויסן אינטערעס וואָס איז פאַראַנען אין ישראל פאַר די דערמאָנטע ביכער.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires (Rep. Argentina)**

Este libro se terminó de imprimir el día 18 de agosto de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes Nº 1976, Bs. Aires, República Argentina.